STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04118

# DER OPGOT IN FAYER

Gedaliah Shaiak

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

SHAIAK-TCHARNESON

גדליה שאַיאַק־טשאַרנעזאָן

# דער אָפּגאָט אין פֿייער

DER OPGOT IN FAYER



אַ ייד אין טראַדיציאָנעלן טראַכט ביים סוף פֿון 18 י"ה אין פּוילן.
אין הינטערגרונט די גאָמבינער שול.

MAY 26 1979

# "DEFIANCE"

by

**G. SHAIAK-TCHARNESON**

COPYRIGHT BY **G. SHAIAK**
Melbourne, Australia

Printed by York Press, 1-19 Hoddle Street, Abbotsford, 3067 Melbourne, Australia

Y-S

גדליה שאַיאַק-טשאַרנעזאָן




מעלבורן, אויסטראַליע
1976-77 — תשל"ז

שער־בלאַט געצייכנט פון מחבר
מיט אילוסטראַציע (זייט 1)

אַרויסגעגעבן מיט דער מיטהילף פון דער
לאָוויטשער לאַנדסמאַנשאַפט אין מעלבורן

# דיִ גאָלדענע קייט . . .

אַזוי גייען מיר,
זינגענדיק און טאַנצנדיק,
מיר, גרויסע, גרויסע יידן,
שבת־יום־טובדיקע יידן,
די נשמות פלאַקערן!
פאַר אונדז, וואָלקן שפּאַלטן זיך!
הימלען פראַלן די טויערן אויף
אין עגן הכבוד שווימען מיר אריין,
צום כסא הכבוד צו
אויפן אבן שיש טהור,
שטייען מיר,
און מיר בעטן נישט, און מיר בעטלען נישט,
גרויסע, שטאָלצע יידן זענען מיר!
מיר זאָגן אים:
לענגער ווארטן נישט געקאָנט;
שיר־השירים זינגען מיר,
זינגענדיק, טאַנצנדיק גייען מיר!

י. ל. פּרץ

**צום הייליקן אָנדענק**

פון מיין מוטער טשאַרנע; ברידער: ברוך, שוועגערין פעלאַ און זונעלע יאַנקעלע; אַבע, ישראל-נחמיה און שוועסטער רחל; מיין ערשטע פרוי פריידע-לאה און טאָכטער שרהלע; שווער און שוויגער ר' אליעזר און הינדע בענדער און קינדער, פעטערס און מומעס און זייערע פאַרצווייגטע משפחות, וואָס זענען פאַרפייניקט און פאַרשניטן געוואָרן אין די נאַצישע קאָנצענטראַציע-לאַגערן און קרעמאַטאָריעס הי"ד.



גדליה שאַיאַק־טשאַרנעזאָן

טוש־צייכענונג

אויטאָפּאָרטרעט

מיין ידיד דוד זיק
— מיט פריינטשאפט

„...מיין טאַטע מאַכט בלעכענע כלים... — זאָגט אסתרקע.

— זענען מיר באַלמעלאָכישע קרובים. מיין טאַטע איז אַ שניצער פון ארון־קודשן; — ער האָט געשניצט ארון־קודשן פאַר האַלב פוילן. איינער פון מיין אור־זיידעס ארון־קודשן שטייט נאָך אין דער אַלטער זאַבלודאָווער שול. מיין טאַטע דערציילט, אז זיין זיידע האָט יענעם ארון־קודש געשניצט דריי יאָר. איך בין געפאָרן זען זיינע יידישע לייבן, די פליגל, די לוחות. די הענט פון די כהנים.

אסתר קוקט אים אריין אין די אויגן, הערט מיט אינטערעס:

— דערציילט, דערציילט...

— מיין זיידע האָט געהייסן שניאורקע דער שניצער... זאָגט ברוך און נעמט אָן, דערציילנדיק, אסתרס האַנט, וואָס איז געלעגן אויפן טיש — האָט איינמאָל גערופן דער לאָוויטשער פריץ און אים געהייסן, ער זאָל אויסשניצן אַ גרויסן יויזל מיט א צלם אויף דער פלייצע פאר זיין קלויסטער־פּאַלאַץ. דאָס האָט נישט געוואָלט דער אור־זיידע שניאורקע טאָן. ער האָט געזאָגט, אַז ער שניצט נאָר עבודת־קודש. דער פריץ איז אריין אין כעס און האָט געהייסן זיינע כלאָפּעס זיי זאָלן שניאורקען דעם שניצער, מיין קליינעם, אַלטן אור־זיידן, דעם געבענטשטן מייסטער, פאַרשמייסן אויף טויט״.

(יעקב פאט „די לערערין אסתר״, ז׳ 337)

## קאַפּיטל 1

# כראַביע ריטשאַרד זביגניעוו סאָבאָצקי

זינט זיין אומקערן זיך פון אַ לענגערן באַזוך אין פּאַריז, האָרט פאַרן אויסברוך פון דער רעוואָלוציע, האָט כראַביע זביגניעוו פּאָטאָצקי נישט געקאָנט געפינען קיין מנוחה.

זיין שטענדיקע זאָרגלאָזיקייט האָט זיך פון אים אָפּגעטאָן. אומרו האָט געגעסן זיין האַרץ און מח און פאַרשאָטנט זיין עולם־הזהדיקע וועלט.

אין די בלוטיקע נאָכפאָלגן פון דער רעוואָלוציע און ראָבעספּיערס ממשלה האָבן פיל פון זיינע נאָענטע פריינד פון דער פראַנצויזישער אַריס־טאָקראַטיע אויסגעוואָנדערט אין גלות; אַנדערע האָבן פאַרענדיקט זייער לעבן אונטער דער גילאָטינע.

דאָס ערגערניש איבער זייער גורל האָט זיך בולט אָנגעזען אין זיינע באַקנבערד אין וועלכע ס׳האָבן זיך געפלאָנטערט ווייסע, דינע פּעדימ־לעך. אויך זיין בליק איז געוואָרן שאַרפער און אומרואיקער. דאָס שטענדיק סענסועלע, יוגנטלעכע פּנים איז געוואָרן אָנגעברוגזט. די מינדסטע קלייני־קייט האָט אים אַרויסגעפירט פון די כלים און זיין כעס האָט ער אויסגע־לאָזן אויף זיינע לייבאייגענע, ווען ער האָט געהייסן שמייסן פאַר דער מינדסטער אומגעהאָרכזאַמקייט.

זיין שטאָטלעך הויז מיט די ווייסע קאָלאָנאַדעס אין שפּעטן רענעסאַנס, האָט געהאַט אַ רחבותדיקן אויסבליק אויפן הערלעכן גאָרטן. צום ברייטן אַריינגאַנג און האַלב־געוועלבטן פאָרטאַל האָבן געפירט ברייטע, מאַרמאָרענע טרעפּ.

אויף דער צווייטער זייט פון גאָרטן האָבן זיך געצויגן אָן אַ שיעור באַבויאונגען פון פאָלוואַרק מיט שפּייכלערס, קי־און־פערד שטאַלן.

פאַרן אַריינגאַנג אין צענטער פון גאָרטן, איז געשטאַנען אויף אַ קליינער פּאָלאַנקע אַ זון־זייגער.

דער אַריינפיר אין הויף האָט געפירט דורך אַ ברייטער אַלייע מיט הויכע טאָפּאָלן און זילבער־קוסטעס.

אין אַ ווינקל פון גרויסן גאָרטן, אַרומגענומען מיט קלאָמבעס און בלו־

מען־בייטן, איז געשטאַנען אַ רונדיקע אַלטאַנע, באַדעקט מיט קלעטער־פלאַנצן

דער אויבס־גאָרטן, וואָס האָט פאַרנומען אַ גרויסן שטח, האָט זיך געצויגן העט ווייט ביזן סטאַוו און די קאָרן־פעלדער.

דאָ, אין אַ זייט, איז געשטאַנען אַן אַלטע, האַלב־חרובע געבײדע מיט אַן אויסקוק־טורעם, דערנעבן אַ הייזקע פאַר ספּעציעל־געדונגענע וועכטערס.

כראַביע סאָבאָצקי האָט געצויגן זיין יחוס פון זיין אור־זיידע, טאָמאַש סאָבאָצקי, דעם קאַנצלער פון פּוילישן קיניג, זיגמונט דעם ערשטן.

ער האָט מיט אַ שטרענגער האַנט געהערשט איבער הונדערטער נפשות, זיינע לייבאייגענע און געווען דער מושל איבער אַ צאָל דערפער און שטעטלעך, וואָס ער האָט געקריגן בירושה.

דער גרעסטער טייל פון זיינע הכנסות אויף צו דעקן זיינע אַפּטע הוליאַנקעס און רייזעס קיין אויסלאַנד איז געקומען פון די יידן אין די שטעטלעך סאָבאָטע און ביילעוו.

ביילעוו איז געווען די פּאַראַפיע, דער זיץ־אָרט פון דער גמינע, ווו זיין הויפּשרייבער האָט געפירט קאָנטראָל פון דעם לעבעדיקן און אומבאַוועגלעכן אינוווענטאַר.

סאָבאָצקי איז געווען הויכוווקסיק מיט אַן עטוואָס לענגלעך פּנים און הויכן גלאַטן שטערן. די געדיכטע בלאָנדע טשופּרינע האָט זיין פיזיאָנאָמיע צוגעגעבן אַן אַריסטאָקראַטישן אויסזען. ער איז געווען אַ גוטער רייטער. טראָץ זיינע 52 יאָר האָט ער מיט גרויס געשיקטקייט זיך אַריינגעזעצט אינעם זאָטל פון זיין באַליבטן קאַשטאַן און זיך געלאָזט איבער די פעלדער אויף אַ שפּאַציר ביז צום ראַנד פונעם וואַלד, אַריבער דעם טייך.

זיין שפּיצרוט מיטן זילבערנעם הענטל איז געווען אַן אומצעשייד־באַרער טייל פון זיין אויסשטאַטונג און דער סימבאָל פון זיין אויטאָריטעט.

אַ געלער יאַגד־הונט פלעגט אים שטענדיק באַגלייטן אויף די דאָזיקע שפּאַצירן.

אַחוץ די רייכע פּי־צוכט האָט ער מיט גרויס לײדנשאַפט זיך פאַרנומען מיט האָדעווען פערד. די פערד פון זיינע שטאַלן האָבן געשמט איבערן גאַנצן לאַנד. מ'האָט זיי גערופן די 'לאָוויטשער פערד' און זענען געווען אַ זיווג צווישן דער לאָקאַלער קליאַטשע און אַגערס פון דער בעלגישער ראַסע.

דאָס זענען געווען די בעסטע שלעפּ־פערד פאַר די זאַמדיקע טראַקט־וועגן און האָבן געקאָנט שלעפּן גאָר גרויסע משאות.

די פערד האָבן געהאַט אַ סאָלידן געשטעל, נישט קיין גרויסן אָבער שווערן קאָפּ, אַ קורצן האַלדז און זייער פעל־קאָליר איז אַממיינסטן געווען ברוינלעך מיט אַ העלער גריווע און וויידל.

סוחרים פון ווי ווייט פלעגן קומען אויף די יערלעכע 'לאָוויטשער יאַרידים' איינהאַנדלען די פערד.

אין דעם כראַביעס שטאַלן האָבן זיך געפונען אַ צענדליק אַנדערע פערד, מיט וועלכע ס'האָבן זיך מטפל־געווען ספּעציעלע שטאַל־יונגען.

גאָר באַזונדערס האָבן זיך אויסגעטיילט די „האַנאָווער פערד" מיט די הויכע, לאַנגע העלדזער און אויפגעשפּיצטע אויערן און די „פּויזנער פערד" מיט אַ הויכן קאָפּ, לאַנגן ווידל און הויכע פיס. אין אַ באַזונדערן שטאַל האָבן זיך געפונען אַ דריי־צענדליק רייטפערד.

נישט ווייט פון פּאַלוואַרק האָט זיך געפונען די סטאַנציע, וווּ עס זענען געשטאַנען גרייט עטלעכע בריטשקעס מיט פערד־אין־געשפּאַן צו שיקן אין פאַרשיידענע שליחותן.

די שטאַלן זענען אָפט באַזוכט געוואָרן פון זיינע געסט, מיט וועלכע ער פלעגט אין פרייע פאַרטאָגן אַרויספאָרן אויף יאַגד אין די ווייטליגנדיקע פעלדער.

דער כראַביעס איז יענעם נאָכמיטאָג געזעסן ביים מאַהאָגיני שרייב־טישל, אָנגעטאָן אין אַ געבלימלטן זשילעט מיט בופן־אַרבל, ווייסן העמד פאַרשנורעוועט ביזן האַלדז אין פראַנצויזישן סטיל.

דער נאָכמיטאָג איז געווען אַ זוניקער. סנאָפּעס זון־ליכט האָבן זיך אַריינגעריסן דורך די ברייטע פראַנצויזישע פענצטער און באַשטראַלט קעגנ־איבער דעם פייערפּלאַץ.

דאָס ירושה־הויז איז געווען שטאַטלעך איינגעאָרדנט. אויפן ערשטן גאָרן האָבן זיך געפונען די שלאָפצימערן און דריי בודואַרן.

אין גרויסן פירהויז האָבן אויף די ווענט געהאָנגען הירשן־קעפּ און אַנדערע יאַגד־טראָפייען. צוגענאָגלט אויף אַ דעמבענער טאַבליצע איז גע־האָנגען אַ קאָפּ פון אַ ווילדן בער.

אונטן, אין גערוימען אויפנעם־זאַל זענען מיט גרויס געשמאַק געווען צעהאָנגען אין גאָלדענע ראַמלעך שטיכן פון פראַנצויזישע און דייטשע קינסטלער, אַ שלל קאַריקאַטורן און לאַנדשאַפטן.

גרעסערע קופּערשטיך, אַקוואַרעלן און מאַנאָכראָמיעס אין אַ געמיש פון סטילן און סוזשעטן האָבן באַצירט די אויסטאַפּירטע ווענט פון גרויסן סאַלאָן. די סטאַטוע פון „דיאַנאַ" אין ווייסן מירמלשטיין איז געשטאַנען אויף אַ פּאָדיום אויבנאָן צווישן פענצטער און אַ הערלעך געשניצטן טיש פון לואי דעם 14־טן.

אויף דער הויפטוואַנט פון רעכטס זענען געהאָנגען אַ פראַנסוא בושער שטיך „דאָס שלאָפנדיקע קינד", האַנס האלביינס אַ האַלצשניט דער „הייליקער פּאול", אַ קאָפּיע פון אַלברעכט דירערס „לעצטע מאַלצייט" און עטלעכע צייכענונגען פון דזשאָוואַני טיעפּאָלאָ.

אויף אַ רונדיקן טיש באַדעקט מיט רויטלעכן פּליוש איז געשטאַנען

דער גלעזערנער אַנטיק זייגער — אַ ירושה פון די אבות — און דערנעבן אַ רעפּראָדוקציע פון דזשאָוואַני בעליני'ס „פּיעטא".

איבערן דיל איז געלעגן צעשפּרייט אַ פּערסישער דיוואַן, אינדערמיט אַ ווייסער קאַבריעץ מיט אַ בערן־קאָפּ און אָפענעם פּיסק.

די רחבות פון סאַלאָן האָט עדות געזאָגט אויפן געשמאַק פון באַלעבאָס, וואָס האָט פיל געררייזט און פאַרברענגט אין אַנדערע אַריסטאָקראַטישע הייזער און דאָרט געלערנט וואָס פאַרא קעגנשטאַנדן איינצוקויפן פאַר זיין פּאַלאַץ. פיל אַנטיקישע קעגנשטאַנדן האָט ער איבערגענומען בירושה, אַנדערע איינגעקויפט אויף זיינע אָפטע רייזעס אין אויסלאַנד.

אין הינזיכט פון דעקאָראַציע האָט ער שפּעטער פיל געלערנט נאָכ־צוטאָן די אייגנטימערין פון אַרקאַדיע, די פירשטין ראַדזשיוויל פון ניע־באָרוו, מיט וועלכער ער האָט זיך אָנגעהערט. ער איז געווען אַ פּלימע־ניק פון דער אַריסטאָקראַטישער פאַמיליע יאַסטזשעמבסקי און זיין פרוי, די כראַבינע, האָט געשטאַמט פון דער מיוחסדיקער פאַמיליע יאַבלאָנסקי.

ריטשאַרד סאַבאַצקי איז געווען באַקאַנט אַלס גרויסער בעל־תאווהניק מיט אַ נישטגעשטילטן טעמפּעראַמענט צו די גאָר יונגע דאָרפישע מייד־לעך, זיינע לייבאייגענע.

זיין פרוי, די כראַבינע, איז געווען אַ פרומע און האָט לויט דעם דעמאָל־טיקן לעבנסשטייגער אָװעקגעקוקט פון איר מאַנס באַציאונגען מיט אַנדערע פרויען.

עס איז דעמאָלט געווען אַן אָנגענומענער מנהג ביי דער פּוילישער שליאַכטע, נאָכצוטאָן דעם ווערסייל, צו האָבן נעבן דער אייגענער פרוי, אויך אַ געליבטע פון דער גרזעלשאַפט און דערצו עטלעכע פאַוואָריטן, וועלכע מ'פלעגט אַראָפּברענגען פון ווייטער גרוזיע.

מ'האָט נאָכגעטאָן די פּאָליגאַמישע שטיק פון אָריענט; דאָס איז געווען אַ נאַטירלעכע זאַך פאַר יענער צייט.

ווען אַ נישטפאַרהייראַטע אַריסטאָקראַטישע דאַמע פון דער גרויסער שטאָט האָט פאַרשוואַנגערט, איז זי אָוועקגעפאָרן אויף עטלעכע חדשים אין אַ 'טויבן־דאָרף', געווען דאָרט אָפּגעשלאָסן, און ווען דאָס קינד איז געבוירן געוואָרן, האָט מען עס אָוועקגעגעבן צו אַ פּויערישער אַם. דאָס זעלבע האָבן נאָכגעטאָן די אַריסטאָקראַטקעס פון די קלענערע אָרטשאַפטן, מיטן תירוץ, אַז זיי פאָרן קיין אויסלאַנד.

דער כראַביע האָט אין זיין פריער יוגנט געהאַט צוויי אַזעלכע געליבטע. אָבער זיין פרומע פרוי, האָט זיך איינמאָל צעבונטעוועט, אים פאָרגעוואָרפן, אַז ער פאַרטאַכלעוועט איר גרויסע ירושה און ער האָט איר געמוזט נאָכ־געבן אויפצוגעבן די געליבטע פאַרן פרייז פון קאָנען צוויי מאָל אין יאָר פאָרן קיין פּאַריז אָדער דרעזדען.

איצט, נאָכן אַריבער די 50־קער יאָרן, איז ער געוואָרן אַ ביסל אָפּגע־קילטער און זיך באַמיט צו צוימען זיין טעמפּעראַמענט.

זיין בן־יחיד סילוועסטער, אַ 15־יאָריקער בחור, האָט געלערנט אין דער צוגרייטונגס־שול פון דער קעניגלעכער אַקאַדעמיע, אין וואַרשע, וווּ ס'האָבן געלערנט דאָס רוב קינדער פון דער אַריסטאָקראַטיע.

זיין בת־יחידה, די 12־יאָריקע אירענאַ, איז געווען אַ דעליקאַט און אַן אָפּגעציטערט קינד.

פון דרויסן האָט זיך דערטראָגן אַ דינער אָפּהילך פון די פעלדער, וווּ די לייבקנעכט האָבן געאַרבעט, אויסגעמישט מיטן רעדער־געקלאַפּ פון אַנ־פאַרנדיקע וועגענער ביי די שפּייכלערס.

סאָבאָצקי איז געזעסן ביים שרייבטישל און אויבנאויפיק אַריינגעקוקט אין די חשבונות, וואָס דער אַגראָנאָם האָט אים אַ טאָג פריער איבערגעלאָזט אויף נאָכצוקאָנטראָלירן.

דער פינאַנציעלער באַלאַנס פאַרן לעצטן חודש איז אים נויטיק געווען, ווייל אין צוויי וואָכן אַרום האָט ער זיך געגרייט צו פאָרן אין פּאַלאַץ פון די ראַדזשיווילס אין ניעבאָרוו. באַלד האָט דאָרט געדאַרפט פאָרקומען אַ יערלעכע אויפנאַמע, וואָס איז אין די אַריסטאָקראַטישע קרייזן באַטראַכט געוואָרן אַלס אַ וויכטיקער געזעלשאַפטלעכער צוזאַמענטרעף.

דער כראָביע האָט אין דער אמתן פיינט געהאַט חשבונות; זעלטן האָט ער זיי נאָכקאָנטראָלירט. ער האָט די פּראָזאַישע אַרבעט איבערגעלאָזט פאַר זיין אַגראָנאָם און הויף־שרייבער. אָבער פון אויבנאויפיקן איבערבליק פון די ליגנדיקע פאַר אים חשבונות, האָט ער געזען, אַז זיין פינאַנציעלער מצב איז נישט קיין געהויבענער. דער לעצטער באַזוך אין פראַנקרייך און שפּעטער דער אויפהאַלט אין דרעזדען האָבן אים אָפּגעקאָסט אַ סך געלט. זיין פרישע רייזע קיין לובלין און די הוליאַנקעס דאָרטן האָבן נאָכמער אויסגעליידיקט זיין קאַסע.

סאָבאָצקי האָט אויך גוט געוווּסט, אַז ער קאָן נישט אַרויפלייגן די שולד פון זיין איצטיקן פינאַנציעלן מצב אויף זיין אַרענדאַר לייבקע לובלינער, ווייל יענער האָט מיט געניטשאַפט אָפּגעהיט זיינע באַדינגונגען און שטענדיק אים באַזאָרגט מיט די נויטיקע סומעס געלט, אין וועלכע ער האָט זיך גענויטיקט.

ער האָט דעריבער באַשלאָסן, אַז ער מוז אָנגעמען מיטלען אַרויסצו־פּרעסן פון די יידן אין די שטעטלעך, וואָס זענען אונטער זיין פּריצישער קאָנטראָל, די נויטיקע צוויי טויזנט גאָלדענע דוקאַטן.

ער וועט רופן דעם אַגראָנאָם, יענער זאָל צוזאַמען מיטן פּאַראַפּיע־שרייבער צונויפשטעלן אַ גענויע ליסטע פון אַלע יידן אין די שטעטלעך סאָבאָטע און ביילעוו, סיי פון די ניי־איינגעוואָנדערטע יידן און קינדער, און אויף זיי אַרויפלייגן אַ העכערן קאָפּ־שטייער.

— נישקשה, די יידן קאָנען צאָלן, — האָט ער געטראַכט... זיי וועלן זיך שוין אָן עצה געבן. ער באַהאַנדלט זיי דאָך פיל בעסער ווי זיינע לייב־אייגענע, און דערלויבט זיי פירן זייער לעבנסשטייגער מיט אַ קהילישער זעלבסטפאַרוואַלטונג...

— יידן זענען קלוג און גוטע סוחרים, — האָט ער צו זיך גערעדט, — אַ גרעסערער צינזש וועט זיי גאָרנישט שאַדן און זייער געלט וועט ראַטעווען מיין כבוד...

— און פאַוואָס נישט העכערן דעם אָפּצאָל פון פרעמדע הענדלער, וואָס קומען אויף די מאַרק־טעג יעדן דאָנערשטיק אין שטעטל? — האָט אַ צווייטער אַנרעגנדיקער געדאַנק אים אונטערגעזאָגט. — דאָס קאָן דאָך אויך אַריינברענגען אַ היפּשע הכנסה?! אין דער אמתן, וואָלט גלייך געוועז, אָפּצורוימען דעם אַלטן בית־הקברות, — האָט אַ בייזער געדאַנק גענומען עקבערן אין זיין מח; — יידן האָבן שוין לאַנג אויפגעהערט דאָרט צו באַ־גראָבן זייערע טויטע. מ'קאָן אויסברייטערן דעם פּלאַץ און דאָרט אויפשטעלן עטלעכע צענדליק נייע הייזקעס פאַר די צוגעקומענע איינוווינער.

אָבער באַלד פּיקט אים אין מח אַן אומהיימלעכער געדאַנק וואָס פאַר־סמט זיינע פּלענער:

— דאָס וואָלט געהייסן פאַרשוועכן דעם ווילן פון זיין גאָטזעליקן פאָטער. מענטשן זאָגן, אַז עס איז אַ לעגענדע, אָבער אין פאַראַפיע־בוך איז עס פאַרשריבן שוואַרץ־אויף־ווייס, אַז דער אַלטער יידישער בית־עלמין איז אַ געהייליקטער אָרט. און זיין גאָטזעליקער פאָטער האָט אין זיין צוואה בפירוש פאַרבאָטן דעם פּלאַץ באַשעדיקן לעולם ועד. אמת, ער איז געווען אַ קליין יינגל ווען די אומגלויבלעכע מעשה האָט פּאַסירט, אָבער ער מוז דערוויַל דערפילן די צוואה פון זיין פאָטער.

מיט דעם פעסטן באַשלוס האָט ער זיך אויפגעהויבן פון שרייבטישל און צוגעגאַנגען צום האַלב־אָפענעם פענצטער און אַרויסגעקוקט אין גאָרטן אריין.

פון דער ווייטנס אויפן פאָן פון דער צעגרינטער שפּעט־זומערדיקער לאַנדשאַפט, האָט ער געזען זיין טעכטערל אירענאַ אין אַ ווייס לויז קליידל שפּאַצירן מיט איר פראַנצויזישער גוווערנאַנטקע, מאַדאַם מישעל דעבואַר.

נעבן זיי האָט געשפּאַנט מיט געשיקטע יונגע פיס, ווי אַ סאַרנע, אַ צווייט מיידל אין אַ טונקל קליידל.

— דאָס איז דעם אַרענדאַרס טעכטערל, — האָט ער זיך דערמאָנט.

— מ'זאָגט, אַז זי איז אַ קראַסאַוויצע, אַן עקזאָטיש באַשעפעניש. זיין פרוי, די כראַבינע, האָט אים איינמאָל געזאָגט, אַז דאָס מיידל איז נישט בלויז בחנט, נאָר איז זייער געראָטן. און ער ווייסט, אַז זיין פרוי איז קאַרג אויף צוצוטיילן קאָמפּלימענטן. אויב אַזוי, מוז דאָס זיין אַן אויסנאַמוויַז שיין מיידל, אויב די כראַבינע איז מסכים געווען, אַז זייער טאָכטער אירענאַ

זאָל פון צייט צו צייט מיט יענער פאַרברענגען אין איין געזעלשאַפט. אודאי איז עס שווער פאַר זייער טעכטערל אין איר צאַרטן עלטער צו לעבן אין דער איזאָלירטקייט אָן אַ חברטע פון זעלבן עלטער. און דאָס ידישע מיידל, דערציילט מען, האָט אין אַ קורצער צייט אויפגעכאַפּט דאָס לערנען פראַנ־צויזיש און דערמיט געהאָלפן אירענאַ'ן אין זעלבן לימוד.

דער כראַביע דערמאָנט זיך, אַז ער האָט אַמאָל געזען דאָס מיידל. אָבער דאָס איז געווען מיט פיל חדשים צוריק און זי האָט אויסגעזען ממש נאָך אַ קינד. זי איז גראַציעז און האָט זיך זייער פיין פּרעזענטירט.

קוקנדיק איצט פון דער וויטנס אויף דעם יונגן מיידל, וואָס איז גע־גאַנגען ביי דער זייט פון זיין טאָכטער, האָבן זיינע אויגן זיך אָנגעצונדן מיט אַ פייערל פון אויפגעוואַכטער תאווה.

— יאָ, — האָט ער זיך געטראַכט, — כ'האָב מיינע פּלענער פאַר אַזאַ שיינקייט. מעג עס זיין אַ ידישקע, אָבער מ'דאַרף נאָך אונטערוואַרטן... די פרוכט איז נאָך נישט רייף...

מיט דעם געדאַנק האָט ער אַ הויב געטאָן דאָס גלעקל פון טיש און גערופן זיין קאַמערדינער.

קאַפּיטל 2

# דאָס שטעטל סאָבאָטע

דאָס שטעטל סאָבאָטע ליגט אין אַ טיפן פלאַכלאַנד אין סאַמע האַרץ פון מאַזאָוויע. די ערד איז אַ פעטע מיט רייכע תבואה־פעלדער און גרינע לאָנקעס. נישט ווייט פונעם שטעטל לויפט אַ שטראָמיק טייכל, וואָס גיסט זיך אַריין אין גרויסן טייך בזוראַ.

אין פערצנטן יאָרהונדערט האָט דער ישוב און די אַרומיקע געגנט געהערט צום פירשט זיעמאָוויט, וואָס איז שפּעטער פונאַנדערגעטיילט געוואָרן צווישן אַדלליט און פּריצים.

אין די צוואַנציקער יאָרן פון זעכצנטן יאָרהונדערט, בעת דער הער־שאַפט פון פּוילישן קיניג, זיגמונט דעם ערשטן פון דער יאַגעלאָנער די־נאַסטיע, איז דער טייל מאַזאָוויע אַנגעשלאָסן געוואָרן אין דער פּוילישער קרוין. זיין קאַנצלער טאָמאַש סאָבאָצקי האָט דער קיניג שפּעטער אָוועק־

געגעבן, אַלס באַלוינונג פאַר זיין געטרייען דינען אים, דאָס שטעטל סאַ־באָטע מיט אַ צולאָג פון עטלעכע דערפער.

די יידן האָבן זיך דאָ געהאַט באַזעצט שוין פון לאַנג צוריק, ווייל ס'איז געלעגן אין אַ זייט פון די הויפט־טראַקטן אין לאַנד.

ווי אין אַלע פעאָדאַלע מלוכות איז די מאַכט פון קיניג געבויט געווען אויף דער מיליטערישער מאַכט פון די פעאָדאַלן.

די שליאַכטע האָט בעת דער יאַגעלאָנען־דינאַסטיע זיך דערשלאָגן צו אַ סך פריווילעגיעס. צווישן אַנדערע, זענען זיי באַפרייט געוואָרן פון אַלע שטייערן און די פויערן זענען געוואָרן זייערע לייבאייגענע, פאַקטיש די קנעכט פון די פריצים.

אין די קליינע שטעטלעך און דערפער זענען יידן מייסטנס געווען אַרענדאַרן, מילכיקס־הענדלער, מילנער, קרעטשמערס, פי־הענדלער און בעלי־מלאכות.

אין יענער צייט איז קיין אַלגעמיינער סיסטעם פון באַשטייערונגען נישט געווען. די אַזויגערופענע יידישע אויטאָנאָמיע אָדער די וועדים, זענען פשוט געווען אַ נויטווענדיקייט פון דער פוילישער מלוכה, ווייל די יידישע קהילה־קערפערשאַפטן האָבן געמוזט אויפמאָנען דעם קאָפּשטייער פאַר דער קרוין.

אַזוי ווי יידן האָבן לויטן געזעץ קיין מיליטער־פליכט נישט געהאַט, האָט דעריבער יעדער ייד, מאַנסביל, פרוי און קינד געמוזט צאָלן אַ יער־לעכן אָפּצאָל פון אַ זלאָטע צו דער קרוין.

נאָך כמיעלניצקיס שחיטות האָבן די יידן פון די געגנטן אין מזרח־און דרום־פוילן אָנגעהויבן שטראָמען אין צענטער פון לאַנד אָדער אויף די מערב־געביטן, זוכנדיק נייע וווין־ערטער.

פיל פון דער שארית־הפליטה פון די פאַגראָמירטע יידישע שטעטלעך, האָבן שפּעטער אָנגעשפּאַרט אין די געגנטן פון דער ווייכסל. אַנדערע האָבן געוואַנדערט ווייטער אין די שטעטלעך ווישעגראַד, גאָמבין, סאָבאָטע, ביילעוו און סאַנניקי און אויפדאַסניי אָנגעהויבן בויען זייער לעבן.

דאָס זעלבע איז געשען מיט די יידן אין דער ביסקופן־שטאָט לאָוויטש, וואָס איז געלעגן סך־הכל 21 ווערסט פון סאָבאָטע.

נאָך דעם ווי דער צורר־היהודים, דער אַרציביסקופּ יאַן לאַסקי, האָט זיי אַרויסגעטריבן אין יאָר 1516, האָט דאָס רוב פון זיי זיך באַזעצט אין סאָבאָטע, ביילעוו און אין די אַרומיקע דערפער.

דאָס איז געשען אין דער צייט ווען דער איינפלוס פון דער שליאַכטע און זייערע פריווילעגיעס האָבן געגומען וואַקסן.

יידן זענען אַרויסגעשטופּט געוואָרן פון זייערע עקאָנאָמישע פּאָזיציעס און באַרויבט געוואָרן פון זייערע פרנסות.

אין דער צווייטער העלפט פון 18־טן יאָרהונדערט, אונטער דער הער־שאַפט פון מלך אויגוסט דעם דריטן, אין דער צייט פון דער א. ג. „זיבן־יאָריקן קריג", איז געקומען צו אַ מלוכהשן צעפאַל. די קיניגלעכע מאַכט איז געוועלטיק אָפּגעשוואַכט געוואָרן און די קיניגלעכע פּריווילעגיעס, פון וועלכע די יידן האָבן גענאָסן אין די שטעט און שטעטלעך, זענען מער נישט גענומען געוואָרן אין אַכט.

יידן זענען אַזוי אַרום געבליבן אויף הפקר און אויסגעליפערט צום ווילקיר פון די מאַגיסטראַטן, צעכן און פון דער שליאַכטע.

די יידן אין די שטעטלעך סאַבאַטע, ביילעוו און פון דער אַרומיקער סביבה זענען דעמלט אַרונטער אונטער דער אַבסאָלוטער מאַכט פון די שררות סאַבאַצקי. זיי האָבן נישט בלויז געמוזט צאָלן קאָפּ־שטייער, — נאָר לויט די קאַפּריזן פון פּריץ אויך אַנדערע צינזשן: מס פאַר אַ דערלויבעניש צו האַנדלען, מס פאַר אויפשטעלן אַ בית־עלמין און אַזוי ווייטער.

דאָס שטעטל סאַבאַטע האָט מיט זיך פאַרגעשטעלט אַן אָנגעוואָרפענעם בערגל פון חרובע כאַטקעס. דער נישט ברוקירטער מאַרקפּלאַץ איז אין שווערע רעגנס פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ ריזיקער קאַלוזשע. די ליימענע הייזקעס, מיט מאַך־באַדעקטע, שטרויענע דעכער, זענען אין די האַרבסט־רעגנס ממש פאַרשווומען געוואָרן. ווילגאַטש האָט זיך געגאָסן פון די ווענט. אין ווינטער האָט דער שניי דערגרייכט ביז צום דאַך און אָפטמאָל פאַר־שטאָפּט די קוימענס, ס׳האָט געדויערט שעהן זיך אַרויסצוגראָבן פון די לעבעדיקע שניי־קברים. אַזוי האָבן געוווינט דאָס רוב יידן אין די לעכער, וואָס האָבן געהערט צום פּריץ און געמוזט דערפאַר באַצאָלן אַ הויכן צינזש.

און ווען אַ וואַנט אָדער אַ דאַך פון אַזאַ הייזקע איז איינגעפאַלן, איז נישט געווען פאַר וועמען זיך צו באַקלאָגן כדי דעם שאָדן צו פאַרריכטן. דאָס ביסל האָב־און־גוטס איז אויסגעמישט געוואָרן מיט דער בלאָטע און שניי; דער ווינט האָט הפקרדיק געוואָיעט אין אַזאַ כאַטקע און פאַרשטומט דאָס געוויין פון די עלנטע יידן.

אַזוי האָבן זיי עקזיסטירט אין גרויס דחקות און אומבאַהאָלפנקייט, ווי אין ענלעכע שטעטלעך, אונטער דער ממשלה און ווילקיר פון די פּריצים.

זיי האָבן געלעבט מיט בטחון, אַז דער אויבערשטער וועט זיך אויף זיי מרחם זיין: ס׳וועלן קומען בעסערע צייטן און זיי ברענגען אַ ישועה. אָבער אַזאַ ישועה איז נישט געקומען...

די עטלעכע קלייטניקעס אין שטעטל האָבן געהאַנדלט אין פאַרחושכטע קעמערלעך, ווער מיט אַ ביסל זאַלץ, ווער מיט הערינג, גרויפּן, קאַשע אא"וו, פון וואָס זיי האָבן קוים געזשיפּיעט.

אַ ביסל בעסער איז עס געגאַנגען די תבואה־הענדלער, וואָס פלעגן אויך פון צייט צו צייט איינהאַנדלען אַ זעקל קאַרטאָפל, אַ פורל האָלץ אָדער פלאַקס.

די בעלי־מלאכות ווידער האָבן געצויגן זייערע אָרימע פּרנסה פון פאַרקויפן זייער האַנטווערק פון די אויפגעשטעלטע סטראַגאַנעס אין די מאַרקטעג, איינמאָל אין דער וואָך, יעדן דאָנערשטיק.

צום מזל פון די יידן איז אין סאָבאטע נישט געווען קיין פּוילישער צעך, וואָס זאָל מיט זיי קאָנקורירן און אָנטאָן פאַרשיידענע שיקאַנעס, ווי דאָס איז געשען אין אַנדערע שטעטלעך, ווו די באַפעלקערונג איז געווען אַ געמישטע.

סאָבאטע איז אין דעם זין געווען אַ דורכאויס יידיש שטעטל. די בעלי־מלאכות: שוסטערס, שניידערס, היטלמאַכערס און אַנדערע האָבן ביז שפּעט אין דער נאַכט אַריין אין די ווינטערטעג געהאָרעוועט צוזאַמען מיט זייער הויז־געזונט ביים קאַרגן אָפּשיין פון אַן אויל־בעקן אָדער אַ שטיקל קיין־האָלץ. ווער ביים אויסנייען אַ מלבוש פון דיקן, רויען לייוונט, לייבקעס, קאַפּטאַנעס אָדער באַרכאַנקעס פון פלאַנעל, באַוולציייג אָדער ציץ, ווער ביי פעלצן פון באַראַנענע אָדער ציגן־לעדער.

די שוסטערס האָבן אויסגעפּאַרטיקט זייערע שטיוואַלעס פון יוכט־און־ציגן־לעדער, וואָס אָרטיקע גאַרבערס האָבן אויסגעפּאַרטיקט, אָדער אַראָפּ־געבערענגט פון שכנותדיקן גאָמבין.

דאָס רוב קונים זענען געווען פּויערים פון וויטליגנדיקע דערפער, ווייל דעם פּריץ׳ס לייבקנעכט זענען געווען זייער פּאַראָרימט און זעלטן ווען געהאַט אַ צעבראָכענעם דרייער. זיי האָבן פּריער געמוזט פאַרקויפן אַ לעצטן ביסן פון מויל אויף צו קאָנען איינקויפן דאָס נויטיקסטע פאַר דער שטוב־ווירטשאַפט.

דערפאַר האָבן בעקערס געפירט אַ גוטן האַנדל. ס׳געבעקס איז זיי צעכאַפּט געוואָרן פון אונטער די הענט. און די קרעטשמעס זענען שטענדיק געווען איבערפולט מיט פּויערים און פורמאַנעס, וואָס האָבן זיך געלאָזט ווילגיין מיט שנאַפּס און צובייסעכץ.

אויף די מאַרק־טעג פלעגן קומען הענדלער מיט זייערע סטראַגאַנעס פון די שכנותדיקע שטעטלעך. זיי האָבן שטענדיק געהאַט אַן אויסוואַל פון פאַרשיידענע סחורות פאַר די פּויערטעס, ווי קאָלירטע בענדער, קאַפּטיכלעך, בייטשן, קרעלן אאַ״וו.

די פאַרבינדונג מיט דער דרויסנדיקער וועלט איז געווען דורך די בעלי־עגלות. זיי פלעגן פירן פּאַסאַזשירן אין זייערע בוידן אין ווייטע מקו־מות. אַזעלכע נסיעות פלעגן דויערן אַ וואָך צייט און טיילמאָל לענגער.

דאָס צוזאַמענלעבן פון די יידן און זייערע שכנים איז פון לאַנגע צייטן געווען אַ פרידלעכס. זעלטן ווען עס איז געקומען צו עפנטלעכע ערגענישן אָדער צאַנקערייען. מ׳האָט געלעבט ווי פאַרברודערט אונטער איין און דעם זעלבן גורל. אלע האָבן געטיילט די זעלבע דאָליע, דעם ווילקיר און אַליינ־הערשאַפט פון פּריץ, וואָס האָט געשמיסן זיינע פּויערן און די יידן, וואָס

האָבן געמוזט צאָלן אַ הויכן אויסלייז־געלט פאַרן ביסל טאָלעראַנטקייט און רעליגיעזער פרייהייט.

די דאָזיקע לעבנסבאַדינגונגען האָבן פאַרבונדן די יידן מיט זייערע שכנים מיט אַ נישטגעשריבענעם פאַרברידערונגס־אַקט.

שבת אינדערפרי, אויפן וועג צום דאַווענען אין בית־המדרש, זענען יידן בנעימותדיק געגאַנגען אין דער רעכטער זייט פון מאַרק־פּלאַץ; און להבדיל צומאָרגנס, זונטיק, אונטערן גלאָקן־קלאַנג זענען זייערע שכנים ווידער געגאַנגען אין דער קירכע אַריין, וואָס איז געשטאַנען אין דער לינקער זייט פון מאַרק־פּלאַץ, אויפן וועג קיין לאַוויטש. די קירכע אין גאָטיש־רענעסאַנס־סטיל, איז אגב אויפגעשטעלט געוואָרן אין 17־טן יאָרהונדערט פון קאַש־טעלאַן סאָבאָצקי.

מיטאַמאָל זענען אין שטעטל ארומגעגאַנגען קלאַנגען, אַז דער פּריץ וועט העכערן דעם מס. די נייעס האָט אַרויסגערופן גרויס ערגעניש צווישן די יידן. דער כראַביע איז באַקאַנט געווען אַלס אַ פאַרשווענדער, וואָס איז רק געפאָרן קיין אויסלאַנד און געפּראַוועט בעלער און שטענדיק פאַרשול־דיקט געווען איבער די אויערן אין חובות. ער איז אויך געווען באַקאַנט פאַר זיין שלעכטקייט.

אין שטעטל האָט מען געוווסט צו דערציילן, אַז כראַביע סאָבאָצקי האָט אַנומלט גענומען הלוואות ביי רייכע יידן אין די שכנותדיקע שטעט דורך דער פאַרמיטלונג פון זיין אַרענדאַר, לייבקע לובלינער און האָט ביז איצט אפילו נאָכנישט אָפּגעצאָלט דעם צינזש.

די קלאַנגען וועגן העכערן דעם קאָפּ־שטייער זענען טאַקע געקומען פון לייבקע לובלינער; ער זאָל דאָס האָבן געלאָזט פאַלן אַ וואָרט פאַר יעקל מאַר־שעליקס, דעם שענקער, אַז דער פּריץ וועט העכערן דעם מס, אַנדערש דראָט ער איבערצוטראָגן דעם מאַרקטאָג אויף שבת אָנשטאָט דאָנערשטיק, אַזוי ווי ס'איז געווען אין די גאָר אַלטע צייטן. דאָס וואָלט געווען אַ גרויסער קלאַפּ פאַר די יידן אין שטעטל, וואָס ציען זייער ביסל חיונה פון האַנדל דעם איינציקן מאַרקטאָג אין דער וואָך.

זקנים געדענקען גוט דעם אַלטן שררה טעאָפיל סאָבאָצקי, דעם זיידע פון איצטיקן מושל. יענער איז געווען אַ פיינער מענטש, ער האָט געשאַ־נעוועט אַלע זיינע איינוווינער און זיך באַגאַנגען פאַרנונפטיק מיט זיינע שקלאַפן. ער האָט אויך געטאָן פיל טובות יידן און זיין טויט איז געווען אַ גרויסער פאַרלוסט פאַר אַלעמען. יידן האָבן אים באַוויינט.

זיין זון סטאַניסלאַוו איז געגאַנגען אין זיינע פוסטריט. געווען אַן איי־דעלער און פאַרנונפטיקער מענטש.

אויף ווינטער פלעגט ער אויסטיילן עטלעכע קלאַפטער האָלץ פון זיינע וועלדער אויף צו הייצן פאַר די אָרימעלייט אין שטעטל.

און אין פנקס סאַבאַטע איז פאַרשריבן וועגן אים אַ וויכטיקע פאַסירונג.
און די מעשה שהיה איז געווען אַזאַ:

... נישט ווייט פון אַריינפאָר אין שטעטל, אויפן קרייץ־וועג, וואָס פירט קיין לאָוויטש און ביילעוו, האָט זיך געפונען דער אַלטער בית־עלמין, ווו מ׳האָט מער נישט קובר־געווען קיין מתים.

אַזוי ווי די יידישע באַפעלקערונג האָט זיך פאַרגרעסערט מיט צוגע־פאָרענע פון פאַגראָמירטע שטעט פון די דרום־מקומות, האָט דער אַלטער פריץ באַשלאָסן, אַז מ׳דאַרף אַפּרייניקן דעם בית־הקברות און מאַכן פלאַץ פאַר נייע הייזקעס, וואָס קענען אַריינברענגען אַ היפשע הכנסה אין קאַפּ־שטייער.

די גזירה אָפּצורייניקן דעם בית־הקברות האָט אַרויסגערופן גרויס פאַר־דרוס און טרויער אין שטעטל. מ׳איז געלאָפן מיט שתדלנות, אָבער ס׳האָט גאָרנישט געהאָלפן. דער רב האָט אויסגערופן אַ תענית און יידן האָבן זיך פאַרזאַמלט אין בית־מדרש און געזאָגט תהילים.

דער פריץ פלעגט יעדן זונטיק אינדערפרי קומען צום גאָטעסדינסט, אין דער קירך אין סאַבאַטע, אַזוי ווי דאָס האָבן געטאָן זיינע אבות.

די אַלטע כראַבינע האָט שוין נישט געלעבט. ער פלעגט פאָרן אַליין מיט זיין קוטשער אין אַ שוואַרץ־גלאַנציקער קאָטש מיט פיר פערד אין געשפּאַן.

מאַכט זיך אַ מעשה, אַז גראָד דעם זונטיק, ערב דעם טאָג, ווען די גזירה וועגן אָפּרוימען דעם בית־הקברות האָט געזאָלט אויסגעפירט ווערן, איז דער פריץ, ווי שטענדיק, געפאָרן מיט דעם זעלבן וועג אין שטעטל אַריין פון זיין פאָלוואַרק, וואָס איז געלעגן אַ זיבן ווערסט פון סאַבאַטע. ווען די קאָטש האָט גענומען לויפן מיט זאַמדיקן טראַקט פאַזע דעם בית־הקברות, וואָס איז געליגן עטוואָס משופעדיק באַרג־אַרויף, נישט פאַרצוימט, האָבן די פערד מיטאַמאָל זיך מוראדיק צעפלאָשעט פון שרעק. הירזשנדיק, האָבן זיי אַ ריס געטאָן מיט די פאָדערשטע קאָפּעטעס אין דער לופטן און דערנאָך מיט אַ טראַסק זיי אַראָפּגעלאָזט און געבליבן שטיין אומבאַוועגלעך, ווי צוגעשמידט צו דער ערד.

די רעדער האָבן איבערגעלאָזט אַ טיפן בויגן־ריס אינעם זאַמד. דער קוטשער, אַ פאַרצוויפּלטער, האָט גענומען שרייען פון שרעק און פאַכן מיט דער בייטש, אָבער די פערד האָבן נישט געגעבן קיין סימן פון לעבן און געשטאַנען ווי פאַרשטיינערטע.

דער פריץ האָט אינסטינקטיוו געפילט, אַז עפּעס אויסטערליש האָט פאַסירט און ס׳דראָט דער בריטשקע אַ סכנה. ער איז אָן צערעמאָניאַל אַראָפּ פון איר, געבליבן שטיין אַ פאַרגאַפטער און זיך געווישט דעם פאַרשטויבטן שטערן מיט אַ טאַשנטיכל.

דער קוטשער, אַ צעהיצטער, איז צוגעלאָפן צו די פאָדערשטע צווי פערד, און גענומען זיי שמייסן מיט דער בייטש, זיך געבייזערט און גע־

שאָלטן, אַז אַ פאַרע איז געגאַנגען פון זיין ליווריירטן מונדיר. אָבער די פערד האָבן זיך נישט גערירט, אַזוי ווי זיי וואָלטן פאַרוואַנדלט געוואָרן אין שטיינערנע פיגורן.

ס׳זענען אָנגעלאָפן פויערן אין זייערע זונטיקדיקע לייוונטע כאַלאַטן, זיך פאַרבוקט פאַרן פריץ און גענומען מיט כח שטופּן די קאַטש; אַנדערע האָבן געצויגן די פערד פאַר די ציימלעך, אָבער אָן פעולה.

זיי האָבן דערשראָקן זיך איבערגעקוקט, געצויגן מיט די אַקסלען, אויסגעשפּיגן און געבליבן שטיין אומבאַהאָלפן.

זעענדיק וואָס ס׳קומט פאָר, האָט דער פריץ געשיקט רופן דעם גלח.

דער גייסטלעכער, נאָך גאָר אַ יונגער, איז געקומען צו לויפן אַ פאַר־סאָפּעטער, אָנגעטאָן אין זיין ווייסן דוכאָוונעם מלבוש און שוואַרצן געבעט־ביכל אין דער האַנט. ער האָט זיך וואָס נאָר געהאַט געגרייט צום גאָטעס־דינסט, אַזוי איז ער אַ דערשראָקענער אַרויסגעלאָפן פון דער קירכע, הערנ־דיק, אַז דער אַלטער כראַביע וואַרט אויף אים הינטער דער שטאָט.

דער אַלטער פריץ האָט במשך דער צייט זיך געהאַט פולשטענדיק באַ־הערשט און נישט אַרויסגעוויזן קיין פאַרלעגנהייט אין דער אָנוועזנהייט פון הונדערטער לייבאייגענע, וועלכע גייענדיק אין דער קירכע, האָבן זיך אָפּגעשטעלט און מיט נייגיר נאָכגעפאָלגט די אויסטערלישע פאַסירונג.

ער האָט געלאָסן אויפגעקלערט דעם גלח וואָס עס האָט פאַסירט און האָט אים באַפוילן אָפּצוריכטן אַ תפילה, וואָס ער איז ניצול געוואָרן אינעם פאַרפאַל, סיי אָפּשפּרעכן דעם כישוף פון די פערד . . .

נישט געקוקט דערויף, וואָס דער אַלטער פריץ איז ווייט נישט געווען איבעריק פרום און אָבערגלויבעריש, האָט ער געהאַלטן, אַז אַזאַ רעליגיעזע צערעמאָניע וועט זיין אַ סגולה און גוט משפּיע־זיין אויף די פּרימיטיווע און פרומע לייבקנעכט.

דער גלח האָט מיט דער האַנט געמאַכט אַ קרייץ אין דער לופטן און אַנידערגעקניט נעבן דער קאַטש און אָנגעהויבן אַ תפילה. די אַרומשטייענ־דיקע פויערן, האָבן פרום זיך איבערגעצלמט און אַנידערגעקניט אין זאַמ־דיקן פעלד, קעגן דעם בית־עלמין, און געבליבן אַזוי מיט אַראָפּגעבויגענע קעפּ.

נאָכן אָפּריכטן די תפילה, האָט דער גלח ווידער געמאַכט אַ קרייץ אין דער לופטן, דאָסמאָל איבער די פערד און ער האָט מיט אַ בעטנדיקע שטימע אויסגערופן צו זיי:

— אין נאָמען פון יעזוס קריסט און דער הייליקער מאַריאַ, טו איך אָפּ פון אייך דעם כישוף, און באַפעל אייך: רירט זיך פון אָרט!

אָבער די פערד זענען געבליבן שטיין אויפן זעלבן אָרט, אומבאַוועג־לעך ווי פריער.

דער גלח האָט דריי מאָל איבערגעחזרט דעם שפּרונג, אָבער אָן הצלחה. זיין גאָטעסדינסט האָט נישט געהאַט קיין שליטה אויף די פערד. אַ מורמלע־ניש האָט זיך געהערט פון אַלע זייטן.

אָבסערווירנדיק די סצענע, איז דער פּריץ געבליבן שטיין אָן אומ־באַהאָלפענער און אין גרויס פאַרלעגנהייט. די אויגן זענען אים אָנגעלאָפן מיט בלוט. ער האָט פיל געררייזט, האַלט זיך פאַר אַ וועלטלעכן מענטש, איז ווייט פון אַבערגלויבעניש, אָבער די פּאַסירונג מיט די פערד האָט אים אַרויסגעפירט פון גלייכגעוויכט.

ער האָט זיך נאָכאַמאָל אַרומגעקוקט ווו ער געפינט זיך, און ערשט איצט בולט געזען, אַז ער שטייט קעגנאיבער דעם יידישן בית־עלמין. און אין קאָפּ האָט אים אַ בליץ געטאָן אַ מחשבה:

— אפשר זענען זיך דאָס נוקם די יידישע מתים וואָס ער וויל פון דאַנען באַזייטיקן ? !

ער האָט געפילט אַ לייכטן שוידער איבערן גאַנצן קערפּער. נאָך אַ וויל נאָכטראַכטן האָט ער צוגערופן איינעם פון די פויערן און אָן לענגערע הוריות געשיקט רופן דעם רב.

דער רב איז נאָר וואָס געהאַט אַרויסגעקומען פון דער הילצערנער געביידע פון בית־המדרש און מיטן שמש געגאַנגען צו זיין דירה איבער־בייסן. ער איז געווען אַ הויכער ייד, געגאַנגען עטוואָס איינגעבויגן, מיט אַ לאַנגער גרויער באָרד, אַ הדרת־פּנים. געווען אַ חקרן און אַ גרויסער למדן. ער האָט אויך גוט געקענט די פּוילישע שפּראַך. נישט איינמאָל איז אים אויסגעקומען צו שטיין פּנים־אל־פּנים מיטן פּריץ ביים אָפּשרייען גזירות אויף זיין קהילה.

הערנדיק, אַז דער פּריץ רופט אים, האָט ער זיך געלאָזט מיטן שמש צום אָרט פון דער פּאַסירונג. דער שמש האָט געטראָגן דעם רבס טלית־זעקל. דער רב איז געווען אויפגעטרייסלט, הענט און פיס האָבן ביי אים געציטערט, מורא האָבנדיק, אַז עפּעס שלעכטס קאָן פּאַסירן.

ווען ער איז אָנגעקומען אויפן אָרט פון דער פּאַסירונג, איז פון דעם שנעלן גיין אַרויס אַ שווייס אויף זיין שטערן, און ער האָט געפילט ווי די פיס ציטערן אונטער אים, דערזעענדיק די מאַסע פויערן און פויערטעס מיט די צעשראָקענע פּנימער.

ער איז אַ ווילע געבליבן שטיין, אָפּגעכאַפּט דעם אָטעם און זיך אַרומגעקוקט אויף דעם אויסטערלישן בילד. ער האָט זיך אָבער באַלד באַהערשט, דערנענטערט זיך צום פּריץ און גנעדיק זיך פאַר אים פאַר־נויגט. אין אַלטן פּוילישן שטייגער נאָכגעפרעגט אויף זיין געזונט און פאַמיליע און געזאָגט:

— ווילמאָזשני, יאַשני פּאַניע, מיט וואָס קען איך דיר דינען ? !

דער פּריץ האָט מיט אַלע כּוחות דערשטיקט אין זיך דעם יוירנדיקן צאָרן, ווייל נאָך קיינמאָל איז זיין פּריצישער שטאָלץ אַזוי נישט באַליידיקט געוואָרן בפרהסיא ווי מיט די פערד און דאָס גראָד נעבן ידישן בית־עלמין. ער האָט אויסגערופן:

— ראַביניע, מיינע פערד האָבן זיך דערשראָקן פאַר די ידישע טויטע... די טויטע האָבן די פערד אָנגעטאָן אַ כישוף, אַ ידיש שפּיצל!

— איידעלער פּריץ, — האָט דער רב מיט אַ געלאַסענער שטים אָפּגעענטפערט:

— איר זענט אַ געבילדעטער מענטש, וויעלמאָזשני כראַביע, אַ וועלט־באַרייזטער... גלויבט איר אין אַזעלכע זאַבאַבאָנעס? דאָס איז נישט קיין שפּיצל פון אונדזערע מתים... דאָס איז אַ זאַך פון הימל... די טויטע בעטן רחמים, מ׳זאָל זיי לאָזן רוען אין די קברים, ווייל די גזירה אָפּצו־רוימען דעם בית־הקברות איז אַ חלול־המת!

דער פּריץ האָט פאַרשנדיק געקוקט אויפן רב און אַ ווײַלע זיך פאַר־טראַכט. אויף זיין פּנים האָט זיך צעלייגט אַ נישט־זעעוודיקער שאָטן. ער האָט פאַרקנייטשט דעם אַריסטאָקראַטישן שטערן און געזאָגט צום רב:

— ראַביניע, אויב דו קאָנסט מאַכן, אַז די פערד זאָלן ווידער גיין, וועל איך מבטל מאַכן די פאַראָרדענונג און מ׳וועט נישט אָנרירן דעם הייליקן באָדן פון אייערע מתים.

דער רב האָט שטום אָנגעקוקט דעם פּריץ, זיך פאַר אים פאַרנייגט און געזאָגט:

— יאַשניע וויעלמאָזשני פּאַניע. אַלץ איז אין די הענט פון גאָט. איך וועל בעטן צו אים, ער זאָל אונדז העלפן...

זאָגנדיק דאָס, האָט ער גענומען פון שמש דאָס טלית־זעקל, פון דאָרט אַרויסגענומען דעם טלית און אים אָנגעטאָן, אַרויסגענומען פון דער פאַר־גאָרטלטער קאַפּאָטע אַ קליין תהילימל, וואָס ער האָט שטענדיק געטראָגן מיט זיך און מיט געלאַסענע טריט צוגעגאַנגען צו די פערד, וואָס האָבן מיט דער קאָטש זיך געהאַט פאַרקירעוועט אינעם ראָוו אַריין, מיטן פּנים צום בית־עלמין.

צוגייענדיק גאָר נאָענט צו די פאַדערשטע צוויי פערד, האָט עס אויס־געזען, ווי ער וואָלט זיי עפּעס איינגערוימט אין די אויערן. ער האָט זיך פון זיי אָפּגערוקט אויף הינטערווילעכץ, געעפנט דאָס תהילימל און מיט אַ וויינענ־דיקע שטימע אָנגעהויבן קאַפּיטל, ע״ו:

...למנצח בנגינות מזמור לאסף שיר... נודע ביהודה אלהים בישראל גדול שמו:

...אתה אדיר מהררי־טרף: אשתוללו, אבירי לב נמו שנתם ולא־מצאו כל־אנשי־חיל ידיהם: מגערתך אלהי יעקב נרדם ורכב וסוס:

און מיט אַ גאַר באַזונדערער באַטאָנונג האָט דער רב פאַרענדיקט די לעצטע ווערטער פון קאַפּיטל: ... יבצר רוח נגידים נורא למלכי־ארץ.*).

די מאַסע פּויערן איז געבליבן שטיין פאַרבליפט מיט אַן איינגע־האַלטענעם אָטעם, פאַרפּילנדיק אינסטינקטיוו, אַז עפּעס דאַרף באַלד געשען. דער גלח, וואָס איז געשטאַנען נעבן פריץ האָט אַראָפּגעלאָזט אַ פאַרשעמ־טער די אויגן צו דר'ערד, ס'פּנים צעפלאַמט פון צאָרן און אומבאַהאָלפנקייט.

אַ פאַרגליווערנדיקע שטילקייט האָט געהאַנגען אינעם אַרום, אַז מ'האָט געקאָנט הערן דאָס זשומען פון כל־ערליי אינזעקטן אין דער לופטן און דאָס איבעררופן זיך פון פייגל אויף די אָקעגנאיבערדיקעביימער איבערן פעלד און דעם בית־עלמין ווי זיי וואָלטן אונטערגעהאָלפן דעם רב זאָגן תהילים.

אַ לויטער בלויער הימל איז געהאַנגען איבער אַלעמען און אַ לייכט ווינטל האָט באַוועגט די ביימער־קעפּ.

נאָכן אָפּזאָגן דאָס קאַפּיטל תהילים, איז דער רב געבליבן שטיין ווי צוגעאַנקערט צום באָדן. זיינע פייכטע אויגן האָבן געקוקט צום בית־עלמין, צו די איינגעפאַלענע פון אַלטקייט מצבות. מיטאַמאָל האָט ער דערפילט, אַז אַ וואַרעמקייט צעגיסט זיך איבער אַלע זיינע אברים. זיין פּנים האָט זיך צעשטראַלט פון אַן אינערלעכער ליכט. ער האָט אויפגעהויבן זיינע פאַרטרערטע אויגן צום הימל. אַלס שליח־ציבור פון זיין עדה האָט ער געפילט די גרויסע אחריות, וואָס דער גורל האָט אַרויפגעלייגט אויף זיינע פּלייצעס. ער האָט געבעטן, אַז דער רבונו של עולם זאָל אים העלפן אין דער עת־צרה בייצוקומען די קליפּה.

ער איז אַזוי געשטאַנען פאַרגליווערט, ווי ער וואָלט זיך איינגעהערט אין אַ רוישן פון נישטגעזעענע פליגל און ווידער אויפגעהויבן די אויגן צום הימל.

ער האָט צעשפרייט די הענט און אינטאָנירט מיט אַ קלינגענדיקער און מתיקותדיקער שטימע:

— „אב רחמים!... ובצל כנפיך תסתירנו כי אל שומרנו ומצילנו אתה... ושומר צאתנו ובואנו לחיים ולשלום מעתה ועד עולם... ברוך אתה יי שומר עמו ישראל לעד...“

דאָס ריטמישע און באַהאַרצטע תפילה זאָגן פון רב, וועלכער איז געווען אַ גרויסער בעל־מנגן, האָט נאָגנדיק אָפּגעקלינגען אינעם גאַנצן אַרום.

---

*) פאר דעם גרויסנמייסטער, מיט סטרונעגשפּיל, א מזמור פון אספן, א געזאנג... באקאנט אין יהודה איז גאט, גרויס איז זיין נאמען אין ישראל... אויסן זיינען זענען געווארן די שטארקהארציקע, זיי זענען איינגעשלאפן זייער שלאף; און אלע קריגסלייט האבן נישט געפונען זייערע הענט... פון דיין אנגעשריי גאט פון יעקב, איז אנטשלומערט געווארן אי רייטער אי פערד... ער האלט איין דאס נעמיט פון פירשטן, ער איז פארכטיק פאר אלע מלכים פון דער ערד. (לויט יהואש).

די פייגל אויף די אַרומיקעביימער האָבן איצט נאָך העכער אויפגעהויבן אַ טשווישצעריי און זיך אַנגעשלאָסן אין חזנישן מזמור. נאָכן אָפּזאָגן די תפילה, איז דער רב נענטער צוגעגאַנגען צו די פערד, פון וועמענס גלאַנציק־פאַרשווייסטע פעל האָט געשלאָגן אַ פּאַרע. ער האָט באַמערקט, ווי איין פערד, נאָענט צו אים, האָט אויפגעריסן אַן אויג און תמימותדיק געקוקט אויף אים.

דער רב האָט דערפילט אַ צער בעלי־חיים צו די פאַרמוטשעטע פערד. ער האָט געקוקט אויף דעם פערד, וואָס האָט געעפנט דאָס רעכטע אויג און שטום אויף אים געקוקט, ווי ער וואָלט געווען עפּעס אַ גילגול... און ער האָט זיך דערמאָנט, אַז ווען ער איז געווען אַ קליין יינגל, האָבן זיי געוווינט אין שכנות פון יעקל קאַוואַל. ער האָט ליב געהאַט צו קוקן, ווי יעקל, שוין אַן עלטערער ייד, הויבט מיט בריהשאַפט אויף די פאָדערשטע פיס פון די פערד און קלאַפּט זיי אָן פּאָדקאָוועס. ער פלעגט זיך מיט שרעק צוקוקן ווי יינגלעך האָבן אויסגעריסן די האָר פון די ווידלען ביי די פערד און דאָס באַטראַכט פאַר אַן עבירה, ווייל ס׳טוט וויי דער שטומער חיה. אַנדערע, מער דרייסטערע, פלעגן נאָענט צוגיין צו די פערד און זיי גלעטן דעם נאַקן און די מאַרדעס. די פערד האָבן פריילעך אונטערגעהירזשעט און געקאָפּעט די ערד.

אים האָט זיך איצט אויסגעדאַכט, אַז ער איז איינער פון יענער חדר־יינגלעך. ער האָט דעם פערד מיטן מרוזשנדיקן אויג אַ גלעט געטאָן דעם רוקן. די עטוואָס פייכטע פעל איז געווען גלאַטיק און וואַרעם אַזוי ווי סאַמעט.

דער רב האָט דערפילט אַ מאָדנע רחמנות צו דער שטומער חיה. ער האָט עס נאָכאַמאָל שוין דרייסטער אַ גלעט געטאָן אין קאַרק און דאָס פערד האָט לייכט באַוועגט מיטן ווידל. דער רב האָט אינסטינקטיוו זיך אָפּגערוקט פונעם פערד, וואָס האָט זיך פלוצים צעהירזשעט.

דער רב האָט אָפּגעווישט די האַנט, מיט וועלכער ער האָט געגלעט דאָס פערד, אין כאַלאַט, אונטערגעסמאַטשקעט און הויך אויסגערופן:

— וויאָ, פערדעלעך, וויאָ, רירט זיך שוין פון אָרט!....

אַלע פיר פערד האָבן מיטאַמאָל אויפגעשפּיצט די אויערן און אָנגע־הויבן באַוועגן מיט די פיס. דער ליווריטער קוטשער איז צגעלאָפן מיט אויפגעריסענע אויגן צו זיינע פערד, געכאַפּט די לייטשעס אין האַנט און לייכט אַ צי געטאָן. די פערד האָבן געפאָלגט און אַ ריר געטאָן זיך פון אָרט ווי אויפגעכאַפּטע פון אַ לאַנגן שלאָף, אויסגעדרייט די קאַרעטע און געבליבן שטיין אין מיטן וועג.

דער קוטשער האָט מיט אַ שמאַטע לייכט אָפּגעווישט די פייכטע פעל פון די פערד און געקוקט אויף זיי מיט צערטלעכקייט און זיך דריי מאָל איבערגעצלמט. דער כראַביע מיט זיינע באַגלייטער און די מאַסע פויערן אַרום זענען ווי פאַרגליווערטע געבליבן שטיין, קוקנדיק דאָ אויף די פערד,

דאָ אויפֿן רב, און ממש זיך נישט געגלויבט די אייגענע אויגן, זייענדיק לעבעדיקע עדות פֿון אַן אויסטערלישן ספּעקטאַקל.

זיי האָבן מיט באַוווּנדערונג און אויסגעגלאָצטע אויגן געקוקט אויפֿן רב ווי אויף אַ בעל־מופֿת און גענומען צווישן זיך צעהיצטע רעדן, אַז דער ראַבין האָט אָפּגעטאָן אַ כּישוף די פֿערד.

דער פּריץ איז איינגעשטיגן אין דער קאַרעטע, נעבן אים האָט זיך געזעצט אַ פֿאַרשעמטער דער גלח. פֿאַרן אָפּפֿאָרן האָט דער כראַביע אויס־געו̇רופֿן אויפֿן קול, אַז ווי לאַנג סאָבאַטע וועט שטיין, טאָר קיינער נישט אָנרירן דעם הייליקן באָדן פֿון אַלטן יידישן בית־עלמין.

און ער איז אָפּגעפֿאָרן אין דער קירכע, ווו דער גלח האָט אָפּגעריכט אַ פֿייערלעכע תּפֿילה פֿאַרן מציל זיין אַלעמען פֿון אַ סכּנה.

דער פּריץ האָט געהאַלטן וואָרט. די גזירה אויף אָפּצורוימען דעם בית־הקבֿרות איז אָפּגערופֿן געוואָרן.

א צייט שפּעטער האָט דער פּריץ צוגעטיילט די יידן אַ נייעם פּלאַץ אויף אויפֿצובויען אַ גרעסערן געבעט־הויז, געשיקט געהילץ און טשעס־לאַזשעס זיי זאָלן העלפֿן אויפֿשטעלן די געביידע. אַזוי איז אויפֿגעבויט גע־וואָרן דער בית־המדרש אין שטעטל סאָבאָטע.

די געשעעניש מיט די פֿערד איז שפּעטער אויסגעוואַקסן צו אַ לעגענדע און די גויים האָבן געקריגן גרויס רעספּעקט פֿאַר די יידן און אויף זיי געקוקט ווי אויף אָפּשפּרעכער פֿון אַלדאָס־בייז.

קאַפּיטל 3

# אירענאַ און מרים

אין דער דאָרפֿישער איזאָלירטקייט, ווו געסט קומען זעלטן, אויסער אויף בעלער, ווען די אַדללייט האָבן אַ געלעגנהייט צו רעדן וועגן פּאָליטיק, די דאַמען צו טרייבן רכילות, אָדער שמועסן וועגן די נייעסטע מאָדעס און די געשעענישן אין וואַרשע, האָט די יונגע טאָכטער פֿון כראַביע סאָבאָצקי זיך געפֿילט איינזאַם און זיך געלאַנגווייליקט.

ווען זי איז פֿיל יינגער געווען, האָט דאָס קינדערישע לעבן פֿאַר איר געהאַט אַן אַנדערן אינהאַלט און ווי אַלע קינדער אין איר עלטער געשווומען אין די וואָלקנס.

איצט, ווען זי איז עלטער געוואָרן און ס׳גייט איר דאָס 12־טע יאָר, האָט דאָס זאַטע לעבן מיט די פיל באַדינערינס אין פּאַלאַץ, איר אָנגע־הויבן לאַנגווייליקן. ס׳מיידל איז געוואָרן שטאַרק קאַפּריזנע.

זי האָט דערפאַר אַרויסגעוויזן ווייניק אינטערעס צו אירע לעקציעס און ספּעציעל צו דער פראַנצויזישער שפּראַך. איר גוווערנאַנטקע איז געווען מאַדאַם מישעל דעבואַר.

מאַדאַם דעבואַר האָט געהאַט גרויס דערפאַרונג מיט מיידלעך אין אי־רענאַ׳ס עלטער. זי האָט זיי פאַרשטאַנען און דעם נשמה־איבערברוך, וואָס זיי מאַכן דורך אין דעם עלטער. זי איז בטבע געווען אַ געדולדיקע דער־ציערין, נישט צודרינגלעך און געהאַלטן, אַז מיט טאַקט און פאַרנונפטיקייט קען מען בעסער געווינען דאָס האַרץ פון אַ יונג מיידל ווי מיט דיסציפּ־לינירטער רוטין.

זי פלעגט אירענאַ׳ן אָפט דערציילן וועגן לעבן אין פראַנקרייך און וועגן דעם לעבן פון די פּוילישע קאָלאָניעס אין פּאַריז און דרעזדען. דער־מיט האָט זי געוואָלט פאַראינטערעסירן דאָס מיידל מיט דער דרויסנדיקער וועלט.

ביי דער געלעגנהייט האָט זי איר געגעבן צו פאַרשטיין, אַז ווען זי וועט עלטער ווערן, וועט זי אַליין פאָרן קיין פּאַריז און ווי יעדע דאַמע דאַרפן פירן די קאָנווערסאַציע אין פראַנצויזיש. דאָס האָט דאָס מיידל אַ ביסל איבערצייגט, אַז זי זאָל מיט מער התמדה לערנען פראַנצויזיש.

אין שיינע נאָכמיטאָגן פלעגן ביידע אַרויספאָרן מיט דער בריטשקע אויף שפּאַציר אין דער אומגעגנט און טיילמאָל אַפילו אריינפאָרן אין שטעטל סאַבאַטע.

איינמאָל, אויף אַזאַ שפּאַציר, זענען זיי דורכגעפאָרן דעם אַרענדאַרס הויז, וואָס איז געשטאַנען סך־הכל דריי ווערסט פון פּאַלוואַרק. די איינ־שטאָקיקע הילצערנע געביידע, איז געשטאַנען נאָענט פון טראַקט, וואָס האָט געפירט אין שטעטל אַריין. אונטער אַ צעצווייגטן אַקאַציע־בוים האָבן ביידע באַמערקט שטיין אַ יונג מיידל. זיי האָבן אָפּגעשטעלט די קאַרעטע און צו־גערופן דאָס מיידל.

זי איז צו זיי צוגעקומען, אָנגעטאָן אין אַ לאַנג זומער־קליידל. ס׳מיידל איז געווען שעמעוודיק און אַ לייכטע רויטקייט איז געווען אויסגעגאָסן אויף איר שיינעם אַליוו־טונקעלן פּנימל. זי האָט נייגעריק געקוקט אויף דעם פּריץ׳ס טאָכטער.

זי האָט זיך לייכט פאַרנויגט און מיט אַ קינדערישער שטימע העפלעך ביידע באַגריסט:

— אַ גוט מאָרגן, גנעדיקע דאַמען!

— ווי רופט מען דיך, מיידעלע? — האָט די גוווערנאַנטקע אין איר אַקצענטירטן פּויליש געפרעגט.

— איך הייס, מרים, — האָט ס'מיידל שעמעוודיק געענטפערט.

— און וועמענס ביסטו, מיידעלע? — האָט די גוווערנאַנטקע איר ווייטער געפאַרשט.

— מיין טאַטע איז דער אַרענדאַר פון כראַביע סאַבאַצקי, האָט זי אין אַ שיינעם פויליש מיט אַ געוויסן שטאָלץ אָפּגעענטפערט. און אירע סאַמעט־טונקעלע אויגן האָבן מיט קינדערישער נייגעריקייט געקוקט אויף דעם שרה'ס טאָכטער.

אירענאַ האָט פון אַ זייט באַטראַכט דאָס יידישע מיידל, אויפגעכאַפּט איר וואַרעמען בליק און נישט דרייסט געפרעגט:

— האָסטו נאָך שוועסטערלעך, מיידעלע?!

מרים האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ:

— ניין, איך האָב נישט קיין שוועסטערלעך... כ'בין אַ בת־יחידה. מיין ברודערל איז אין ווישעגראַד... — און געוויזן מיט דער האַנט אין דער ריכטונג איבער די פעלדער. אירענאַ און מאַדאַם דעבואַר האָבן זיך איבערגעקוקט, די יונגע שררהטע האָט שטיל געפּליסטערט אין פראַנצויזיש:

— זי איז שיין און זיס, נישט וואָר?

מאַדאַם דעבואַר האָט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ, אַז זי איז מסכים מיט איר אָפּשאַצונג.

עטלעכע טעג שפּעטער, ווען זיי זענען ווידעראַמאָל דורכגעפאָרן דעם זעלבן וועג, האָבן זיי ווידער געזען שטיין די קליינע מרים אויפן זעלבן אָרט, אַזוי ווי זי וואָלט זיי אָפּגעוואַרט.

דאַסמאָל איז דער שמועס צווישןביידע מיידלעך געווען אַ מער פריינד־לעכער און צוגעלאָזענער. און ביים אָפּפאָרן האָט אירענאַ שוין אַ פאָכע געטאָן מיט דער באַהענטשטער האַנט און אויסגערופן:

— צום ווידערזען, מרימל!

דער דאָזיקער זשעסט פון אירענאַן איז זייער געפעלן געווען מאַדאַם דעבואַר. אַ צייט שפּעטער האָט זי פיל נאָכגעטראַכט וועגן דער צופעליקער באַגעגעניש מיטן אַרענדאַרס טעכטערל. אין מח ביי איר האָט פּלוצים אויפגעבליצט אַ דערמאָנונג וואָס האָט אַנטהילט אַ שטיק פון איר אייגן לעבן. די דאָזיקע דערמאָנונג האָט איר צוריקגעפירט צו איר אייגענער פאַריתומטקייט אין דער פּראָוואַנס, אין דרום פון פראַנקרייך. פאַרמאַכנדיק די אויגן זענען ראשיק אויפגעשווומען אין איר זכרון איבערלעבענישן און מיט אַ מאָל געזען דאָס יידישע מיידל אין איר אייגענער געשטאַלט.

און מאַדאַם דעבואַר איז איינגעפאַלן אַ געוואַגטער געדאַנק: ס'יידישע מיידל זאָל לערנען צוזאַמען מיט אירענאַ'ן, דאָס וואָלט פאַר דער לעצטער געווען אַ גרויס געווינס און אירענאַ וואָלט זיך דאַן געלערנט מיט מער חשק, האָבנדיק נעבן זיך אַ חברטאָרין אין איר עלטער.

מאַדאַם דעבואַר איז אויך געווען זיכער, אַז דאָס ידישע מיידל, וואָס זעט אויס באַחנט, מוז אויך זיין קלוג און האָבן אַ שאַרפן קאָפּ ווי אַלע קינדער פון איר ראַסע.

מאַדאַם דעבואַר האָט דעריבער אויף אַ דעליקאַטן אופן געוואָלט דער־גיין וואָס עס טראַכט אירענאַ וועגן ידישן מיידל כדי קאָנען דורכפירן איר פּלאַן.

— זי איז זייער אַ שיינע... און זי געפעלט מיר, — האָט אירענאַ זיך מודה געווען.

— וואָלסטו איר געוואָלט האָבן פאַר א חברטאָרין? — האָט די גוווערנאַנטקע דרך־אגבדיק איר אַ פרעג געטאָן.

אירענאַ האָט מיט אַ פאַרשנדיקן בליק געקוקט אויף איר דערציערין און קווענקלענדיק געענטפערט:

— אוודאי וואָלט איך געוואָלט, אָבער... עס פּאַסט נישט... און זי האָט זיך פאַררויטלט, נישט דערזאָגנדיק וואָס זי טראַכט.

— מאַמאַ וועט נישט דערלויבן... און זי איז אַ ברוגזע אַרויס פון צימער.

איינמאָל אויף אַ שפּאַציר אין גאָרטן, האָט אירענאַ פּלוצים געפרעגט איר דערציערין, צי ס'וואָלט גוט געווען, אַז דאָס ידישע מיידל זאָל קומען אין פאַלוואַרק אַריין און זיך מיט איר שפּילן.

— אַבסאָלוט, מיין קינד, האָט איר מאַדאַם דעבואַר געענטפערט.

— און זי וואָלט מיט מיר צוזאַמען געלערנט פראַנצויזיש? — האָט זי ווייטער געפרעגט.

— נאַטירלעך, מיין קינד, נאַטירלעך, — האָט די דערציערין צוגעשטימט.

— איך וואָלט בעסער געלערנט... — האָט זי מיטן אַן ערנסטן טאָן פאַרזיכערט דער גוווערנאַנטקע.

— אויב דו ווילסט דאָ האָבן די קליינע מרים, לאָז די זאַך צו מיר — האָט איר די דערציערין געזאָגט. — איך וועל וועגן דעם איבערשמועסן מיט דער כראַבינע. אירענאַ איז איר אַרויפגעפאַלן אויפן האַלדז און געקושט.

די גוווערנאַנטקע איז זייער געריירט געווען פון אירענאַ'ס צוגעלאָזנ־קייט און פון איר באַגער צו האָבן דאָס ידישע מיידל אַלס חברטאָרין. זי האָט אויך ווויל געוווסט, אַז זי דאַרף בייקומען צוויי גרויסע מניעות כדי איר דרייסטן פּלאַן דורכצוזעצן.

קודם־כל האָט זי דערוואַרט גרויס קעגנערשאַפט פון דער כראַבינע, ווייל יענע האָט געהאַט די אַבסאָלוטע דעה אין דער דערציאונג פון איר טאָכטער. די דאָזיקע אַריסטאָקראַטין, ווי זי האָט איר לערנען געקענט זינט

איר אָנקום אין הויף פון די סאָבאָצקי'ס פון דרעזדען, וווּ דער פּריץ האָט איר אַנגאַזשירט, איז געווען אַן אָפּגעשלאָסענע אין זיך, פּאַרריסן און באַפּע־לעריש, אין קעגנזאַץ צו די אַריסטאָקראַטינס, וואָס זי האָט געקענט אין פראַנקרייך.

זי האָט פאַרשטענדלעך אויך דערוואַרט גרויס קעגנערשאַפט פון דעם ייד. ער וועט זיכער נישט מסכים זיין, אַז זיין איינציק טעכטערל זאָל קומען אין הויף פון פּריץ, ווו זי קען נאָך ניכשל ווערן פון זאַכן וואָס זענען קעגן דער יידישער רעליגיע.

זי האָט אָבער פאַרשטאַנען, אַז אויב דאָס וועט זיין לויט אַ באַפעל פון פּריץ גופא, וועט דער ייד מוזן נאָכגעבן. מאַדאַם דעבואַר איז בטבע געווען אַ קלוגע און ענערגישע. אויסער אירע פיינע מאַנירן, איז זי אויך געווען טאַקטפול און געוווסט, ווי זיך נוהג צו זיין מיט מענטשן, כדי צו געווינען זייער צוטרוי; זי איז געווען אַ גלענצנדע מיטשמועסערין אין יעדער סאַלאָן־קאָנווערסאַציע און זיי דורכגעפלאָכטן מיט פיל הומאָר און אַנעק־דאָטן. זי האָט געהאַט פיל געלייענט, פאַרקערט אין פיל אַריסטאָקראַטישע הייזער און שטענדיק געהאַט אַ גרייטן ענטפער אויף יעדער פראַגע. דאָס האָט איר געוווּנען פיל רעספּעקט.

עטלעכע טעג שפּעטער, נאָך איר אינטימען שמועס מיט אירענאַ'ן, איז מאַדאַם דעבואַר אַוועק צו דער כראַבינע כדי איר פאַרלייגן איינצולאַדן דאָס יידישע מיידל אַלס קאָמפּאַניאָן פאַר איר טאָכטער.

נאָך דעם קאָנווענציאָנעלן באַגריסן זיך האָט די דערציערין איר פאַר־געלייגט איר אידעע וועגן דעם אַרענדאַרס טאָכטער. די כראַבינע איז גע־בליבן זיצן ווי צוגעשמידט צו איר ווייכן אָרט אויף דער סאַטינירטער סאָפע און מיט שטוינונג געקוקט אויף דער גוווערנאַנטקע ווי זי וואָלט זי צום ערשטן מאָל געזען. נאָך אַ ווײַלע שווייגן האָט זי אויפגעהויבן דעם קאָפּ, צוגעלייגט איר פענסנע צו דער נאָז, זי באַטראַכט און מיט אַ קאָנט־ראָלירטער שטים, נישט צו פאַרראַטן איר רוגז, אויסגערופן:

— מאָן דיו, סע ענקרוויאַ'בל! — האָט זי אין אַ גוטן אַקצענטירטן פראַנצויזיש געזאָגט, — כ'האָב דאָס קיינמאָל נישט דערוואַרט פון אייך צו הערן אַזאַ פאַרלייג. — און ווײַגנדיק די פענסנע נאָכאַמאָל באַטראַכט די גוווערנאַנטקע וואָס איז געזעסן אָקעגנאיבער איר אין פאָטעל. אָפּהוסטנ־דיק לייכט, האָט די כראַבינע זיך פלוצים צעלאַכט, געבנדיק דערמיט אָנ־צוגעהערן, אַז די דערציערין האָט געמאַכט אַ שפּאַס און שוין מער צודרינג־לעך געפרעגט:

— מיינט איר דאָס ערנסט, מאַדאַם דעבואַר?

די גוווערנאַנטקע האָט אין געקוקט גלייך אין פּנים אַריין און געלאַסן געענטפערט:

— נאַטורעלמען, — ווילגעבוירענע מאַדאַם!
— הייסט עס, אַז איר ווילט ברענגען די רעוואָלוציע אויף מיין שוועל?
— האָט זי מיט אַ לייכטער איראָניע געזאָגט, און ווידער צוגעלייגט די פּענסנע צו דער נאָז, און פאַרשנדיק געקוקט אויף איר מיטשמועסערין:
— איר פראַנצויזן זענט זייער אומגעדולדיק און טעמפּעראַמענטפול... נאַנשאַלאַנט אין די דעליקאַטסטע זאַכן... נישט אמת?! — זאָגנדיק דאָס האָט זי אַרויסגעלאָזט אַ דין געלעכטערל.

מאַדאַם דעבואַר האָט פאַרשטאַנען די לייכטע איראָניע אין די כראַ־בינעס ווערטער, ספּעציעל דעם רמז אויף דער רעוואָלוציע. זי האָט זיך אָבער באַהערשט און געפילט, אַז דאָס איז נישט דער מאָמענט דערויף ווי געהעריק צו רעאַגירן, ווייל ס׳קען נאָך פאַרפלאָנטערן איר ציל. זי האָט דעריבער באַשלאָסן פאַרבייגיין דעם שטאָך און מיט מער איבערצייגנדיקע אַרגומענטן געווינען די כראַבינע אויף איר זייט.

— גנעדיקע מאַדאַם, אין מיין היים אין אוויניאָן, האָט מען מיך געלערנט צו זיין טאָלעראַנט און האָבן פאַרשטענדעניש פאַר אַנדערע... דאָס איז אַ טייל פון מיין דערציערישן אַספּעקט...

— טאָלעראַנץ, טאָלעראַנץ, — האָט די כראַבינע געצויגן די ווערטער און גאַוודיק אויפגעהויבן איר שיין געקעמטן קאָפּ:
— איר פאַרגעסט, מאַדאַם דעבואַר, וואָס איז ווירדע? איר ווילט, אַז מיין טאָכטער, די צוקונפטיקע גרעפין, זאָל זיך חברן מיט אַ מיידל פון אַ נידעריקן שטאַנד? דאָס הייסט ביי אייך טאָלעראַנץ?

— מיטן גרעסטן רעספּעקט צו אייך, כראַבינע, איך פאַרשטיי אויס־געצייכנט אייער שטאַנדפּונקט אין דעם ענין...
— אָבער, איר לייגט מיר פאַר אַ זאַך, וואָס איז אומדערהערט... — האָט איר מיט קענטיקער אומגעדולד איבערגעריסן די כראַבינע.
— גנעדיקע מאַדאַם, כ׳בין מיט אייך מסכים, אַז ס׳איז פאַראַן אַן אונטערשייד צווישן שטאַנד און קלאַס פון מענטשן... איך האָב אָבער נישט קיין פאַראורטייל ווען עס האַנדלט זיך אין דער דערציאונג פון גוט־דערצויגענע קינדער.
— וואָס מיינט איר גוטדערצויגענע קינדער? — האָט די כראַבינע שוין אין אַ מער געלאַסענעם טאָן איבערגעפרעגט.
—דערלויבט מיר, גנעדיקע כראַבינע, אייך אויפמערקזאַם מאַכן, אַז דאָס מיידל וועגן וועלכער מיר רעדן, איז נישט קיין לייבאייגענע און נישט קיין קינד פון אָפּגעשטאַנענע פּרימיטיווע מענטשן... דאָס, וואָס זי איז אַ יידישקע, איז אַ צופאַל. לויט מיין מיינונג, זעט זי אויס אַ זייער גראָטן קינד מיט עלעמענטאַרער בילדונג, ווי דאָס רוב קינדער ביי די יידן... איר קאָנט זיך אַליין אין דעם איבערצייגן איידער מיר באַשליסן עפּעס... מיינס, איז נאָר אַ פאַרלייג פאַר דער טובה פון אייער אירענאַ...

— איר שטעלט מיך אין גרויס פאַרלעגנהייט, — האָט די כראַבינע מיט רוגז אין איר שטימע דערויף געענטפערט.

— וואָס ווילט איר, אַז איך זאָל זיין דער אַוואַנגאַרד פון עפּענען די טירן פון פּאַלאַץ פאַר נישטפּריווילעגירטע און זיי געבן בילדונג ? !

מאַדאַם דעבואַר האָט דער כראַבינע געוואָלט אויפמערקזאַם מאַכן, אַז די יידן אין פראַנקרייך, זענען גלייכבאַרעכטיקטע בירגער פונקט ווי די פּראָנ־צויזן. זי האָט איר אָבער דאָס נישט געזאָגט און געמאַכט אַ באַוועגונג ווי זי וויל פאַרלאָזן ס׳צימער. די כראַבינע האָט דאָס באַמערקט און איר געגעבן אַ צייכן, אַז די אוידיענץ איז נאָכנישט פאַרענדיקט. זי האָט זיך געפילט א ביסל אין פאַרלעגנהייט, טראַכטנדיק, אַז זי האָט אפשר פריער נישט ריכטיק פראַזירט איר געדאַנק, און מיט אַ מער פריינדלעכן טאָן צוגעגעבן :

— מאַדאַם דעבואַר, איך גלויב, אַז איר פאַרשטייט מיין געמיט. אייער אויסטערלישער פאַרלייג איז געקומען אַזוי אומדערוואַרט... איך ווייס, אַז איר האָט די בעסטע כוונות דערביי, אָבער דאָס פאָדערט אַ ישוב־הדעת...

די גוווערנאַנטקע, האָט אין דעם געענדערטן טאָן פון דער אַריסטאָ־קראַטין געפילט, אַז יענע ווערט אַ ביסל עלאַסטישער און האָט שוין מער דרייסט זיך אָפּגערופן :

— גנעדיקע כראַבינע, כ׳האָב מיר דערלויבט אויף דעם פאַרלייג, וויל כ׳ווייס, אַז איר האָט געלייענט זשאַן זשאַק רוסאָ. אגב זע איך ליגן ביי אייך דאָ אויפן טישל זיין „נאָוועל העלאָיז" און „מיין ווידוי". כ׳האָב דער־פון געקאָנט פאַרשטיין, אַז איר זענט אַ ביסל באַאיינפלוסט פון זיין אידעען־וועלט, כ׳מיין זיין הומאַניזם...

— הומאַניזם . . . האָט די כראַבינע ווי צו זיך גערעדט און הויך זיך אָפּגערופן : — הומאַניזם איז אַ זייער שיינע פראַזע ווען זי ווערט באַ־האַנדלט אין סאַלאָן . . . פאַרגעסט אָבער נישט, אַז מיר זענען נישט אין פראַנקרייך . . . און דאָ אין פוילן, גילטן גאַנץ אַנדערע באַדינגונגען. די ווירקלעכקייט דיקטירט אונדז אַן אַנדערן צוגאַנג צו ענלעכע פּראָבלעמען.

די גוווערנאַנטקע האָט זיך געפילט אין דעם מאָמענט ווי אַ דראָט־גייערין אין צירק, וואָס ביי איין פעלערהאַפטן טראָט קאָן זי פאַרלירן איר גלייכגעוויכט. זי האָט דעריבער צוגעקליבן אירע ווערטער אין אַ לעצטן פּרוּוו צו געווינען די אַריסטאָקראַטין :

— גנעדיקע כראַבינע, דערלויבט מיר איך זאָגן, מיין באַשיידענע מיינונג ווי איך זע דאָס אַלס דערציערין . . . כ׳זע, ווי אייער אירענאַ לעכצט נאָך געזעלשאַפט. אַ מיידל אין אירע יאָרן, מיט וועלכע זי זאָל זיך קענען טיילן מיט אירע מיידלשע עמפּינדונגען און שפּילערייען. דאָס וועט איר צו־געבן מער חשק צום לערנען... מיידלעך אין דעם דעליקאַטן עלטער נויטיקן זיך אין עמיצן פאַר וועמען זיך צו קאָנען אָנפאַרטרויען מיט אָנרעגונגען

און געדאַנקען . . . מיט וועלכע זיי קאָנען זיך נישט אָנפּאַרטרויען צו עלטערן אָדער דערוואַקסענע . . . כ'האָב דאָס דערפאַרן אין מיין יאָרלאַנגער פּראַקטיק אַלס דערציערין . . . כ'האַלט, אַז דאָס איז די בעסטע טעראַפּיע פאַר אַזעלכע מיידלעך און העלפט זיי אין זייער גייסטיקער, סיי פיזישער אַנט־ וויקלונג . . . אין דעם נויטיקט זיך אירענאַ . . . אַלע אירע חברטאָרינס ווינען זייער ווייט און זי זעט זיי קוים צוויי מאָל אין יאָר . . . דעריבער נויטיקט זיך אַוועקצוקוקן אויף פאַראורטיילן . . . דאָס איז אַ זאַך, וואָס פאָ־ דערט פאַרנונפטיקייט פון עלטערן... פאַר דער טובה פון דעם יונגן קינד... מער האָב איך נישט, מאַדאַם, וואָס צוצוגעבן! — און זי האָט זיך ראַפּטום אויפגעשטעלט.

די כראַבינע האָט מיט דער האַנט איר געגעבן אַ צייכן, אַז זי דער־ לויבט איר נאָכנישט אַוועקצוגיין:

—אָ, באַרמהאַרציקער גאָט, ווו טרומפּע... איר גייט אַ ביסל צו ווייט מיט אייער פאַרלייג... אמת, מיין אירענאַ האָט מיר שוין דערציילט וועגן דעם יידישן מיידל . . . און נישט יעדעס קינד געפעלט איר . . . אָבער פון דעם מיידל האַלט זי . . . זי האָט איר ליב באַקומען... דאָס שטעלט מיך אין גרויס פאַרלעגנהייט . . . אירענאַ ווערט וואָס אַמאָל מער קאַפּריזנע און אָפּזאָגן איר ווונטש, קען אויף איר שלעכט ווירקן . . . האָט די כראַבינע ווי צו זיך אַליין גערעדט.

די גוווערנאַנטקע האָט אין דער האַלטונג פון דער כראַבינע געזען, אַז דער אייז איז היפּשלעך איינגעבראָכן געוואָרן און מ'דאַרף די זאַך דער־ פירן צו אַ סוף:

— כראַבינע סאָבאָצקי, האַלט איר נישט, אַז ס'וואָלט פונדעסטוועגן געווען פּראַקטיש צו מאַכן אַ פּראָבע?... זען צי די קינדער פאַרשטייען זיך און קאָנען אָנגיין צוזאַמען? און אויב דאָס מיידל וועט זיך נישט אַריינ־ פּאַסן אין איר אויפגאַבע, וועט מען זי דערווייטערן . . . דאָס וועט זיין איינע פון די גרינגסטע זאַכן צו טאָן, נישט אמת, מאַדאַם?

— דאָס איז זייער אַ גוטער איינפאַל — האָט די כראַבינע ווי אויפגע־ וואַכט פון אַ דרימל. זי האָט שוין שטילער געפרעגט: — אָבער וואָס איז מיטן מיידלס מאַנירן? פאַרגעסט נישט איר סביבה, — האָט זי מיט אַ טאָן פון פאַרזאָרגטקייט זיך אָפּגערופן.

— דאָס לאָזט איבער צו מיר, — האָט די גוווערנאַנטקע מיט זעלבסט־ צופרידנקייט געענטפערט.

— אָ, נאָך איין באַדינג, — האָט די כראַבינע ווי זיך עפּעס דערמאָנט.

— כ'מוז די זאַך פריער איבערשמועסן מיט נאָך עמיצן. און ס'בלייבט, ווי מיר האָבן אָפּגעשמועסט, אַז די גאַנצע זאַך ווערט געטאָן אויף פּראָבע, נישט ריכטיק?!

די גוווערנאַנטקע האָט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ.

צוויי טעג שפּעטער, האָט די כראַבינע געשיקט א משרת צום אַרענ־דאַר און אים באַפוילן, אַז ער זאָל צוגרייטן זיין טעכטערל צו קומען אין הויף אַריין אויף אַ באַזוך צו דער יונגער פּריצטע.

...אַזוי האָט זיך אָנגעהויבן די אינטימע חברשאַפט צווישן די צוויי מיידלעך. די טאָכטער פון דער כראַבינע סאָבאָצקי מיט דער 11־יעריקער מרים פון ידישן אַרענדאַר, לייבקע לובלינער.

אין אָנהייב האָט מרים זיך זייער געשראָקן אַריבערצוטרעטן די שוועל פון פּריצישן הויז. נאָכן אַדורכגיין די ערשטע פייער־פּראָבע, איז זי מיט דער צייט היימישער געוואָרן.

ס'מיידל איז אויך געפעלן דער כראַבינע און אירענאַ איז געווען אין זיבעטן הימל.

לייבקע לובלינער האָט פּאָר זיינע קינדער, דעם בכור יצחקל און זיין טעכטערל, וואָס איז געווען צוויי יאָר יינגער, צוגענומען אַ באַהעלפער, וואָס איז געקומען דריי מאָל אין דער וואָך פון סאָבאָטע מיט זיי לערנען עברי און אין אַ קורצער צייט האָט מרים געקאָנט פון אויסנווייניק אַלע ברכות.

נאָך דעם ווי יצחקל איז אַוועקגעפאָרן לערנען אין דער ישיבה אין ווישעגראַד, האָט דער אַרענדאַר געבעטן זיין בוכהאַלטער, ער זאָל דאָס מיידל לערנען שרייבן און לייענען פּויליש און אַ ביסל חשבונות. דער ייד האָט געהאַלטן, אַז דאָס וועט איר צונוץ קומען צו אַ גוטן שידוך. אינצווישנ־צייט, ווען זי וועט אונטערוואַקסן, וועט זי אים העלפן פירן די חשבונות אין זיינע מסחרים.

ער האָט געהאַט פּאַרפאַכטעט צוויי שענק אין שטעטל. א חוץ דעם, איז ער געווען אַ משכון־נעמער. עס איז באַקאַנט געווען מיט זיין צודרינג־לעכקייט צו זיינע בעלי־חובות.

אין שטעטל האָט מען שטילערהייט אויסגערעדט אויף אים אסור לדבר. דערפאַר האָט שטאַרק פון אים געהאַלטן דער כראַביע, ווייל ער האָט אים שטענדיק און צו דער צייט באַזאָרגט מיט נויטיקע הלוואות און אויך אין דער צייט איינגעזאַמלט ביי די יידן אין שטעטל די שטייערן.

אין אַ נויטפאַל, פלעגט דער ייד, ווי פון אונטער דער ערד, אים צושטעלן זעקלעך מיט גאָלדענע דוקאַטן.

דער אַרענדאַר האָט גענאָסן פון פּריץ'ס צוטרוי, און אַרומגעפאָרן איבערן לאַנד איינצוקויפן אינווענטאַר און פּראָדוקטן פאַר דערווירטשאַפט פון הויף.

אַזעלכע נסיעות האָבן אים געפירט קיין וואַרשע, דאַנציק און לובלין, ווו ער האָט פאַרקערט אין די רייכע הייזער פון די דאָרטיקע פּרנסים.

אין דאַנציק האָט ער געזען, ווי די טעכטער פון פּרנס, רעדן און שרייבן דייטש. ווידער אין וואַרשע און לובלין האָט ער געזען, ווי די קינ־דער פון די פאַרמעגלעכע יידן, רעדן אַ שיינעם פּויליש און זייער קליידונג איז אַנדערש ווי עס טראָגן די יידן אין די קליינע שטעטלעך אין געטאָ. אויך זייער פּירעכץ און לעבנשטייגער איז גאַנץ אַנדערש.

אין לובלין האָט ער געזען די בראָשור פון כעלמער רב, ר׳ הערשל יוזעפאָוויטש, געשריבן אין דער פּוילישער שפּראַך, אין וועלכער דער רב רעדט ארום דעם ענין פון חינוך, און ווי אַזוי מ׳דאַרף רעפאָרמירן די יידן אַלס נוצלעכע בירגער פון לאַנד... און ער האָט זיך געטראַכט: אויב אַ רב מעג שרייבן פּויליש, האָט ער דאָך מסתמא געלערנט די שפּראַך, על־כן, איז נישט קיין עבירה צו לערנען פּויליש אָדער אַן אַנדער לשון. באַזונדערס רעדן דאָך אַלע וועגן השכלה. אויב אַזוי פאַרוואָס נישט לערנען די אייגענע קינ־דער. ער קאָן זיך ב״ה אויף דעם פאַרגינען.

לייבקע לובלינער האָט אויך אַנומלט געהערט דערציילן, אַז מיט יאָרן צוריק, האָט ר׳ ישראל לובאַרטאָווער, דער שאַצמייסטער פון פירשט סאַנ־גושקאָ אָנגעדונגען אַ לערערין צו זיין טאָכטער צו לערנען מיט איר פראַנ־צויזיש און דאָס האָט איר גאַרנישט געשאַדט זי זאָל שפּעטער נעמען אַ רב פאַר אַ מאַן.

אָט, מיט די רעיונות האָט ער אויפגענומען די נייעס, נאָכן אהיימ־קומען פון וואַרשע, אַז אין זיין אָפּוועזנקייט, האָט די כראַבינע געשיקט נאָך זייער טעכטערל, זי זאָל קומען אין הויף אריין. איצט, פאָרט זי דאָרט אהין דריי מאָל אין דער וואָך און לערנט צוזאַמען מיט דער פּריץ׳ס טאָכטער פראַנצויזיש.

זיין קאָפּ איז געווען צופיל פאַרנומען מיט אַנדערע זאַכן און איבער־הויפּט מיטן עול, וואָס ער דאַרף אין צוויי וואָכן אַרום, צושטעלן דעם כראַביע אַ הלוואה פון צוויי טויזנט דוקאַטן.

אמת, דאָס וועט אים שווער נישט אָנקומען. פון זיינע רייזעס און טראַנ־זאַקציעס איז ער רייכער געוואָרן. איצט, נאָך די אַלע יאָרן פון צרות און פאַרפאָלגונגען, וואָס ער האָט דערפאַרן ביז ער איז אָנגעקומען צום פּריץ און געוואָרן זיין אַרענדאַר, פילט ער זיך זיכערער און חשובער ביי זיך אַליין. אין זיין קופערט ליגן פאַרשטעקט עטלעכע זעקלעך דוקאַטן און טייערע חפצים וואָס מ׳האָט ביי אים פאַרמשכנט.

## קאַפּיטל 4

# מאַדאַם מישעל דעבואַר

מאַדאַם דעבואַר האָט זיך בכלל נישט געוווּנדערט וואָס דער אַרענדאַר האָט זיך נישט אַקעגנגעשטעלט צו שיקן זיין טעכטערל אין פּאַלאַץ אַריין. זי האָט געהערט, אַז ווען די כראַבינע האָט נאָך איר געשיקט, איז ער דע־מאָלט געווען פאַררייזט. און אויב אפילו ער וואָלט יאָ געווען אין דער היים, האָט זי געטראַכט, וואָלט ער זיכער נישט געווען ווידערשפּעניק קעגן זיין באַלעבאָס, דעם כראַביע, טראַצדעם, וואָס ער איז פּאַקטיש נישט געווען קיין לייבאייגענער.

מרים, דאָס באַחנטע מיידל מיט די פאַרחלומטע אויגן, איז געווען אַ פּראָטאָטיפּ פון איר אַליין.

קוקנדיק אויפן מיידל פון אַ זייט, האָט זי זיך דערמאָנט אין איר איי־גענער היים, אין אירע עלטערן און אין איר זיידן. פיל יידן אין שטעטל סאַבאָטע זענען ענלעך אויף איר זיידן.

מישעל דעבואַר איז נישט געווען איר ריכטיקער נאָמען, נאָר אַ נאָמען וואָס אירע טויף־עלטערן האָבן איר געגעבן. איר אמתער נאָמען איז געווען אַראבעללאַ־מרים אלפסי.

זי איז געבוירן געוואָרן אין אַ פאַרמעגלעכער יידישער היים. אירע עלטערן זענען געווען אַנוסים וואָס האָבן אויסגעוואַנדערט פון פּאָרטוגאַל און געפונען אַ מקום־מקלט אין קאַרפּענטראַס, אין דרום פון פראַנקרייך. דאָרט איז ס'לעבן פון יידן אין יענע יאָרן געווען ווייניקער באַדראָאַט פון דער קירכע ווי אין פּאָרטוגאַל.

ס'טרעפט, אַז נישט איינמאַל אין איינזאַמע נעכט, ליגט זי אויף איר געלע־גער און טראַכט פון יענער צייט ווען זי איז געווען א קליין מיידעלע. זי דערמאָנט זיך, ווי זי האָט זיך געשלעפּט מיט אירע עלטערן אין די פּירע־נעען בערג, טעג־און נעכט, דורכגעמאַכט פיל סכנות, ביז זיי האָבן דער־גרייכט די גרענעצן פון פראַנקרייך.

פיל וואַנדערנדיקע פאַמיליעס, ווי אירע, זענען דעמלט אויפן וועג פאַרלעצט און באַרויבט געוואָרן.

אין קאַרפּענטראַס האָבן זיי געוווינט אין שכנות פון יידישן קוואַרטאַל. זיי האָבן געהאַט זייער אַ באַקוועמע היים. אויסער איר, זענען געווען צוויי עלטערע ברידער, וואָס האָבן געהאָלפן דעם טאַטן אין מסחר. ער איז געווען אַ חלפן און געהאַנדלט מיט צירונג.

זי איז געווען אַ בחנט מיידל מיט גרויסע שוואַרצע אויגן און מ'האָט איר פֿאַרויסגעזאָגט, אַז זי וועט אויסוואַקסן אַ פּרינצעסין.

אין דער היים צווישן זיך, האָבן זיי גערעדט לאַדינאָ. אַ קורצע צייט נאָכן אָנקומען אין קאַרפּענטראַס, האָט דער פּאָטער געדונגען אַ לערער וואָס האָט געלערנט ביידע ברידער פֿראַנצויזיש. זי האָט מיט גרויס נייגיר נאָכגעפֿאָלגט די לעקציעס און אויפֿגעכאַפּט פֿיל נייע ווערטער. פֿון די קינדער אין גאַס, מיט וועלכע זי האָט זיך געשפּילט, האָט זי זיך גאָר שנעל אויסגעלערנט דעם פּראָוואַנס־דיאַלעקט און מיט דער צייט, האָט איר אויסשפּראַך זיך גאָרנישט אונטערשיידט פֿון די אָרטיקע קינדער.

ווען זי איז געווען גאָר קליין, האָט זי ליב געהאַט צו זיצן נעבן איר זיידן. ער האָט תמיד אַריינגעקוקט אין אַ ספֿר וואָס ער האָט געהאַלטן פֿאַרשטעקט, כדי אַ פֿרעמד אויג זאָל עס נישט זען.

זיינע העוויות ביים אַריינקוקן אין ספֿר זענען איר אויסגעקומען צו זיין זייער סודותפֿול און אומפֿאַרשטענדלעך. אויך די אותיות אין ספֿר, אין וועלכן זי האָט איינמאָל אַריינגעקוקט, ווען דער טאַטע האָט גערופֿן דעם זיידן, און ער האָט פֿאַרגעסן צו פֿאַרמאַכן דעם ספֿר, זענען פֿאַר איר געווען סודותדיק און פֿרעמד. זי האָט פֿריער אַזעלכע פּירקאַנטיקע אותיות נישט געזען.

מאַדאַם דעבואַר דערמאָנט זיך, אַז ווען זי איז אַביסל עלטער געוואָרן, האָט מען איר אָנפֿאַרטרויט דעם סוד, אַז זיי זענען אנוסים און שטאַמען פֿון אַ רייכער פֿאַמיליע אין טאָלעדאָ.

איר טאַטע מיט די ברידער זענען אָפּטמאָל געפֿאָרן אויף מאַרק־טעג אין די שכנותדיקע שטעטלעך. איינמאָל, ווען ער איז פֿון אַזאַ רייזע נישט צוריקגעקומען, איז געקומען אַ שליח פֿון אַ שכנותדיק שטעטל און אָנגעזאָגט דער מאַמען די טרויעריקע בשורה, אַז דער פֿאָטער און ביידע ברידער זענען אויפֿן וועג אהיים באַרויבט און דערמאָרדעט געוואָרן.

מיט איינמאָל איז זייער הויז געוואָרן חרוב און זי איז געבליבן אַ יתומה.

די מאַמע איז נאָך דעם אומגליק שווער קראַנק געוואָרן. ווען זי איז אַביסל געקומען צו זיך, זענען זיי מיט זייער ביסל אָרימקייט אַוועקגעפֿאָרן צו דער מאַמעס קרובים אין שכנותדיקן אַוויניאָן.

דאָס איז געווען אַ פֿיל גרעסערע שטאָט ווי קאַרפּענטראַס, מיט ריזיקע געביידעס און פּאַלאַצן. אויך די מענטשן אין גאַס האָבן אַנדערש אויסגעזען, געווען אָנגעטאָן אין שענערע קליידער.

דער זיידע איז פֿאַרבליבן אין קאַרפּענטראַס, ווו ער איז אָנגעקומען אין אַ מושב־זקנים. מער האָט זי איר זיידן נישט געזען.

דאָס לעבן מיט דער מאַמעס קרובים איז אין אָנהויב געווען זייער פֿריינדלעך. די מאַמע האָט געהאַט מיטגעבראַכט מיט זיך אַ שטיקל פֿאַר־

מעגן. זי האָט אויך געהאָלפן פירן דיווירטשאַפט און עס איז געווען וואָס אָפּצועסן.

אָבער מיט דער צייט, איז איר מוטער שטאַרק פאַרעלטערט געוואָרן. זי איז ממש אויסגעגאַנגען ווי אַ ליכט. זי האָט נישט געקאָנט אַריבער־טראָגן דעם אומגליק פון דער פאַמיליע.

זיי האָבן געוווינט אין אַן אַלט, אָפּגעריסן ליימענעם הויז, ווייט אויסער דער שטאָט, אין דער יידן־גאַס, נישט ווייט דעם בית־עלמין. איר איז דעמלט געגאַנגען אויפן צענטן יאָר.

עטלעכע חדשים שפּעטער איז די מוטער געשטאָרבן און מ׳האָט איר באַגראָבן קעגנאיבער אויפן בית־עלמין.

נאָכדעם, ווי זי איז געוואָרן אַ קיילעכדיקע יתומה, האָט די מאַמעס פאַמיליע אַרויסגעוויזן צו איר רחמנות און משפּחה־וואַרעמקייט, וואָס האָט זיך מיט דער צייט שנעל אָפּגעקילט. זיי זענען געווען אַן עלטער, קינדערלאָז פּאָרפאָלק און מרים איז זיי געפאַלן צו לאַסט.

מאַדאַם דעבואַר דערמאָנט זיך יענע שווערע טעג אַזוי ווי עס וואָלט נעכטן פּאַסירט. מיט איר קינדעריש האַרץ האָט זי דעמלט אינטואיטיוו באַ־נומען, אַז זי איז אַן איבעריקע דעם אַלטן פּאָרפאָלק ווייל זיי זענען אָרים. און אַלץ, וואָס די מאַמע האָט מיט זיך מיטגעבראַכט פון קאַרפּענטראַס איז שוין לאַנג פאַרקויפט געוואָרן אויף חיונה. פלעגט זי אַ הונגעריקע און אַן אָפּגעריסענע ליגן אויף איר געלעגער און באַוויינען איר ביטערן גורל. זי האָט נישט געוווסט וואָס צו טאָן מיט זיך. טיילמאָל פלעגט זי גלאָט אַזוי אַרומבלאָנדזשען אין דער סביבה, נאָענט פון דער גאַס, ווו אירע קרובים האָבן געוווינט, ווייל זי האָט מורא געהאַט צו גיין נעענטער צו די מויערן פון דער שטאָט.

שפּעטער, געטריבן פון הונגער און נייגיר, איז זי געוואָרן מער דרייס־טער ביי זיך און אָנגעהויבן צו גיין נענטער צו דער שטאָט און איז דאָרט אריין דורכן גרויסן טויער.

דאָס איז געווען אַ גוואַלדיקע איבערלעבעניש. זי האָט זיך אין אָנ־הויב שטאַרק געשראָקן פאַר דעם ריזיקן אָנגעוואָרף פון אָן אַ שיעור ריזיקע געביידעס, טורעמס און קירכערס.

נאָכן איבערקומען די ערשטע שרעק איז זי עטלעכע טעג שפּעטער ווידער אַוועק אין דער פאַרשאַנצטער שטאָט. דאָסמאָל האָט זי שוין געקוקט מיט אַנדערע אויגן אויף די פיל דורכגייער, אָבער אַלץ נאָך געקוקט פאַר־גאַפט אויף די קירכע־טורעמס, וואָס זייערע שפּיצן האָבן זיך געריסן אין הימל אַריין.

זי האָט ליב געהאַט צו גיין נעבן די גרויסע גערטנער, נישט ווייט פון דעם געוועזענעם פויפּסטלעכן פּאַלאַץ מיט די געוועלבטע פענצטער־עפע־

נונגען און דעם געשניצטן פאַסאַד מיט די צוויי שפּיציקע טורעמס אין דער הויך.

דעמלט האָט זי נאָכבישט געוווּסט, אַז אין דעם ריזיקן פּאַלאַץ האָט אַמאָל געוווינט דער פּויפּסט, קלעמענס דער פינפטער און אַז דאָס איז געווען זיין פאַנטיפיקאַלע רעזידענץ און אַז נאָך אים, האָבן געוווינט דאָרט אַנדערע פּויפּסטן.

מאַדאַם דעבואַר דערמאָנט זיך, אַז ווען זי פלעגט דאָרט אַריינגיין אין די דאָזיקע ריזיקע זאַלן מיט די הויכע געוועלבטע סופיטן, האָט זי ליב געהאַט צו שטיין און קוקן פאַרגאַפּט אויף די פּאַרטאַלן, געשניצטע געזימסן און פרעסקאָס. אויף די וואַנט־געמעלן האָט זי געזען הייליקע געשטאַלטן וואָס האָבן איר דעמלט זייער געשראָקן.

אין ריזיק געמעל האָט פאַר איר באַזונדערס אויסגעזען זייער רעטזועל־האַפט : אַ לאַנגע שורה פון באַבערדלטע אַלטע לייט, מיט גאָלדענע רינגען איבער זייערע קעפּ און אין דער מיט, אַן איינציקע פרויען־געשטאַלט. דאָס, האָט זי שפּעטער געלערנט, איז געווען די הייליקע מאַריאַ.

נאָך מער רעטזועלהאַפט איז איר דעמלט אויסגעקומען אַ ריזיק וואַנט־געמעל אין איינגעפאַלענעם טייל פון פּאַלאַץ. דער דאַך איז דאָ געווען אָפּגע־ריסן און אַרום זענען געלעגן שטיינער און גרוז. אינעם געמעל אויף דער האַלב־איינגעפאַלענער וואַנט, האָט זיך געזען אַ לאַנדשאַפט מיט אומצאָליקע געשטאַלטן און איבער זיי אַן אויפשריפט מיט די פּירקאַנטיקע אותיות, ווי ביי איר זיידן אין ספר.

איר קינדערשער קאָפּ איז דעמלט אינגאַנצן מבילבול געוואָרן און זי האָט נישט געקאָנט תופס־זיין דעם זין פון דעם אַלעם וואָס זי האָט געזען.

די פאַרגעטערער וואָס זענען דאָרט אַריינגעקומען, האָבן פרום אַני־דערגעקניט און זיך געצלמט. אַן אַנגסט איז איר באַפאַלן ווען זיי האָבן אויף איר געקוקט מיט פאַרשנדיקע אויגן ווי זי וואָלט געווען אַ פרעמדע, וואָס האָט זיך אומגעבעטן אריינגעגנבעט אין דעם הייליקן אָרט.

איינמאָל האָט זי פאַרבלאָנדזשעט אין סאַמע צענטער פון שטאָט און אָנגעקומען אויף אַ קליינעם פּלאַץ מיט גרוי־טונקעלע געביידעס.

אין אַ ווינקל פון פּלאַץ האָט זי געזען אַ הויכע רונדיקע קופּאָלע. דער אַריינגאַנג צו דער געביידע האָט געהאַט אויסגעהוילטע טויערן. אינעם צענ־טער איבערן בנין האָט זי געזען אַ צייכן. זי האָט נישט געוווּסט זיין באַדייט. אונטן ווידער, האָט זי געזען אותיות ענלעכע צו די, וואָס ביים זיידן אין ספר.

ערשט שפּעטער, ווען זי איז עלטער געוואָרן, האָט זי זיך דערוווּסט, אַז דעם סימבאָל רופן יידן מגן־דוד און די געביידע איז אַ יידיש געבעט־הויז. די געלבשטיינערנע שול, וואָס איז געשטאַנען פאַרשטופּט אין עקסטן ווינקל פון פּלאַץ, איז געבויט געווען אין שפּאַניש־אָריענטאַלן סטיל, וואָס יידן האָבן געהאַט אויפגעשטעלט מיט צוויי הונדערט יאָר פריער, אַדאַנק אַ ספּע־

ציעלער דערלויבעניש פון דעמלטיקן פירשט און מיט דער צושטימונג פון דער אָרטיקער קירכע.

ווען ס'וועטער איז געווען זוניק האָט זי ליב געהאַט צו גיין לענגאויס דעם ברעג פון טייך ראַן. דאָ איז געווען זייער היימלעך. זי האָט ליב געהאַט אַריינצוקוקן אין דעם מורקע האַסטיק־לויפנדיקן וואַסער. קליינע שיפלעך האָבן זיך געשיפלט ראַנד ביים ברעג און אַקעגנאיבער האָבן זיך געזען גרע־סערע זעגלשיפן, וואָס זענען פאַרשווונדן אַרום דעם אויסבויג פון האָריזיאָנט.

אַ מידע פלעגט זי זיך אַוועקזעצן אויף אַ קופּע שטיינער, קעגנאיבער דעם אַלטן שלאָס, וואָס שטייט אויף אַן אינדזעלע אינעם סאַמע טייך. דער דאָזיקע שלאָס, האָט זי יאָרן שפּעטער געלערנט, איז גאָר אַן אַלטער און הייסט טור דע פיליפּ דע־בעל.

גאָר הויך אין פּראַנט פונעם טורעם, זענען פאַראַן עפענונגען פון וואַנען די פאַרטיידיקער פון שלאָס האָבן געווינטלעך אַראָפּגעגאָסן הייסע סמאָלע אויף זייערע אָנגרייפער אין דער צייט פון אַ באַלאַגערונג.

נאָך אַזעלכע לאַנגע שפּאַצירן, איז זי אַהיימגעקומען צו אירע קרובים אויסערן שטאָט, אַ מידע און אַ הונגעריקע. ביים צאַנקנדיקן קאַגאַניעץ, אין האַלב־פינצטערניש, פלעגט זי אריינשלינגען דאָס ביסל געסטויעטע זופּ, וואָס מ'האָט פאַר איר איבערגעלאָזט. דאָס שטיקל האַלב־רויע פלעצל, געבאַקן אויף דער כרובע, האָט געהאַט טויזנט טעמים און יעדער ביס האָט איר אָנגעפילט מיט נייע כוחות.

נישט איינמאָל האָט זי געהערט ווי דאָס אַלטע פאַרפאַלק שושקעט זיך פון הינטער דעם שוואַרצן אָפּגעריסענעם פאָרהאַנג. זי האָט פאַרשטאַנען, אַז זיי רעדן וועגן איר. זיי זאָגן, אַז זי וועט אויסוואַקסן אויף איינע פון די הפקר־מיידלעך, וואָס דרייען זיך ביי דער גרויסער בריק, נישט ווייט פון טויער פון דער שטאָט.

אַ האַלב־אויסגעטועטע איז זי אַוועקגעפאַלן אויף איר קופּע שמאַטעס, וואָס איז געווען איר געלעגער און פאַרזונקען אין אַ שלאָף מיט אויסטערלישע חלומות.

צומאָרגנס אינדערפרי, איז זי אויפגעשטאַנען, אַ שוויגנדיקע און גע־נומען אויפרוימען די שטוב. אויסגעקערט און אויסגעוואַשן דעם נישט געהובֿ־לעוועטן דיל און שפּעטער אַרויס ברענגען אַן עמער וואַסער פונעם ברונעם, אין דער צווייטער גאַס.

נאָכמיטאָג, איז זי אַוועק אין שכנותדיקן וועלדל, לענגאויס דעם ברעג, אַזוי ווי די אַנדערע קינדער, אויפגעקליבן שפּענער און פאַרטרוקנטע צוויגן. געמאַכט דערפון אַ בונט און דאָס אהיימגעטראָגן אויף צו מאַכן פייער אין דער כרובע.

די אַלטע מומע האָט אויף איר געקוקט מיט דאַנקבאַרקייט און גערעדט

צו זיך. זי האָט נישט געקאָנט פאַרשטיין וואָס ס'האָט געווירקט אויפן מיידל, זי זאָל טאָן אומגעהייסן די אַרבעט.

נאָכמער האָט געוווּנדערט דאָס אַלטע פּאָרפאָלק, וואָס דאָס מיידל האָט איבערגעחזרט די זעלבע טועכץ עטלעכע טעג נאָכאַנאַנד.

נאָכן אָפּעסן דעם מאָגערן מאָלצייט, האָט זי זיך אַוועקגעזעצט נעבן פענצטער און אַ שווייגנדיקע אַרויסגעקוקט צו די פליענדיקע אין הימל פייגל אַזוי ווי זי וואָלט זיך געגרייט אַהין אַרויספליען און זיך אָנשליסן אין פייגל־פלי. זי איז אַזוי געזעסן ביז נאַכט איז צוגעפאַלן און די שטוב איז איינגע־הילט געוואָרן אין פינצטערניש.

מאַדאַם דעבואַר דערמאָנט זיך יענע שלאָפלאָזע נעכט אין דעם מיט טשאַד אָנגעפילטן, ווילגאָטנעם צימערל, ווען זי איז געלעגן מיט אָפענע אויגן און אַריינגעקוקט אין פינצטערן סופיט און געזוכט אַ באַשייד צו איר גורל.

נאָך פיל אַזעלכע מטושטשנדיקע נעכט איז זי איינמאָל אויפגעשטאַנען אין אַ טריבן פרימאָרגן, זיך אָנגעטאָן אין אַלטן אָפּגענוצטן קליידל פון איר פאַר־שטאָרבענער מאַמע, וואָס די מומע האָט פאַרקירצט, פאַרוואָרפן אויף די שמאָלע אַקסלען אַ דערע און אַן אַ וואָרט אַרויס פון שטוב.

נאָכן אָפּגיין אַ שטיקל וועג אין דער ריכטונג פון דער שטאָט האָט זי זיך אויסגעדרייט, טרויעריק געקוקט אויף דער איינגעפאַלענער כאַטע, פון וואַנען זי איז וואָס אַרויס, ווי זי וואָלט פאַרגעפילט, אַז זי וועט א היין מער זיך נישט אומקערן.

✶

דער פרימאָרגן איז געווען אַ טריבער און ווינטיקער. ווייניקע דורכ־גייער האָט זי אָנגעטראָפן אויפן וועג. אַזוי איז זי אַדורך דעם טויער פון דער שטאָט, און גענומען וואַנדערן אָן אַ ציל. בלאָנדזשענדיק אַזוי איז זי געבליבן שטיין נעבן די טרעפּ צום אַריינגאַנג פון דער גרויסער געביידע פון אַמאָליקן פויפּסטלעכן פּאַלאַץ, וואָס איז אָפן געווען פאַר גאַטעסדינסטן.

זי איז געשטאַנען אַ ווײַלע אומדעצידירט. ווייניקע מענטשן זענען דאָרט אַריינגעגאַנגען און עטלעכע מינוט שפּעטער צוריק אַרויסגעקומען דורך דער זעלבער גרויסער טיר.

זי האָט זיי אָבסערווירט און נישט געקאָנט באַשליסן, צי זי מעג דאָרט אַריינגיין.

אַ שטאַרקער ווינט האָט מיטאַמאָל גענומען בלאָזן פון ראַן. די קעלט האָט איר דורכגענומען ביזן לייב. זי האָט זיך אַרומגעקוקט און געזוכט אַ פּלאַץ צו שיצן זיך פון ווינט. נישט טראַכטנדיק, איז זי אַ נישטדרייסטע נאָכגעגאַנגען אַ פּאָרפאָלק מיט אַ יונג מיידל אין איר עלטער.

ווען זי איז אַריינגעקומען אינעווייניק, איז זי געבליבן שטיין אַ פּאַר־לוירענע אין דער האַלב־טונקלניש פון גרויסן, געוועלבטן וועסטיבל און נישט געוווסט, וואָס מיט זיך צו טאָן. דאָ איז אָבער געווען וואַרעם און זי איז באַשיצט געווען פון שטאַרקן ווינט.

ווען זי האָט באַמערקט, אַז די ווייניקע אַנוועזנדע באַטראַכטן זי אין איר אָרעמען הולך, האָט זי זיך אָפּגערוקט אין אַ ווינקל אונטער אַ פּילאַר. דערנאָך אַריין אין דער קאַפּעלע.

זי איז אַזוי געשטאַנען ווי פאַרגליווערט אַ לענגערע צייט און ס'האַרץ האָט איר געקלאַפּט פון שרעק.

אינדעם האָבן איבערן שטיינערנעם דיל אָפּגעהילכט האַסטיקע טריט. אַ גרופּע יינגלעך מיט אַן עלטערן הער, זענען אַריינגעקומען אין דער קאַפּליצע. זיי האָבן צווישן זיך גערעדט זייער שטיל.

דער עלטערער הער, האָט זיי געגעבן אַ צייכן, און זיי האָבן זיך אויסגעשטעלט אין אַ האַלב־קרייז. ער האָט זיך צו זיי איינגעבויגן און שטיל גערעדט, אַ הויב געטאָן מיט דער האַנט און זיי האָבן אָנגעהויבן זינגען אַ תּפילה אין לאַטיין. זי האָט גאָרנישט פאַרשטאַנען. די פּנימער פון די יינגלעך, האָבן ממש געשטראַלט ווען זייערע שטימען, האָבן דין, ווי גלעקלעך, וואָס אַמאָל העכער זיך אָפּגעבראָכן אין עכאָ־ניואַנסן און זיך צעפּאַלן אינעם געוועלבטן רוים. אַזוי ווי איין עכאָ וואָלט אָפּגעענטפערט דעם אַנדערן.

אַ מאָדנע געפיל האָט זי אַרומגענומען. דאָס געזאַנג האָט איר אָנגעפילט מיט לייטזעליקייט און געמאַכט פאַרגעסן, אַז זי איז הונגעריק און דורכגעפרוירן פון קעלט.

ווען דער כאָר פון יינגלעך איז אַרויס פון דער קאַפּליצע, איז זי אַלץ נאָך געשטאַנען אויף דעם זעלבן אָרט, הינטערן פּילאַר. אַרום איז מיטאַמאָל געוואָרן אומהיימלעך שטיל. די האַלב־פינצטערניש האָט זי געגומען שרעקן.

פּלוצים האָט זי באַגוואַלטיקט אַ פאַרלאַנג אויסצופּרובירן איר אייגענע שטימע און דער בייגער האָט זי געמאַכט פאַרגעסן אינעם שרעק־געפיל, וואָס האָט זי פריער באַהערשט.

זי האָט געוואָלט הערן צי איר שטימע וועט אויך אַזוי וויברירן מיט פאַרשיידענע אָפּקלאַנגען.

זי האָט נישט הויך אַ שעפּטשע געטאָן דאָס וואָרט מ־אַ־מ־ע. און איר שטימע האָט גענומען כּפלדיק זיך קוילערן און איבערחזרן אין עכאָ־שפּליטערן פון געוועלבטן סופיט פון וואַנען די אָפּקלאַנגען זענען צוריקגעקומען.

ס'האָט פאַרקלעמט אין האַרצן און טרערן האָבן אָנגעפילט אירע אויגן. זי האָט אַ וויינענדיקע ווידעראַמאָל אויסגערופן מ־אַ־מ־ע. איר ווייגענדיקער אויסרוף האָט אָפּגעענטפערט מיט צעשפּליטערנדיקע עכאָס. אַן אימה איז זי באַפאַלן, און זי איז אַ דערשראָקענע, ווי געטריבן פון אַן אומזעבאַרע האַנט, אַרויס פון דער קאַפּעלע אין דער ליידיקער גאַס אַריין.

דער ווינט, וואָס האָט געבלאָזן פון טייך, איז געוואָרן שטעכיק־פייכט און דורכגענומען איר דינעם גוף. זי האָט זיך געטרייסלט ווי א לולב. בלעטער און שטויב, וואָס דער ווינט האָט אויפגעהויבן, האָבן איר געפּאַטשט אין פּנים אַריין. זי האָט זיך אַרומגעקוקט און נישט געוווּסט אין וועלכער ריכטונג צו גיין.

נאָכן אָפּלויפן אַ שטיקל וועג, איז זי אריין אין אַ גאַס, וואָס איז געלאָפן משופּעדיק און זיג־זאַג. אַזוי זענען אויך אין זיג־זאַג געשטאַנען די הייזער, מיט קרומע ליקלעך, אַריין און אַרויס. אַזאַ גאַס האָט זי נאָכנישט געזען אין איר לעבן.

די הייזער דאָ האָבן אַלע אויסגעזען ציכטיקע און שיינע, מיט הויכע אַרויפגאַנג־טרעפּ און אַרום קליינע גערטנדלעך, אַרומגעצוימט מיט שטאָכעטן.

אַ מידע האָט זי זיך אַוועקגעזעצט אויף די טרעפּ פון אַזאַ הויז מיט גרויסע פענצטער צו דער גאַס. זי האָט זיך פאַררוקט אין אַ ווינקל צו דער וואַנט, כדי זיך צו שיצן קעגן ווינט. אַ דינער רעגן ווי דורך אַ זיפּ האָט באַנעצט דעם טראָטואַר. זי האָט זיך אַרויפגערוקט העכער מיט די טרעפּ, נענטער צו דער טיר, אָבער דער רעגן האָט זי אויך דאָ דערגרייכט און דורכגענעצט איר קליידל.

ווען זי האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ אין דער ריכטונג פון די פענצטער, האָט זי באַמערקט, אַז עמיצער אָבסערווירט זי דורך דער פאָרהאַנג. זי האָט פאַר שרעק געוואָלט אַנטלויפן, אָבער אינדעם האָט זיך געעפנט די טיר און אין איר האָט זי געזען שטיין אַ מיטלוווּקסיקע, שיינע פרוי, אין אַ ווייסן פאַרטוך.

מאַדאַם דעבואַר דערמאָנט זיך, ווי זי האָט זיך אין פלוג דערשראָקן פאַר דער פרעמדער פרוי, אָבער פון מידקייט זיך נישט געקאָנט רירן פון אָרט. זי האָט פון דער זייט געקוקט אויף דער פרוי, געזען איר פריינדלעכן פּנים און אַ מאָדנע וואָרעמקייט האָט זי אַרומגענומען.

די פרוי אין דער טיר האָט פריינדלעך געפרעגט: — ווער ביסטו מיין קינד? האָסט פאַרבלאָנדזשעט?

זי האָט זיך לאַנגזאַם אויפגעשטעלט און אַ פאַרשעמטע געשטאַמלט. אירע ליפּן זענען בלוי געווען פון קעלט און זי האָט נישט געקאָנט אַרויסברענגען פון איר קעל קיין איינציק וואָרט, ווי עפּעס וואָלט איר געוואָרגן אין האַלדז.

די פרוי איז אַראָפּגעקומען אייניקע טרעפּ נענטער צו איר, איר אָנגענומען לייכט פאַר דער האַנט און אַריינגעקוקט אין די אויגן:

— ווּעמענס ביסטו מיידעלע? וווּ וווינסטו?

דער וואַרעמער אָנריר פון דער פרויס האַנט האָט ווי א כישוף געטאָן.

זי האָט מיטאַמאָל דערפילט אַ וואַרעמקייט איבערן גאַנצן לייב און מיט אַ קוים־הערבאַרע שטימע געענטפערט:

— כ׳בין קיינעמס נישט... כ׳בין אַ יתומה...

— אָ, יעזוס מאַריאַ, דערבאַרעם זיך, אַ יתומה?! קום, קום מיין קינד אין שטוב אריין. ס׳איז היינט אַ ביטערע קעלט, קאָנסט זיך נאָך פאַר־קילן... דער ראַן האָט זיך דאָס היינט צעבייזערט און ס׳זאָגט זיך אָן אויף אַ שטורעם.

און זי האָט איר אָנגענומען ביי דער האַנט און אריינגעפירט אין דער שטוב.

מאַדאַם דעבואַר געדענקט אויך, טראָץ דעם אַפלויף פון די יאָרן, אַז זי האָט קיינמאָל נישט געבעטלט אין אוויניאָן ווי הונגעריק זי זאָל נישט האָבן געווען, אין קעגנזאַץ צו אַנדערע קינדער ביים אַריינגאַנג אין דער שטאָט. זי האָט זיך געשעמט. דאָס איז געווען אַ טיף־איינגעבוירן געפיל פון זעלבסטרעספעקט וואָס זי האָט געירשנט פון אירע פאַרשטאָרבענע עלטערן.

זי האָט געזען די אויסגעלאָסענע מיידלעך ביי דער בריק, איינעקע אין איר עלטער, און זי האָט אויפגעשוידערט פון שרעק אויפן געדאַנק, וואָס ס׳האָט געקאָנט מיט איר פּאַסירן ווען זי וואָלט יענעם פרימאָרגן נישט צופעליק פאַרבלאָנדזשעט אין דער גאַס ווו ס׳האָבן געוווינט די דעבואַרס. זי האָט אויך שפּעטער געלערנט די רעטעניש פאַרוואָס די הייזער זענען דאָרט גע־בויט אין אַ זיג־זאַג־פאָרם כדי צו שיצן די מענטשן און הייזער פון דער געוואַלטיקייט פונעם ווינט וואָס האָט אין די ווינטערטעג מוראדיק געבלאָזן פון טייך ראָן.

מיטן מאָמענט, ווי זי איז איבערגעטראָטן די שוועל פון די דעבואַרס, געזען די רחבות פונעם הויז, האָבן זיך אירע אויגן צעשטראַלט. ס׳האַרץ האָט איר אונטערגעזאָגט, אַז דאָס וועט זיין איר היים.

און אַזוי איז געשען.

די דעבואַרס זענען געווען אַ קינדערלאָז פּאָרפאָלק אין די אָנהייב פערציקער יאָרן. מעסיע מארסעל דעבואר, איז געווען אַ פאַרמעגלעכער מענטש אין וויין־האַנדל און געהאַט גרויס אָנזען און איינפלוס אין דער גאַנצער סביבה. ער איז אויך געווען ראַטמאַן אין שטאָטראַט.

נאָכדעם, ווי מאַדאַם דעבואַר האָט איר יענעם פרימאָרגן אויסגעוואַשן, געגעבן אַ וואַרעמען מאַלצייט און נייע קליידער איבערצוטאָן, וויל אירע זענען געווען דורכגעזאַפּט מיט רעגן און אַ שווערן ריח פון אַלטקייט, האָט די עלטערע פרוי זי נישט דערקענט. זי האָט נישט געגלויבט, אַז פאַר איר שטייט דאָס זעלבע מיידל, וואָס זי האָט מיט א שעה פריער גע־פונען אויף איר טרעפ. אַראַבעללא—מרים איז מגלגול געוואָרן אין אַ שיין,

בחנט מיידל. און די צוקונפטיקע טויף־מוטער האָט מיט אַנטציקונג אויסגערופן:

— אָ, מיין גאָט, דו ביסט דאָך אַזאַ שיינע, מיין טאָכטער!

דער דאָזיקער אויסרוף פון דער גוטער פרוי, האָט מיט אַ בריענדי־קער וואַרעמקייט אַ פלייץ געטאָן אין איר פנים און ס'האַרץ האָט אָנגעהויבן שנעלער קלאַפּן. רויטע פלעמלעך זענען ארויס אויף אירע באַקן. זי איז אַרויפגעפאַלן אויף פרוי דעבואַר און איר אַ קוש געטאָן:

— כ'דאַנק איך מאַדאַם! הלוואי וואָלט איך געווען אייער טאָכטער!...

✶

איר וווּנטש איז מקוים געוואָרן. די דעבואַרס האָבן זי אַדאָפּטירט אַלס זייער טאָכטער. אַזוי האָט זיך אָנגעהויבן אַ ניי קאַפּיטל אין איר לעבן. זי האָט זיך שנעל אַריינגעפּאַסט אין דער נייער סביבה.

די דעבואַרס האָבן איר געשיקט אין דער בעסטער מיידלשער שול אין שטאָט. זי האָט זיך אויסגעצייכנט אין דער פראַנצויזישער שפּראַך און אין געשיכטע. אויך אין חשבונות האָט זי איבערגעשטיגן אַנדערע תלמידות. די שול איז געווען אַ זייער פרומע און אַ טייל לערערינס זענען געווען נאָנעס. אין אָנהויב איז איר אָנגעקומען שווער זיך צוצופּאַסן צו די תפילות און אַנדערע רעליגיעזע צערעמאָניעס, וואָס זענען איר געווען פרעמד. אָבער מיט דער צייט, האָט זי אַלץ אָנגענומען ווי אַ נאַטירלעכע זאַך און נאָכגעטאָן די אַנדערע שילערינס, ווייל ביז דעמלט, האָט זי נישט געוווּסט וועגן אַזעלכע קריסטלעכע פייערונגען.

מיט דער צייט איז זי געוואָרן אַ מוסטער פון אַ גוטער און אַרבעטזאַמער שילערין. אירע אַדאָפּטירטע עלטערן זענען מיט איר שטאָלץ געווען. זיי האָבן זי שטאַרק ליב באַקומען און געזאָרגט פאַר אירע קליידער און באַקוועמ־לעכקייטן. פריען־צייט זענען זיי צוזאַמען אַרויסגעפאָרן אין אַ דאָרף, אין די בערג, ווו זי האָט פאַרברענגט אין דער געזעלשאַפט פון אַנדערע קינדער.

נישט געקוקט דערויף, וואָס ס'האָט איר אַרומגערינגלט רחבות און זאָרגלאָזיקייט, פלעגט נישט איינמאָל געשען, זי זאָל אַ פאַרחידושטע קוקן אויפן בילד פון דער הייליקער מאריא וואָס איז געהאָנגען אין איר צימער איבערן בעטל. דעמלט זענען אויפגעשווומען אין איר זכרון דערינערונגען פון איר פריעסטער קינדהייט ביי די עלטערן אין דער היים אין קאַרפּענטראַס.

אין דער שול האָט זי ווי אַלע מיידלעך געלערנט דעם קאַטעכיזם. רעגולער געגאַנגען מיט זיי צו גאָטעסדינסטן אין קלויסטער אַריין, אָבער זעלטן צום גלח צו קאָנפעסיע ווי דאָס האָבן געטאָן אַנדערע מיידלעך. זי האָט אויך ווויל געזען, אַז אירע אַדאָפּטירטע עלטערן זענען נישט איבע־ריק פרום און טאָן אַלץ לפנים.

און ווען זי האָט געקוקט אויף די צוגענאַגלטע געשטאַלט פון יעזוסן אויפן צלם, איז איר אויפגעשווימען די געשטאַלט פון איר זיידן מיטן סודותדיקן ספר און דאָס לעבן ביי די עלטערן, וואָס איז שטענדיק געווען פאַר־הוילן מיט אַ שלייער פון געהיימניספולקייט.

אין אַזעלכע מאָמענטן האָט זי געמאַטערט אַ פיינפול געפיל. און זי האָט געגלויבט, אַז אין אַ געוויסן טאָג וועט זיך אַנטפּלעקן פאַר איר דער אמת.

אמבולטססטן איז דאָס געפיל געקומען, ווען זי האָט געלערנט געשיכטע און דאָ און דאָרט אין באַשרייבונגען אָנגעטראָפן אויף רמזים וועגן יידן און וועגן דער אינקוויזיציע מיט די שרעקלעכע פאַרפאָלגונגען פון די באַ־האַלטענע יידן און דאָס פאַרברענען זיי אויף שייטערהויפנס.

דאָס גאָלדענע צלמל, וואָס זי האָט געטראָגן אויפן האַלדז, האָט איר דעמלט אויסטערליש געקוועלט און ממש געוואָרגן. אָבער אַראָפּנעמען דאָס צלמל פון האַלדז האָט זי געפילט טאָר זי נישט, ווייל ס׳גיט איר שוץ און פאַרהוילט איר פאַרגאַנגענהייט.

ווען זי איז עלטער געוואָרן האָט זי ערשט קלאָרער באַגריפן איר מעמד. צוריקגיין האָט זי שוין נישט געקאָנט. אירע עלטערן זענען איצט געווען די דעבואַרס. אויסער זיי האָט זי מער קיינעם נישט געהאַט אויף דער וועלט. זי האָט געטראָגן זייער נאָמען און איז געווען זייער אַראָפּטירטע טאָכטער.

אזוי איז אראבעללא־מרים אויסגעוואַקסן אויף אַ הויכוווקסיק און שיין מיידל. זי האָט פאַרענדיקט די שול מיט הויכע אויסצייכענונגען און ס׳לעבן איז געפלאָסן מיט דעם געוויינלעכן לויף אין איר נייער סביבה.

ווען זי האָט דערגרייכט דעם 20־טן לעבנסיאָר האָבן איר דערוואַרט נייע איבערלעבענישן און אַן אַ שיעור דערפאַרונגען, פון וועלכע אַ מיידל אין איר עלטער און פון איר קלאַס קען נישט אַנטלויפן.

זי האָט געהייראַט אַ מאַן, אַן איינגייער אין זייער הויז, וואָס האָט געהאַט האַנדלס־באַציאונגען מיט מעסיע מארסעל דעבואַר. ער איז געווען פיל עלטער פון איר. דערצו אַ זייער קליינבירגערלעכער מענטש מיט ווייניק בילדונג און מיט אויסטערלישער פירעכץ. דעם שידוך האָבן איר אויס־געשדכנט אירע עלטערן און זי האָט זיך נישט געקאָנט קעגנשטעלן זייער ווונטש. אָבער דאָס צוזאַמענלעבן מיטן מאַן האָט באַלד נאָכן האָניג־חודש נישט געקלאַפּט. זי האָט עמאָציאָנעל לגמרי גאָרנישט געפילט צום דאָזיקן מאַן און זייער קינד, אַ מיידעלע, איז געקומען אויף דער וועלט אַ טויטס.

אַ קורצע צייט נאָך דער טראַגעדיע, איז איר מאַן געשטאָרבן בעת אַ פּאָקן־עפּידעמיע. די מגפה האָט אויך נישט אויסגעמיטן דאָס הויז פון די דעבואַרס. מעסיע מארסעל איז געשטאָרבן פון דער זעלבער עפּידעמיע.

בלית־ברירה איז זי צוריקגעגאַנגען ווינען צו איר אַדאָפּטירטער

מוטער. און אַזוי האָבןביידע אלמנות געטיילט צווישן זיך די אלמנותשאַפט און זייער טרויער.

לסוף האָט די עלטערע מאַדאַם דעבואַר באַשלאָסן צו פאַרקויפן איר הויז און זיך אַריבערציען אין איר געבורטשטאָט ליאָן, ווו ס'האָבן געוווינט צוויי אירע שוועסטערס מיט זייערע פאַמיליעס.

אַזוי איז מרים־מישעל מגילגול געוואָרן אין ליאָן, די הויפּט־שטאָט פון דער פּראָווינץ לואַר.

אדאנק דער פאַרבינדונג, וואָס מאַדאַם דעבואַרס שוועסטערס האָבן געהאַט מיט די אַריסטאָקראַטישע הייזער, ווו זיי האָבן פאַרקערט, איז מישעל אָנגעקומען אויף אַ פּאָסטן אַלס גוווערנאַנטקע אין פירשטלעכן הויז פון דע גריוועל. מיט דער צייט האָט זי ליב באַקומען די באַשעפטיקונג פון דערציען קינדער.

אַזוי האָט זיך אָנגעהויבן פאַר איר א ניי קאַפּיטל אין איר לעבן און זי האָט באַשלאָסן מער נישט צו הייראַטן.

דער פייכטער קלימאַט אין ליאָן האָט זיך אָבער שלעכט אָפּגערופן אויף איר געזונט און פילנדיק זיך מער פריי האָט זי געטראַכט וועגן אַרי־בערפאָרן קיין פּאַריז. זי האָט וועגן איר פּלאַן דערציילט איר אַדאָפּטירטער מוטער וואָס האָט זי דערפון נישט אָפּגערעדט, נאָר אויך דערמוטיקט, האָפנדיק, אַז אפשר וועט איר מישעל דאָרט געפינען איר גליק.

דער פירשט דע גריוועל האָט איר געהאָלפן פאַרווירקלעכן איר פּלאַן און זי רעקאָמענדירט צו זיינעם אַ קרוב, דעם באַראָנעט ד'אַנזשאַ־איבאַנעז. זיין פּאַלאַץ האָט זיך געפונען אויף בולוואַר סט. ד'זשערמע'ן. די באַראָנעסע איז געווען אַ שלאַנקע, שיינע בלאָנדינקע, און אַ גרויסע קאָקעטע. זי איז שטענדיק געווען פאַרנומען מיט אירע שניידערינס און בעלער און איבער־געלאָזט די דערציאונג פון אירע צוויי קינדער, אַ ייִנגל און אַ מיידל, צו מאַדאַם דעבואַר. זי האָט מיט גרויס ערנסט זיך אָפּגעגעבן דער דערציאונג פון די קינדער און די לעצטע האָבן זי זייער ליב באַקומען. אין שיינע וועטערן זענען זיי אָפּט אַרויסגעפאָרן מיט זייער קאַטש אין בולאָנער וועלדל אָדער פאַרברענגט ביים סען. מיט דער צייט, האָט זי זיך מיט אַלע חושים אריינגעלעבט אין דער פּאַריזער סביבה.

✶

אין פּאַלאַץ פון ד'אַנזשאַ־איבאַנעז האָט מישעל פיל געלערנט וועגן לעבן פון דער פּאַריזער אַריסטאָקראַטיע, וועגן זייערע ראָמאַנסן און סקאַנ־דאַלן. די אָבסערוואַציעס זענען איר שפּעטער שטאַרק צונוץ געקומען אין איר קאַריערע אַלס גוווערנאַנטקע.

אַ יאָר שפּעטער, האָבן די אַנזשאַ־איבאַנעז באַשלאָסן אריבערצופאָרן קיין פּאָרטוגאַל, וווּ דער באַראָן האָט געהאַט זיינע גיטער. זיי האָבן אָנגעזאָגט מאַדאַם דעבוואַר זי זאָל מיט זיי מיטפאָרן, ווייל די קינדער זענען זייער צוגעבונדן געוואָרן צו איר. די גוווערנאַנטקע, האָט זיך אָבער אָפּגעזאָגט פון דעם אָנבאָט און בכלל נישט געהאַט קיין חשק צו פאָרן אין אַ לאַנד, פון וועלכן אירע עלטערן זענען מיט איר אַלס פּיצל קינד אַנטלאָפן ווי פאַר־פאָלגטע מאַראַנען.

אין דער זעלבער צייט ווען דער פּירשט ד'אַנזשאַ־איבאַנעז האָט געמאַכט זיינע צוגרייטונגען אָפּצופאָרן קיין פּאָרטוגאַל, האָט געוווילט אין פּאַריז זיינער אַ פריינד, דער גראַף וויקטאָר פאָן מאַרוויץ פון דרעזדען.

בעת זייער באַזוך אין זייער ווילע אויף בולוואַר סט. זשערמע'ן, האָט ער פאַר דער פּירשטין דערציילט, אַז איינע פון די סיבות פון זיין קומען קיין פּאַריז, איז צו געפינען אַ פעיקע גוווערנאַנטקע פאַר זיין צען־יאָריקן זון.

זי האָט אים פּראָטעזשירט מאַדאַם דעבוואַר. און אַזוי איז זי מגילגול געוואָרן אין דרעזדען, אין דער הויפּטשטאָט פון זאַקסן. דאָס יאָר איז געווען 1787.

מישעל האָט דאָ געפונען אַ גרויסע פּוילישע קאָלאָניע, פּיל אַריסטאָ־קראַטן, וואָס האָבן דאָ געוווינט זינט די צייטן ווען דער פּוילישער קיניג אויגוסט דער דריטער האָט דאָ געהאַט זיין רעזידענץ.

די פּוילישע אַריסטאָקראַטן זענען געווען אָפטע געסט ביים גראַף פאָן מארוויץ, וואָס איז אַליין געווען פון פּוילישער אָפּשטאַמונג.

דעם גראַף'ס יינגעלע, ראָבערט, איז געווען אַ בלאָנדער, מיט ברייטע פּלייצעס און אַן ענערגישן בליק. ער האָט פלייסיק געלערנט, געווען דיס־ציפּלינירט און שנעל באַהערשט די פראַנצויזישע שפּראַך. זיין חלום איז געווען אריינצוטרעטן אין אַ מיליטערישער שול ווי דאָס רוב פון אַריסטאָ־קראַטישע יינגעלייט אין זיין עלטער. און ווען ס'איז אים געגאַנגען אויפן צוועלפטן יאָר האָט דער גראַף באַשלאָסן אים אריינצוגעבן אין אַ מיליטע־רישער אַקאַדעמיע.

גראַד דעמלט האָט זיך אומגעקערט אויף צוריקוועגס א היים פון פּאַריז, דער כראַביע זביגניעוו סאָבאָצקי. דאָס איז געווען פרילינג 1789.

ווי געוויינלעך בעת אַזאַ רייזע, האָט ער זיך אָפּגעשטעלט אין דרעזדען אויף עטלעכע טעג און דאָ געמאַכט לעצטע־מינוט איינקויפן פון מתנות פאַרן הויזגעזינט.

כראַביע סאָבאָצקי איז געווען אַן אָפטער גאַסט ביים גראַף מארוויץ, מיט וועמען ס'האָט אים געבונדן אַ פריינדשאַפט זינט יענע יאָרן ווען זיי האָבן זיך געטראָפן אין פּאַריז, אין סאַלאָן פון מאַדאַם לוסיל בופאָן.

הערנדיק וועגן די אויסגעצייכנטע מעלות פון דער גוווערנאַנטקע,

מאַדאַם דעבואַר, וואָס האָט זיך גראַד געגרייט אומצוקערן קיין פּאַריז, ווייל דעם גראַף'ס זון טרעט אַריין אין אַ מיליטערישער שול, האָט ער באַשלאָסן איר אַנגאַזשירן פאַר זיין טאָכטער אירענאַ.

אַזוי איז מאַדאַם מישעל דעבואַר צוויי וואָכן שפּעטער אָנגעקומען אין הויף פון כראַביע סאָבאָצקי אין סאָבאָטע.

## קאַפּיטל 5

# דער פּאָליטישער מצב אין לאַנד

דאָס יאָר 1791 איז געווען אַ קריטיש יאָר פאַר פוילן. נאָך מער קריטישער איז עס געווען פאַר די יידן, וואָס האָבן געלייגט גרויסע האָפנונגען אויף די צוגעזאָגטע רעפאָרמען, וואָס דער '4־יאָריקער סיים' האָט געזאָלט איינשליסן אין דער נייער קאָנסטיטוציע פון 3־טן מאַי.

דער עקאָנאָמישער מצב אין לאַנד איז געווען אַ קלאָגעדיקער אַלס פועל־יוצא פון דער ערשטער צעטיילונג אין יאָר 1772.

ס'לאַנד איז געווען צעקאַליטשעט און דאָס האָט געבראַכט מיט זיך אַ וואַקסנדיקע פּאָליטישע ירידה אין אַלע ספערן.

די שליאַכטע און די מאַגנאַטן זענען געווען צעטיילט אין צוויי לאַגערן און האָבן זיך ביטער באַקעמפט.

דער 'פיר־יאָריקער סיים' (1792־1788) האָט כלומרשט געזאָלט נאָכטאָן דעם ביישפּיל פון פראַנצויזישן אַדל, וואָס האָט נאָך דער רעוואָלוציע זיך אָפּגעזאָגט פון אַלע פּריווילעגיעס און באַפרייט די פויערן פון לייבאייגנטום.

די דעקלאַראַציע פון 'רעכט פון מענטש און בירגער' פון אויגוסט 1789 האָט אָנגעפילט מיט האָפענונג אַלע אונטערדריקטע אין אייראָפּע.

די יידן האָבן אומעטום מיט גרויס ענטוזיאַזם אויפגענומען די נייעס, אַז די פּאַריזער 'נאַציאָנאַלע פאַרזאַמלונג' האָט אין עמאַנציפּאַציע־מאַני־פעסט פון חודש סעפּטעמבער אָפּגעשאַפט אַלע אַנטי־יידישע אויסנאַם־געזעצן. די יידן זענען דערקלערט געוואָרן פאַר פולבאַרעכטיקטע בירגער.

שליחים האָבן די גוטע נייעס געבראַכט אויך צו די יידן אין די פאַרחושכטע קהילות אין פוילן. אַ פרייד האָט אַרומגעכאַפּט די יידן און זיי האָבן געהאָפט, אַז די שעה פון דערלייזונג שטייט אויך אויף זייער שוועל.

באַלד איז אָבער געקומען די ביטערע אַנטוישונג.

די פוילישע שליאַכטע און מאַגנאַטן זענען נישט פעיק געווען אין ״פיר־יאָריקן סיים״ נאָכצוטאָן דעם ביישפּיל פון פראַנצויזישן אַדל.

די ישועה פון אַ יידישער עמאַנציפּאַציע אין פוילן איז נישט געקומען.

די יידן האָבן דעריבער געהאָפט, אַז אפשר וועט מען זיי אומקערן די אויטאָנאָמיע פון די וועדים, וואָס איז זיי צוגענומען געוואָרן אין 1767. מ׳האָט נישט גערוט, געשיקט שתדלנים און פּעטיציעס און אומזיסט גע־וואַרט אויף די נייע רעפאָרמען, וואָס די 3־טע מאַי קאָנסטיטוציע האָט געזאָלט ברענגען.

די דעבאַטן אין סיים זענען געווען היציקע און לסוף זענען אונטער דער אָנפירערשאַפט פון דעם מאַרשאַלעק מאַלאַכאָווסקי און דעם נעסטאָר קאַזימיעזש סאַפּיעהאַ דורכגעפירט געוואָרן אַ ריי סאָציאַלע און פּאָליטישע רעפאָרמען, צוו. אַנד. דאָס רעכט פאַר דער שטאָטישער באַפעלקערונג זיך צו באַטייליקן אין דער אַרבעט פון סיים. די פויערן איז געגעבן געוואָרן אַ צוזאָג פון פּראָטעקציע. מיט דעם לעצטן האָט מען פּאַקטיש געצילט צו דערהויבן דיווירטשאַפט אין לאַנד.

די ראַדיקאַלע דעפּוטאַטן אין סיים האָבן בעת די רעפאָרם־דעבאַטן געהאַלטן פלאַמיקע רעדעס אונטערן איינדרוק פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע, אָבער די עמאַנציפּאַציע פאַר די פויערן און די רעכט פון די יידן זענען בכלל פאַרשוויגן געוואָרן.

ס׳האָט נישט געהאָלפן די שתדלנות און נישט די גרויסע סומעס געלט, וואָס דער וועד ארבע ארצות אין דער ליטע האָט געשאָפן אויף אָפּצוצאָלן די קעניגלעכע חובות. מ׳האָט געהאָפט דערמיט צו געווינען דעם קעניג סטאַניסלאַוו אויגוסט פאַר די יידישע ענינים, ווייל ער איז געווען אַן אונ־טערשטיצער פון די נייע רעפאָרמען.

אויך האָבן נישט געהאָלפן די שתדלנותן פון זיינע יידישע באַנקירן בראש מיט שמואל זביטקאָווער, וואָס האָט אַלץ געטאָן, אַז די יידן־פראַגע זאָל אַרויפגעשטעלט ווערן אויפן סדר־היום פון סיים.

ליידער איז דער קעניג פּאָליטיש געווען אַ גרויסער שוואַכלינג און אין געווען אונטער דער השפעה פון קאַטערינע דער צווייטער, אַדאַנק וועל־כער ער איז אין 1764 אויסגעקליבן געוואָרן אויפן פּוילישן טראָן.

די יידן־פריינד בוטרינאָוויטש, יעזיערסקי, קאָלאָנטאַי, סטאַניסלאַוו סטאַשיץ, און דער היסטאָריקער טאַדעוש טשאַצקי האָבן עטלעכע מאָל גע־פּרוווט אויפהויבן די יידן־פראַגע, אָבער דער סיים איז טויב געבליבן אויף זייערע פאָרשלאָגן.

די איינציקע נחמה, וואָס יידן האָבן דעם זעלבן יאָר געהאַט איז געווען די נייעס, אַז יעקב פראַנק, דער פאַלשער משיח און נאָכפאָלגער פון שבתי צבי, איז געשטאָרבן אין זיין פעסטונג־וווינונג אין זאַקסן. יידן האָבן אינעם

טויט פון דעם פּאַרלוימדער און אָפּטריניקן געזען דעם סוף פון אַ חרפּה־דיקער תקופה אין ידישן לעבן אין פּוילן. אַ תקופה, וואָס האָט צעקאַליע־טשעט דעם גייסטיקן און פיזישן מצב פון פּוילישן ייִדנטום. דער פאַלשער משיח האָט אַריינגעבראַכט צעריסנקייט און צעטומלעניש אין די מוחות פון די פּאַראַרימטע מאַסן. בייז בלוט און פאַרבלענדעניש האָט אַ לאַנגע צייט געהערשט אינערהאַלב די ידישע געמיינדעס און זיי אויסגעשטעלט אויף שפּאָט פון זייערע שכנים.

יעקב פראַנק מיט דער הילף פון קלויסטער האָט חוצפּהדיק קאָמפּראָ־מיטירט די אַלט־געירשנטע רבנישע לומדות און די רבנים, ער האָט אָפּגע־שפּאָט פון דער ראָלע פון אַליינפּאַרוואַלטונג, פּרעדיקנדיק אַ ניי־מאַראַנישע צופּאַסונג צו דער קאַטוילישער סביבה און די אָנערקענונג פון דער „דרייאייניקייט״...

כמעט אין דער זעלבער צייט איז אָנגעקומען פון פּאַריז די ידיעה, אַז לואי דער זעקסטער איז אַראָפּגעזעצט געוואָרן פון טראָן און בעת זיין פּליטה מיט דער קעניגין מאַריאַ אַנטוּענעט איז ער געכאַפּט געוואָרן אין וואַרענס אויף דער גרענעץ פון עסטרייך.ביידע זענען איינגעזעצט געוואָרן אין אַ פעסטונג און וועלן געשטעלט ווערן פאַר אַ משפט פון דער 'נאַציאָ־נאַלער פאַרזאַמלונג'.

די פּוילישע שליאַכטע האָט וווּיל געוווּסט וואָס עס דערוואַרט די קע־ניגלעכע משפּחה. שטילערהייט האָט יעדער פון זיי געפילט ווי די שאַרף פון דער גילאָטינע פאַלט אויף זיין אייגענעם האַלדז.

פון קליין־פּוילן זענען אויך אָנגעקומען קלאַנגען, אַז די פּויערן דאָרטן בונטעווען זיך.

די פּריצים און ערד־באַזיצער זענען געוואָרן אומרויִק. אין זייער פחד זענען זיי געוואָרן נאָך מער ברוטאַל צו זייערע לייבאייגענע. זיי האָבן געהאַפּט, אַז מיט אַ שטראָפּערישער האַנט, וועט זיי געלינגען אָפּצושרעקן די פּויערן און דערשטיקן יעדן פּרווו זייערן צו אָרגאַניזירן אַ בונט.

די דאָזיקע שטרענגע מאָסמיטלען זענען אויך געווען אַ וואָרנונג קעגן די ראַדיקאַלע עלעמענטן אין לאַנד וואָס האָבן געפאָדערט ליבעראַלע רע־פאָרמען פאַר די פּויערן.

די קאָנסטיטוציע פון 'דריטן מאַי' איז פאַר די פּוילישע אַדללייט און פּריצים געווען אַ שווערער קלאַפּ. מיט איינפירן די נייע געזעצגעבונג איז אָפּגעשאַפן געוואָרן די 'בארער קאָנפעדעראַציע', די לעצטע איז פּאַק־טיש געווען אַ באַוואָפנטע אָרגאַניזאַציע וואָס איז געגרינדעט געוואָרן אין 1768 אונטער דער לאָזונג פון פאַרטיידיקן אַלע פּריערדיקע פּרייהייטן פון דער שליאַכטע, זייער אומאָפּהענגיקייט, וואָס איז אויך געווען אַ וואָפן קעגן די קעגנער פון רוסלאַנד.

די „קאָנפעדעראַציע״ האָט ארומגענומען די געגנטן פון אוקראַינע,

קליין־פּוילן, ליטע און גרויס־פּוילן, זי האָט קאָמפּראָמיסלאָז פּאַרטיידיקט די סטרוקטור פון די אַלטע רעגירונגס־פאָרמען, איינגעשלאָסן רעליגיעזע אומ־טאָלעראַנץ. די מאַכט פון די אַדללייט איז געווען ברייט און אומבאַגרע־נעצט. זייער פאַרמעגנס און לאַנדבאַזיץ איז צו זיי איבערגעגאַנגען בירושה צוזאַמען מיט די פעאָדאַלע רעכט און פּריווילעגיעס. דאָס האָט זיי גאַראַנ־טירט פערזענלעכע אומבאַרירלעכקייט און באַפרייט פון אַלע שטייערן.

זיי זענען געווען די פּאַקטישע דעה־זאָגערס פון לאַנד און פאָרמולירט די געזעצגעבונגען אין סיים.

אין זייערע הענט איז אויך געלעגן די רעכט אויסצוווילן אַ קעניג.

אדאנק דער דאַזיקער אומבאַגרענעצטער מאַכט, האָבן זיי פאַרנומען הויכע רעגירונגס־שטעלעס. זיי האָבן עקספּלאָאַטירט די מאַסן און ספּע־ציעל זייערע אונטערטאַנען, די פּויערן וואָס זענען געווען לייבאייגענע און פּאַקטישע קנעכט.

די פּויערן זענען פאַרן מינדסטן חטא אָדער אומגעהאָרכזאַמקייט גע־שמיסן געוואָרן אויפן נאַקעטן לייב מיט דער נאַהייקע.

די רעוואָלוציע אין פראַנקרייך איז פאַר דער פּוילישער שליאַכטע געווען אַן אָנזאָג, אַז גרויסע פּאָליטישע ענדערונגען זענען אונטערוועגס. און דאָס האָט ממש צערייצט זייער צאָרן צו אַ גרעסערן ווילקיר.

אַ גרויסן איינפלוס אויף דער מאָראַלישער אויפוואַכונג אין דער געזעל־שאַפט האָט געהאַט די אַנטוויקלונג פון בילדונג, ליטעראַטור און די פּאָלי־טישע פּובליציסטיק פון הוגאָ קאָלאָנטאַי און סטאַניסלאַוו סטאַשיץ.

די נייע סיים־רעפאָרמען, וואָס האָבן פאַרזיכערט די פּויערן פּראָטעק־ציע, האָבן שווער געטראָפן די שליאַכטע און די לאַנדבאַזיצערס וואָס האָבן די לעצטע יאָרן געהאַט פאַרטאָפּלט דעם צינזש און פאַרגרעסערט די אַרבעטס־טעג פון די לייבאייגענע.

די פּויערן זענען צוליב דעם געוואָרן נאָך מער פאַראָרעמט.

אין דער געזעצגעבונג פון שוץ פאַר די פּויערן, האָבן די פּריצים געזען אַ פאַרשווערונג קעגן זייערע אַלט־איינגעפונדעוועטע פרייהייטן און פּריווילעגיעס.

נאָך מער האָט צערייצט די שליאַכטע די פאָדערונג אין סיים צו פאַר־ריכטן די עוולה לגבי די ייִדן. די ראַדיקאַלע דעפּוטאַטן האָבן געפאָדערט מ׳זאָל לכל־הפחות אומקערן די ייִדן זייערע אויטאָנאָמיע און זיי געבן בירגער־רעכט.

דאָס האָט ביז גאָר אויפגעצאָרנט די אַדללייט, ווייל זיי האָבן דערין געזען אַ סכנה פון צונעמען ביי די די קוואַלן פון וואַנען זיי האָבן אומגעצ־שטערט און אויף אַ ווירקירלעכן אופן זיך איינגעשאַפט אומגעהויערע סומעס געלט צו דעקן די הוצאות פון זייער פאַרשווענדערישן לעבן.

דער מצב פון די ייִדן נאָכן אָננעמען די נייע סיים־רעפאָרמען האָט

זיך מיט גאָרנישט געענדערט. די יידן זענען, ווי פריער, געווען אויסגע־ליפערט אין די גייציקע הענט פון דער שליאַכטע און פון די שטאָטישע מאַגיסטראַטן.

אַן ענדערונג איז ערשט געקומען אַ יאָר שפּעטער און די פּאַסירונג האָט אַרויסגערופן אַן אויפרודערונג ביי די פּריצים וואָס האָבן דערין געזען אַ פאַרגוואַלדיקונג פון זייער זעלבסט־הערשערישער מאַכט.

נאָך אומענדלעכע אינטערווענצן און יידישע פּעטיציעס האָט זיך איינ־געגעבן, דער סיים זאָל כאָטשבי אין אַ קליינער מאָס פאַרריכטן די גרויסע עוולה וואָס איז באַגאַנגען געוואָרן לגבי די יידן דורך „פאַרגעסן" זיי אין די נייע רעפאָרמען. נאָך שטורמישע דעבאַטן איז אָנגענומען גע־וואָרן אַן אַדמיניסטראַטיווע רעזאָלוציע וועגן אַ רעפאָרם־געזעץ וואָס דער־לויבט יידן צו האַלטן קריסטלעכע באַדינערס און גאַראַנטירט זיי שוץ קעגן די ווירקירלעכע געזעצן פון די מאַגיסטראַטן.

די פּריצים און מאַגיסטראַטן האָבן אין דער רעזאָלוציע געזען אַ פאַר־שווערונג קעגן זייער מאַכט, און מיט כלערליי שיקאַנעס זיך אַקעגנגעשטעלט דער נייער סיים־רעפאָרם.

אויף דעם באָדן זענען אויסגעבראָכן ביטערע שטרייטן קעגן יענע יידן, וואָס האָבן געוואָגט איינצונעמען אין זייערע הייזער קריסטלעכע באַדינערס.

קאַפּיטל 6

# דער באַל ביי די ראַדזשיווילס

ווי יעדעס יאָר, נאָך שניט־צייט, איז אין פּאַלאַץ ביי די ראַדזשי־ווילס אין ניעבאָראָוו פאָרגעקומען אַ באַל פאַר אַ געקליבענעם קרייז פון דער שליאַכטע.

די אָרטשאַפט, וווּ ס'שטייט דער פּאַלאַץ, ליגט אין אַ באַוואַלדעטער געגנט.

זומערצייט איז דער פלאַכלאַנד פון פעטער שוואַרצערד באַדעקט מיט לאַנגען פון ווייץ־און־קאָרן. זייער גאָלד מיניעט אין זונענשיין, אויסגעמישט מיט די רויטע מאָן־קעפּלעך און קאָנישינע, וואָס וואַקסן לענגאויס ביי די סטעזשקעס.

גרינע, פלאַטשיקע בערגלעך פאַלדעווען זיך ווי ים־פאַליעס אויפגע־ריסן פון ערד־בויך, באַדעקט מיט געל־ווייסע בלימלעך און הויך אין הימל פלאַטערן פייגל מיט אַ גדלותדיקן געצוויטשער.

ווייסהויטיקע בעריאָזקעס און הויכע טאָפּאָלן פינטלען מיט זייערע צעשויבערטע בלעטער־קעפּ פון דער ווייטנס אזוי ווי קליינע אינדזעלעך אויפן פאָן פון פאַסטעראַלער לאַנדשאַפט, וואָס לאָזט זיך ראַפּטום אַראָפּצו, נידריקער צום ברעג פון קוואַליקן טייכל לופּיאַ, אַ צופלוס פון דער בזוראַ.

די זילבערנע וואַסער־סטעזגעס שלענגלט זיך דרעמלענדיק העט איבער גרינע פליינען און באַהעפט זיך מיטן הימל־בלוי פון האָריזאָנט.

ניעבאָראָוו ליגט אויף מזרח־זייט אין שכנות פון שטעטל באָלימאָוו, און אויף מערב־זייט, סך־הכל אַ צענדליק ווערסט פון דער אַלטער ביסקופּן־שטאָט לאָוויטש.

דרומדיק ציען זיך אויף ווערסטן־ווייט אומענדלעכע וועלדער, וואָס גרייכן אַזש ביז סקערניעוויץ.

טיף אין די וועלדער זענען פאַראַן בשפע הירשן, האָזן און ווילדע קאַטשקעס, וווהין דער שררה קומט אָפט אויף יאַגד.

אין דער דאָזיקער שיינער אָרטשאַפט האָט דער קאַרדינאַל ראַדזיע־יעווסקי, רעזידענט־אַרציבישאָף און פרימאַט פון ביסקופּן־שלאָס אין לאָ־וויטש, ביים סוף פון 17־טן יאָרהונדערט, אויפגעשטעלט זיין זומער־רעזידענץ.

★

די בויאונג פון דער געביידע האָט ער אָנפאַרטרויט דעם באַרימטן האָ־לענדישן אַרכיטעקט, סילמאַן וואַן גאַמערן. די סטרוקטור פון פּאַלאַץ איז געבויט אין אַ געמיש פון איטאַליענישן פּאַלאַדיאַניזם און אַלט־פּוילישער קלאַסישער אַרכיטעקטור.

דער פּאַלאַץ האָט צוויי טורעמס און איז ענלעך צו די פאַרטיפיצירטע פּוילישע שלעסער פון 15־טן יאָרהונדערט, אַ זיווּוג צווישן רענעסאַנס און באַראָק.

דער שלאָס איז שפּעטער איבערגעגאַנגען אין די הענט פון די אַריס־טאָקראַטישע פאַמיליעס טאַוויאַנסקי און לובאָמירסקי, אָבער אין די 60־קער יאָרן פון 18־טן י״ה, איז ער געווען דאָס אייגנטום פון העטמאַן, מיכאל אָגינסקי, וואָס איז באַקאַנט געווען אַלס פּאַטראָן פון קונסט און מוזיק.

פיל צימערן פון שלאָס זענען דעריבער אויסדעקאָרירט לויט זיי גע־שמאַק. די הויפּט־שטיגן צום העכערן גאָרן זענען באַדעקט מיט בלויע האָלענדישע קאַפּל פון דעלפט.

דאָס רוב אויפנעם־זאַלן, זענען שפּעטער איבערגעבויט געוואָרן און

באַצירט מיט ראָקאָקאָ־דעקאָראַציעס, וואָס זייערע דעליקאַטע גראַווירונגען און קאָלירן פאַרכאַפּן דאָס אויג.

אין יאָר 1774 האָט אָגינסקי פאַרקויפט דעם פּאַלאַץ צום פּרינץ מיכאל הערלאָנים ראַדזשיוויל, וועלכער האָט געהייראַט זיין פּלימעניצע, העלענאָ פּזשעזדעצקאַ, אַ קרובה פון דער כראַבינע סאַבאַצקי.

פיר יאָר שפּעטער, האָט די פּרינצעסין ראַדזשיוויל אויפגעשטעלט נישט ווייט פון ניעבאָראָוו, אַ ראָמאַנטיש־קלאַסישן פּאַרק און אים אָנגערופן מיטן אַלט־גריכישן נאָמען 'אַרקאַדיע'.

דאָס איז געשען אין דער תקופה פון זשאַן זשאַק רוסאָ. אין יענער צייט אונטער דער השפּעה פון גרויסן פראַנצויזישן פילאָזאָף און זיין אויפפאָסונג 'מענטש און זיין באַציאונג צו דער נאַטור', האָבן פיל אַריסטאָקראַטן געמאַכט פּראָבן צוצופּאַסן זיין אידעע צו זייער אייגן לעבן.

מענטשן פון די העכערע ספערן זענען ממש מיטגעריסן געוואָרן מיט זיין אידעע פון אַ קלאַסישער וועלט, אַ וועלט פון לויטער אידיליע און פּאַסטאָראַלן ראָמאַנס און אין דער זעלבער צייט פאַרגעסן וועגן דער אָרומיקער ווירקלעכקייט אין דער דרויסנדיקער וועלט, זייער פּאַנשטשיזנע־מאַכט איז געוואָרן נאָכמער ברוטאַל און זייערע לייבאייגענע נאָכמער אונטעריאָכט און פאַרפּיַנצטערט.

דער באַל ביי די ראַדזשיווילס איז פאַר פיל פּאָליטישע פירער געווען אַ פּאַסיקע געלעגנהייט צו קאָנען אויף אַ מער אינטימען אופן ארומצורעדן לויפנדיקע געשעענישן אין לאַנד און פון אויסלאַנד.

דעם יאָר, איז דאָס געווען נאָך מער דרינגענד צוליב אומקערן זיך אין לאַנד פון טאַדעוש קאָשציושקאָ, נאָך זיין אָנטייל נעמען אין דער באַפרייאונגס־מלחמה אין אַמעריקע און שפּעטער אין פראַנקרייך.

קאָשציושקאָ איז אין דער צייט געהאַט אויסגעוואָקסן צו אַ פּראָמינענטע פּאָליטישע פיגור אויף דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרענע. די רוסאָפילן אין לאַנד האָבן מיט פאַרשטענדלעכן אַנגסט געקוקט אויף זיין צוריקקומען אין לאַנד, ווי אין דערוואַרטונג פאַר גרויסע געשעענישן.

נישט געקוקט אויף די אָפּטע, פאַרשוועגדערישע בעלער אונטער דעם פּאַטראָנאַט פון קעניג סטאַניסלאַוו אויגוסט פּאָניאַטאָווסקי אין לאַזיענקי־פּאַלאַץ אין וואַרשע, איז דער פרי־האַרבסט באַל ביי די ראַדזשיווילס געווען אַ גרויס געשעעניש אין די פּריצישע ספערן און יעדער האָט געהאַלטן פאַר א זכיה אויף אים צו זיין.

די פרויען פון די געלאַדענע אַריסטאָקראַטן האָבן גאָרנישט געזשאַלעוועט צו קאָנען איבערשטייגן איינע די אַנדערע. מ'האָט וואָכנלאַנג זיך געגרייט צום דאָזיקן געזעלשאַפטלעכן צוזאַמענטרעף, ווו מ'וועט קאָנען פּאַראַדירן מיט די לעצטע מאָדעס, וואָס פיל האָבן אויסגעשריבן פון פּאַ־

ריז. באַזונדערס האָט מען געלייגט גרויס אויפמערקזאַמקייט אויף דער צירונג און אויף די פּריזורן. דער עיקר האָבן זיי געגאַרט צו קאָנען מוטלען צו דער זעט, און געוואָר ווערן די לעצטע סאַלאָן־סקאַנדאַלן.

די ליסטע פון די געסט האָט דער דוכוס ראַדזשיוויל אַליין בודק געווען צוזאַמען מיט זיין הויף־סעקרעטאַר. אין דער אמתן וואָלט ער גערן נישט איינגעלאַדן די איניציאַטאָרן פון דער נייער קאָנסטיטוציע. ער האָט אָבער נישט געקאָנט אַוועקמאַכן מיט דער האַנט נאָענטע קרובים און פריינד, פּראָמינענטע שטאַטסלייט, וואָס לויטן יחוס און אַריסטאָקראַטישן ראַנג וואָלט דאָס געווען אַן אומטאַקט פון זיין זייט, ווייל ער האָט געשמט אַלס ליבעראַלער מענטש. מ׳האָט דעריבער געדאַרפן איינגיין אויף פשרות.

דערפאַר האָט ער זיך דאָס יאָר אויסגעהיטן, אַז אויף דער ליסטע זאָלן נישט אַרויפגעשטעלט ווערן די נעמען פון באַקאַנטע ׳יאַקאָבינער׳, וואָס וואָלט אים געשטעלט אין גרויס פאַרלעגנהייט פאַר די נאָענטע קרובים, די רוסאָפילן.

חודש אָקטאָבער 1791, האָט זיך געשטעלט אַ גאָלדענער פּוילישער האַרבסט. דער וועטער איז געווען מילד און איבער די עטוואָס פאַרברוינטע פעלדער אין העלן זונען־אָפשיין האָבן געשוועבט ווייסלעכע נעצן פון שפינוועבס.

✶

צווישן די ערשטע געסט זענען געווען דער כראַביע און כראַבינע סאַבאָצקי. ווי נאָענטע קרובים פון די גאַסטגעבער, האָבן זיי אויך מיט־געבראַכט זייער טאָכטער אירענאַ, כדי זי אָפיציעל פאַרשטעלן פאַרן פּרינץ און איר אריינפירן אין סאַלאָן־לעבן.

אַ צווייטער יוגנטלעכער איז געווען לובאָמירסקי׳ס יינגסטער זון אין עלטער פון אירענאַ.

אירענאַ איז געווען אָנגעטאָן אין אַ קרינאָלינע פון ווייסן זיידנשטאָף; די האָר פאַרקעמט אין אַ קעקסל. די פּריזור, דער גאָלדענער האַלדז־באַנד מיט אַן אַקוואַרין־מעדאַליאָן און אַ קליינער פראַנצויזישער פעכער האָבן זי געמאַכט אויסזען העכער און מיידלשער.

אירע טיף־בלויע אויגן האָבן געשטראַלט מיט עקסטאַז און אויסגע־דריקט אַן אינערלעכן פלאַטער פון דער גרויסער איבערלעבעניש. אוי־סערלעך האָט זי זיך באַמיט נישט ארויסצווייזן אירע געפילן.

מאַדאַם דעבוואַר האָט איר צוויי וואָכן פריער צוגעגרייט צום גרויסן מאָמענט אין איר לעבן און איר געגעבן די געהעריקע אָנווייזונגען ווי זיך נוהג צו זיין אין דער געזעלשאַפט פון אַזעלכע פּראָמינענטע פּערזענלעקייטן. דאָס זעלבע האָבן געטאָן אירע עלטערן.

אירענאַ איז שטאַרק באַאיינדרוקט געווען פון דער פאַרבלענדיקער רחבות פון פאַלאַץ און איר מיידלש האַרץ איז מיטגעריסן געוואָרן מיטן פריילעכן געפילדער און זאָרגלאָזיקייט וואָס האָט דאָ געהערשט.

זי האָט זיך אויך באַמיט צו פאַרגעדענקען אַלעמענס נעמען פאַר וועמען זי איז פאָרגעשטעלט געוואָרן. וועגן אייניקע האָט זי שוין לאַנג געהערט פון אירע עלטערן, אָבער זיי האָבן נאָך קיינמאָל נישט באַזוכט זייער פאַלאַץ אין סאָבאָטע.

אמת, זי האָט געלייענט אין אַ פראַנצויזישן ראָמאַן וועגן אַזעלכע פראַכט־סצענעס. דאָ זעט זי אָבער אַלץ מיט אייגענע אויגן אויף דער וואָר און איז אַ דירעקטע מיטבאַטייליקטע.

אין געדאַנק האָט זי נישט־ווילנדיק געפרווט פאַרגלייכן איר אייגענע היים צום הערלעכן פאַלאַץ פון די ראַדזשיווילס, אָבער באַלד פאַרטריבן די זלידנע מחשבה און מיט אַלע חושים זיך געלאָזט שוועבן אויף די פליגל פון גרויסן מאָמענט, איר ערשטן אַרויסטריט אין סאַלאָן־לעבן.

אירע עלטערן האָבן אויף איר געקוקט מיט גרויס צערטלעכקייט און צופרידן געווען פון איר שיינער פּאָזע און האַלטונג אין דער געזעלשאַפט פון 12־יאָרקן פּרינץ מיכאל ראַדזשיוויל און דעם יונגן לובאָמירסקי.

דער יונגער פּרינץ האָט זיי גענומען אויף אַ שפּאַציר צו ווייזן אַ טייל פון פאַלאַץ, ווייל ווי יוגנטלעכע האָבן זיי געדאַרפן פריער האָבן מאַלצייט, דערנאָך אַוועק אין צווייטן פליגל פון פאַלאַץ און אָפּרוען — כדי צו זיין אויסגערוט פאַר דער פייערלעכער אויפנאַמע שפּעט־אָוונט.

דער יונגער פּרינץ האָט זיינע געסט צוערשט אַריינגעפירט אין גרויסן פּראַנט־זאַל, און מעשה־וועגווייזער אין אַ פּערפעקטן פראַנצויזיש זיי אויפ־געקלערט דעם בויפלאַן פון פאַלאַץ, וואָס איז געהאַנגען איינגערעמט נעבן אַ קליינער שאַפקע.

— קומט! דאָ האָבן מיר דעם בויפלאַן, לאָמיר באַשליסן וואָס מיר ווילן פריער זען.

אַלע דריי האָבן געקוקט אויפן פּלאַן און דער פּרינץ האָט אָנגעוויזן די ערטער, וואָס זיי דאַרפן באַזוכן.

און אַזוי זענען זיי אַוועק אויף אַ שפּאַציר איבער די קאָרידאָרן ווו ביי יעדער טיר איז געשטאַנען אַ לאָקיי אין אַ ווייסן פּאַרוק און העפלעך זיך פאַרנויגט פאַרן פּרינץ און זיינע געסט, זיי געעפנט די טיר פון יעדן זאַל.

אירענאַ האָט אָבסערווירט פון דער זייט דעם פּרינץ מיכאל אין זיין גאָלדגעשטריקטן טוניק, דאָס ווייסע בופאַן־העמדל ביזן איבערן האַלדז. זיינע בראָנז־געקרייזלטע האָר זענען עלאַסטיש געפאַלן איבער זיין שמאָלן אַקסל, און געהאַט די פאַרב פון זיינע אויגן. זיין יונג פּנים האָט געהאַט אַ דורכ־זיכטיקע מילך־קאָליר פון וועלכן עס האָט זיך באַזונדערס אויסגעטיילט זיין שיין־געשניצט מויל.

אין קאָנטראַסט צום פּרינצלינג איז לובאָמירסקי׳ס פּנים געווען טונקע־לער און לענגלעך מיט עטוואָס אַרויסשטאַרצנדיקע אויערן. ער איז געווען אַ ביסל צו פעטלעך אויף זיינע יאָרן און געגאַנגען מיט אַ פעסטן טראָט.

אירענאַ האָט אויך באַמערקט די גרימאַסן אויף לובאָמירסקי׳ס פּנים בעת דער פּרינץ מיכאל האָט אָנגעוויזן אויף אַ בילד אָדער מעבלשטיק און פאַרטייטשט אַ ביסל נאַיוולעך די געשיכטע אָדער די באַדייטונג פון אַן אָביעקט. לובאָמירסקי׳ס אויגן־שפּאַלטן האָבן זיך דעמלט פאַרשמעלערט און זיין אונטערשטע דיקע ליפּ האָט געציטערט. ער האָט זיך באַטראַכט פאַר אַ מער דערוואַקסענעם און געקוקט אויפן יונגן פּרינץ ווי אויף אַן אינפאַנט.

אירענאַ האָט דאָס באַשיינפּערלעך געזען און אינסטינקטיוו געהאַט אַ ווידערגעפיל צום אָנגעבלאָזענעם לובאָמירסקי, וואָס האָט געוואָלט אַרויס־ווייזן העכערקייט צוליב זיין עלטער. אויך זיינע מאַניערן זענען ווייט נישט געווען סאַלאָן־אַרטיק. דערצו איז זיין פראַנצויזיש געווען שווער אַקצענ־טירט און ער האָט אַ ביסל אונטערגעשטאַמלט ביים זוכן אַ פּאַסיקן וואָרט אַרויסצוזאָגן אַ מיינונג.

אין אונטערבאַוווסטזיין האָט זי אפשר מאָמענטוויז מקנא געווען דעם יונגען יורש פון פּאַלאַץ. זי האָט אָבער שנעל פאַרטריבן אַזאַ געדאַנק אַלס עגאָאיסטיש און כדי נישט צו בלייבן הינטערשטעליק לויט איר געבורט, געזאָגט אירע באַגלייטער:

— די בילדער זענען אויסערגעוויינלעך שיין... זייער שיין... אינ־טערעסאַנט! — און אָנווייזנדיק אויף אַ לאַנדשאַפט, וואָס איז איר זייער געפעלן אויסגערופן:

— סע טאַבלאָ ע ווּרעמען סופּערב...! זייער נאַטירלעך... אויך ביי אונדז אין פּאַלאַץ האָבן מיר ענלעכע בילדער און סטאַטועס. ווען איר וועט צו אונדז קומען, וועט איר אַליין זען!...

דער יונגער לובאָמירסקי האָט נאָר ווי געוואַרט אויף אַזאַ דערקלע־רונג און גאַווהדיק אויסגערופן:

— אונדזער פּאַלאַץ איז אפשר א ביסל קלענער, דערפאַר שטייט ער אויף אַ הויכן באַרג פון וואַנען מען קאָן זען אויף ווייערסטן ווייט די גאַנצע געגנט. אונדזער פּאַלאַץ האָט דריי פאַרטיפיצירטע טורעמס, דריי טורעמס... — האָט ער זיך באַרימט. — דעם פּאַלאַץ האָט געבויט מיין עלטער־זיידע... און מיר האָבן הונדערטער בילדער פון די גרעסטע מייסטערס אין איי־ראָפּע... מיר האָבן אויך אַן אייגענע אָראַנזשעריע מיט די שענסטע עקזאָטישע פּלאַנצן, אַ גרויסן סטאַוו מיט פיש און ריזיקע שטאַלן מיט פערד... האָט ער זיך געגרויסט און פאַרענדיקט זיין פּזמון:

— איר וועט זיכער צו אונדז קומען און איך וועל אייך אַלץ אַליין ווייזן!

אירענאַ האָט אין פאַרלעגנהייט געקוקט אויפן רעדנדיקן. אין די מויל־ווינקלען ביים יונגן פּרינץ האָט זיך געצייכנט אַ שמייכל. זיינע קלוגע אויגן האָבן געקוקט אויף זיינע באַגלייטער. אין זייער טאָן האָט ער מיט־אַמאָל ארויסגעפּילט, אַז זיי זענען אים מקנא און באַשלאָסן ביי זיך צו זיין מער דיסקרעט ביים פּאַרטייטשן אַנדערע מערקווירדיקייטן.

ווען זיי האָבן שפּעטער געקוקט אויף פּיעטרא ראָטאַרי'ס 'קעפּ פון צוויי מיידלעך', האָט אירענאַ באַגייסטערט אויסגערופן:

— זשאַלי, זשאַלי, עקסטראָאַדינעיר... אין איינע פון די מיידלשע קעפּ האָט זי געזען אַן אויסערגעוויינלעכע ענלעכקייט צו מרימען און זי האָט אַן איבערראַשטע אויסגערופן:

— מאָן דיע! מאָן דיע!... אָ, מיין גאָט, די איינע פון רעכטס איז אינגאַנצן ענלעך צו מיינע אַ פריינדין.

— ענלעך צו דיינע אַ פריינדין? — האָבן ביידע יינגלעך מיט נייגיר אויסגערופן.

— איז זי אויך אַזוי שיין ווי דו? — האָט דער פּרינץ עלעגאַנט געפרעגט.

— נאָך שענער, פיל שענער, — האָט זי זיך לייכט פאַררויטלט און מיט אַ וואַרעמען נויג באַדאַנקט דעם פּרינץ פאַרן קאָמפּלימענט.

און אירענאַ האָט געטראַכט ביי זיך, אַז ווען זיי זען איר מרים, וואָלטן זייערע הערצער אויסגעגאַנגען פון ליבשאַפט.

— ווער איז דיין פריינדין? — האָט מיט זיין דיקע שטימע איבער־געריסן אירע געדאַנקען לובאָמירסקי.

אירענאַ האָט אַראָפּגעלאָזט די אויגן און זיך אַ ווײַלע פאַרטראַכט. די פראַגע האָט זי צוריקגעברענגט צו דער ווירקלעכקייט און אין קאָפּ האָבן אָנגעהויבן לויפן סתירותדיקע געדאַנקען. זי האָט געוווּסט, אַז זי טאָר נישט אויסזאָגן דעם אמת, ווייל זי וועט זיי מוזן דערציילן, אַז מרים איז די טאָכ־טער פון זייער אַרענדאַר און אַ יידישקע. זי האָט דעריבער באַשלאָסן זיך צו באַנוצן מיט אַ קליינעם ליגן אויס מורא זיך נישט צו קאָמפּראָמיטירן פאַר די יונגע אַדלליַיט.

— אָ, מיין פריינדין איז שוין לאַנג צוריקגעפאָרן קיין פּאַריז...

— אַזוי גאָר... אַ שאָד, אַ שאָד, האָט אויסגערופן לובאָמירסקי.

פּרינץ מיכאל האָט אַ לייכטן צי געטאָן מיט די אַקסלען:

— קומט, לאָמיר אַריין אין ווענעציאַנער זאַל.

ביידע האָבן אים נאָכגעפאָלגט.

דאָ האָבן געהאָנגען אַן אַ שיעור לאַנדשאַפטן, וואָס האָבן געשילדערט סצענעס פון ווענעציע. באַזונדערס האָבן זיך אויסגעטיילט דער „דאָזשע'ס פּאַלאַץ", 'סט. מאַרקס פּלאַץ', די 'ריאַלטאָ בריק' און פיל אַנדערע.

די דעקאָראַטיווע שטוקאַטעריע פון דער סטעליע מיט די געאָמעטרישע אָרנאַמענטן איז געווען פון שפּעטן רענעסאַנס.

פונדאַנען זענען זיי אַריין אין הערלעכן גאַרדעראָב־זאַל. דאָ האָבן געהאָנגען אין ברייטע גאָלדענע ראַמען די פּאָרטרעטן פון דער ראַדזשיוויל־דינאַסטיע. צווישן זיי די באַרימטע שיינהייט, באַרבאַראַ ראַדזשיוויל, די פרוי פון קעניג זיגמונט אויגוסט. אין סאַמע צענטער איז געהאָנגען דער פּאָרטרעט פון פּרינץ קאַראָל ראַדזשיוויל, דער ווילנער וואָיעוואָדע וואָס איז געשטאָרבן מיט אַ יאָר פריער. ער איז באַקאַנט געווען מיט זיין האַס צו דער פאַמיליע טשאַטאָריסקי ווי אויך צום פּוילישן קעניג סטאַניסלאַוו אויגוסט פּאָניאַטאָווסקי.

דער יונגער לובאָמירסקי האָט פון דער נאָענט באַטראַכט דעם פּאָר־טרעט און לויט זיין גרימאַסע אויפן פּנים איז קענטיק געווען, אַז ער ווייסט אַביסל די געשיכטע און די משפחה־סקאַנדאַלן פון דאָזיקן פּרינץ.

דער דריילינג איז אַביסל לענגער געבליבן שטיין אין גערוימען אויפ־נעם־זאַל ביים אַרויפגאַנג צום ערשטן גאָרן.

רעכטס איז אויף אַ פּיעדעסטאַל געשטאַנען אויסגעהאַמערט אין ווייסן מאַרמאָר די באַפליגלטע פיגור פון 'עראָס' און העכער איבער דער באַ־לוסטראַדע — צוויי קינדער־פיגורן. איינע האָט מיטביידע הענט אונטער־געהאַלטן אַ לאָמפּ.

זיי זענען אַרויף אויף די ברייטע שטיגן צום מעזאַנין. דאָ זענען גע־האָנגען די פּאָרטרעטן פון קעניג סטאַניסלאַוו אויגוסט פּאָניאַטאָווסקי אין זיין רעגאַליע, געמאָלן פון מאַרסעלאָ באַציאַרעללי; נישט ווייט פון אים — דער פּאָרטרעט פון קעניג יאַן דער דריטער סאָביעסקי, דאַן — סטעפאַן טשאַרנעצקי, געמאָלן אין דענעמאַרק אין יאָר 1659 פון בראַדערא מאַטהיסען, און עטוואָס ווייטער די עלטערן פון יונגן פּרינץ מיכאַל.

אַלע דריי האָבן מיט גרויס אינטערעס באַטראַכט די בילדער און יעדער האָט אויף זיין אופן אויסגעדריקט זיין מיינונג וועגן די היסטאָרישע גע־שטאַלטן און ראָל פון די פּוילישע מלכים. זיי זענען לענגער געבליבן שטיין ביי די פּאָרטרעטן פון די גאַסטגעבער פון באַל און אירענאַ און לובאָ־מירסקי האָבן אויסגעדריקט זייער מבינות אויף דער טרעפלעכער ענלעכ־קייט פון די פּאָרטרעטן פון פּרינץ מיכאַלס עלטערן.

פון דאַנען זענען זיי אַוועק אין ווייסן זאַל, וואָס איז געווען דער רעפּ־רעזענטאַטיווסטער אין פּאַלאַץ.

אויף דער הויפּטוואַנט איז געווען אַן אַלטאַר מיטן קאָפּ פון קריסטוס, געמאָלן אויף אַ הילצערנער פּלאַטע. אַרום אין די ווינקלען זענען געשטאַ־נען מאַרמאָרנע פיגורן, בלומען־וואַזאַנען און בראָנזענע רעליעפן.

פּרינץ מיכאַל האָט זיי אָנגעוויזן אויף די געשליפענע שפּיגלען און

מיט באַהאַלטענעם שטאָלץ געזאָגט, אַז זיי זענען געמאַכט געוואָרן אין זייער אייגענער גלאָז־הוטע.

— וואָלט איר געוואָלט באַזוכן די גלאָז־הוטע ?— האָט ער זיי געפרעגט.

— זייער אַ גוטער איינפאַל ! — האָט אויסגערופן דער יונגער לובאָמירסקי.

— און דו, כראַבינע אירענאַ ? — האָט ער זיך געוואָנדן צו דער יונגער דאַמע, — ביזטו אויך פאַראינטערעסירט צו זען ווי אַזוי ס׳ווערט אויסגעאַרבעט גלאָז ?

זי האָט זיך אַ ווײלע פאַרטראַכט צוליב דער פלוצימדיקער ווענדונג און נישט געוווסט וואָס צו ענטפערן. זי האָט נישט געקאָנט ביי זיך באַשליסן צי זי מעג געבן איר צושטימונג אָן אָנפרעגן פריער די עלטערן. זי האָט אָבער מורא געהאַט, אַז די יינגלעך וועלן איר באַטראַכטן ווי אַ דערוואַקסלינג און מיט אַ שעלמישן שמייכל אָפּגעענטפערט :

— די איינלאַדונג איז אָנגענומען, פרינץ מיכאל, — און זיך לייכט פאַר אים פאַרנויגט.

— אויב אַזוי, מיינע טייערע געסט, וועלן מיר דאָס מאַכן מאָרגן פרי, גלייך נאָך פרישטיק. מסכים ? !

— מסכים ! — האָבן בײדע געענטפערט.

טראָצדעם וואָס אַלע דריי האָבן זיך שוין געפילט אַביסל מיד און מער געסט זענען אָנגעקומען און גענומען שפּאַצירן איבער די זאַלן, האָבן זיי צום סוף באַשלאָסן בלויז אריינצוגיין אין געלן שטודיר־צימער.

דאָ האָבן זיך אַלע דריי אַוועקגעזעצט אין טיפע פאָטעלן, אויסגעבעט אין געלן דאַמאַסק און אָפּגעכאַפּט דעם אָטעם.

די אַטמאָספער פון דעם זאַל איז לחלוטין געווען אין גרויסן קאָנטראַסט צו דעם וואָס זיי האָבן ביז איצט געזען.

די ווענט זענען דאָ געווען באַדעקט מיט געלן פראַנצויזישן זייד פון ליאָן ; די טירן און פענצטער־ראַמען מיט אַראַבעסקן און גראָטעסק־מאַלערייען.

פון די ווענט האָבן אַראָפּגעקוקט אומצאָליקע בילדער : „אפּאַלא און דאפנע״ פון בענעדעטא לוטטי, ׳אַ מאַנס קאָפּ׳ פון בארטאלאמעא נאצארי, „די שלאַכט״ פון אויגוסט קערפורט, אַנטיקישע רואינען פון גי פאניני און פיל אַנדערע.

אין אַ שיינער מאהאגיני־שאַפע איז געשטאַנען אַ גלעזערנע הארמאָניקא מיט 45 גלעקלעך. די מוזיק צו דער האַרמאָניע האָבן געשריבן די גרויסע קאָמפּאָזיטאָרן פון יענער צייט, צווישן זיי מאָצאַרט און היידן.

פון דער סטעליע איבערן גרויסן פראַנצויזישן טיש איז געהאָנגען

אַ קאַנדעלאַבער פון עכטן זאַקסישן פאַרצעליי און ברוכרעפלעקסן האָבן שי־מערירט ווי בלישטשנדיקע אויגן.

אַ מאַטע ליכט איז געפאַלן אויף די ווענט צווישן די צוויי גרויסע פענצ־טער. דאָ איז געהאַנגען די קאָלעקציע קופּער־שטיכן פון דער פּרינצלעכער פאַמיליע ראַדזשיוויל. די דאָזיקע פּרעציזע גראַווירונגען זענען זיינערצייט געמאַכט פון אַ יידישן בחור הערש לייבאָוויטש פון ניעסוויזש.

זיי האָבן לאַנג באַטראַכט די שיינע קופּער־שטיכן און זיך נישט געקאָנט אָפּלויבן פון דער שיינער אַרבעט. דער יונגער פּרינץ האָט געמאַכט באַמער־קונגען צו אַ טייל געשטאַלטן פון זיינע אבות, אָבער איז געבליבן שטיין אין פאַרלעגנהייט אויף דער פראַגע, ווער עס איז דער קינסטלער.*)

פון דאַנען זענען אַלע דריי אַוועק מידע און הונגעריקע אין קליינעם עסזאַל, ווו די באַדינער האָבן שוין לאַנג אויף זיי געוואַרט מיטן מאַלצייט.

✶

דער גרויסער אויפנעם־זאַל איז אילומינירט געווען פון אַ שפע וואַק־סענע ליכט אין מעשענע שטיי־לייכטערס און פון צוויי קאַנדעליאַבערס וואָס זענען אַראָפּגעהאַנגען פון דער סטעליע.

דער אָפּשיין פון די ליכט האָט שימערירנדיק אויסגעפּעכערט מיליאָסן גליענדיקע אָפּבליצן פון די איידלשטיינער מיט וועלכע די דאַמען זענען געווען באַהאָנגען.

די געסט זענען געווען אויסגעזעצט ביים לאַנגן טיש, באַשטעלט מיט כל־טוב און זילבער־געשיר. יעדער לויט זיין ראַנג און פּאָזיציע.

ס'רוב מענער זענען געווען געקליידט לויט דער פראַנצויזישער מאָדע: קני־הויזן און ווייסע זאָקן, דער אויבערמלבוש באַגאַרטלט אַרום די לענדן מיט אַ ברייטן גאַרטלבאַנד, פאַרשפּיליעט אין דער זייט מיט אַ בראָשקע, און אַ שמאָלן פלאָרעט. די מענער אין פּערוקן אלא לואי דעם זעכצנטן, זאַקסישן אָדער פּוילישן מלך.

די יעניקע, וואָס האָבן פאַרנומען מלוכהשע אָדער מיליטערישע פּאָזי־ציעס, זענען געווען אָנגעטאָן אין זייער פּולער רעגאַליע, די ברוסטן באַ־האָנגען מיט אָרדנס און ערן־צייכנס.

די דאַמען האָבן מיט זייערע טואַלעטן איבערגעשטיגן די מענער.

---

*) דער אַלטער ראַדזשיוויל האָט אים איינמאָל אַנטדעקט אין אַ דאָרף אין דער ליטע און אים אַריינגענומען צו זיך אין פּאַלאַץ, ער זאָל אויספירן די וויכטיקע קונסט־אַרבעט.

דער יידישער קינסטלער האָט עטלעכע יאָר אַזוי געאַרבעט ביים אויספירן זיין קונסט־ווערק און צום סוף, האָט ער זיך אַזוי אַריינגעלעבט אין דער סביבה, אַז אויפן צורעדן פון אַלטן ראַדזשיוויל, האָט ער זיך געשמדט.

זייערע מיסיקאַנטעס און קרינאַלינעס האָבן זיך אויסגעטיילט מיט אָריגינעל־קייט פון מאָדעל, אויפגעגנייט און אויסגעהאַפטן פון די טייערסטע קרעפּ־דע־שין, זייד, שיפאָן, זשאָרזשעט און אַנדערע טייערע שטאָפן. די דאָמינירנדיקע קאָלירן, וואָס האָבן זיך אויסגעטיילט זענען געווען ווייס און בלוי, און האָבן פאַרבלענדט די וויניקע פון שוואַרץ, בורשטין און געל־גאָלדיקע שטאָפן. די פריזורן מיט די דיאַדעמס און טיאַראַס זענען געווען פריזור־מייסטערשטיק. די פינקלדיקע אויסשטראַלונגען פון די דיאַמענטן, אקוואַמאַרינען, רובינען און אַנדערע איידלשטיינער אויף די רינגען פון די הענט, אויערינגלעך, האַלדז־בענדער און בראַסלעטן האָבן זיך צענויפגעגאָסן אין אַ בלענדנדיקן פאַרבנ־שפּיל, וואָס האָט ליכטיקער געמאַכט דעם אויפנעם־זאַל.

די צעשטראַלטע, זאַרגלאָזע פּנימער האָבן זיך נחתדיק געוויגט פון תענוג און אויפהייטערונג.

דאָס שאָרכן און גערויש פון די קליידער האָט מאָמענטנווייז פאַרשטומט די מוזיק פון דער קאַפּעליע, וואָס איז צו דער געלעגנהייט אַראָפּגעבראַכט געוואָרן פון וואַרשע.

אַרום די זייטן זענען דינסטפּול געשטאַנען גאָלד־ליוורירטע לאַקייען מיט זילבערנע טאַצן, און באַדינט די געסט.

דער גאַסטגעבער איז געזעסן אויבנאָן אויף אַ טראָן־שטול, נעבן אים זיין פרוי, די פּרינצעסין העלענאַ.

דער בורשטינענער וויין האָט אַרויסגעשטראַלט פון די קרישטאָלענע דרעזדענער קאַראַפקעס און בעכערס און די רויטלעכע רעפלעקסן האָבן זיך אויסגעמישט מיטן רעגנבויגן פון אַלערליי פאַרבן.

טראָץ דעם קילן אָוונט אין דרויסן, איז די אַטמאָספער דאָ געווען אַן אויפגעהייטערט וואַרעמע און די דאַמען האָבן עלעגאַנט באַנוצט זייערע פעכערס.

מ'האָט גערעדט אין שטילע טענער אָדער געפּליסטערט צווישן זיך אויס דרך־ארץ פאַר דעם גאַסטגעבער.

די יעניקע, וואָס האָבן געליטן אויף פאַרשיידענע מיחושן, האָבן פאַרגעסן די וואָרענישן פון זייערע דאָקטוירים זיך נישט איבערצועסן און זיך געלאָזט ווילגיין.

די מער שוואַכערע דאַמען האָבן געהאַט מיט זיך אין די בייטלען ביטערע זאַלץ־וואַסער טראָפּנס און אַנדערע רפואות.

דער אַראָמאַט פון פאַרפומען האָט זיך אויסגעמישט מיטן ריח פון מענטש־לעכע לייבער, וואָס איז אומזעבאַר געהאַנגען אין דער לופטן.

אויבערפלעכלעך זענען אַלע געווען אויפגעלייגט און פריילעך. ס'האָט זיך אָבער געפילט, אַז אונטער דעם גלאַנץ פון זאָרגלאָזיקייט שוועבט אַן אומ־זעבאַרער שאָטן פון ערנסטער זאָרג צוליבן פּאָליטישן מצב אין לאַנד.

די מערהייט פון דער אָנוועזנדער שליאַכטע האָט נאָך נישט געהאַט אַראָפּ־געשלונגען די ביטערע פּיל פון דער דריטער מאַי־קאָנסטיטוציע מיט אירע רעפאָרמען וואָס האָבן דירעקט אָנגערירט זייער ביז איצט זעלבשטענדיקע מאַכט.

קעגנאיבער זיך זענען געזעסן איניקע שטאָטסלייט וואָס האָבן אויבנ־אויפיק זיך העפלעך באַגריסט לויטן עטיקעט. זייערע בליקן האָבן אָבער פאַרראַטן, אז זיי האָבן נישט פאַרגעסן דעם קאַמף מיט עטלעכע חדשים פריער אין סיים פאַרן אָננעמען די נייע קאָנסטיטוציע.

נאָכן מאָלצייט האָבן די געסט זיך אָפּגעבראָכן אין פאַרשיידענע גרופּן. אַ טייל, ווי דער מנהג, זענען אַוועק שפּילן קאָרטן, אַנדערע זענען אַוועק אין רויטן־אויפנעם זאַל וואָס איז רעזערווירט געווען פאַר טאַנצן. פון דאָרטן האָבן זיך געטראָגן די טענער פון אַ מינועט.

די עלטערע שטאָטסלייט זענען מיט לאַנגזאַמע טריט אַוועק אין רויכער־צימער און דאָ אין גרופּן זיך אריינגעזעצט אין פאָטעלן און געשמועסט וועגן לויפנדיקע געשעענישן.

דאָ, אין רויכער־צימער, האָבן די גרויסע וואַקסענע ליכט אין די וואַנט־לייכטערס געוואָרפן גראָטעסקע שאָטנס אויף די אַקעגנאיבערדיקע ווענט.

דינע וואָלקנדלעך רויך האָבן זיך געקרייזלט פון די ליולקעס און ציגאַרן, זיך געהויבן צו דער סטעליע און אָנגעפילט ס׳צימער מיטן אַראָמאַט פון פיינעם טאַבאַק.

ביי דער טיר איז געשטאַנען די סטאַטוע פון פראַנצויזישן קאַנצלער ל׳אָופּיטאַל פון וויסן פאַרצעליי.

אינמיטן אויף אַ קליין טישל אַ גרויסע מאָזאַיק־וואַזע מיט אַ זעלטענעם קרישטאָלענעם גלאַנץ וואָס איז אויסגעאַרבעט געוואָרן אין דער ניעבאָראָווער גלאָזהוטע. לענגאויס די ווענט צוויי לאַנגע סאָפעס און אַ צוויי־צענדליק געבעטע פאָטעלן.

די ווענט האָבן באַצירט בילדער פון גרויסע מייסטערס, געמאָלן מיט איבער אַ יאָרהונדערט פריער, צווישן זיי: ׳דאָס גלאָז און דער וועכטער׳ פון וו. צ. העדאַ; ׳די קרוג און די ציטרין׳; י. פּיט׳ס ׳דער האָז און דער פויגל׳ און י. ד. וורענעט׳ס ׳שיפּברוך אין אַ שטורעם׳.

נאָענט ביים גרויסן פראַנצויזישן פענצטער אין צווייטן עק פון רויכער־צימער זענען געזעסן דריי אַדליַיט פאַרטאָן אין אַן אָנרעגנדיקן שמועס.

דער העכערער פון די דריי מיטן גרויסן גלאַטן שטערן, ברייטע צעשויבערטע ברעמען און ברייטע נאָזפליגלען, איז געווען דער לאַנדבאָזיצער יאַראָסלאַוו לובאָמירסקי, אַ באַקאַנטער רעאַקציאָנער. ער האָט געפּיפּקעט זיין ליולקע און מיט געמאָסטענע רייד, אין אַ טיפער שטימער, דיסקוטירט מיט זיינע מיטשמועסער דעם מצב אין לאַנד.

מיט זיין פיזיאָגנאָמיע איז ער ענלעך געווען אויף זיין פאַרשטאָרבע־נעם פאָטער, דעם געוועזענעם מאַרשאַלעק פון דער קרוין. *)

נעבן אים איז געזעסן דער יונגער העטמאַן סעווערין זשעוווסקי. זיין פּנים איז געווען קנאָכיק, איינגערעמט אין ברייטע באַקנבערד. ער איז געווען אַן אויסגעשפּראָכענער קעגנער פון דער נייער קאָנסטיטוציע.

מיטן פּנים צו די צוויי איז געזעסן דער יונגער טעאָפיל זאַמאָיסקי. אויסערלעך האָט זיין אַריסטאָקראַטיש פּנים אויסגעזען איידל און מילד. זיינע רייד האָבן אָבער פאַרראַטן אַן איינגעבוירענע גייציקייט צו מאַכט.

זיין אַדל־יחוס איז געווען אַן אַלטע, די פאַמיליע האָט געהערט צו די העכערע ספערן פון דער פוילישער אַריסטאָקראַטיע. זיין פאָטער איז געווען דער יעניקער וואָס האָט אנומלט ארויפגעלייגט הויכע צינזשן אויף די פּויערן אין זיינע גיטער און פאַרטאָפּלט זייערע אַרבעטס־טעג.

יאַראָסלאַוו לובאָמירסקי האָט ארויסגעלאָזט קליינע קרייזלעך רויך פון דער ליולקע וואָס ער האָט געהאַלטן אין רעכטן מוילווינקל און דורך די ציין מיט קענטיקער אויפהייטערונג געפרעגט:

— איר ווייסט שוין מסתמא די נייעס, זיכער געלייענט אין 'לא מאָני־טאָר אוניווערסאל'... דאָס איז דאָך אומגלויבלעך, ממש אומגלויבלעך... די סאַנקילאָטן האָבן די יידן געגעבן בירגעררעכט... האַ, ווי געפעלט אייך דאָס?! מיין גאָט, שטעלט אייך פאָר, אַז מיין אַרענדאַר, אייערע אַרענדאַרן, און די אַלע באַבערדלטע זשידעס אין די שוואַרצע כאַלאַטן אין די שטעטלעך וועלן איבערנאַכט ווערן ביי אונדז גלייכבאַרעכטיקע בירגער! האַ, זאָגט מיינע גנעדיקע קאָלעגן, מיט וואָס וועט זיך דאָס ענדיקן, מיט וואָס? נישטאָ ווער ס'זאָל לאַכן... וואָס וועט ווערן מיט אונדזער פּוילן, וואָס?! יידן גלייכע בירגער... פאַרוואָס גייען זיי נישט אין זייער פּאַלעסטינע, פאַרוואָס?!

— איר זענט גערעכט, מיין גנעדיקער פריינד לובאָמירסקי... עפּעס אַ וואַנזין האָט באַהערשט די סאַנקילאָטן אין פאַריז, — האָט זיך אָפּגערופן העטמאַן זשעוווסקי.

— כ'זאָג אייך, מיינע גנעדיקע פריינד, — האָט פאַרגעזעצט יאַראָסלאַוו לובאָמירסקי, — דער בלוטיקער מערדער ראָבעספּיער האָט שותפות געמאַכט מיטן טייוול אַליין... נישט אַנדערש... ווער קאָן דאָס תופס־זיין מיט פּשוטן שכל... אָבער ער וועט האָבן אַ בייזן סוף... ער וועט באַצאָלן מיט זיין איי־גענעם קאָפּ... דאָס פּעבל פון זיין 'נאַציאָנאַלער פאַרזאַמלונג' וואָס משפּט היינט די פראַנצויזישע אַריסטאָקראַטן וועט לסוף אויך אים אַליין משפּטן און אים

---

*) אונטער זיין פאָטערס קאָמאַנדע האָבן אין יאָר 1734 היידאַמאַקעס אָנגעטאָן גרויסע צרות די יידן אין וואָלין און אין פּאָדאָליע און חרוב געמאַכט פיל יידישע קהילות.

שיקן צו דער זעלבער גילאָטינע... געדענקט מיינע רייד! — האָט ער אויפֿגעהויבן אַ וואָרנענדיקן פינגער.

— נישט אַנדערש, מיין גנעדיקער לובאָמירסקי, ווי זיי זענען אַראָפּ פון זינען... אָדער זיי זענען חסר־דעה... ס'איז דאָך אומדערהערט — האָט אַן אויפגעהייטערטער זיך אָפּגערופן העטמאַן זשעוווסקי, — דער גרויסער לאַ פּאיעט זאָל שטיצן ראַבעספּיערן... נאָך מער סקאַנדאַליעז איז וואָס לואי פיליפּ, דער פּרינץ פון אָרלעאַן זאָל צושטיין צו דער באַנדע מערדערס... אָ, די פּאַררעטערישע בורבאָנס... כ'האָב מורא, אַז ער וועט זיך נישט וואַקלען אויף אַ האָר צו שטימען פאַר אומצוברענגען לואי דעם זעכצנטן. אַלץ איז מעגלעך אויף די חסר־דעהניקעס...

— נישט קיין וווּנדער, פּאַרוואָס מיר האָבן אין לאַנד אַזויפיל יאַקאָבינער... זיי האָבן זיך אָנגעשטעקט מיט דער פּאַריזער חולאת... האָט מיט אַ פייערל אין די אויגן זיך אָפּגערופן דער יונגער זאַמאָיסקי.

— זיי האַלטן זיך פאַר הומאַניסטן... און דאָס געפּערלעכסטע, זאָג איך אייך, איז וואָס די גלחים גייען מיט די ראַדיקאַלן און פּרעדיקן אויפקלערונג און בילדונג... זיי שלעפּן זיך נאָך די טשאַרטאָריסקי'ס, קאָלאָנטאַיעס און סטאַשיצעס... זיי ווילן חרוב מאַכן ס'לאַנד!... צוויי גרינע פייערלעך האָבן געבליצט אין זיינע ביזאיצט מילדע אויגן:

— אַנטשולדיקט, גענעדיקע קאָלעגן פאַר מיין טאָן... אָבער כ'קאָן קיין רו נישט געפינען נאָך דעם טראַגישן ספּעקטאַקל אין סיים מיטן אָננעמען פון דער נייער קאָנסטיטוציע... ווו איז דאָס געהערט געוואָרן מ'זאָל מיעשטשאַנעס געבן רעכט זיך אריינצומישן אין סיים... פּראָסטע מענטשן, פּעבל... וואָס ווייסן זיי וועגן פירן אַ מלוכה?! זיי קאָנען קוים זייער צעקאַליעטשעט פּויליש לשון, אומווינסנדע ברואים... צום ערשט גיט מען זיי רעכט צו האָבן אַ דעה אין אָננעמען געזעצן אין סיים... און מאָרגן וועלן זיי געבן בירגער־רעכט די יידן... און שפּעטער. הא — שפּעטער?!... וועלן זיי באַפרייען די פּויערן... ווייסט איר וואָס פאַראַ קאַטאַסטראָפע ס'דראָט אונדזער ווירטשאַפט?!

לובאָמירסקי האָט מיט אַ שטאַרן בליק געקוקט אין אַ ווינקל ווי ער וואָלט עפּעס געזען דאָרט און איבערגעקלערט. שאָקלענדיק גלייך מיטן קאָפּ האָט ער געזאָגט:

— יאָ, מיינע גנעדיקע פריינד... זיי וועלן רואינירן ס'לאַנד, אויב מ'וועט זיי לאָזן ווייטער אַזוי רעגירן!

העטמאַן זשעוווסקי האָט זיך איינגעבויגן צו זיינע מיטשמועסער און מיט אַ סודותדיקן טאָן זיך אָפּגערופן:

— כ'זאָג אייך, מיינע הויכגעשעצטע פריינד, אַז די זאַך איז נישט גלאַטיק. די זאַך איז גאָר ערנסט... מ'דאַרף נאָכפאָלגן זייער יעדן שריט... און צו אַלע אָנשיקעניש, ווער האָט געדאַרפן ער זאָל איצט קומען אין לאַנד?

כ׳מיין טאַדעאוש קאָשציושקאָ?! עפּעס געפעלט מיר נישט זיין אַרומפאָרן איבערן לאַנד, ניין, ס׳געפעלט מיר נישט...

ער איז אַ ווייל שטילגעבליבן, ווי אָפּכאַפּנדיק דעם אָטעם און פאַרשנדיק געקוקט אויף זיינע מיטשמועסער און פאַרגעזעצט.

— ס׳איז קיין סוד נישט מער, אַז קאָשציושקאָ האָט פיל אָנהענגער צווישן אונדזערע מאַגנאַטן. זיי נעמען אים אויף מיט אָפענע אָרעמס ווי אַ נאַציאָנאַלן העלד... ווי אַ משיח... און די פויערן... אָ, די פויערן פאַרגעטערן אים ממש... נישט אַנדערש ווי ער האָט געהיימע פּלענער... אַ רעוואָלוציאָנער בלייבט שטענדיק אַ רעוואָלוציאָנער... און קאַטארינע מוז דאָרט צאָרענען אין פּעטערסבורג. זי וועט זיכער נישט זיצן מיט פאַרלייגטע הענט... איר קאָנט זיך אויף איר פאַרלאָזן!...

דער יונגער זאַמאָיסקי האָט לייכט אָפּגעהוסט, אַנדייטנדיק, אַז ער וויל עפּעס זאָגן:

— נאָטאַ בענע... כ׳בין מיט דער זעלבער מיינונג... דאָס וועט קיין גוטס נישט ברענגען... אונדזערע יאַקאָבינער פּרעדיקן כלומרשט הומאַניזם, אָבער אונטער זייערע לאָזונגען באַהאַלט זיך פרייהייט פאַר די יידן און פויערן... וואָס פאַראַ ווילדע אויסטראַכטעניש... אונדזערע אבות וואָלטן אויסגעגאַנגען פון חרפּה... עמאַנציפּאַציע... וואָס פאַראַ ווילדע פאַנטאַזיע... זיי האָבן בכלל נישט קיין רעספּעקט פאַר אונדזער הויכגעבוירנקייט... פויערן... גאָט האָט זיי באַשאַפן צו זיין קנעכט. און קנעכט דאַרפן זיי בלייבן!...

העטמאַן זשעוווסקי האָט לייכט אויסגעדרייט דעם קאָפּ און שטיל מגלה געווען צו זיינע מיטשמועסער:

— מיר רעדן וועגן טייוול און אָט איז ער... האָט ער מיטן בליק אָנגעוויזן אין דער ריכטונג פון צווייטן עק צימער, ווו נעבן דער ביכער־שראַנק זענען געשטאַנען צוויי הערן: — אָט, שטייען זיי די פּרעדיקער פון הומאַניזם!...

אַלע דריי האָבן מיט בייזע בליקן געקוקט אין יענער זייט און ראַפּטום זיך אויפגעהויבן און ארויס פון רויכער־צימער.

נאָכן ארויסגיין פונעם דריילינג האָבן די צוויי שמועסנדיקע ביי דער ביכער־שראַנק זיך באַקוועם אַוועקגעזעצט און פאָרגעזעצט זייער שמועס.

דער עטוואָס הויכוווקסיקער פון די צוויי איז געווען כראַביע יאַן פּאָטאָצקי, וואָס טראָגט זיינע דרייסיק יאָר, האָט זיין שיין־געפאָרעמט פּנים מיט די געדיכט־געקאַרבטע האָר אויסגעדריקט טיפע ערנסטקייט. לייכטע צייכנס אונטער די אויגן האָבן פאַרראַטן מידקייט. ער איז געווען אַ שרייבער, אַרכעאָלאָג און רייזנדער. ער איז נישט לאַנג צוריקגעקומען פון אַ רייזע איבער פראַנקרייך, שפּאַניע און שכנותדיקע אָרטשאַפטן. ער האָט געשריבן אין פראַנצויזיש. צו זיין קרעדיט האָט ער געהאַט עטלעכע איין־אַקטערס וואָס אַ טייל

זענען אויפגעפירט געוואָרן אין פראַנקרייך. די דאָזיקע קאָמעדיעס פון שטיי־גערלעבן פון דער צייט האָבן זיך אויסגעצייכנט מיט זייער לייכטן הומאָר.

ער האָט גערעדט גלאַטן און געמאָסטן יעדעס וואָרט, זיין פראַנצויזיש איז געווען פערפעקט, אָן אַ שפור פון רעזאָנאַנס. זיין קרוב איגנאַצי פּאָטאָצקי איז געווען סיים־מאַרשאַלעק און מיטשעפער פון דער נייער קאָנסטיטוציע.

זיין מיטשמועסער, דער גייסטלעכער, סטאַניסלאַוו סטאַשיץ איז געווען אַ הויכגעבילדעטער מענטש און שטאַטסמאַן. ער האָט געהערט צום הויפּט־לאַגער פאַר סאָציאַלע רעפאָרמען, אַ קעמפער פאַר די רעכט פון דער שטאָטישער באַפעלקערונג און פאַר פאַרבעסערן דעם מצב פון די פויערן.

סטאַשיץ איז געווען פון מיטעלן וווקס. זיין שוואַרצער סורדוט מיטן הויכן קאָלנער איבערן ווייסן העמד האָט שטאַרק אויסגעטיילט זיין פּנים מיט די גרויע, שטאַלענע אויגן, עטוואָס לענגלעכע שפּיציקע נאָז.

כראַביע פּאָטאָצקי האָט מיט דער האַנטפלאַך לייכט אָוועקגעשאַרט די האָר וואָס זענען אים געפאַלן איבערן הויכן שטערן, אַ פּיפּקע געטאָן די ליולקע און געלאָסן זיך אָפּגערופן:

— יאָ, מיין טייערער פריינד סטאַשיץ, גוט, וואָס מיר האָבן אַ ווינקל ווו צו אַנטרינען אויף אַ ווײַלע... די ליולקע באַרואיקט די נערוון... אין דער אמתן, בין איך שוין איבערזעטיקט מיט די כסדרדיקע אויפנאַמעס זינט מיין צוריקקומען אין לאַנד. כ'פיל זיך מער פרייער ביי מיין שרייבטיש... כ'האָב אָבער נישט געקאָנט אָפּזאָגן פרינץ מיכאלס איינלאַדונג. דאָך אַ נאָענ־טער קרוב מיינער, — האָט ער זיך ווי פאַרענטפערט פאַר סטאַשיצן:

— דעם אמת געזאָגט, מיין ליבער כראַביע, איז די איינלאַדונג פון פרינץ ראַדזשיוויל געווען פאַר מיר אַ גרויסער סורפּריז... כ'האָב נישט דערוואַרט, אַז נאָך די מאַי־געשעענישן אין סיים, זאָל ער מיך היי־יאָר איינלאַדן... כ'מיין, אַז ער וועט זיכער דערפאַר נישט קריגן קיין שבחים פון אונדזערע קעגנער.

אָ, מיין טייערער קאָלעגע, איר קענט נישט דעם פרינץ. ער האָט זיך זיין מיינונג און רעכנט זיך נישט מיט קיינעם... דאָס איינלאַדן אייך און איירע קאָלעגן, זאָגט אַמבעסטן ווי ער רעספּעקטירט אייך אַלס שטאַטסמאַן. דאָס איז אויך צו זיין קרעדיט און אידעלן כאַראַקטער... ער איז אַ קלוגער און אַ ליבעראַלער מענטש, אָפּגעזען פון זיינע פערזענלעכע אַנשויאונגען...

— איר זענט גערעכט, כראַביע פּאָטאָצקי. דערפאַר רעספּעקטירן מיר אים אַלע און רעכענען זיך מיט זיין מיינונג.

אין סטאַניסלאַוו סטאַשיצעס פּנים איז געווען איינגעקנעטן לעבנס־חכמה. זיינע גרויע, דורכדרינגלעכע אויגן, האָבן ווי דורכגעזען זיין מיטשמועסער. דער גלאַטער שטערן מיט די לאַנגע האָר פאַרקעמט אויף אונטן, האָבן זיין

פיזיאָנאָמיע צוגעגעבן אַ נאָבעלן אויסדרוק. ער האָט מיט וואַרעמקייט זיך אָפּגערופן:

— כ'גלויב מיין ליבער כראַביע, מיט אייך אַלס שרייבער און רייזנ־דער וואָס קאָן די מענטשלעכע שוואַכקייטן, קאָן מען רעדן פריי ווי צו אַ גלייכן... מיר זענען אַלע פריינד און האָבן אויף פיל געביטן פיל גע־מיינזאַמעס, נישט וואָר?!

— נאַטירלעך, נאַטירלעך, מיין טייערער סטאַשיץ. איר זענט אַ שטאַטס־מאַן און פריווילעגירט פריי אַרויסצוזאָגן אייערע מיינונגען... און איידער מיר גייען ווייטער, דערלויבט מיר אייך זאָגן, אַז די רעפאָרמען פון דער מאַי־קאָנסטיטוציע האָב איך אויפגענומען מיט גרויס סאַטיספאַקציע. אַ דאַנק אייך, מאַלאַכאָווסקי'ן, קאָלאָנטאַיא'ן און די אַנדערע מיט שטאַטסמענישער וויזיע, ווייסט די וועלט, אַז פוילן איז אַ ציוויליזירט לאַנד. די נייע פוילישע קאָנסטיטוציע איז דאָך, נאָך דער אַמעריקאַנער, די צווייט־ליבעראַלסטע היינט אין דער וועלט...

סטאַשיץ האָט לייכט אַ בויג געטאָן דעם קאָפּ:

— ס'פרייט מיך צו הערן פון אייער מויל אָנערקענונג פאַר אונדזערע שטאַטסלייט. כ'גלויב, אַז ס'האָט געלוינט אויסצושטיין די חרפות פון די קעגנער וואָס האָבן נישט דערלאָזט דורכפירן די רעפאָרמען... די אָפּאָזיציע האָט אונדז פאַרשריען אַלס יאַקאָבינער און פאַרקויפטע צו די יידן... די זעלבע העצער האָבן פאַרגעסן די שאַנדע פון 'שטומען סיים' אין 1717, ווען מיר האָבן געמוזט אויספירן די באַפעלן פון פעטערסבורג... היינט האָבן מיר אַ סיים, ווו מ'קאָן לכל הפחות אָפן אַרויסזאָגן אונדזערס אַ מיינונג און אָננעמען געזעצגעבונגען וואָס זענען לעבנסוויכטיק פאַרן לאַנד און דער באַפעלקערונג...

יאָ, מיין ליבער סטאַשיץ, כ'שאַץ דאָס זייער הויך אָפּ... פוילן איז געבענטשט מיט שטאַטסלייט פון אייער קאַליבער. לאָמיר דעריבער האָפן, אַז די נייע געזעצן וועלן בשלום איינגעפירט ווערן אין לעבן...

סטאַשיץ האָט זיך לייכט פאַרנייגט פאַר זיין מיטשמועסער און אַ שמייכל האָט געהאָנגען אויף זיינע ליפּן.

יאָ, מיין טייערער כראַביע, דער געבורט פון די רעפאָרמען איז געווען אַ שווערער... און כ'גיב מיר אָפּ אַ דין־וחשבון, אַז מיר האָבן נאָך אַ ווייטן וועג צו גיין ביז פולע גערעכטיקייט וועט געגעבן ווערן דעם גאַנצן פאָלק אָן אונטערשייד פון שטאַנד אָדער רעליגיע... ס'איז רעכטפערטיק צוצו־געבן, אַז מיר האָבן געהאַט אַ גרויסן מאָראַלישן און אַקטיוון אָנשפּאַר אין אייער קרוב סטאַניסלאַוו פּאָטאָצקי, אגב האָט ער געהאָלפן באַאַרבעטן די נייע קאָנסטיטוציע... ער איז איינער פון די אינטערעסאַנטסטע געשטאַלטן אין אונדזער צייט, וואָס וועט אַריינגיין אין די בלעטער פון אונדזער געשיכטע. יאָ, מיין ליבער כראַביע, איר מעגט אויף אים שטאָלץ זיין!

דער כראַביע האָט זיך לייכט אויפגעהויבן פון פאָטעל, אויסגעקלאַפּט אַ ביסל אַש פון דער ליולקע אין שטייבעכער, זיך באַקוועם צוריקגעזעצט און מיט גרויס ערנסט געזאָגט:

— נאָנטאָ בענע, טייערער קאָלעגע סטאַשיץ, איך האָב וועגן זיינע אויפטוען געלייענט אין אויסלאַנד... און כ׳בין באמת שטאָלץ אויף אים... שוין די העכסטע צייט אַ סוף צו מאַכן צו דער שאַנד־שפּיל מיט די בערן־טענץ פון יידישע אַרענדאַרן. אויב אונדזערע פּריצים ווילן זיך אַמוזירן און זוכן פאַרווייַלונג, זאָלן זיי שאַפן אַן אמתן טעאַטער און אַנדערע פּראַקטישע פאַרווייַלונגען אויף אַ מער קולטורעלן אופן און נישט דערנידעריקן אַנדערע מענטשן.

סטאַשיץ האָט פאַרקנייטשט דעם שטערן, דערנאָך לייכט אַ וויש געטאָן ס׳פּנים מיט אַ טיכל און מיט קענטיקער אויפרעגונג אין זיין שטימע געענטפערט:

— אונדזערע פּריצים האָבן ביז איצט געהאַט אַ תּירוץ פאַר זייערע ווילדע ספּעקטאַקלען, אַז דער ייד טאַנצט אין אַ בערן־פעל, ממילא רירט דאָס נישט אָן זיין ווירדע...

אַ פּוילער תּירוץ, וואָס שטינקט מיט פאַראורטייל, כ׳בעט איבער אייער כבוד פאַרן אויסדרוק... כ׳געדענק אָט די בערן־טענץ פון מיינע קינדער־יאָרן, וואָס מיין זיידע האָט פאַרבאָטן אין אונדזער הויז... מ׳צווינגט אַן אומגליקלעכן יידן, אַן אַרענדאַר צו טאַנצן אַ בערן־טאַנץ אונטער דער דראָונג פון שמיץ... און פאַר וועמען האָט דער אומגליקלעכער ייד זיך צו פאַרקלאָגן, ווען דער זעלבער פּריץ איז זיין ברויטגעבער?...

סטאַשיץ האָט פאַרשעריש געקוקט אויפן יונגן כראַביע, און אַ לייכטער שמייכל האָט זיך געלייגט אין זיינע מוילווינקלען.

— הייסט עס ליבער כראַביע, אַז איר זענט מסכּים מיטן באַשלוס פון דער פאַריזער נאַציאָנאַלער פאַרזאַמלונג, וואָס האָט פאַרריכט אַ היסטאָרישע עוולה לגבי די יידן?!

— אומבאַדינגט, אומבאַדינגט, מיין ליבער סטאַשיץ. ווי קאָן עס אַנדערש זיין? גלייכבאַרעכטיקונג פאַר די יידן אין פראַנקרייך איז נישט בלויז אַן אַקט פון פאַרריכטן אַ היסטאָרישע עוולה, ס׳איז אַ הומאַניטאַרע נויטווענדיקייט פאַר אונדז גופא, פאַר דער גאַנצער מענטשהייט. פולע עמאַנציפּאַציע פאַר די יידן וועט לסוף זיין אַ ברכה פאַר דער גאַנצער ציוויליזירטער וועלט!...

די ווערטער פון דעם יונגן כראַביע פּאָטאָצקי האָבן סטאַשיצן אַנגעפילט מיט גרויס סאַטיספאַקציע.

— יאָ, מיין ליבער כראַביע, כ׳ווייס וואָס איר ווילט צוגעבן. איר ווילט פרעגן ווו מיר זענען, אמת? מיר צילן דאָך אין דער ריכטונג, אָבער ביז־

איצט האָבן מיר אָנגעטראָפן אויף טויבע ווענט... מ'וואַרפט אונדז פאָר, אַז מיר האָבן זיך פאַרקויפט צו די יידן...

— אונדזער טראַגעדיע ליגט דערין, מיין טייערער קאָלעגע, וואָס אונדזער פאָלק איז אומוויסנד און פאַרגרעבט... מיר לעבן אין אַ נייער צייט און דאַרפן געדענקען, אַז בילדונג רעגט אָן צו מער וויסן און צום אמת!.... אַ פאָלק מיט וויסן, איז שטאַרקער ווי אַ פאָלק פון עם־הארצים... אויף מיינע רייזעס, האָב איך זיך באַקענט מיט זייער אינטערעסאַנטע און הויכגעשטעלטע יידן. כ'מוז צוגעבן, אַז אַדאַנק זייער איניציאַטיוו און וויסן בליט דער האַנדל אין די דאָזיקע לענדער און זייער עקאָנאָמיע שטייט אויף אַ גאָר הויכער מדרגה אדאנק די דאָזיקע יידן...

— צו דעם צילן מיר דאָך אגב, ליבער כראַביע... כ'שריי דאָך, אַז יידן זענען זינט דורות אריינגעוואַקסן אין אונדזער באָדן און זענען באַ־רעכטיקט צו אויטאָנאָמיע און פולער עמאַנציפּאַציע. זיי זענען פאַרברי־דערט מיט אונדזער גורל... דאָס איז זייער פאָטערלאַנד, פּונקט ווי אונ־דזערס!... און נאָר אַ פאַרברידערונג צווישן אונדז און די מינדערהייטן אין לאַנד קאָן שאַפן אַ געזונטן באָדן פאַר אונדזער קיום און אונדזער פריי־הייט... ספּעציעל אין אונדזערע באַדינגונגען, ווען אונדזערע שכנים אויף מזרח, דרום און מערב, קוקן אויף אונדז מיט גיריקע אויגן און ווילן אונדז פאַרשלינגען...

דער כראַביע האָט אַ פאַרטראַכטער צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ.

סטאַשיצעס שאַרף אויג האָט אין זעלבן מאָמענט אויפגעכאַפּט עטלעכע געשטאַלטן וואָס האָבן ווי געהיימניספול דורכגעשלייכט נעבן דער האַלב־אָפענער טיר אין קאָרידאָר. צווישן זיי האָט ער דערקענט בראַניצקין און זשעווּסקין, באַקאַנטע רעדלפירער פון דער אָפּאָזיציע. ער האָט פאַרביסן די אויבערשטע ליפּ, זיין הויכער שטערן האָט זיך געקנייטשט, נאַכטראַכטנדיק עפּעס. אין דעם מאָמענט האָט ער אינטואיטיוו פאַרגעפילט, אַז אונטער די דיקע קאַטאַרן אין צווייטן צימער האָבן זיך פאַרזאַמלט מלוכה־פאַרשווע־רער און האַלטן אָפּ אַ געהיימע זיצונג פון וועלכע די רעזולטאַטן קאָנען זיין גאָר שווידערלעכע פאַר פּוילן.

ער האָט פאַרשעריש געקוקט אויפן יונגן כראַביע און באַמערקט אין זיין פּנים אַ פּלוצימדיקע ענדערונג.ביידע האָבן זיך שטום אָנגעקוקט ווי זיי וואָלטן זיך פאַרשטאַנען מיט די בליקן.

סטאַשיץ'ס אויג האָט זיך אָפּגעשטעלט אויפן בילד פון דער קעגנאיבער־דיקער וואַנט „שיפברוך אין אַ שטורעם" און אין מח ביי אים האָט געהאַ־מערט אַ וואָרנונג: — ס'לאַנד איז ווי ערב אַ שיפברוך אין אַ שטורעם...

זיינע געדאַנקען האָט איבערגעריסן דער כראַביע:

— קומט ליבער סטאַשיץ, לאָמיר גיין זען ווי די געסט ווילן זיך...

ער האָט אויסגעקלאַפּט די ליולקע אין אַש־שטענדער און ביידע זענען

אַרויס אין קאָרידאָר און אַוועק אין דער ריכטונג פון רויטן אויפנעם־זאַל, פון וואַנען ס׳האָבן זיך דערטראָגן די קלאַנגען פון אַ פּאָלאָנעז.

זיי האָבן זיך באַגריסט מיט אַנדערע געסט און געבליבן שטיין ביי דער אָפענער טיר פון הערלעכן זאַל, וווּ די טאַנצנדיקע פּאָרלעך האָבן זיך געטוישט מיט זייערע פּאַרטנערן. סטאַשיץ האָט מיט אַ פאַרנעפּלדיקן בליק געקוקט אויף די טאַנצנדיקע. אים האָט זיך אויסגעדוכט, אַז פון אונטער די פיס פון די טאַנצנדיקע פּאָרלעך הערט זיך אַן עכאָ פון אַן אַנלויפנדיקער ערדציטערניש.

## קאַפּיטל 7

# דער וויקאַר און דער יעזויט

דער פרימאָרגן איז געווען אַ לויטערער. אַ בלויער הימל־דעק איז גע־האַנגען אָן אַ פּיצל וואָלקן. די קרוינגען־קעפּ פון די הויכע טאָפּאָלעס האָבן לייכט זיך באַוועגט דורך די פינגער פונעם ווינטל.

דאָס מאָרגן־ליכט האָט אַריינגעפּלייצט דורך די קליינע פענצטער, נאָענט צו דער סטעליע פון דער זאַקריסטיע.

דער לאַנגער באַלקן־געוועלבטער צימער מיט די ווייס־געקאַלכטע ווענט, אַ צוגעבוי פון דער דאָרפישער קירכע, האָט זומערצייט געהאַט די מעלה וואָס דאָ איז תמיד געווען קיל, אפילו ווען אין דרויסן האָט געסמאַליעט די זון.

טראָץ דער קילקייט איז די לופט דאָ געווען אַדורכגעזאַפּט מיט די רײ־חות פון איינגעזאַצטע אוגערקעס און קרויט, וואָס זענען געקומען פון דער דרויסנדיקער קאַמער אינעם הויף, ווו ס׳האָט זיך געפּאָרעט אַן אַלטע פּויערטע, די באַדינערין פון קלעריקער, אַ פראַנציסקאַנער פון יעזואיטן־אָרדער. ער האָט געגעסן פּאָסטנע מאָלצייטן, וואָס פּויערן פלעגן אים צו־שטעלן פון זייערע מאָגערע שפּייכלערס, ווי שוואַרצע ברויט, פּאַראוילטע פּוטער, קאָלבאַס, קעז און אַ מאָל אַ פּאָר אייער.

די געמויערטע קירכע איז געשטאַנען אין מיטן מאַרק־פּלאַץ פון גרויסן דאָרף זדוני, וואָס איז געלעגן האַלבוועגס צווישן לאָוויטש און דעם שטעטל סאַבאַטע. זדוני איז געווען די פּאַראַפיע וואָס האָט באַדינט אַ צענדליק אַרומיקע דערפער.

אויף דער וואַנט קעגנאיבער דעם אַריינגאַנג פון דער זאַקריסטיע איז געהאָנגען דאָס בילד פון מאַגדאַלענאַ מיטן קינד און אַ גרויסער קרוציפיקס פון פשוטן האָלץ. רעכטס איז געשטאַנען אַ גרויסע הילצערנע שאַפע, אין וועלכער עס האָבן זיך געפונען די ביכער פון דער פּאַראַפיע און אין וועל־כער עס זענען פאַרשריבן געוואָרן די געבורטן, טויפונגען פון קינדער, פּאָר־שטייענדיקע חתונות און אַנדערע קירכלעכע מעלדונגען פון אָרטיקן לעבן.

נאָענט צו דעם האַלב־אָפענעם פענצטער, וואָס איז ארויסגעגאַנגען צום גאָרטן, איז געזעסן לעבן אַ לאַנגן טיש פון רויען דעמבענעם האָלץ, דער יעזואיט, ווינצענטי מארקאלא, דער געהילף פון גלח און וויקאַר, קלעמענט יאַשינסקי.

זיין ברוינער גלחים־כאַלאַט איז געווען לויז פאַרגאַרטלט און האָט אויסגעטיילט, זיין ביינערדיק לענגלעך פּנים. זיין הויכער שטערן פון אי־בערן האַלב־פליכעוואַטן גרויען קאָפּ איז געווען גערונצלט. די גרינלעכע, האַלב־פאַרמרוזשעטע אויגן האָבן זיך רגעוויז אָנגעצונדן מיט אומרואיקע פייערלעך.

דער יעזואיט, האָט זינט די פריער מאָרגן־שעהן געלייענט די רעווע־לאַציעס וועגן טראַגישן טויט פון פויפּסטלעכן נונציוש, פראַנציס ליפּפּאָמאַנאַ, וואָס איז אין יאָר 1591 באַגאַנגען זעלבסטמאָרד אין דער ווענעציאַנער תּפיסה. דעם טראַגישן אַקט איז ער באַגאַנגען נאָך דעם ווי ער איז באַשול־דיקט געוואָרן אין פאַרראַט בעת זיין שליחות אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל.

דאָס אַלטע ספר איז דעם קאַנאָניקער צופעליק אריינגעפאַלן אין די הענט און ער האָט געלייענט איינמאָל און נאָכאַמאָל און נישט געקאָנט צונויפ־נעמען די געדאַנקען. די גאַנצע זאַך איז אים אויסגעקומען אויסטערליש און מיסטעריעז. ער האָט נישט געקאָנט באַגרייפן, פאַרוואָס אַזאַ טרייער דינער פון דער קאַטוילישער קירכע און הויכגעשטעלטע פערזענלעכקייט פון וואַ־טיקאַן זאָל האָבן באַגאַנגען זעלבסטמאָרד וואָס איז אַן־און־פאַר זיך אַ גרויסע זינד לויט דער עוואַנגעליע.

דער יעזואיט האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ און נאָכאַמאָל געלייענט די לעצטע צוויי פּאַראַגראַפן פון דער רעוועלאַציע. זיינע דינע ליפּן האָבן גע־ציטערט און אַן אינערלעכע אויפרעגונג האָט באַהערשט דעם שטענדיק שטילן און גאָטספאָרכטיקן יעזואיט. ער האָט גערעדט ווי צו זיך: — יעזוס קריסט, ווי איז דאָס מעגלעך, אַ באַשולדיקונג פון פאַרראַט קעגן אַזאַ פּער־זענלעכקייט פון פּאַניפיקאַט? נונציוש ליפּפּאָמאַנאַ איז דאָך געווען אין פּוילן אין שליחות פון פּויפּסט פּאולס דעם פערטן אין דער צווייטער העלפט פון 16־טן יאָרהונדערט. ער האָט דאָך דאָ וווּנדער אויפגעטאָן ביים שטאַרקן די קאַטוילישע קירכע, אין אַ צייט ווען די אָנהענגער פון קירכע־רעפאָרמער, דזשאָן הוס פון באָהעמיע, האָבן באַאיינלוסט גרויסע טיילן פון דער פּוי־לישער געזעלשאַפט, ספּעציעל די שליאַכטע. און דאָס איז געווען מיט הונ־

דערט יאָר פאר מארטין לוטער. דער נונציוש איז געווען אַ מייסטער אין קעגנווירקן די דאָזיקע דיסידענטן מיט פּראַקטישע מאַסמיטלען, באַדיי עלילת־דם בילבולים. זיי האָבן אָבער געגעבן גוטע רעזולטאַטן און גע־שטאַרקט די מאָראַל פון דער קאַטוילישער אמונה...

דער יעזואיט, וואָס איז די לעצטע צוויי יאָר געווען אַ געהילף פון ווי־קאַר, קלעמענט יאַשינסקי, האָט געהאַט גרויס אָפּשיי פאַר זיין אויבער־געאָרדנטן. יענער איז געווען דער היפוך פון אים. אַ פעטלייביקער, הויכ־וווקסיק מיט אַ גלאַט אויסראַזירט פנים און מילדע בלוילעך־וואַסערדיקע אויגן וואָס האָבן געשמייכלט.

דער גלח קלעמענט יאַשינסקי, האָט געשטאַמט פון אַן אַריטאָקראַטישער פאַמיליע און שטודירט אין גלחים־סעמינאַר אין דעם ביסקופן־שלאָס פון לאָוויטש.

יונגערהייט האָט ער געחלומט צו דערגרייכן אַ הויכע פּאָזיציע אין דער קירכלעכער היעראַרכיע. ער האָט געקענט דעם תנ״ך אין אָריגינאַל און נישט איינמאָל געגעבן אַנצוגעהערן זיין קענטעניש פון לשון־קודש אומ־צווייַדייטיק די פאַנאַטישע קלעריקער אין זיין סביבה.

ער האָט אויך גערעדט מיט רמזים וואָס זענען געווען רעטזעלהאַפטיק פאַרן קאַנאָניקער און אַנדערע, ווייל זיי האָבן אין ערשטן מאָמענט נישט געוווסט צו וואָס דער וויקאַר אייגנטלעך צילט. ער איז אָנגעגאַנגען פאַר אַ ליבעראַלן מענטש און איז געווען זייער געשאַצט. נישט איינמאָל האָט ער פון דער אַמבאָנע אויף אַ פאַרשטעלטן אופן גערעדט צו דער קאָנגרעגאַציע און דערמאָנט, אַז די יידן האָבן דערמאָרדעט קריסטוסן.

דער כראַביע זיגמונט סאָבאַצקי איז געווען זייענער אַ לייבלעכער קוזין פון דער מוטערס צד. ער פלעגט טאַקע אָפט אַריבערפאָרן אין זיין רעזי־דענץ אין סאבאטע, ווו ער האָט געווײלט עטלעכע טעג און פון דאָרט תמיד צוריקגעקומען אַן אויפגעלייגטער און פריילעכער.

דער גלח האָט געוווינט קעגנאיבער דער קירכע, אין צווייטע עק פון מאַרקפלאַץ. זיינס איז געווען אַ געמויערט הויז, אַרומגעצוימט מיט אַ פּאַרקן און אַ קליין גערטנדל.

קלעמענט יאַשינסקי איז אויף זיין קירכלעכן אַמט אין זדוני באַשטימט געוואָרן נאָכדעם ווי דער פרימאַס מיכאל פּאָניאַטאָווסקי האָט אין יאָר 1785 באַשלאָסן אריבערצופירן די פרימאַסן־רעזידענץ קיין סקיערניעוויץ און דער ביסקופן־שלאָס אין לאָוויטש מיט די הויב־בריקן נעבן טייך בזוראַ איז געבליבן שטיין אַ נישטבאַוווינטער.

צוויי יאָר שפּעטער, איז אין דעם נישטבאַוווינטן שלאָס אויפגעשטעלט געוואָרן דורך אַ פראַנצויזישן אונטערנעמער, נאַדאַל דע סובריוויל די ערשטע אין לאַנד קעניגלעכע לייוונט־פאַבריק. צו די אַקציע־באַזיצערס האָבן, חוץ דעם קעניג, געהערט פיל פוילישע מאַגנאַטן.

צום אויפשטעלן די פאַבריק האָט מען אַראָפּגעבראַכט קיין לאָוויטש טעקסטיל־ספּעציאַליסטן און מייסטערס פון שלעזיע. דאָרטן האָבן איצט גע־אַרבעט איבער פיר טויזנט פּויערטעס פון דער אומגעגנט. מיטן עפענען די לייוונט־פאַבריק האָט מען געצילט אויפצולעבן דעם האַנדל און ווירט־שאַפט פון דער שטאָט וואָס איז געווען זייער פאַראָרימט און רואינירט פאַר די לעצטע צוויי הונדערט יאָר, זינט דער אַרציבישאָף יאַן לאַסקי האָט אין יאָר 1516 מגרש געווען די ייִדן.

זינט דעמאָלט איז די ייִדן לגמרי פאַרבאָטן געווען צו וווינען אין לאָ־וויטש. זיי האָבן בלויז געמעגט קומען אויף דעם גרויסן יערלעכן יאַריד, איינמאָל אין יאָר. דער דאָזיקער יאָהאַנעס־יאַריד ווי מ'האָט אים גערופן, האָט געדויערט ממש אַ חודש צייט. און ייִדן האָבן געמעגט קומען אויף די יאַרידים, פּונקט ווי הענדלער פון אַנדערע נאַציאָנאַליטעטן; און סוחרים פון ווייטע מדינות.

אויף בייַנאַכט, אָבער, האָבן די ייִדן געמוזט אַרויספאָרן נעכטיקן אין די פאַרשיידענע קרעטשמעס און אַריינפאָר־הייזער אויסערן שטאָט.

לאָוויטש איז אין יענער צייט געווען ייִדן־ריין. די שטאָט איז אויך געווען דער צענטער פאַר עטלעכע סינאָדן פון דער קאַטוילישער קירכע.

אין 1556 איז דאָ פאָרגעקומען אַ סינאָד אין וועלכן ס'האָבן זיך באַ־טייליקט די ביסקופן פון די קאַפּיטולן פון גאַנצן לאַנד. די באַראַטונגען זענען פאָרגעקומען אונטערן פאָרזיץ פון פּויפּסטלעכן נונציוס ליפּפּאָמאַנאָ.

דער ציל פון דאָזיקן סינאָד איז געווען קעגנצווווירקן די פאָדערונגען פון די ערד־באַזיצער און דעפּוטאַטן פון פּיאָטראָקאָווער סיים וואָס האָט אַ יאָר פריער געפאָדערט פון נאַציאָנאַלן סאָבאָר אינאָוואַציעס אין דער קאַטוי־לישער קירכע אויפן מוסטער פון די הוסיטן.

די דאָזיקע פאָדערונגען האָט דער קעניגלעכער שליח אוועקגעפירט קיין רוים צום פּויפּסט פּאַולס דעם פערטן.

דער פאַרזאַמלטער קלער אין לאָוויטש האָט אויפגעהויבן זיין שטימע פון פּראָטעסט קעגן די ערעטישע שטרעמונגען פון דער שליאַכטע.

צווישן די 37 תקונות, וואָס דער סינאָד האָט דעמאָלט באַאַרבעט, איז אויך פאַבריצירט געוואָרן דער עלילת־דם פּראָצעס קעגן 4 סאָכאַטשעווער ייִדן, ווייל אין לאָוויטש גופא האָבן קיין ייִדן מער נישט געוווינט.

מיט דעם פּראָצעס האָט דער סינאָד געצילט אַרויסצורופן אַ כוואַליע פון ייִדן־רדיפות אין דער מאַזאָוושער פּראָווינץ, וואָס זאָל דינען אַלס וואָר־נונג קעגן די ערעטיקער און ממילא שטאַרקן די מאָראַל פון דער קירכע.

אין אָנהייב 1556 זענען אין סאָכאַטשעוו פּלוצלינג אַרעסטירט געוואָרן 4 ייִדן מיט זייערע פרויען, צווישן זיי, דאָס דינסטמיידל דאָראָטאַ לאַזענצקאַ וואָס האָט געאַרבעט ביים ייִדישן גביר ביינישן.

דאָס דינסטמיידל האָט מען באַשולדיקט דערין, בכן זי זאָל האָבן לויטן

צורייד פון איר באַלעבאָס ארויסגעגנבעט די האָסטיע פון אַ דאָרפישער קירכע וואָס די באַשולדיקטע האָבן געשטאָכן אזוי לאַנג ביז פון דער האָסטיע האָט גענומען פליסן בלוט.

די אויספאָרשונג אין דאָזיקן עלילת־דם פּראָצעס, וואָס איז אינסצעני־זירט געוואָרן פון נונציוש ליפּפּאָמאַנאָ, איז אויך געפירט געוואָרן אונטער זיין פאָרזיץ.

לויט אַ פריער־באַשטימטן אורטייל זענען די באַשולדיקטע יידן פאָר־משפט געוואָרן צום טויט און דער אורטייל איז אויסגעפירט געוואָרן עפנט־לעך לויט די כללים פון דער אינקוויזיציע נישט געקוקט דערויף וואָס דער קעניג זיגמונט אויגוסט האָט זיך קאַטעגאָריש אָפּגעזאָגט אונטערצושרייבן דעם עקזעקוציע־אַקט.

פאָרן טויט האָבן די באַשולדיקטע יידן געמאָלדן: „מיר האָבן קיינמאָל קיין האָסטיע נישט געזען און נישט געשטאָכן. ווייל מיר גלויבן נישט, אַז אין איר איז פאַראַן גאָטס לייב. גאָט האָט דאָך נישט קיין גוף און אין אַ פּלעצל פון מעל, וואָס מען באַקט, קען נישט זיין קיין בלוט״!...

דער פּויפּסטלעכער שליח און די גייסטלעכע ביים אויספירן דעם אורטייל, הערנדיק די 'גאָטלעסטערונג' פון די צום טויט פאַרמשפּטע יידן, זענען אַריין אין גרויס גרימצאָרן און געהייסן די געריכט־דינער צו פאַר־שטאָפּן די יידן די מיילער מיט ברענענדיקע שטורקאַצן.

*

דער יעזואיט האָט געקוקט אויפן זייגער. עס איז גראָד צייט געווען אריבערצוגיין צום וויקאַר און אים אָפּגעבן דעם וועכנטלעכן באַריכט נאָכן צוריקקומען פון אַ באַזוך אין עטלעכע שכנותדיקע דערפער.

ער האָט מיט אַ שווער געפיל פאַרמאַכט דאָס אַלטע לאַטייניש ספר אין שוואַרצע אָפּגעריבענע טאָוולען און האָט ביי זיך אָפּגעמאַכט, אַז ער וועט אויסנוצן די געלעגנהייט וואָס ער וועט זיין ביים וויקאַר און מיט אים זיך דורכשמועסן וועגן די ליפּפּאָמאַנאָ־רעוועלאַציעס, וועלכע ער האָט אַקאָרשט געלייענט.

דער יעזואיט מאַרקאַלאַ האָט דעם וויקאַר געטראָפן ביי זיין שרייבטיש. נעבן טינטער איז געשטאַנען אַ האָלצערן־געשניצט שעכטל מיט דין־פאַר־שניצטע גענדזענע פעדער, קליינע בייגעלעך שרייבפּאַפּיר און די עוואַנגעליע.

דער צימער איז געווען גערוים און ציכטיק מיט פּשוט מעבל. לענג־אויס ביידע זייטן וועגט פון גרויסן פענצטער זענען געשטאַנען פאָליצעס באַלאָדן מיט טעאָלאָגישע ביכער. אויפן טיש אין סאַמע צענטער איז גע־שטאַנען אַ זילבערנער קרוציפיקס.

דער גלח איז געווען אָנגעטאָן אין זיין געווינלעכער שוואַרצער סו־טאַנע. פון פאָרנט האָט געבאַמבלט אַ קליין גאָלדן צלמל.

מיט זיינע דיקלעך־ווייסע פינגער האָט ער פאַרגלעט די דינע האָר וואָס האָבן ארויסגעקוקט פון אונטער דעם סאַמעטענעם קאַפּעלע. ער האָט לייכט אויפגעהויבן דעם קאָפּ און אָפּגעענטפערט אויף דער גאָטספאַרכ־טיקער באַגריסונג פון זיין געהילף, מאַכנדיק דערביי אַ קרייץ אין דער לופטן.

ער האָט געבעטן דעם קאַנאָניקער זיך זעצן נעבן טיש. נאָכדעם, ווי זיי האָבן ארומגערעדט די לויפנדיקע אָנגעלעגנהייטן, האָט אַן עלטערע פרוי אין אַ רויט קאַפּטיכל, אריינגעברענגט קאַווע. בײדע האָבן הויך געזופּט די הייסע פליסיקייט, וואָס זיין ציקאָריע אַראָמאַט האָט אָנגעפילט ס׳צימער.

דער קאַנאָניקער האָט אַ נישטדרייסטער אַ קוק געטאָן אויפן וויקאַר, ווי געפּאָרשט יענעמס פּנים און אומדערוואַרטעט אַ זאָג געטאָן:

— מיט אייער דערלויבעניש, הייליקער פאָטער, וואָלט איך אייך גע־וואָלט עפּעס פרעגן, נאָר כ׳ווייס נישט ווי אַזוי אָנצוהויבן, ווייל די זאַך מאַכט מיר שווער דאָס האַרץ.

— ברודער וויצענטי, ווי אַ טרייער דינער פון אונדזער קירכע, דער־לויב איך דיר פרעגן, וואָס דו ווילסט. אפשר וועט דיר גרינגער ווערן אויפן האַרצן.

דערמוטיקט פונעם טאָן פון זיין אויבנגעאָרדנטן, האָט דער יעזואיט געפרעגט:

— גנעדיקער פאָטער, זאָל מיך גאָט באַהיטן, אויב מיין פראַגע איז אַ זינדיקע. כ׳שווער אייך הייליקער פאָטער, אויף די ווונדן פון יעזוס קריסט, אַז מיין האַרץ איז שווער און מיין מח קאָן נישט באַגרייפן דאָס רעטעניש וואָס כ׳האָב היינט געלייענט וועגן דעם זעלבסטמאָרד פון נונציוש ליפּאָמאַנאַ...

דער וויקאַר האָט מיט אַ פאַרשנדיקן בליק געקוקט אויף זיין געהילף און נאָך אַ רגע שווייגן מיט רמזים אַ זאָג געטאָן: — הייסט עס, ברודער וויג־צענטי, דו האָסט זיך צופעליק אָנגעשטויסן אויף די רעוואָלאַציעס וואָס זענען נישט אַלעמען באַקאַנט... — ער האָט ארויסגעשלעפּט אַ רויטלעכע פּאַ־טשיילע, געווישט דעם דיקן קאַרק און אָפּגעהוסט. קענטיק, אַז ער האָט געזוכט ווערטער, ווי אַזוי די זאַך אויפצוקלערן דעם יעזואיט. — יאָ, ברו־דער ווינצענטי. דאָס זענען זאַכן וואָס נישט יעדער פון אונדזער שטאַנד קאָן זיי באַגרייפן מיטן פשוטן שכל. מסתמא איז עפּעס פאַרהוילן אין דער גאַנצער געשיכטע וואָס מיר ווייסן נישט און וועלן קיינמאָל נישט וויסן דעם אמת... — ער האָט זיך אַ רגע פאַרטראַכט און באַלד צוגעגעבן, אַקצענטירנדיק די ווערטער אין לשון־קודש: — „היחתה איש אש בחיקו, ובגדיו לא תשרפנה!״...

זעענדיק, אַז דער קאַנאָניקער קוקט אויף אים אַ מבילבולדיקער, ווייל

ער האָט נישט פאַרשטאַנען די ווערטער, האָט דער גלח אין לאַטיין צוגעגעבן זייער טייטש:

— דאָס איז אַ ציטאַט אין לשון־קודש פון ספר משלי, די פאַראבלס. זיין טייטש מיינט: קאָן אַ מענטש שאַרן הייסע קוילן אין זיין בוזעם און זיינע בגדים זאָלן נישט פאַרברענט ווערן?!... יאָ, מיין ליבער ברודער ווינצענטי, וואָס ווייסן מיר זינדיקע וועגן גאָטס וועגן און ווי אַזוי ער וויל אונדז אויספּרובירן...

דער קאַנאָניקער איז נאָך מער צעטומלט געוואָרן פון דעם רמז און נישט געוווּסט וואָס אָפּצוענטפערן זיין אויבנגעאָרדנטן וואָס איז באַקאַנט געווען מיט זיין שאַרפן קאָפּ און רעטאָריק.

ער איז אַ ווײַלע געזעסן און נאָכגעטראַכט. ס'האָט זיך בלויז געהערט דאָס זשומען פון פליגן וואָס האָבן געראַיעט איבער די ליידיקע טעפלעך פון קאַווע.

דער יעזואיט האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ, פאַרשנדיק געקוקט אויפן גלח און אויפגעקלערט זיין געמיט:

— אָבער... מיין הויכגעשעטעלטער פּאָטער... ווי קאָן מען דאָס פאַרשטיין? דער נונציוש האָט דאָך אַזויפיל געלייסטעט פאַר דער קירכע ווען ער איז זיינערצייט געווען אין פוילן... — יאָ, כ'ווייס, געלייענט וועגן דעם אין פאַרשידענע מקורות... אויך וועגן דעם עלילות־דם פּראָצעס, וואָס איז געווען אַ מיטל אָפּצושרעקן די הערעטיקער פון אונדזער קירכע... האָבן מיר דען נישט היינט אַן ענלעכן מצב מצד דער שליאַכטע און ענלעכע אויפגעקלערטע עלעמענטן נאָכדעם ווי לוטערס לערע האָט פאַרסמט די מוחות פון דער באַפעלקערונג אין די מערב־לענדער און אויך געשלאָגן טיפע וואָרצלען אין טיילן פון אונדזער געזעלשאַפט...

יאָ, ברודער ווינצענטי, דאָס איז ליידער אַ זייער באומרואיקנדיקער מצב, אָבער ס'דראָט חלילה נישט קיין סכנה דער קאַטוילישער קירכע דאָ אין פוילן. מ'דאַרף די זאַך זען אַלזייטיק. איך האָב שוין לאַנג געטראַכט וועגן דעם און בין לסוף געקומען צו דער מסקנא, אַז מ'דאַרף מיט די קרייזן פון וואַנען עס קומען הערעטיקער האַנדלען מיט פאַרשטענדעניש. נאָר אַזוי אַרום, קאָן מען זיי צוריקגעווינען. די קירכע האָט שטענדיק געהאַט שונאים, און וועט זיי שטענדיק האָבן...

— ערפורכטיקער פּאָטער, זענען נישט די יידן די גרעסטע שונאים פון אונדזער קירכע, — האָט דער יעזואיט פרום פאַרגלאָצט די אויגן צום באַלקן און ווי צווישן די ציין אַרויסגעוואָרפן די פראַגע.

— הם. די יידן... האָט צעצויגן די ווערטער דער גלח. — כ'בין מסכים, אַז די יידן זענען שונאים פון דער קירכע, אָבער אויסער זיי האָבן מיר נאָך פיל אַנדערע שונאים...

דער יעזואיט האָט פאַרלייגט בײדע הענט ווי צו אַ געבעט און אַראָפּ־בויגנדיק דעם קאָפּ זיך אָפּגערופן:

— במחולות כבודו, הייליקער פּאָטער. די יידן גלויבן נישט אין אונדזער דערלייזער יעזוס קריסט. זיי זענען ווידערשפּעניק און פאַרלוימדער פון דער קירכע... זיי זענען אומעטום... אויך דאָ ביי אונדז אין זדוני, האָבן מיר צוויי יידישע קרעמער... — האָט דער יעזואיט ווייטער געצויגן זיין פּזמון מיט אַ טרויעריקן טאָן, — און זיי האָבן גרעסערע פּריווילעגיעס ווי אונדזערע גאָטספאַרכטיקע קריסטן...

דער וויקאַר האָט לייכט פאַרוואָרפן דעם קאָפּ און ווי נאָכטראַכטנדיק געענטפערט:

— ברודער ווינצענטי, מיר זענען בלויז שומרים פון דער קירכע און אין, דעם פאַל, דאַרף מען אויך זען די צווייטע זייט פון דער מטבע... די יידישע קרעמער טוען דאָ קיינעם נישט קיין שלעכטס... זיי האַנדלען ערלעך... איך האָב נאָכנישט געהערט זיי זאָלן האָבן עמיצן באַעוולט, אָדער עמיץ זאָל זיך אויף זיי פאַרקלאָגן... אמת, זיי זענען יידן... זיי זענען אָבער גאָטספאַרכטיקע מענטשן און היטן שטרענג אָפּ זייער אמונה...

דער יעזואיט האָט ברייט צעעפנט די אויגן און מיט אַן אָפן מויל געקוקט אויפן אויבנגעאָרדנטן, הערנדיק די פאַרוווּרף־רייד. ער האָט מיט ציטערדיקע פינגער געטאַפּט דאָס בייטשל בורשטינענע קרעל וואָס איז געהאַנגען ארום זיין גאַרטל.

— ניין, הויכגעאַכפּערטער פּאָטער, כ'זאָג נישט, אַז זיי האָבן עמיצן באַעוולט... אָבער זיי וווינען דאָ מיט אונדז און דאָס קאָן האָבן אַ שלעכטן איינפלוס אויף די פויערן...

— ברודער מארקאלא, ווי אַ טרייען דינער פון דער קירכע, וויל איך דיר דערמאָנען די רייד פון הייליקן פראַנציס פון אסיסי, וואָס זאָגט, אַז אונדזער קאַטעכיזם לערנט אונדז צו מאַכן א דין־וחשבון מיט זיך אליין, צו פאַרשטיין גאָטס וועגן...

— גנעדיקער פּאָטער, כ'שווער ביי די ווונדן פון יעזוס קריסט, אַז מיט מיינע רייד בין איך בלויז אויסן צו וואָרענען, אַז די יידן האָבן אַ שלעכטע ווירקונג אויף אונדזערע פויערן...

— ניין, ברודער ווינצענטי, — האָט דער וויקאַר מיט אַ שמייכל אָפּגעענטפערט, — פאַרקערט, די אָנוועזנהייט פון די יידן אין אונדזער סביבה איז אַ דערמאָנונג פאַר גוטע קריסטן, אַז זיי דאַרפן אָפּהיטן די געבאָטן פון אונדזער קירכע... כ'גלויב נישט, אַז מיט פאַרפאָלגונגען און שנאה קאָן מען עפּעס דערגרייכן... און לאָמיר נישט פאַרגעסן, ברודער ווינצענטי, אַז אונדזער דערלייזער, יעזוס קריסט איז אַ זון פון יידישן פאָלק... און לויט מיין פערזענלעכער אויפפאַסונג, קאָן מען מער דערגרייכן מיט

גוטן, מיט ליבשאַפט און פאַרשטענדעניש אײדער מיט רוגז און העצן . . . מיך צ.ב. פרײט דאָס הארץ, װען מ'קאָן געװינען אײן ייד פאַר דער קירכע, דעמלט פיל איך, װי דער הימל זינגט הללויה...

— מיטן גרעסטן רעספעקט צו אײך, גנעדיקער פאַטער, דערלויבט מיר אײך דערמאָנען, אַז מיר האָבן זיך אָפּגענאַרט מיט די דאָזיקע הערע־טיקער נאָך אין דער צײט, װען אױגוסט דער דריטער, דער זאַקס, איז געזעסן אױפן טראָן...

— אַהאַ... דו מײנסט אוודאי דעם פאַרשטאָרבענעם יעקב פראַנק... יאָ, מיר האָבן געהערט, אַז ער איז געשטאָרבן אין קעניגלעכער געפענגעניש אין אָפּענבאַך... באמת, אַ טרויעריק קאַפּיטל... זײער אַ טרויעריק קאַפּיטל...

— נו, זאָגט אליין, הויכגעאַכפּעטער פאַטער. איז ער נישט געװען אַ פאַררעטער פון אונדזער קירכע? אויף די װוּנדן פון יעזוסן, שװער איך אײך, אַז ער איז געװען אַ ביטערער און דורכגעטריבענער ייד... און דער קעניג האָט אים געגלויבט... אים בכבודו ועצמו מקבל פנים געװען צו זײן אַנקום אין װאַרשע, שפּעטער אים צוגעטײלט כבוד און רײכטום... פּאַטראָניזירט זײן שמד־צערעמאָניע אין דער קירכע פון דער הייליקער אננא... און צום סוף, װאָס האָט זיך ארויסגעװיזן?... דער ייד האָט אונדז אַלע אָפּגענאַרט, און נאָך װי אָפּגענאַרט... מיר האָבן געהאָפט, אַז מיט זײן שמד װעט קומען אַ לײזונג צו דער יידן־פּראַגע אין פּוילן... אַ נײע תקופה פאַר אונדזער קירכע... און אַלע יידן װעלן נאָכטאָן פראַנקס בײשפּיל און זיך אויך שמדן... און מיר װעלן זײן אַ בײשפּיל פאַר דער גאַנצער קריסטלעכער װעלט... און צום סוף, װאָס האָט זיך אויסגעלאָזט?... —

האָט דער יעזואיט מיט ביטערניש אין דער שטימע דערמאָנט זײן אויבן־געאָרדנטן, — בלויז אַ פאַר הונדערט יידן האָבן אָנגענומען אונדזער גלויבן ...אָבער זײ האָבן נישט ערנסט גענומען די זאַך... ביטערע יידן... זײ האָבן גענומען די פעטע עשירות װאָס דער קעניג און די קירכע האָט זײ צוגעטײלט... און צום סוף האָבן זײ זיך ארײנגעלאָזט אין הולטאַיסטװע, געװאָרן אָפּענע פאַרלוימדער פון דער קירכע, פּונקט װי זײער געװאַלבטער פאַלשער משיח יעקב פראַנק...

דער פּזמון און ביטערע רײד, װאָס זענען געקומען פון שטענדיק גע־צוימטן יעזואיט, האָבן אַביסל פאַרבליפט דעם גלח און אַ דריקנדיקע שװײגעניש האָט מיטאַמאָל איבערגעריסן זײער שמועס.

פון דרויסן האָט זיך געהערט דאָס צװיטשערן פון פײגל אין גאָרטן און דאָס פּלוצימדיקע בילן פון אַ הונט.

דער ערשטער האָט זיך אָפּגערופן דער גלח:

—ברודער װינצענטי. ס'איז אין דעם דאָ פיל אמת, װאָס דו האָסט מיר אָקאָרשט געזאָגט. זאָל אונדז גאָט באַשיצן... מיר זענען נישט קײן

ריכטער צו משפטן שולדיקע, פונקט ווי מיר קאָנען נישט אריינגיין אין דעם תוך פון דער זאַך און אין דעם אמת וואָס האָט געשטויסן דעם נונציוש ליפּפּאָמאַנאָ צו באַגיין זעלבסטמאָרד . . . דאָס איז געשיכטע . . . און געשיכטע לערנט אונדז, אַז מ'קאָן נישט אַ גאַנץ פאָלק איבערנאַכט איבערקערן צו אַן אַנדערע רעליגיע... דערפאַר גלויב איך, אַז יחידים קאָן מען אָבער געווינען... און דאָס דאַרף געטאָן ווערן פאַרזיכטיק, מיט פאַרנונפטיקייט... דאָס זעלבע איז גילטיק לגבי אונדזערע אייגענע הערעטיקער אין אונדזער אייגענער מחנה. און אַלס בישפיל קאָן דינען מיין באַשיידענער אויפטו... ווי דו ווייסט האָב איך פאַריקע וואָך לענגער געוויילט ביי מיין קוזין, דעם כראַביע סאָבאָצקי. און כ'מוז דיר זאָגן, אַז דער באַזוך איז דאָס מאָל געווען אין אַ וויכטיקער קירכלעכער שליחות... און דאַנקען גאָט, די מיסיע האָט זיך איינגעגעבן... מיין קוזין האָט מסכים געווען אויפצושטעלן אַ גרעסערע קאַפּליצע אין זיין הויף, נישט ווייט פון פּאַרק, ווו די לייבקנעכט וועלן קאָנען קומען אָפּריכטן תפילה... דאָס וועט העלפן צו שטאַרקן די אמונה, ווייל אויפן ערשטן אָרט וועלן פאַרן אַלטאַר קניען די איינוווינער פון פּאַלאַץ. און ווען אַנדערע פּריצים וועלן נאָכטאָן כראַביע סאָבאָצקי, וועלן מיר קאָנען זאָגן, אַז מיר דינען יעזוס קריסט מיט אַ ריין האַרץ.

זאָגנדיק דאָס האָט אין דער זעלבער צייט געעקבערט אין זיין מח אַ זינדיקע מחשבה וואָס האָט ווי אַ ווערעמל געטאָטשעט זיין געהירן. טראַכטנדיק וועגן דעם האָט אַ וואַרעמע פּאַליע ווי עלעקטריזירט זיין פּעטן קאָרק.

— די קאַפּליצע אין פּאַלאַץ ביי זיין קוזין וועט אים עפּטער דאָרט אהינברענגען און ער וועט האָבן אַ געלעגנהייט צו געניסן פון וואַרעמען און יונגן לייב פון קאַמערמיידל מאַלגאָזשאַטאַ.

ער האָט זיך אַגב דערמאָנט אין די קלוגע רייד פון בישאָף פון אסיסי, וואָס האָט אין זיין טאָגבוך פאַרשריבן:

...„נישט אַלץ וואָס גאָט וויל איז פאַרשריבן אין די ביכער. און נישט אַלץ, וואָס גאָט האָט פאַרטראַכט, איז באַוווסט דעם מענטשן... אויך דאָס גלוסטן נאָך אַ פרוי... גאָט וויל נישט, אַז דער מענטש זאָל זיך פּייניקן אין ליידנשאַפט... גאָט איז ברייטהאַרציק און האָט ליב דעם מענטשן... דערפאַר האָט ער באַשאַפן די פרוי, אַז מ'זאָל איר גלוסטן... בלויז נאַראָנים מיינען, אַז די פרוי איז אַ כלי־זיין פון שאָטן!... — מיט אָט די אַרויסזאָגונגען פון בישאָף פון אסיסי, האָט ער ווי אָפּגעוואַשן זיינע אייגענע זינדיקע מחשבות און די פיזישע גלוסטעניש צו מאַלגאָזשאַטאַ'ן.

דער וויקאַר האָט געקוקט אויפן יעזואיט און אַ רחמנות־געפיל האָט אים באַהערשט. ער האָט געקאָנט זיין פאַנאַטיזם וואָס איז געווען אַ רעזולטאַט פון אַ שטרענגער יעזואיטן־שולע. אַ באַהאַלטענער שמייכל האָט גע־

גליווערט אין זיינע מוילווינקלען. אין קאָפּ האָט ער געהאַט פאַרשלאָסן זיין סוד און זיינע פּלענער. צווישן אַט די פּלענער, האָט געעקבערט אין זיין קאָפּ דער פּלאַן, אַז צו דעם חנוכת־הבית צערעמאָניע פון דער קאַפּליצע וואָלט גוט געווען, ער זאָל קאָנען אָפּשמדן דעם אַרענדאַרס טאָכטער און איר אַ נאָמען געבן מיטן הייליקן נאָמען מאַגדאַלענאַ.

דאָס וואָלט געווען זיין גרעסטער מאָראַלישער נצחון און צושטייער פאַר דער קירכע.

## קאַפּיטל 8

# די באַגעגעניש אין לובלין

ר׳ יהודה גאָמבינער האָט אויף צוריקוועגס פון גאָמבין קיין איזש־ביצע באַשלאָסן צו בלייבן עטלעכע טעג אין לובלין.

דאָס איז געווען די גרויסע סטאַנציע, ווו פערד, פּאַסאַזשירן און פור־מאַנעס האָבן געוויינטלעך זיך אָפּגערוט, געטוישט פערד, פאַרריכט אַ ראָד אָדער אַ צעבראָכענעם אַקסל.

די רייזע איבער וואַרשע איז אין דער צייט פון יאָר געווען אַ שווערע צוליבן שלעכטן ערב־פרילינג וועטער.

ס׳איז געווען אַ וואָך נאָך פּסח. שניי און רעגנס האָבן שווער געמאַכט דאָס פאָרן איבער די נישט־ברוקירטע פּוילישע שליאַכן. ווינט און רעגן האָבן אומאויפהער געפּאַטשט אין דער לייוונטער בויד און צעשאָקלט דעם אינגעווייד פון די פּאַסאַזשירן.

נישט געקוקט דערויף וואָס יעדער איז געווען וואַרעם אָנגעטאָן און פאַרפּעלצט קעגן קאַלטן וועטער, זענען די אברים ביי יעדן געווען פאַרגלי־ווערט און פאַרשטייפט.

אָונטצייט, אַז מ׳איז פאַרפאָרן צו אַן אכסניה אויף נאַכטלעגער, האָט מען ערשט צו ביסלעך אויפגעטייעט, זיך אויסגערוט און כח באַקומען אויף פאַרצוזעצן די רייזע צומאָרגנס.

ר׳ יהודה גאָמבינער, ווען ס׳איז אויסגעקומען זייער אָפט צו מאַכן עטלעכע רייזעס אין יאָר, איז פאַרהאַרטעוועט געווען צו דער טרייסלעניש פון די וועגענער, סיי זומער און סיי ווינטער.

דאָס מאָל האָט ער אָבער אויך צו ביסלעך אָפּגעפּילט דעם ביי־טעם

פון שלעכטן וועטער און ער האָט באַשלאָסן אויף לענגער זיך אָפּצושטעלן אין לובלין און אָפּכאַפּן דעם אָטעם.

ער האָט שטאַרק ליב געהאַט די שטאָט מיט איר אימפּעט, האַוועניש און גרויסשטאָטישן פאַרנעם וואָס האָט געאָטעם מיט כולו יידישקייט.

בעת יעדן אויפהאַלט דאָ האָט ער שפּאַצירט איבערן אַלטן מאַרק, ריבנע און גראָדסקע גאַסן, וואָס זענען פול געווען מיט יידישע קראָמען, ווו מ'האָט געוויינלעך געקאָנט איינקויפן כל־המינים סחורות, בשמים און געטראַנקען.

אויף די דאָזיקע שפּאַצירן האָט ער אויך געזען די שרייענדיקע יידישע נויט. די אָרימע, שמאָלע געסלעך מיט די פאַרצערטע יידישע פּנימער און בעטלער. ס'האַרץ האָט אים שטענדיק פאַרקלעמט זעענדיק דאָס בילד פון יידישער אָרעמקייט.

זינט לאַנגע יאָרן האָט זיך ר' יהודה נוהג געווען אויף יום־טובים אהיימצופאָרן צום הויזגעזונט אין גאָמבין, נישט געקוקט אויפן מרחק, וווהין זיין באַשעפטיקונג זאָל אים נישט פאַרשלעפּן.

ר' יהודה איז געווען אַ באַוווסטער האָלצשניצער, זיינע פיינע ארון־קודש גראַווירונגען האָבן באַצירט אַ צענדליק בתי־כנסת אין לאַנד.

קהילות, וואָס האָבן פּלאַנירט צו בויען הילצערנע שולן אָדער נייע ארון־קודשן, האָבן געשיקט צו אים שליחים מיט אָנבאָטן.

ר' יהודה איז געווען פון מיטעלן וווקס. זיין אידל פּנים האָט באַצירט אַ פיין־פּאַרקעמטע, טונקעלע קאַשטאַן־באָרד. די פּיאות האָט ער געטראָגן פאַרלייגט הינטערן די אויערן. פון אונטער זיין הויכן שטערן האָבן מיט וואַרעמקייט ארויסגעקוקט אַ פּאָר קלוגע און דורכדרינגלעכע אויגן.

די טונקל־גרויע בעקעשע מיטן ברייטן גאַרטל האָבן פאַרהוילן זיינע שמאָלע פּלייצעס און צוגעגעבן זיין געשטאַלט אויסערלעכע פולקייט. דער הויכער קאָלפּאַק האָט זיין עטוואָס טונקל פּנים צוגעגעבן אַ כאַראַקטעריס־טישע הדרת־פּנימדיקייט. זיין פּערזענלעכקייט האָט געצויגן אויף זיך אויפ־מערקזאַמקייט און ,,רעספּעקט.

דאָסמאָל ווען ער איז אָנגעקומען אין לובלין, איז אים געגאַנגען אויף אַ בן־חמישים, געהאַט צוויי פאַרהייראַטע טעכטער און אייניקלעך. זיין על־טער האָט זיך אָבער בכלל נישט אָנגעזען אין זיין פּנים. פולע יוגנטלעכקייט האָט ארויסגעקוקט פון אַלע זיינע אברים, אַ סימן פון זיין קו־הבריאות.

ר' יהודה האָט זיך נוהג געווען, נאָך אַ שווערן טאָג ביי זיינע שני־צערייען, מעיין זיין אַ ספר און איז באַקאַנט געווען פאַר אַ למדן. זיין לשון איז געווען קערנדיק און דורכגעפּלאָכטן מיט תורה־ווערטלעך.

ווען די בויד מיט די מידע פערד איז אריינגעפאָרן אין לובלין, אַדורך ס'טויער צום יידישן קוואַרטאַל און פאַרקירעוועט צו דער אַלטער שטאָט, האָט זיין געמיט מיטאַמאָל זיך אויסגעלייטערט.

אַ ליכטיקייט האָט אים ארומגענומען און מיט אַ וואַרעמען, ממש אויס־געבענקטן בליק האָט ער ארומגענומען די לאַנג־באַקאַנטע אים בנינים.

דער טייל פון שטאָט איז געווען דער עיר־מקלט פון תורה. אויסער דעם וואָס לובלין האָט געשמט פאַרן זיץ־אָרט פון וועד ארבע ארצות, איז עס פון קדמונים געווען דער צוציאונגס־פונקט פון יידישן לעבן אַדאַנק אירע ישיבות און גרויסע לומדים. אַ שטאָט, פון וועלכער עס האָט אַרויסגעשיינט אַ געטלעכער פונק און וווהין תלמידים זענען געקומען פון אַלע עקן לאַנד צו שטילן זייער דורשט נאָך תורה. דאָ האָבן געוווינט פיל פון די גדולי הדור. אין דער שטאָט האָט זיך אויך געפונען די געזעצגעבערישע אינסטאַנץ פון וועד, וואָס האָט זיך פאַרנומען מיט כלערליי פראַגן פון יידישן לעבן. דער וועד איז אויך געווען דער העכסטער שתדלן פאַרן יידישן פאָלק; געהאַט באַ־ציאונגען מיטן מלך און סיי מיט די מלוכה־אינסטאַנצן. אין צייט פון אַ נויט אָדער גזירה איז דער וועד געווען דער העלפער אין אָפּשרייען אַ גזירה וואָס האָט באַדראָט אַ יידישער קהילה.

*

ר׳ יהודה איז תמיד איינגעשטאַנען אין דער אכסניה פון בערל מעזרי־טשער, ווו ער האָט זיך געפילט ווי ביי זיך אין דער היים.

דער בעל־אכסניה איז געווען אַ לאַנגער ייד מיט געקרייזלטע העלע פיאות און אַ צעפּאַטלטער באָרד. שטענדיק אַנגעטאָן אין אַ שוואַרצן כאַלאַט איבער די שטיוול. ער האָט געשמט אַלס אָרנטלעכער מענטש, א בעל־מידה וואָס זאָרגט פאַר דער באַקוועמלעכקייט פון זיינע געסט.

דערצו איז ער געווען אַ רירעוודיקער מענטש, מיט אַ גוטן טביעת־עין. בערל מעזריטשער האָט אויך געהערט צו דער פני פון שטאָט און אַ צייט געווען א פרנס. דער בעל־אכסניה האָט געהאַט נאָך אַ כאַראַקטער־שטריך. ער האָט אַ סך געוווּסט און געווען באַרעדעוודיק. ער האָט געוווּסט אַלע נייעסן פון לאַנד און געקאַנט אַנגעזעענע פרנסים פון יידישע קהילות וואָס האָבן באַזוכט לובלין.

נייעסן פון לאַנד האָט ער געוווּסט אַדאַנק די דורכרייזנדיקע וואָס זענען ביי אים איינגעשטאַנען אין זיין גאַסט־הויז. ער האָט געהאַט זיין אופן פון אויספרעגן יעטוועדן און ארויסקריגן פּרטים וואָס אין פלוג האָט זיך אויסגעדאַכטן, אַז זיי זענען באַנאַל און אומבאַדייטנדיק.

ווען שליחים פון אַנדערע קהילות זענען געקומען אין שטאָט מיט אינ־טערווענצן צום וועד, האָט ער פריער געוווּסט וועגן וואָס עס האַנדלט זיך נאָך איידער מ׳האָט די זאַך באַריכטעט צום הויפּט־פרנס אָדער צום וועד.

בערל מעזריטעשער האָט אויך געהאַט זיינע מעקלערס, מענטשן וואָס האָבן זיך אָפּט אַרומגעדרייט ביי די רייכע קריסטלעכע אריינפאָר־הייזער

אויף פּאָדזאַמטשע אָדער קראָקעווער פּאַרשטאָט און אפילו ביים אַלטן שלאָס אויף יענער זייט ביסטריצע. פון זיי, האָט ער זיך דערוווּסט, וואָס פּאַראַוויכטיקע פּריצים אָדער געסט ס'זענען אָנגעקומען אין שטאָט.

יענעם טאָג האָט ער זיך דערוווּסט, אַז מיט צוויי טעג פריער זענען אָנגעקומען עטלעכע רייכע קאַטשן מיט פּריצים. נאָך די קאַטשן זענען געפאָרן וועגענער מיט פּאַראָבקעס, באַלאָדן מיט באַגאַזש און שפּייזזאַפּאַסן. אַ סימן, אַז עפּעס אויסערגעוויינלעכעס איז אונטערוועגס.

פון די פּאַראָבקעס, וואָס זענען געקומען איינקויפן אין יידישן קוואַרטאַל, האָט מען זיך באַלד דערוווּסט די נעמען פון געוויסע אַדלליט. צווישן זיי זענען געווען באַקאַנטע סיים־דעפּוטאַטן, באַוווּסטע שונאי־ישראל און קעגנער פון די סיים־רעפאָרמען.

אָנקומענדיקע רייזנדע פון טאַרגאָוויצע, וואָס איז אין דער אוקראַינע, האָבן געוווּסט צו דערציילן, אַז אין שטעטל דאָרט קאָכט זיך און פּריצים קומען זיך צענויף אויף אַן אסיפה.

דער וועד האָט זיך באַלד דערוווּסט וועגן געהיימען צוזאַמענפאָר אין טאַרגאָוויצע, ווו עס זענען זיך צענויפגעפאָרן די קעגנער פון דער דריטער מאַי־קאָנסטיטוציע.

די דאָזיקע נייעס האָט פאַרשטענדלעך אַרויסגערופן גרויס אומרו ביי די יידן. מ'האָט מיט רעכט פאַרגעפילט, אַז די טאַרגאָוויצער קאָנפעדעראַציע וועט קיין גוטס דעם לאַנד נישט ברענגען און אוודאי נישט די יידן.

די מער באַהאַוונטע אין פּאָליטיק האָבן אין דעם געהיימען צוזאַמענפאָר געזען אַ פּאַרמעסט פון דער שליאַכטע צוריקצוגעווינען די אַבסאָלוטע מאַכט און די פּריווילעגיעס וואָס זיי האָבן טיילווייז פאַרלוירן מיט די רעפאָרמען פון דער נייער קאָנסטיטוציע.

דעם זעלבן אָוונט, ווען די נייעס איז באַקאַנט געוואָרן, איז ר' יהודה גאָמבינער געזעסן אין גרויסן אכסניה־חדר.

דאָ האָבן זיך איצט געפונען עטלעכע רייזנדע וואָס האָבן זיך אָפּגעשטעלט אויף נאַכטלעגער.

ס'פּייער אין אייזערנעם אייוועלע מיט דער גרויסער קני־רער צום באַלקן, האָט צעשפּרייט אַ מחיהדיקע וואַרעמקייט און געמאַכט פאַרגעסן דאָס דרויסנדיקע קאַלאַמוטנע וועטער. אַ ווינט געמישט מיט רעגן האָט אומאויפהער געפּויקט אין די שויבן.

אחוץ די געציילטע דורכרייזנדע סוחרים, האָבן זיך אויך געפונען צוויי מעקלערס. די לעצטע האָבן באַטאַפּט און באַטראַכט די סחורות און פאַרשיידן געוואָנט וואָס מ'האָט פאַר זיי אַרויסגעלייגט פון די טלומיקלעך.

צוויי יידן אין רעכטן ווינקל ביים פענצטער צו דער גאַס־צו זענען געווען פאַרטאָן אין לעבהאַפטן שמועס. לויט זייערע הוויות און אָפּגעריסענע רייד איז קענטיק געווען, אַז זיי רעדן וועגן אַ שידוך.

אינדעם איז דער באַלעבאָס אַריינגעקומען מיט אַן עלטערן ייד, מיט טיפאַריינגעזעצטע אויגן און אַ גרויער באָרד. דער בעל־אכסניה האָט אים שוויגנדיק אָנגעוויזן אַן אָרט אויף דער באַנק וווּ עס איז געזעסן ר׳ יהודה גאַמבינער.

דער אַריינגעקומענער האָט אַ טיפן זיפץ געטאָן און שוויגנדיק גענומען אָפּוויקלען פון אַרום האַלדז אַ לאַנגן גרויען שאַל. דערנאָך מיט ביינער־דיקע פינגער, צעקעמט די באָרד. זיין עטוואָס געקאַרבט פּנים האָט אויס־געזאָגט זיין עלטער און די חכמה, וואָס איז געלעגן צעלייגט אין די דאָזיקע טיפע קנייטשן פון פאַרמעטענעם פּנים.

אַן עטוואָס איינגעבויגענער האָט ער אַ מידער זיך צוגעזעצט און אָפּגעזיפצט, ווי ער וואָלט זיך באַפרייט פון אַ שווערער לאַסט.

בערל מעזריטשער האָט אים שוויגנדיק באַטראַכט און ווען דער זקן איז שוין געזעסן, אים געפרעגט:

— נו, ווי פילט איר זיך, ר׳ מאיר וואָלאָזשינער?

— דאַנקן גאָט, דאַנקן גאָט, ר׳ בעריש, פיל בעסער... קוים דער־פאָרן... אַזאַ שווערע יאַזדע געווען. סכנות נפשות...

— ר׳ מאיר, אַ הייס גלעזל טיי מיט מאַלינע סאָק וועט אייך דער־קוויקן. אָט, גיי איך ברענגען... — און ער איז אַרויס פון חדר.

ר׳ יהודה גאַמבינער, הערנדיק דעם נאָמען פון מפורסמדיקן משולח, האָט זיך נענטער צו אים צוגעזעצט און אויסגעשטרעקט די האַנט:

— שלום עליכם, ר׳ מאיר וואָלאָזשינער!

— עליכם שלום! — און דער זקן האָט מיט האַלבפאַרמאַכטע אויגן געקוקט אויף דעם שלום־געבער און אונטערגעקרעכצט געפרעגט:

— און פון וואַנען איז אַ ייד?!

— יעך, קום פון גאַמבין.

— גאַמבין... הם... גאַמבין... — האָט דער משולח איבער־געחזרט דעם נאָמען פון דער שטאָט און ווי געזוכט אין זכרון ווו די שטאָט געפינט זיך און באַלד מער לעבהאַפטער צוגעגעבן:

אַ, יאַ... גאַמבין, אַ יידישע קהילה נישט ווייט פון דער ווייכסל.

— יאָ, ר׳ מאיר, גאַמבין ליגט נישט ווייט פון דער ווייכסל.

— געהערט, אַז גאַמבין האָט זייער אַ שיינעם בית־הכנסת, — ס׳וואָר?

— יאָ, ר׳ מאיר, גאַמבין האָט זייער אַ שיינע שול, אַ מייסטערשטיק, וואָס שמט אין דער מדינה.

— אַזוי, אַזוי... און ווי רופט מען אייך? — האָט דער משולח פאַרשנדיק געקוקט אויף דעם האַלצשניצער.

— מיך?... מ׳רופט מיך יהודה!

— יהודה... און וואָס איז אייער באַשעפטיקונג, ר׳ יהודה?

— יעך בין אַ האַלצשניצער...

— ר׳ יהודה דער האָלצשניצער ? ! או וואַ, — האָט דער משולח אויפגעהויבן זיינע אומעטיקע אויגן און מיט פאַרוווּנדערונג געקוקט אויפן רעדנדיקן. — דאָס זענט איר עס גאָר, דער מפורסמדיקער ייד, מיט די גאָלדענע הענט, וואָס שניצט אַזעלכע שיינע ארון־קודשן... איי, איי, געזען אייער אַרבעט און זיך נישט געקאָנט אָפּוווּנדערן כ׳לעבן... געזען אייערע ארון־קודשן אין שניאַדאָוווע... נאָשעלסק און דאַכט זיך... וואַרט, וואַרט... אין לוטאָמירסק... סע׳ וואָר ? יידן קאָנען זיך נישט אָפּלויבן פון אייערע הערלעכע באַצירונגען... זאָל נאָר קומען א ישועה אויף יידן וועט איר העלפן בויען אונדזער נייעם בית־המקדש... אָ, וואַ, וואָס פאַר אַ טראַף, צו טרעפן אייך גאָר דאָ אין דער אכסניא ביי ר׳ בעריש מעזריטשער...

ר׳ יהודה הערנדיק ווי דער משולח צעגיסט זיך אין שבחים אויף זיין אַדרעס האָט אין זיין עניוותדיקייט זיך געפילט אין פאַרלעגנהייט און גע־זוכט אַ תירוץ אָפּצוּווענדן דעם געשפּרעך אויף אַן אַנדערער טעמע.

אין דעם איז אַריינגעקומען דער בעל־אכסניה מיט צוויי גלעזער טיי. אָוועקשטעלנדיק די גלעזער פאַר די געסט האָט ער פון אונטער דער באָרד אויסגערופן :

— דער טיי איז הייס, מיט אמתן מאַלינע־סאַק... טרינקט כ׳לעבן, איר וועט זיך מחיה־זיין...

דער משולח האָט פאַרמאַכט די אויגן און מיטביידע ביינערדיקע הענט אַרומגענומען ס׳הייסע גלאָז טיי, אָנוואַרמענדיק די עטוואָס פאַרפרוירענע פינגער, געמאַכט א שהכל און אַ זופּ געטאָן דעם טיי, און ווי צו זיך גערעדט :

— איי, א מחיה... אַזאַ גלעזל טיי... דערכאַפּט ס׳חיות... מ׳ווערט אויסגעמאַרזשעט אין דער בויד אין אַזאַ וועטער... זייער אַ שווערע יאַזדע געוועזן... גאָט זאָל זיך מרחם־זיין... אַ גאַנצן וועג האָט עס גע־שאָקלט... רק געשאָקלט... אַזוי ווי שדים רחמנא לצלן וואָלטן זיך גע־שפּילט מיט דער בויד... און די פערד האָבן קוים געשלעפּט דעם וואָגן... דער בעל־עגלה האָט געשמיסן די פערד, געמיינט מיר וועלן נישט דער־פאָרן... — האָט ער ווידער אַ זיפץ געטאָן.

ר׳ יהודה האָט אַוועקגעשטעלט זיין גלאָז, אָפּגעווישט די פאַרנעצטע באָרד מיט דער האַנטפלאַך און צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ :

— יאָ, ר׳ מאיר, אַ ביטער וועטער געווען היינט... אויך מיר האָבן געהאַט אַ שווערע יאַזדע... דעם אויבערשטנס ווילן... אָבער ב״ה ס׳וועט אַ ליאַדע טאָג ווערן וואַרעמער און אַן אָפּענע וועלט... ס׳גייט דאָך ספירה צייט...

דער משולח האָט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ און ווייטער געזופּט דעם הייסן טיי און צוגעסמאַטשקעט מיט די דינע ליפּן.

ר׳ בעריש מעזריטשער האָט זיך צוגעזעצט צום טיש און דרך־אגבדיק אַ פרעג געטאָן דעם זקן :

— און פון וואַנען קומט איר יעצט, ר׳ מאיר וואָלאָזשינער?

— געווען כ׳לעבן אין פיל קהילות, ר׳ בעריש... געזען ווי יידן לעבן און ווו מ׳לערנט תורה... געווען אין פאָדאָליע... געזען יידישע דאגות וואָס יידן האָבן אויסצושטיין פון זייערע שונאים... אוי, רבונו של עולם, שיק אונדז שוין א רפואה...

— אָבער אייער פּאַיאַזד ר׳ מאיר קומט דאָ פון בילגאָריי, נישט־וואָר?

— יאָ, ר׳ בעריש, געווען אויך אין בילגאָריי, דאָרט אָפּגעטרעטן אויפן וועג אַהערצו... אַ טייערע יידישע קהילה... גאָטספאָרכטיקע יידן... אָבער גרויסע אָרימעלייט, גאָט זאָל זיך מרחם־זיין... די יידן זענען דאָרט אויסגעשטאַנען גרויסע צרות נעבעך... צרות רבים... אוי, די מרגלים... די עכרי־ישראל... — האָט דער משולח שווער אָפּגעזיפצט.

— מ׳וועט פון זיי אויך פּטור ווערן מיט אויבערשטנס הילף, — האָט דער בעל־אכסניה זיך אָפּגערופן.

— הלוואי, הלוואי... ר׳ בעריש. ס׳וועט נאָך דויערן... די מכה איז ווייט נישט אויסגעהיילט... ס׳דאַרף נעמען פיל צייט, ביז זי וועט פאַרהיילט ווערן... נאָכן טויט פון דעם מרגל אין אָפּענבאַך, זענען די ׳שעבסן׳ זיך צעלאָפן... ווי פּלעוועס אין ווינט... אָבער מיט השם יתברך׳ס הילף וועט מען זיי עוקר מן השורש־זיין... זיי האָבן אָבער איבערגעלאָזט צופיל סם און חרוב געמאַכט יידישע קהילות... — דער משולח האָט זיך פאַרהוסט און די ווערטער זענען אים געבליבן שטעקן אין האַלדז. ער האָט אַרויסגעשלעפּט אַ רויטע פאַטשיילע פון כאַלאַט, זיך געווישט די פאַר־טרערטע אויגן און פאַרגעזעצט:

— כ׳זאָך אייך יידן, א נס איז געשען... ממש אַ נס. קיינער פון זיינע ׳שעבסן׳ אין פּאָדאָליע האָט זיך נישט געשמדט... זיי זענען זיך צעלאָפן... בלאָנדזשען אַרום אין פינצטערניש...

— מ׳זאָגט, עלעהיי ס׳אַ ליגן... אַז זיין טאָכטער, די ממזרוק פירט ווייטער די שמד־אַרבעט פון איר טאַטן, דעם פושע ישראל! — האָט זיך אָפּגערופן אַ דאַר יידל, מיט גרויסע צעשויבערטע ברעמען וואָס האָט זיך צוגעהערט צום שמועס ביים צווייטן עק טיש.

— יאָ, יאָ... אַזוי זאָגן מען... דאָס איז דאָך אין גערמאַניע... און מיט גאָטס הילף וועט מען פון איר אויך פּטור ווערן... כ׳זאָג אייך יידן, אַז מיטן אויבערשטנס הילף, וועט פון זיי קיין שריד ופליט נישט בלייבן...

די ווערטער האָט דער משולח אַרויסגעזאָגט מיט גרויס אָנשטרענגונג און ס׳איז קענטיק געווען, אַז דער זקן פילט זיך נישט מיט אַלעמען.

ר׳ יהודה וואָס האָט ביז איצט קיין דירעקטן אָנטייל נישט גענומען אינעם שמועס און בלויז זיך צוגעהערט צו די שמועסנדיקע, האָט אין די אַרומזיצנדיקע ביים טיש געזען טיפן אומעט אין די אויגן. קוקנדיק אויף

די זיצנדיקע האָבן פּריקרע מחשבות ווי גרויע וואָלקנס געכוואַליעט אין זיין מח און זיין האַרץ איז אים שווער געוואָרן.

די קאַרגע ליכט וואָס איז געפאַלן פון די צוויי אויל־בעקנס אין באַלקן, האָבן געוואָרפן אַ געלבלעך־וואַקסענעם אָפּשיין אויף די טרויעריקע פּנימער און טיפע שאָטנס האָבן זיך פאַרפּלאָנטערט אין זייערע סיווע בערד.

די רייד פון משולח האָבן אים אָבער אָנגעפילט מיט אַ לייטזעליקייט. אויף זיינע רייזעס פאַר די לעצטע צוואַנציק יאָר האָט ער זיך אָנגעטראָפן מיט פיל פאַמיליע־טראַגעדיעס און ביטערע מחלוקתן אין קהילות וואָס האָבן געהאַט אויסצושטיין גרויסע צרות פון די אָנהענגער פון יעקב פראַנק. זיין טויט חנוכה־צייט אין גערמאַניע איז איבעראַל אויפגענומען געוואָרן מיט אַ געפיל פון דערלייכטערונג און מ׳האָט דערין געזען אַ נס פון דער השגחה.

יידן האָבן קיינמאָל נישט אַרויסגעברענגט אויף זייערע ליפּן דעם נאָמען פון פאַלשן משיח און זיינע אָנהענגער אָנגערופן מיט שפּאָטישן נאָמען ׳שעבסן׳ וואָס זייער שורש האָט זיך גענומען פון זיין פאַרגייער שבתי צבי...

ווער ווייסט ווי לאַנג ס׳וואָלט נאָך אָנגעגאַנגען דער וויכוח וועגן פאַלשן משיח ווען נישט דאָס אומדערוואַרטעטע אַריינקומען פון צוויי יידן. לויט זייער הלבשה איז קענטיק געווען, אַז זיי זענען לובלינער תושבים.

איינער, אַ הויכער, איז געווען אָנגעטאָן אין אַ שווערן מאַנטל מיט אַ פוטערנעם קאָלנער. דאָס איז געווען לייזער פולטוסקער, דער אייגנטימער פון אַ וויין־הויז,ביים אַריינפאָר אין אַלטן מאַרק, ער איז געווען אַ פאַר־מעגלעכער ייד און געשמט אַלס אַן „אַלץ־ווייסער״.

דער נידריקער ייד, מיט פולע, רויטע בעקלעך, איז געווען יעקל מעל־ענדלער, און געהאַט אין אַרענדע אַ מיל אין אַ שכנותדיקן דאָרף.ביידע זענען געווען נאָענטע ידידים, געהאַט פאַרבינדונגען מיט נישט־יידישע קונדן, פון וועמען זיי האָבן אָפט זיך דערוווּסט וויכטיקע געשעענישן אין לאַנד.

זיי האָבן אָבער געהאַט א טבע זיך צו שפּאַרן, יעדן איינעם פון זיי האָט זיך אויסגעדאַכטן אַז ער ווייסט מער, פאַרשטייט בעסער און זיינע ידיעות זענען מער ראַיעלע. איצט זענען זיי געקומען צו ר׳ בערישן זיך צו טיילן מיט אים מיט די לעצטע נייעסן, וואָס זיי האָבן געהערט אין שטאָט.

שטייענדיק נאָך ביי דער טיר, האָט יעקל מעל־ענדלער זיך געקאָכט און ווי אונטערגעשפּרונגען:

— עך זאָג ענק, ר׳ לייזער, אַז ס׳איז נאָר פּאָטאָצקי.

— פּאָטאָצקי, שמאָטאָצקי... גוט, אָבער וועלכער פּאָטאָצקי? האַ, וועלכער?

— וואָס הייסט וועלכער?

— נו, אוודאי, וועלכער פריץ? זאָגט אדרבא, ר׳ יעקל, וועלכער?!...

דער קליינער ייד איז געבליבן שטיין און אַרויפגעקוקט אויף לייזערן דעם ווייַן־הענדלער, אַ צי געטאָן מיט די אַקסלען און צעשפּרייט די הענט ווי אין אומבאַהאָלפנקייט:

— מילא, זענט איר אַ חכם!.... איר ווייסט בעסער...

די אַרומזיצנדיקע ביים טיש האָבן אויסגעדרייט די קעפּ אין דער ריכטונג פון די צוויי אַריינגעקומענע און מיט נייגיר נאָכגעפאָלגט זייער שפּאַרעניש.

— וואָס איז געשען מיט פּאָטאָצקי'ן? האָט ר' יהודה מיט נייגיר דער ערשטער געפרעגט די שפּאַרנדיקע.

די פּלוצימדיקע פראַגע פון אַ פרעמדן האָטביידע פריטשמיעלעט. זיי האָבן זיך אומגעקוקט, געבליבן שטיין מיט צעשפּרייטע הענט און געצויגן מיט די אַקסלען.

זיי האָבן מיט די אויגן געזוכט דעם בעל־אכסניה און אין פלוג אים נישט געזען, ווייל ער איז געזעסן צו זיי אויסגעדרייט מיט דער פּלייצע.

ר' בעריש האָט זיך ראַפּטום אויפגעשטעלט און באַגריסט די אַריינגעקומענע.

—אַ גוט־אָוונט ר' לייזער פּולטוסקער, אַ גוט־אָוונט ר' יעקל.

— אַ גוט־אָוונט און אַ גאָט־העלף אייך ר' בעריש, — האָבן ביידע אַריינגעקומענע ווי אויפגעוואַכטע מיטאַמאָל זיך אָפּגערופן דערזעענדיק דעם בעל־אכסניה.

— וואָס ברענגט אייך יעצט צו מיר אין דעם ביטערן וועטער? איז עפּעס געשען אין שטאָט? — האָט ר' בעריש מיט אומרו אין דער שטימע געפרעגט. — זעצט זיך, — האָט ער זיי אָנגעוויזן אַן אָרט אויף דער באַנק ביים טיש און אַליין געבליבן שטיין.

— שלום עליכם! —

— עליכם שלום! — האָבן זיי זיך באַגריסט מיט די אַנוועזנדיקע.

— ר' יהודה האָט איבערגעפרעגט די אַריינגעקומענע:

— געהערט, אַז איר שפּאַרט זיך וועגן אַ פּאָטאָצקי, נישט אמת? בין עך געערכט? וואָס איז געשען? האָט עפּעס פּאַסירט מיט אַ פּאָטאָצקי?

— מ'זאָגט, יאַקאָש, כ'ווייס... — האָט לאַנגזאַם געצויגן די ווערטער דער מעל־הענדלער, — אַז פּאָטאָצקי איז דורכגעפאָרן לובלין.

— טאָ, וואָס איז געדרונגען, אַז אַ פּאָטאָצקי איז דורכגעפאָרן לובלין?

— האָט ר' יהודה ווידער געפרעגט.

— טאַקע, כ'לעבן, וואָס איז געדרונגען, אַז פּאָטאָצקי איז דורכגעפאָרן לובלין? ווייניק פּריצים פאָרן דורך לובלין? — האָט דער בעל־אכסניה מיט אַ ביטול־טאָן איבערגעפרעגט די אַריינגעקומענע.

— ס'איז געדרונגען, אז דער ערל איז געפאָרן נאָך טאַרגאָוויצע, — האָט זיך אָפּגערופן דער ווייַן־הענדלער.

— און דער פּאָטאָצקי איז איינגעשטאַנען אין שלאָס... — האָט ר׳ יעקל צוגעגעבן.

— טאָ, וואָס איז די שפּאַרעניש ? — האָט דער בעל־אכסניה ווי מיט פאָרוואורף איבערגעפרעגט.

— ס׳זענען דאָ פאַראַן עטלעכע פּאָטאָצקיס... ס׳איז דאָך אַ גרויסע משפּחה אַריסטאָקראַטן, סע׳ וואַר ? — האָט דער ווייַן־הענדלער געטענהט.

— טענה איך דאָס זעלבע — האָט זיך געקאָכט דאָס קליינע יידל.

— וואַרט, וואַרט, — האָט זיך אָפּגערופן דער בעל־אכסניה און פאַר־קנייטשט דעם שטערן... — איר זאָגט, אַז דער פּאָטאָצקי איז איינגע־שטאַנען אין שלאָס ?

— יאָ, איינגעשטאַנען אין שלאָס ! — האָט מיט צעעפנטע אויגן איבערגעריסן ר׳ יעקל מעל־הענדלער.

— אויב אַזוי איז שוין קלאָר... — האָט דער בעל־אכסניה פאַר־געזעצט... לאָמיר אָקאָרשט זען... אָ, יאָ... איגנאַצי פּאָטאָצקי האָט געהאָלפן שאַפן די קאָנסטיטוציע, ריכטיק ? איז לפי שכל הישר קאָן ער נישט פאָרן קיין טאַרגאָוויציע... ווידער דער כראַביע יאַן פּאָטאָצקי, מישט זיך בכלל נישט אין קיין פּאָליטיקע... מ׳זאָגט, אַז ער איז אַ פילאָזאָף, אַ שראַבער, ריכטיק ?... איז הייסט עס דער, וואָס איז איינגעשטאַנען אין שלאָס, נישט קיין אַנדערער ווי דער רשע, דער ריסישער וואָיעוואָדע סטאַניסלאַוו שטשענסני פּאָטאָצקי, דער גענעראַל... סע׳ וואַר ? ! — האָט ער פרעגנדיק זיך אַרומגעקוקט אויף די אַרומזיצנדיקע ביים טיש.

יענע האָבן צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ אַז זיי זענען מסכים מיט זיין מיינונג.

— שריי עך דאָך, ס׳זעלבע! — האָט טריומפירנדיק אויסגערופן לייזער פּולטוסקער, — עך האָב תמיד ראַיעלע אינפאָרמאַציעס, — האָט ער מיט אַ טאָן פון גרויס סאַטיספאַקציע צוגעגעבן... עך, ווייס וועלכע נאָך פּריצים ס׳זענען געפאָרן קיין טאַרגאָוויציע...

— אויב איר, ווייסט, אדרבא, דערציילט־זשע, ר׳ לייזער, — האָט אים דערמוטיקט דער בעל־אכסניה.

לייזער פּולטוסקער האָט אַ קאַלטן בליק געוואָרפן אויף זיין באַגליי־טער און גענומען אויסרעכענען אויף די פינגער:

— למשל... וואַרט, וואַרט... יאָ, העטמאַן בראַניצקי... קאָסאַ־קאָווסקי... ע... ע... יאָ, סעווערין זשעוווסקי, נו... די גאַנצע חברותא... איר געדענקט דאָך, מסתמא, די פּריצים, וואָס האָבן אַזוי אַרומגעברויעט מיט העך־רעדעס אין סיים קעגן דער נייער קאָנסטיטוציע...

— אַזוי גאָר... אַזוי גאָר... — האָט דער בעל־אכסניה מיט קענ־טיקער אומרו אין זיין שטימע איבערחזרט. — די גאַנצע חברותא... אַלע שונאי ישראל...

לפי דעתי, רבותי, איז געדרינגען, אַז די גאַנצע זאַך שמעקט מיט מרידה קעגן מלכות... די זאַך איז גאָר ערנצט... גאָר ערנצט... — האָט לייזער פולטוסקער מיט אַ געהיימנישפולן טאָן צוגעגעבן.

— רבותי, אויב מיר יידן ווייסן, וואָס ס'קומט פאָן אין טאַרגאָוויציע, איז עס דאָך שוין נישט קיין סוד פאַר וואַרשע... נישט ריכטיק?! האָט זיך אָפּגערופן אַ ייד, וואָס האָט ביז איצט אַריינגעקוקט אין אַ תהילימל.

— גערעכט יידן, גערעכט... דער ריס האָט אומעטום שפּיאָנען... און אויב אַזאַ געהיימע אסיפה קומט פאַר אין טאַרגאָוויציע, אונטער זייער נאָז, קאָן דאָך נישט געמאָלט זיין, אַז פעטערסבורג זאָל נישט ווייסן... נישט אַנדערש, אַז ס'איז מיט דער הסכמה פון קאַטערינען אליין... האָ, יידן, בין איך נישט גערעכט? — האָט מעשה פּאָליטיקער אויסגערופן לייזער פולטוסקער.

—גערעכט, גערעכט. ס'איז דאָך קיין סוד נישט... די שליאַכטע האָט דאָך באַלד נאָכן אָננעמען די קאָנסטיטוציע געוואַרנט, בכן, אַז זיי וועלן זי בטול מאַכן, נישט־וואָר? — האָט מיט אַ הייזעריקער שטימע אַריינגעוואָרפן אַ קליין יידל אין אַ הויכן קאַלפּאַק איבער די אויערן.

— אוי, גאָטעניו, ווען וועט שוין נעמען א סוף צו אונדזערע צרות?!
— האָט אַ זיפץ געטאָן דער תהילים־ייד.

— און ווי איז דער מלך? האָ, יאָך וויל ווייסן, ווי ס'איז דער פּאָניאַטאָווסקי? — האָט געפרעגט דאָס זעלבע קליינע יידל.

— רבותי, אויף דער קשיא איז שווער צו ענטפערן... אונדזערע חכמים זאָגן, אַז געבאָרגטער שכל טויג נישט... ס'אַ יש אומרים, אַז דער מלך האָט בכלל קיין דעה נישט... מיט איין פוס זיצט ער אין וואַרשע און מיטן צווייטן אין פעטערסבורג! — האָט לייזער פולטוסקער אויפגעקלערט.

— ר' לייזער, כ'זע, איר האָט לוחלוטין פאַרגעסן די הבטחות וואָס ער האָט פאַראַיאָרן געגעבן ערב דעם אָננעמען די קאָנסטיטוציע... האָ, כ'זע, אַז איר האָט פאַרגעסן... מיר האָבן אים אויסגעלייזט פון צרות רבים... אָפּגעצאָלט זיינע חובות... און נו?... ר'האָט דאָך צוגעזאָגט אונדזערע שתדלנים אונדז צו העלפן... מ'זאָל יידן געבן בירגער־רעכט, נו, האָט ער געהאָלפן?

דער מלך איז, איר זאָלט מיר מוחל זיין, אַ לא יצלח, — האָט דער תהילים־ייד מיט אויפרעגונג אין דער שטימע געזאָגט און דערביי זיך אַרומגעקוקט אין חדר צי אַ פרעמדער אויער הערט נישט אונטער זיינע רייד. — יידן, כ'זאָג אייך, זיי וועלן אים פאַרקויפן, ווי די ברידער האָבן פאַרקויפט יוספן... יאָך זאָג ענק, כ'האָב מורא, אַז פּאָניאַטאָווסקי איז שוין דער לעצטער פּוילישער מלך!...

— ר׳ ייד, וואָס פאַלט אייך איין... וואָס פאַרא שוואַרצע נביאות...

— יאָך זאָג ענק נישט ק׳שוואַרצע נביאות... מ׳זעט דאָך באַשיימ־פערלעך וואָס ס׳טוט זיך אין לאַנד... די פריצים רייסן זיך אַרום איינער מיטן אַנדערן... און אַז צוויי רייסן זיך, קומט אַ דריטער צד און שטעקט אַריין די נאָז... אוי, כ׳האָב מורא, ס׳איז גאָר שלעכט...

— גערעכט, גערעכט... גאָלדענע רייד... מ׳דאַרף וואָרענען די יידן אין פּאָדאָליע און וואָלין ווי לאַנג ס׳איז נישט צו שפּעט... מ׳ווייסט דאָך, אַז זייער קאָשציושקאָ אין אין לאַנד און דאָס מיינט מלחמה!... זיי וועלן ווי די וועלף צעררייסן ס׳לאַנד... פון איין זייט דער ריס און פון דער אַנדערער זייט פּרייסן...!

ר׳ יהודה איז די גאַנצע צייט געזעסן אַ שוויגנדיקער און מיט אַ שווער געמיט נאָכגעפאָלגט דעם וויכוח צווישן די זיצנדיקע ביים טיש.

ר׳ מאיר וואָלאָזשינער האָט ווי האַלב געדרימלט און טרויעריק צוגע־שאָקלט מיטן קאָפּ און פון צייט צו צייט שווער אָפּגעזיפצט:

— אַז די פּאַנעס שלאָגן זיך, זענען מיר שטענדיק די ערשטע קרבנות...

— יאָ, רבותי, ווען אַ מחלוקה צווישן די אומות, זוכן זיי אַ שעיר־לעזאזל... און מיר זענען שטענדיק די קרבנות... — האָט דער התילים־ייד מיט ערגערונג אַריינגעוואָרפן.

— געמיינט, אַז די ישועה איז שוין געקומען און נאַדיר אַ נייע צרה... אַלע האָבן אונדז פיינט, אָבער זיי האָבן ליב אונדזער געלט — האָט מיט אַ גרימאַסע אין פּנים זיך אָפּגערופן דאָס דאַרע יידל.

— רבותי, מ׳דאַרף נישט אַריינפאַלן אין יאוש, נאָר בטחון... דער רבונו של עולם וועט אונדז העלפן... מיר האָבן איבערגעלעבט גרע־סערע רשעים ווי המן, עמלק, כמיעלניצקי און אַנדערע י״ש... און מיר וועלן זיי אויך איבערלעבן...—האָט האָפּערדיק זיך אָפּגערופן יעקל מעל־הענדלער.

ר׳ לייזער פּולטוסקער, וואָס האָט ביז איצט געשוויגן, האָט איצט מעשה „אַלץ־ווייסער״ געגעבן צו פאַרשטיין דעם טייטש פון טאַרגאָוויציע:

— כ׳האָב מורא יידן, אַז די שררות וועלן צוריק ווערן חוצפּהדיקער ווי אַ מאָל... און מיר וועלן זיין אויסגעשטעלט אויף זייער גנאָד...

— גערעכט ר׳ לייזער... גערעכט... — האָט זיך אָפּגערופן דער בעל־אכסניה... הלוואי זאָל איך זיין אַ ליגנער... אויב די פריצים וועט זיך איינגעבן מבטל צו מאַכן די קאָנסטיטוציע, וואָס האָט אונדז לכל הפּחות פאַרזיכערט אַ ביסל שוץ און מנוחה, וועט טאָקע נישט טויגן... כ׳האָב מורא, אַז די פריצים וועלן ווידער נעמען באַלעבאַטעווען מיט נאָך מער רשעות ווי פריער... און לאָמיר נישט פאַרגעסן די מעשה נורא וועגן אַ פּריץ אין אונדזער קאַנט דאָ. די תקיפות פון די פריצים קעגן אַ יידישן אַרענדאַר... איר האָט אוודאי געהערט, וואָס האָט דאָ אַנומלט פּאַסירט

מיט הערשקע לייפציקער? האַ, און דעם כראַביע אַראַצקי?! — הערשקע לייפציקער ווייסט איר, איז געווען אַן אָרנטלעכער ייד, אַ גאָטספאָרכטיקער ייד און געפּאַכטעט אַ שענק ביים כראַביע... ער האָט שטענדיק הכנעהדיק אונטערגעטראָגן זיין האַר די שטייערן... מאַכט זיך איינמאָל, אז דער ייד איז, לא עליכם, געבליבן הינטערשטעליק מיט אַ פריערדיקן קוואַרטל מיט ניינציק טינפן... אָט, פאַר דעם חטא האָט דער פּריץ געהייסן הערשקען אָנבינדן אויף אַ קייט און אַריינוואַרפן אין חזיר־שטאַל...

— אוי ווי, אוי ווי! — האָבן זיך געהערט עטלעכע שטימען.

— שאַ, שטיל... לאָזט רעדן! — האָט עמיצער אומגעדולדיק אַ קלאַפּ געטאָן אין טיש.

דער בעל־אכסניה האָט זיך אַרומגעקוקט צו די אַרומזיצנדיקע, צוגע־לייגט די האַנט צום שטערן, ווי ער וואָלט זיך געוואָלט עפּעס דערמאָנען און פאַרגעזעצט:

— יאָ, רבותי, לא די, וואָס דער רשע האָט הערשקען אַזוי מבזה געווען, האָט ער געהייסן די פּאַראָבקעס, זיי זאָלן זיך איבער אים איזדעקעווען...

— אוי, ווי, וואָס פאַרא רשע!...

— שאַ, שטיל, לאָזט דערציילן!

— נאָכן אָפּטאָן די שענדלעכע מעשה, האָט דער פּריץ באַפוילן, אַז די פרוי פון זיין קרבן מיט די קינדער זאָלן וויטער פירן די שענק... דאָס האָט ער נישט געטאָן אויס רחמנות, נאָר מיט אַ באַפעל זיי זאָלן שאַפן פאַר אים ס׳געלט מיט פּראָצענטער... וואַרט, וואַרט, דאָס איז נאָכנישט אַלץ... די תקיפות פון דאָזיקן פּריץ האָט נישט קיין גרענעץ... ער האָט באַפוילן מ׳זאָל אים ברענגען אין זיין הויף אַריין לייזערלען, דאָס יונגסטע קינד פון אַרענדאַר... און ער האָט רחמנא ליצלן, געצוווּנגען דאָס זעקס־יאָריקע גמרא־ייִנגל צו עסן חזיר און זאָגן קירכלעכע פּאַציעזשעס... דאָס האָט דער פּריץ געטאָן מיט דער הילף פון זיין גלח, כדי צוצוגרייטן ס׳קינד צום שמד. דאָס אומגליקלעכע קינד האָט נישט געוואָלט טועם זיין פון עסן און זיך צלמען... און מ׳האָט אים דערפאַר געשמיסן מיט ריטער אויפן נאַקעטן לייב... אַזוי איז דאָס יינגעלע אויסגעגאַנגען אונטער די שמיץ פון זיינע פייניקער...

ווען דער בעל־אכסניה האָט געענדיקט זיין דערציילן, זענען אַלע געבליבן זיצן ווי צוגעשמידט צו זייערע ערטער. זייערע פּנימער האָבן אויסגעדריקט טיפן וויטיק.

— גאָט זאָל שומר ומציל זיין! — האָט דער תהילים־ייד מיט אַ וויינענ־דיקער שטימע איבערגעריסן דאָס שוויגעניש.

— אָט, דאָס טאַקע ווילן די פּריצים וואָס פאַר׳ן קיין טאַרגאָוויצע... זיי ווילן צוריקגעווינען זייער אַבסאָלוטע מאַכט... כ׳וויל נישט זאָגן קיין

נביאות, נאָר לפי דעתי וועלן די פּריצים דאָס מאָל ברענגען אַן אומגליק אויף זייערע אייגענע קעפּ... ס'זאָל חלילה נישט שאַדן אונדז יידן! — האָט לייזער פּולטוסקער מיט אַ טרויעריקער שטימע זיך אָפּגערופן.

אַן אָפּהענטיקייט האָט אַלעמען באַהערשט און אַלע זענען געבליבן זיצן אין אַ פאַרגליווערנדיקער שוויגעניש.

פון דרויסן האָט זיך געהערט דאָס וואָיען פון ווינט, און שטאַרקע רעגנטראָפּנס האָבן אומאויפהערלעך געפּויקט אין די פענצטער.

✶

ר' יהודה איז די זעלבע נאַכט זייער שלעכט געשלאָפן. מאָדנע מחשבות האָבן זיך געפּלאָנטערט אין זיין מח און ער האָט איבערגעטראַכט די מעשה־נורא וועגן פּריץ אַראַצקי און דעם אַרענדאַר הערשקע לייפּציקער. ער איז געלעגן מיט אָפענע אויגן און געקוקט אין פינצטערן פולאָפּ ווי ער וואָלט געזען דאָרט די שאָטנס פון דעם פּריץ'ס קרבנות. נאָך דער שלאָפלאָזער נאַכט האָט ער זיך פרי געפּעדערט און בדעה געהאַט אָפּצופאָרן מיטן ערשטן וואָגן קיין איזשביצע. ער האָט אויסגערעכנט, אַז זיין שניצאַרבעט ביים נייעם אָרון־קודש וועט העכסטנס דויערן נאָך אַ חודש צייט און ער וועט באַווייזן אויף שבועות צוריק זיין אין גאָמבין.

דער בעל־עגלה האָט שוין געהאַט אַרויסגעטראָגן די טלומעקלעך אויפן וואָגן און געשטאַנען מיט דער בייטש אין האַנט ביי דער אַרויסגאַנג־טיר און געוואַרט אויף יהודה'ן.

דער האָלצשניצער איז געשטאַנען מיטן בעל־אכסניה און זיך געזעגנט ווי אינדעם האָט זיך געעפנט די טיר און אין איר האָט זיך אַריינגעשטעלט אַן עטוואָס באַבייכלטער אורח אין אַ גרויען כאַלאַט מיט אַ ברייטן גאַרטל.

ווען בעריש מעזריטשער האָט אים דערזען, האָט זיין פּנים זיך צע־שטראַלט און ער האָט מיט פרייד אויסגערופן:

— ס'קאָצל קום, לייבקע, שלום עליכם, נישט געוווּסט, אַז דו ביסט אין לובלין!....

— עליכם שלום, בעריש, וואָס מאַכסטו?! נעכטן געקומען און פאַר־פאָרן צום מחותן...

— און וואָס מאַכט ס'בני בית, האַ, לייבקע?!

— נישט צו פאַרזינדיקן, דאַנקן גאָט, אַלץ איז בסדר!

— ר' יהודה, — האָט דער בעל־אכסניה זיך געוואָנדן צום האָלצ־שניצער, — דאָס איז מיין קרוב, לייבקע לובלינער... ער איז כמעט אייערס אַ לאַנדסמאַן, דאַכט זיך אַמאָל אייך דערמאָנט וועגן אים. ער וווינט אין אייערע מקומות...

די יידן האָבן זיך געגעבן 'שלום'.

— איר זענט מיינער אַ לאַנדסמאַן?! — האָט ר' יהודה אָפּגעמאָסטן דעם אַריינקומענעם... כ'האָב דאַכט זיך איך קיינמאָל נישט געזען אין אונדזערע מקומות.

— און פון וואַנען זענט איר ר' יהודה?

— עך בין פון גאָמבין!

— גאָמבין, דאָס איז דאָך זייער נאָענט פון אונדז...

— ר' יהודה איז דער באַוווּסטער האָלצשניצער, — האָט דער בעל־אכסניה זיך אַריינגעמישט.

— אָ, ר' יהודה גאָמבינער? — האָט מיט גרויס דרך־ארץ אויסגערופן לייבקע לובלינער. אָ וואָ, וואָס פאַראַ טראַף איך דאָ צו טרעפן... געהערט פון אייך און נאָך ווי געהערט... געזען אויך אייער שיינעם באַלעמער אין דער ווישעגראָדער שול...

— וואָס איר וווינט אין ווישעגראָד?! — האָט ר' יהודה איבער־געפרעגט.

— ניין, איך וווין נישט אין ווישעגראָד. מיין בכור לערנט זיך דאָרט אין דער ישיבה... איך אַליין בין פון סאָבאָטע...

— מיין קוזין לייבקע איז אַרענדאַר ביים פּריץ סאָבאָצקי, — האָט בערל מעזריטשער אויפגעקלערט יהודהן.

— אָ, אַן אַרענדאַר ביים פּריץ אין שטעטל סאָבאָטע?! — האָט ווי נאָכקלערנדיק יהודה איבערגעחזרט און באַטראַכט לייבקען. — פיל גאָמ־בינער יידן פאָרן אויף די מאַרק־טעג אין סאָבאָטע... און זאָגן, אַז סאָבאָטער יידן זענען גרויסע הכנסת־אורחים, פיינע יידן...

פון דרויסן האָט זיך געהערט דאָס הירזשן פון פערד און דער בעל עגלה ביי דער טיר האָט מיט אַן אומגעדולדיקער און הייזעריקער שטימע זיך אַריינגעמישט:

— ר' יהודה, מ'וואַרט אויף אייך. ס'ווערט דאָך שפּעט... מ'דאַרף פאָרן!

די רעדנדיקע האָבן זיך אומגעקוקט און געזען שטיין דעם בעל־עגלה ביי דער טיר.

ר' יהודה, האָט דער ערשטער זיך דערמאָנט, אַז ער האָט געלאָזט וואַרטן אויף זיך דעם פורמאַן און אַנדערע פּאַסאַזשירן און ווי פאַרענטפערנדיק זיך געזאָגט:

— אָט, קום איך, ר' בערקע... אָט, קום איך...

ער האָט אָפּגעזעגנט דעם בעל־אכסניה און לייבקע לובלינער און אַרויס מיטן בעל־עגלה צום וואָגן.

ר' יהודה און לייבקע לובלינער האָבן נישט געאָנט יענעם פרימאָרגן בעת זייער באַגעגעניש אין דער אכסניה אין לובלין, אַז דאָ האָבן זיך געקרייצט זייערע וועגן און זייערע גורלות.

## קאַפּיטל 9

# דער כראַביע און דער גלח

כראַביע זביגניעוו סאָבאָצקי האָט לויט זיין שטאַנד און פאַרמעגן נישט געהערט צו דעם העכערן קלאַס פון דער אַריסטאָקראַטיע וואָס האָט לויט די קעניגלעכע פריווילעגיעס געקראָגן הויכע רעגירונגס־שטעלעס.

סאָבאָצקי האָט זיך זעלטן געמישט אין פּאָליטיק. ער האָט ליב געהאָט צו זיין אַ פרייער מענטש, פירן זיין אייגענעם לעבנס־שטייגער, אַרומרייזן, האָדעווען זיין ראַסאָווע פערד און געניסן פון לעבן מיט אַ פולער מאָס.

דעם לעצטן יאָר אָבער, נאָך די טומלענישן אין סיים און די רעפאָרמען פון דער דריטער מאַי קאָנסטיטוציע, וואָס האָבן דירעקט אָנגערירט זיינע פּריווילעגיעס, האָט ער זיך אָנגעשלאָסן אין צד פון די קעגנער.

זיין אָפיציעלער צושטיין צו דער אָפּאָזיציע איז פאָרגעקומען בעת אַ געהיימער באַראַטונג אויפן באַל פון די ראַדזשיווילס.

דעם פרימאָרגן, ווען מ'האָט אים געמאָלדן אַז דער וויקאַר פון זדוני איז געקומען צו פאָרן, איז ער נישט געווען אין קיין געהויבענער שטימונג.

צוויי פּראָבלעמען האָבן אים געערגערט און ער האָט באַשלאָסן זיי אויסצובאַהאַלטן פאַרן גאַסט, פאַר וועלכן ער פלעגט פון צייט־צייט פאַר יוצא־וועגן זיך מתוודה זיין.

זיין פרוי די כראַבינע האָט דאָ נישט לאַנג געקראָגן אַ ידיעה, אַז איר קוזין, דער יונגער פירשט סאַנגושקאָ פון לובאַרטאָוו, האָט זיך פאַרליבט אין אַ יידישקע. נישט סתם אין אַ יידישקע, נאָר אין דער פרוי פון אַ רבין... די זאַך איז דערוויל אַ סוד. ווען דאָס וועט אַרויסקומען אין דער עפנט־לעכקייט, וועט קומען צו אַ סקאַנדאַל וואָס וועט קאָמפּראָמיטירן די פאַמי־ליע. לויט פאַרטרויעלעכע ידיעות, האָט דער פירשט איבערגעלאָזן זיין הויז אויף גאָטס באַראָט און שלעפּט זיך אַרום צווישן די יידן אין שטעטל ווו ס'וווינט די יידישקע און האָט בדעה זיך מגייר־זיין.

דאָס צווייטע אַנשיקעניש וואָס האָט דעם כראַביע קיין רו נישט געגעבן, איז די פּלוצימדיקע צעלאָזנקייט פון זיין אומלעגאַלן זון יאַראָס, וואָס אַלע ווייסן, אַז ער איז אַ יתום פון אַ פאַראָרעמטער קרובה און ער האָט אים אויס רחמנות אויסגעהאָדעוועט.

אמת, יונגערהייט האָט ער יאַראָסן טראַקטירט ווי אַ כלאָפּ און לייב־אייגענעם, אָבער שפּעטער האָט ער אים מקרב־געווען, געלאָזט דערציען, געגעבן עלעמענטאַרע בילדונג און אים מיטגענומען אַלס זיין פּערזענלעכן באַדינער אויף זיינע רייזעס קיין אויסלאַנד.

מיט דער צייט איז יאַראָס אויסגעוואָקסן אויף אַ הויכוווקסיקן, גערונ־טענעם בחור מיט העלע בלויע אויגן און אַ געדיכטער בלאָנדער טשופּרינע. פּרויען האָבן פאַר אים געהאַט די כפרה. זיינע רעגלמעסיקע געזיכט־שטריכן האָבן אָנגעדייט אויף זיין אַריסטאָקראַטישן אָפּשטאַם.

די אויפפירונג פון זיין כלומרשטן ׳דערציִיגלינג׳ האָט דעם כראַביע לעצטנס אַריינגעבראַנגט אין גרימצאָרן און ער האָט שטאַרק באַדויערט פאַר־וואָס ער האָט יאַראָסן נישט געלאָזט אויסגיין ביי דער „באַבע״, נאָכדעם, ווי זיין מוטער, אַ שיינקייט צווישן זיינע דאָרפסמיידלעך אין וואָלין, איז געשטאָרבן בעתן קימפּעט. נאָך מער חרטה האָט ער דערויף וואָס ער האָט אים אַריינגענומען אין זיין הויז און נישט געלאָזט לעבן ווי אַ פּאַראָבעק, ווי זיינעם אַ לייבאייגענעם. ער מאַכט זיך איצט פאַרוווּרפן, וואָס ער, דער קלוגער און וועלטלעכער אַריסטאָקראַט האָט געקאָנט אין אַ שוואַכן מאָמענט באַגיין אַזאַ טיפּשות. שטילערהייט מוסרט ער זיך און באַשליסט, אַז יאַראָס מוז פאַר זיין חוצפּה און טיפּשות טייער באַצאָלן. ער מוז אים אָנלערנען, ער זאָל וויסן ווו זיין פּלאַץ איז. אויפן ערשטן אָרט — געהאָרכזאַמקייט.

יאַראָס האָט נאָכן צוריקקומען מיטן כראַביע פון ז׳ער לעצטער רייזע אין פּאַריז, אָנגעהויבן זיך אויפפירן ווי אַ רעבעל.

ער האָט געטראָגן שיינע קליידער, גערעדט אַביסל פראַנצויזיש און זיך געהאַלטן פאַר אַן אויפגעקלערטן.

אויפן וועג פון פּאַריז איבער דרעזדען, האָט ער דאָרט איינגעקויפט פאַרשיידענע „מתנות״ מיט וועלכע ער האָט געלאָקט די יונגע שיקסעס פון הויף און מיט זיי אָנגעהאַלטן נאָענטע באַציאונגען. דאָס איז נאָכנישט געווען דאָס ערגסטע וואָס האָט געאַרט דעם כראַביע. אָבער לעצטנס האָט ער געלאָזט פאַלן רייד צווישן די לייבאייגענע וואָס זענען עלול ארויסצורופן אַ בונט.

ער האָט פאַר די פּויערן ציטירט לאָזונגען פון דאַנטאָן און אַנדערע פראַנצויזישע רעוואָלוציאָנערן און פאַרטייטשט זייער באַדייט. ער האָט זיי אויך דערציילט, אַז אין פראַנקרייך שיקט מען אויף דער גילאָטינע קעגנער און אַדללייט וואָס האָבן נישט אויסגעפאָלגט דעם דעקרעט פון דער רעגירונג צו באַפרייען די פּויערן פון פּאַנשטשיזנע.

אַזאַ פלוידערן פונעם יונג, האָט געעקבערט אין מח פון כראַביע — שמעקט מיט אָפענער מרידה און ער האָט פעסט באַשלאָסן ביי זיך, אַז צו דעם מוז נעמען אַ סוף.

ער האָט געשפּאַנט איבערן צימער און מאָמענטנווייז זיך אָפּגעשטעלט ביים פענצטער און אַ פאַרטראַכטער אַרויסגעקוקט אין גאָרטן אריין, ווי ער וואָלט פון דאָרט געזוכט אַן ענטפער אויף די פראַגן וואָס האָבן אים געמאַטערט.

סאָבאָצקי איז געווען אָנגעטאָן אין זיין העל־בלויער טוזשורקע, טונקעלע קני־הויזן און ווייסע זאָקן. דער געפאַלדעוועטער הויכער, ווייסער קאָלנער

מיט בופאָן־מאַנזשעטן, אין פּראַנצויזישן סטיל, האָט אויסגעטיילט זיין פיין־געשניצטן אַריסטאָקראַטישן קאָפּ. ווייסע פּעדים האָבן זיך געוויזן אין זיינע באַקנבערד. מיטאַמאָל איז ער געבליבן שטיין נעבן דער מאַרמאָרנער פיגור פון ווינצענטא ביענא׳ס רוימישן „נאַבלמאַן״ און אונטערבאַוווסטזיניק באַ־טאַפּט די פאָרם פון דער פיין־געשניצטער געשטאַלט און דערפילט די קיל־קייט פונעם שטיין. ער האָט אויפגעוואַכט פון זיינע טראַכטענישן.

ער איז צוגעגאַנגען צו דער ברייטפּאַרגלאָזטער שאַפּע מיט ביכער. זיין בליק האָט געגומען בלאָנדזשן איבער די גלייכמעסיק אויסגעסדרטע ביכער און געלייענט די גאָלד־געלישטע טיטולן און נעמען אויף די רוקנס: בערזשעראַק, פּאַנטנעל, דידעראָ — סאַטירישע דיאַלאָגן; אַנטואַן ריוואַראָל — עפּיגראַמען; געטהע־געדיכטן; זשאַן זשאַק רוסאָ „דער סאָציאַלער קאָנטראַקט״ און לסוף האָט זיין בליק זיך אָפּגעשטעלט אויפן „נוווועל העלואיז״.

אָפּקערנדיק זיך פון דער ביכער־שראַנק האָט ער ווידער גענומען אומ־געדולדיק שפּאַנען און געפירט מיט זיך אַ שמועס:

— מילא, וואָס יאַראָס האָט זיך צוגעשאַרט צו דער שיינער ציליאַ און איר געווונען, וואָלט ער נאָך פאַרקוקט, טראַצדעם, וואָס ס׳האָט אים פּערזענלעך שטאַרק אָנגעררירט.. איז ער דאָך זיינער אַ זון און האָט די זעלבע גלוסטונגען ווי ער האָט געהאַט אין זיין עלטער... אָבער דאָס וואָס ער פירט זיך אויף ווי אַ ׳פּאַניטש׳ און פּראָפּאַגאַנדירט מרידה צווישן די לייבאייגענע, דאָס איז ביז גאָר געפערלעך און קאָן ברענגען נישט פאָראויס־געזעענע קאָנסעקווענצן.

דאָס לעצטע, האָט ביז גאָר אָנגעררירט זיין אַריסטאָקראַטישע ווירדע.

סאָבאָצקי האָט אָפּגעמאַכט ביי זיך, אַז ער מוז אָננעמען שטרענגע מאָס־מיטלען כדי אַ סוף צו מאַכן צו יאַראָסעס אויפפירונג. ער האָט געהאַט פאַר זיך צוויי אַלטערנאַטיוון: אויסצומעסטן יאַראָסן צוואַנציק ביזון מיט האראַפּ אויפן נאַקעטן לייב אָדער אים אַריינזעצן אין אַ קאַרצער אויף ברויט און וואַסער אויף אַ חודש צייט און אַזוי אַרום אים אָנלערנען געהאָרכזאַמקייט.

נאָך עטלעכע טעג טראַכטן וועגן דעם איז ער אָלץ נישט געקומען צו קיין פעסטן באַשלוס אויף וואָס פאַראַ אופן ער זאָל באַשטראָפן זיין כלומרשטן ׳דערציִיגלינג׳.

ער האָט זיך אויך געשלאָגן מיט דער דעה, צי ער דאַרף אים נישט אַוועקשיקן אין זיין גוט אין וואָלין, וווּ דער יונג איז געבוירן געוואָרן און באַפּעלן דעם דאָרטיקן עקאָנאָם ער זאָל אים איינשפּאַנען אין אַ שווערער האָראָוואַניע צוגלייך מיט אַנדערע פּאַראָבקעס. דאָס וואָלט דעם יונג אָפּגע־נומען דעם חשק פון שפּילן זיך אין דער ראָל פון אַ ׳פּאַניטש׳, ווייל זאָל ער אים לאָזן אומבאַשטראָפט דאָ ארומגיין, קאָן דאָס שעדיקן די מאָראַל פון זיינע לייבאייגענע.

דעם זעלבן פרימאָרגן, וואָס ער האָט געדאַרפן אויפנעמען דעם גלח פון זדוני, האָט ער ביי זיך אָפּגעמאַכט, אַז ער וועט דערוויל די שטראָף קעגן יאַראָסן אָפּלייגן אויף שפּעטער נאָך זיין צוריקקומען פון דער פאַרשטייענדיקער רייזע קיין פּיאָטרקאָוו צום דאָרטיקן טריבונאַל אין גערעכטלעכע ענינים. אַן ענין וועגן אַ נחלה אין וואָלין וואָס ציט זיך שוין איבער אַ יאָר צייט. פון דאָרט האָט ער בדעה גלייך אָפּצופאָרן קיין טאַרגאָוויצע, ווו ס'פאָרן זיך צונויף די קעגנער פון די רעפאָרמען.

ער האָט דעריבער באַשלאָסן דערוויל מאַכן אַ שוויג און יאַראָסן מיטנעמען אַלס זיין באַדינער, פונקט ווי אויף זיינע פריערדיקע רייזעס, ווייל דער יונג טויג זיך אויס אויף אויפצופאַסן אויף די פורמאַנעס אין וועג, אויפן באַגאַזש און ווי אַלץ איינצואָרדענען פאַר זיך באַקוועמלעכקייט אין די אַריינפאָר־הייזער.

און אויב, נאָכן צוריקקומען, וועט ער זיך ווידער אויפפירן הפקרדיק, דעמלט וועט דער קאַרצער און צוואַנציק שמיץ אויפן נאַקעטן לייב זיין דער בעסטער רעצעפּט דעם יונג אויסצוהיילן פון זיין טירוף.

אָפּגעזען דערפון, האָט נאָך איין נישטדעצידירטע מחשבה וויברירט אין זיין שאַרבן. ער האָט נישט געקאָנט באַשליסן, צי ער זאָל אָפּרוימען דעם אַלטן ידישן בית־עלמין און אויף זיין אָרט אויפשטעלן נייע כאַטקעס, פאַר וועלכע ס'קאָן אַריינפליסן אין זיין קאַסע יערלעך אַ היפּשע סומע געלט.

מ'דערציילט, אַז פון די מזרח־קרעסן זענען נאָך די דאָרטיקע אַנטי־ידישע עקסצעסן אַנטלאָפן טויזנטער ידישע פאַמיליעס און זיי וואַנדערן טיפער אין לאַנד. די פּליטים געפינען זיך אַרום וואַרשע און אויף דרום פון מאַזאָוויע און זוכן אַן אָרט ווו זיך צו באַזעצן.

אמת, מיט אַזאַ שריט וועט ער עובר־זיין אויפן פאָטערס צוואה וואָס זאָגט בפירוש, אַז מ'טאָר דעם ידישן בית־עלמין נישט אָנרירן. ער האָלט אָבער, אַז דאָס איז אַן אַלטע פּאַסירונג, און קוים ווער געדענקט עס. די ידן וויסן בכלל נישט וועגן דער עקזיסטענץ פון אַ געשריבענעם דאָקומענט. אַלענפאַלס געהערט דאָס צו דער פאַרגאַנגענהייט. היינט איז ער דער באַלע־באָס און קאָן טאָן וואָס אים געפעלט. ס'איז אויך אמת, אַז דער נייער שטייער, וואָס ער האָט אויף די ידן אַרויפגעלייגט מיט אַ קורצער צייט צוריק האָט אים אַריינגעבראַכט עטלעכע טויזנט גאָלדענע דוקאַטן. אָבער דאָס איז אַ טראָפּן אין ים, לגבי די גרויסע הוצאות וואָס ער דאַרף אויף דער איצטיקער נסיעה קיין פּיאָטרקאָוו, טאַרגאָוויצע און שפּעטער אויף אַ הוליאַנקע אין לובלין, און אויב ער וועט פאַרשפּילן דעם משפט אין פּיאָטרקאָווער טריבונאַל וועגן דער ירושה פון זיין פאַרשטאָרבענעם קרוב יאַבלאָנסקי, וועט ער דאַרפן באַצאָלן אַ גרויסע סומע אַנטשעדיקונג דעם צווייטן צד.

דערצו קאָן מען די אַדוואָקאַטן בכלל נישט אָנטרויען. זיי ציען דאָס בלוט ווי פּיאַווקעס, איבערהויפּט ווען מ'איז אין דער פרעמד.

אָפּטמאָל דינען זיי ביידע צדדים און מאַכן דאָס אַזוי געשיקט, אז ביז דער לעצטער מינוט וויס מען נישט, אַז מ'איז אין זייערע הענט.

גראָד לעצטנס האָט זיין קרוב, דער וויקאַר פון זדוני אים אַריינגעפירט אין אַן אַמביציעזן פּראָיעקט אויפצובויען די קאַפּליצע. ער אליין איז נישט שווה בשווה מיט דער קירכע, ווי דאָס רוב פון דער שליאַכטע וואָס קוקן אויף די קלעריקער ווי אויף פּאַראַזיטן.

פון דער אַנדערער זייט, האָט ער נאָכגעטראַכט, זענען זיי אָבער זייער נוציק, ווייל זיי העלפן צוימען די ווילדע סטיכיע ביי די פּינצטערע פּויערן. דאָס העלפט צו האַלטן די לייבאייגענע אין צוים פון געהאָרכזאַמקייט לגבי די, וואָס הערשן איבער זיי.

נאָכדעם, ווי זיין קרוב, דער גייסטלעכער האָט אים פאַרגעלייגט דעם פּלאַן צו בויען די קאַפּליצע, האָט ער נאָך לאַנגען ישוב־הדעת זיך ארומ־געזען, אַז ס'איז גאָרנישט קיין קרומע זאַך, עס איז אין זיינע אייגענע אינטערעסן.

קודם כל וועט ער נישט דאַרפן פאָרן אין שטעטל אַריין אין דער דאָר־טיקער קירכע צו די טויפונגען, און וועלכע ער מוז פון צייט צו צייט אָפּי־ציעל זיך באַטייליקן, שוין אָפּגערעדט פון באַטייליקן זיך אין די גאָטעס־דינסטן אַזוי ווי זיינע אבות האָבן דאָס געטאָן.

דער בוי־פּראָיעקט פון דער קאַפּליצע האָט אומדערוואַרט שוין פאַר־שלונגען אַ היפּשע סומע געלט ווייל ער האָט ליב צו טאָן זאַכן אויף אַ ברייטן שטייגער. דערפאַר וועט ער זיך קאָנען באַוויזן מיט זיין אויפטו פאַר זיינע שכנים, די פּריצים, סיי פאַר זיינע געסט מיט זיין אויפטו.

— נישקשה — האָט ער זיך געטראַכט — די יידן האָבן געלט און זיי וועלן שוין דערפאַר באַצאָלן מיט פּראָצענט... איז ער דען נישט דער מושל פון זיינע גיטער און גיט זיי שוץ און די פּריווילעגיע צו קאָנען פירן זייער לעבנסשטייגער?

די קאַפּליצע וועט לויט דער אינעווייניקסטער קאָנסטרוקציע זיין אַ רעפּליקע פון אַן ענלעך געבעט־הויז, וואָס ער האָט אַמאָלט געזען אין דרעזדען, מיט פּיליאַרן און הויכע פענצטער־ראָמען אין ראָקאָקאָ־סטיל. דער אַלטאַר וועט זיין באַגאָלדן מיט געהעריקע באַפּוצונגען. צו דעם צוועק האָט ער אַראָפּגעבראַכט צוויי בוימייסטערס פון דאַנציק, און די בויאונג איז איצט אין פולן שוווּנג.

ער איז אויך באַשטאַנען, אַז די פענצטער זאָלן זיין אילומינירטע מיט רעליגיעזע מאָטיוון און די פּאַנעלס באַשלאָגן מיט קופּער. דער דיל וועט זיין אויסגעלייגט מיט מאָזאַיק־פּליטן.

דאָס נאָכטראַכטן וועגן דעם געבוי פון דער קאַפּליצע האָט אים אַ ביסל באַרואיקט און ער האָט זיך צוגעזעצט צו זיין פיינגעשניצטער ביורקע און אָנגעהויבן בלעטערן אין אַ שטויס חשבונות און דאָקומענטן וואָס דער עקאָנאָם האָט אַ טאָג פריער פאַר אים איבערגעלאָזט. אַ קרומלעכער רעפלעקס פון זיין עטוואָס מידן פּנים האָט זיך אָפּגעשפּיגלט אינעם פּאָלירטן מעשענעם גלעקל אויפן טיש נעבן דער טאַבאַק־פּושקע.

דער קאָמערדינער איז דיסקרעט דערשינען אין דער טיר און אים געמאָלדן וועגן דעם אָנקום פון וויקאַר.

דער כראַביע האָט געהייסן אַריינפירן דעם גאַסט.ביידע האָבן זיך וואַרעם באַגריסט און זיך געביטן מיט קאָמפּלימענטן. נאָכדעם, ווי דער גייסטלעכער איז באַקוועם געזעסן אין אַן אויסגעבעטער שטול קעגנאיבער זיין גאַסטגעבער, האָט דער קאָמערדינערביידן אָנגעגאָסן גלעזלעך אונגאַרישן טאָקיי.

דער גייסטלעכער האָט צוגעטראָגן דעם געשליפענעם דרעזדנעם כוס מיטן בורשטינענעם געטראַנק צו דער נאָז און לייכט אַ שניף־געטאָן צום ריח־ניחוח. ער האָט אַ זופּ געטאָן דעם ווין און וויגנדיק מיטן גרויסן קאָפּ, אַ סמאַטשקע געטאָן מיט די גראָבע ליפּן און מיט הנאה אַ זאָג געטאָן: — מיין וואָרט, הויכגעשעצטער קוזין. כ'האָב עס שוין לאַנג געזאָגט, איר האָט גאָר אַ פיינעם געשמאַק פאַר געטראַנקען. דער טאָקיי איז טעם גן־עדן...

— יאָ, מיין געשמאַק פאַר גוטע זאַכן איז אפשר באַוווּסט און אַז כ'בין אַ מפונק אין גוטע זאַכן... אָבער, מיין אַרענדאַר ווייסט ווי זיי ארויסצו־שמעקן און צו באַפרידיקן מיין געשמאַק... דער לייבקע איז אַ געשיקטער איינקויפער... דער ייִד, מוז איך דיר זאָגן, ליבער וויקאַר, טויג זיך בעסער אויס ווי מיין עקאָנאָם, ער ווייסט ווו צו מאַכן די בעסטע באַשטע־לונגען און מיין וויין־קעלער איז דערפאַר פאַרזען מיט די בעסטע משקאות...

— יאָ, אייער אַרענדאַר, מיין הויכגעשעצטער קוזין איז אַ בריה... אַזעלכע געשיקטע יידן האָבן מיר ווו מיר קערן זיך און ווענדן... זיי טויגן זיך אויס צום האַנדל און פאַרשאַכערן אונדז מיט אונדזער אמונה!...

דער כראַביע האָט געקוקט אויפן גאַסט מיט לייכטער איראָניע. ער האָט גוט פאַרשטאַנען, וואָס דער גייסטלעכער איז אויסן, ווייל ביי יעדער געלעגנהייט פּרובירט ער אים דערמאָנען, אַז די יידן האָבן אַ שלעכטן איינ־פלוס אויף די פּויערן.

ער האָט פון אַ זייט געקוקט אויפן גאַסט, אָבסערווירט זיין פּראָפיל און געלאָסן געענטפערט, דוצנדיק אים ווי געוויינלעך: — און צווישן אונדז גערעדט, זאָג מיר וויקאַר פון זדוני, ווי וואָלט פּוילן אויסגעזען אָן יידן... אָן האַנדל, אָן באַלמעלאָכעס, האַ? דו מוזט מסכים זיין, אַז זיי זענען קלוג און ביי יעדן פון זיי ליגט די חכמה אויף דער נאָז... און לאָמיר נישט

פּאַרגעסן, — האָט דער כראַביע ווייטער געצויגן, — אַז די יידן האָבן פאַרבינדעטע אין אַלע לענדער און דאָס איז פאַר אונדזער טובה... און ווער נאָך קאָן אויפנייען א לייטישן מלבוש, ווי זייערס אַ שניידער... ערשט־קלאַסיקע באַלמעלאָכעס! און פאַרקערט, זאָג מיר, וואָס ווייסן אונדזערע פאַראָבקעס אויסער זיך אָנשיכורן און טרייבן רציחות?! זיי זענען געווען און פאַרבליבן פינצטערלינגען... זיי פאַרשטייען נאָר די רוט!

דער גלח איז געזעסן אַ שוויגנדיקער און מיט די פינגער געטאָפּט דאָס בייטשל מיט די בורשטינענע קרעל. ער האָט געוואָלט דעם כראַביע וואַרפן דעם אמת אין פּנים, אַז שולדיק אינעם מצב פון די פּויערן איז דער פאַקט, וואָס זיי זענען לייבאייגענע, אונטערדריקטע שקלאַפן פון די לאַנד־באַזיצערס. אָבער אַזאַ אַרויסזאָג וואָלט דערפירט צו אַ פּערזענלעכן קאָנ־פליקט צווישן אים און זיין גאַסטגעבער. און דאָס איז אים נישט געווען אויף דער האַנט סיי אין זיינע פּערזענלעכע אינטערעסן און סיי פאַר דער קירכע, איבערהויפּט ביים איצטיקן מאָמענט ווען די נייע קאַפּליצע איז געווען אין פולן גאַנג פון בוי. ער האָט דעריבער באַשלאָסן דאָס צו פאַר־שוויגן און נאָכן לייכטן אָפּהוסטן מיט באַהאַלטענער איראָניע געזאָגט:

— כ'ווייס, כ'ווייס, מיין גנעדיקער קוזין זביגניעוו. ס'וואָלט נישט געווען ווער ס'זאָל צאָלן צינזש... און אָן צינזש פון די יידן וואָלט שווער געווען צו לעבן! שטעלט איך פאָר וואָס ס'וואָלט געשען ווען דער סיים שליסט איין אין זיין נייע קאָנסטיטוציע גלייכבאַרעכטיקונג פאַר די יידן... דאָס וואָלט ממש געווען אַ קאַטאַסטראָפע פאַר דער שליאַכטע. און גיט בלויז אַ טראַכט, ווער עס זענען געווען די פירער אין סיים, וואָס האָבן זיך אָנגע־נומען די קריוודע פון די יידן?! עכטע פּוילישע אַריסטאָקראַטן, נישט קיין אַנדערע ווי סטאַשיץ, קאָלאָנטאַי, סאַפּיעהאַ און זייערע קאָלעגן... ממש צו שטוינען, אַז אַזעלכע שפּיצן פון דער אַריסטאָקראַטיע זאָלן זיך ווענדן אָנגענעמען פאַר די יידן און ווענדן נאָכטאָן די שטירצער פון דער באַסטיליע.

דער כראַביע האָט ברוגזלעך אַ קוק געטאָן אויפן גאַסט און אים גוט־מוטיק צוריקגעצאָלט מיט דער זעלבער מטבע: — האַ, וואָס פאַראַ ליטאַ־ניע... און דו געשעצטער פאַרשטייער פון דער קירכע, האָסט לחלוטין פאַרגעסן, אַז פון די אויסגערעכנטע מלוכה־פירער זענען אַ טייל טאָקע גייסטלעכע?! און ווער זענען די יאַקאָבינער ביי אונדז אין לאַנד, וואָס ווילן נאָכטאָן די פראַנצויזישע רעוואָלוציאָנערן, אויב נישט פאַרשטייער פון דער קירכע, אַלע אָנגעזעענע גייסטלעכע, וואָס פאָדערן אויפקלערונג און רעפאָר־מען פאַר די פּויערן? יאָ, מיין ליבער וויקאַר, מ'קאָן זיי אויסרעכענען, זיי זענען אַלעמען באַוווּסט... דאָס זענען אייערע נאָענטע קאָלעגן... פראַנ־צישעק יעזיערסקי, קאָנאָפּקאַ, יעלסקי און די אַנדערע. ווערסט נישט פאַר־לייקענען, אַז זיי געהערן נישט צו דער קירכלעכער היעראַרכיע.

די אומדערוואַרטעטע באַשולדיקונג קעגן די פאַרשטייער פון דער

קירכע, וואָס איז אין דעם פאַל אַ גרויסער אמת, האָט אַביסל געפּלעפּט דעם גלח און ער האָט דערפילט אַ ברי אין זיין פעטן קאַרק.

ער איז אַ לענגערע ווייל געבליבן זיצן אַ שווייגנדיקער און נאָכגעטראַכט ווי זיך ארויסצודרייען פון דעם אומבאַקוועמען וויכוח, ווייל נאָך קיינמאָל האָט זיין גאַסטגעבער אַזוי אָפן נישט פאַראורטיילט די גרופּע גייסטלעכע וואָס מישן זיך אין פּאָליטיק און פאָדערן רעפאָרמען פאַר די פויערן.

דער וויקאַר האָט אַ זופּ געטאָן פון האַלבן בעכער וויין, אַ סמאָטשקע געטאָן מיט די ליפּן און אַרויסגעשלעפּט אַ טאַשן־טיכל פון בוזעם און זיך געווישט דעם קאַרק און ס'פּנים. לסוף מיט געמאַכטע הכנעהדיקייט אַ זאָג געטאָן:

— וואָס פאַרא שוטה כ'בין... אינגאַנצן פאַרגעסן וואָס ס'ליגט מיר אויף דער צונג... געוואָלט די גאַנצע צייט פרעגן וואָס עס מאַכט אייער סילוועסטער. איר קריגט פון אים גוטע בריוו?

דער כראַביע האָט אַ שמייכל געטאָן, ער האָט גוט געקאָנט זיין גאַסט און זיינע שוואַכקייטן, ווען ער ווערט צוגענאָגלט מיט אַן אומבאַקוועמער פראַגע, דרייט ער זיך תמיד ארויס מיט קלאַץ־קשיות.

— אָ, מיין סילוועסטער?! יאָ, ער לערנט זיך זייער גוט... אמת, איך האָב זיך לאַנג געוואַקלט צי כ'זאָל אים בכלל שיקן אין דער צוגרייטונגס־שול פון דער קעניגלעכער אַקאַדעמיע, ווו טשאַרטאָריסקי און זיינס גלייכן האָבן א דעה אין דער דערציאונג פון אונדזער יוגנט.

— אָבער מיין ליבער קוזין, כ'פאַרשטיי אייך נישט... איר ווייסט דאָך, אז דאָס איז דער בעסטער לערן־אַנשטאַלט אין לאַנד, ווו דער רוב קינדער פון אונדזער אַריסטאָקראַטיע לערנט.

— אמת, דאָס איז טאַקע די בעסטע שולע מיט אַ ביסל אַ צו שטרענגע דיסציפּלין...

— דאָס איז לחלוטין נישט קיין חסרון, — האָט מיט אַ שמייכל צוגע־געבן דער גייסטלעכער. — גוטע דיסציפּלין פאַר יונגע לייט, מיין הויכגע־שעצטער קוזין איז אַ ברכה פאַר זיי. ס'שאַדט גאָרנישט צו זייער געזונט!

דער כראַביע האָט פאַרשנדיק געקוקט אויפן גייסטלעכן און געזאָגט:

— יאָ, מיין ליבער קלעמענט, די לימודים שטייען אויף אַ הויכער פלאַך און נישט קיין וווּנדער, ווייל די לערער זענען אַלע וועלטלעכע און דער רוב אויסלענדער, אַלע קוואַליפיצירטע אַקאַדעמיקער... און פונדעסטוועגן, איז מיר די שולע נישט צום האַרצן...

דער גלח, ווי נישט הערנדיק דעם כראַביעס לעצטען באַמערקונג, האָט ווידער געפרעגט:

— ווי לאַנג לערנט אייער סילוועסטער אין וואַרשע?

— דאָס צווייטע יאָר. זיין צוגרייטונג־קורס דאַרף דויערן 4 יאָר צייט ביז צום אריינטרעטן אין קאַדעטן־קאָרפּוס... כ'קען דיר אָבער פאַרזיכערן

קלעמענט, אַז ער וועט די 4 יאָר דאָרט נישט פאַרענדיקן, אַ נייַן... כ׳וועל אים פון דאָרט אָפּנעמען ס׳קומענדיקע יאָר און שיקן אין אַ מיליטערישער אַקאַדעמיע אין אויסלאַנד.

— מיינט איר דאָס ערנסט? — האָט פאַרוווּנדערט געפרעגט דער גייסטלעכער.

— זייער ערנסט, מ׳דאַרף בלויז אַ ביסל אָפּוואַרטן...

— אָ, איר מיינט עס טאַקע ערנסט...

— דאָס איז שוין מער ווי אַ באַשלוס וואָס מיר האָבן שוין לאַנג אָנגענומען — האָט דער כראַביע מיט דעצידירטקייט געענטפערט. — מיר וועלן אים שיקן אין אַ מיליטערישער אַקאַדעמיע אין איטאַליע.

דער גייסטלעכער האָט אַ הויב געטאָן דעם בעכער און מיט ענטוזיאַזם אַ זאָג געטאָן:

— דאָס איז אַ רעכטפאַרטיקער באַשלוס פון אייער זייט, מיין הויכגעשעצטער קוזין... פּוילן וועט זיך נויטיקן אין גוטע אָפיצירן... מ׳קאָן קיינמאָל נישט וויסן וואָס דער מאָרגן קאָן ברענגען פאַר פּוילן... אַלץ איז אַ גאָט־זאַך!... און דער גלח האָט זיך איבערגעצלמט.

✶

נאָכן לייכטן מאָלצייט, וואָס בײדע האָבן שפּעטער געהאַט, האָבן זיי זיך געזעצט אויף דער ברייטער טעראַסע. סאָבאָצקי האָט פאַררויכערט זיין ליולקע און קרייזלעך דינע רויך זענען צעריננען אין דער העלקייט פון טאָגליכט.

בײדע זענען איצט געווען אויפגעלייגט נאָך די גלעזלעך בורבאָן, וואָס זיי האָבן אויסגעטרונקען בעתן מאָלצייט. זיי האָבן געזופּט די שוואַרצע קאַווע וואָס האָט זיי אָפּגעפרישט און געמאַכט באַרעדעוודיק.

די גרויסע באַגלאָזטע טירן צום קליינעם אויפנעם־זאַל זענען געשטאַנען אָפן.

דאָרט זענען געזעסן נעבן אַ פיינגעשניצטער קאָמאָדע מאַדאַם דעבוואַר און אַן עלטערע דאַמע, אַ קרובה פון דער כראַבינע. בײדע פרויען זענען פאַרטאָן געווען אין זייער טאַמבוריר־אַרבעט.

פון צווייטן עק הויז האָבן זיך דערטראָגן געדעמפטע קלאַנגען פון באַכס קליינער סאָנאַטע. דאָס האָט געשפּילט די כראַבינע אויף איר פּיאַנאָפאָרט. די פּיאַנאָ־קלאַנגען האָבן צוגעגעבן אַ סענטימענטאַלן אויסבליק דער פאַסטאָראַלער לאַנדשאַפט וואָס האָט זיך געשפּרייט פאַר זייערע אויגן.

די יונגע מאַי זון איז געשטאַנען אין נאָכמיטאָג־פּונקט פון וואָלקנלאָזן הימל. די הויכע טאָפּאָליעס אָקעגנאַיבער דעם ברייטן אַריינפאָר־פּלאַץ, נישט וויַיט דער פערד־סטאַנציע, האָבן זיך לייכט באַוועגט.

— די כראַבינע שפּילט אויסגעצייכנט, מיט אַ סך געפיל, — האָט דער גלח זיך אָפּגערופן.

— יאָ, מיין געערטער גאַסט, די כראַבינע איז אַן אויסגעצייכנטע פּיאַניסטין און מוזיק גיט איר גרויס פאַרגעניגן, — האָט דער כראַביע מיט אַ טאָן פון שטאָלץ געענטפערט.

דער וויקאַר, ווי ער וואָלט פאַרגעסן וועגן וואָס ער האָט אָקאָרשט גערעדט, האָט מיט אַ פינגער געוויזן אין דער ריכטונג, ווו בוי־אַרבעטער זענען געווען פאַרנומען אין צווייטן עק פּלאַץ ביי דעם בוי פון דער קאַפּליצע.

— מיט וואָס פאַראַ שפע און שיינקייט האָט גאָט געבענטשט דיינע גיטער, מיין הויכגעשעצטער קוזין זביגניעוו... איצט, וועט גאָטס האַנט שטענדיק זיין אויסגעשטרעקט איבער דיין הויז, — האָט דער גייסטלעכער מיט פרום־פאַרגלאָצטע אויגן צוגעגעבן.

— די קאַפּליצע וועט אָבער פאַרשטעלן דעם רעכטן אויסבליק צום אַריינפאָר פון פּאַלאַץ, — האָט סאָבאָצקי דרך־אגבדיק אַ זאָג געטאָן.

— נאָר־ישקייטן, נאַרישקייטן, — האָט דער גייסטלעכער אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט. פאַרקערט, די קאַפּליצע וועט פאַרשטעלן די פערדס־שטאַלן און די וועגענער.

אינדעם האָט זיך באַוויזן פון דער אָקעגנאיבערדיקער הייזקע דאָס קאָמערמיידל מאַלגאָזשאַטאַ. זי איז געגאַנגען לייכטוויגנדיק און איר הויכער בוזים האָט זיך אויסגעטיילט פון איר דינער ווייסער בלוזע. אַזוי האָט זיך אויסגעטיילט איר שלאַנקע מיידלשע פיגור מיטן ווייסן פאַרטוכל און קאַפּקע.

דעם גלחס אויגן האָבן מאָמענטאַל זיך אָנגעצונדן מיט אַ גלוסטיקן פייערל און זיך איינגעגעסן אין דער מיידלשער געשטאַלט. ער האָט גלוסטנדיק נאָכגעקוקט דאָס יונגע מיידל. דער אָטעם איז געבליבן אים ממש פאַרקלעמט אין האַלדז. אין זיין מח האָט זיך געשטעלט אַ נישטזעבאַרער נעפּל און אַ פיבער איז אדורך זיין חוט־השדרה. ער האָט געטראַכט וועגן פיזישן תענוג וואָס ס'דערוואַרט אים אין די אָרעמס פונעם מיידל ווען זי וועט צו אים קומען שפּעט ביינאַכט אין זיין חדר.

דער כראַביע האָט באַמערקט די פּלוצימדיקע צעטומלטקייט וואָס איז געלעגן אויסגעגאָסן אויפן גלחס פּנים. רויטע פלעקן זענען אַרויס אויף זיינע פּעטע באַקן און די הענט האָבן זיך ביי אים געטרייסלט. ער האָט נאָכגעפאָלגט דעם גלחס בלאָנדזשן מיט די אויגן ביז דאָס מיידל איז פאַרשוווּנדן אין איינער פון די טירן פון דעם גרויסן הויז.

סאָבאָצקי האָט שוין לאַנג געהאַט אַ פאַרדאַכט, אַז אונטער דער שוואַרצער סוטאַנע מיטן גרויסן גאָלדענעם צלם, באַהאַלט זיך אויסער אַ גאַטספּאַרכטיקן דינער פון דער קירכע, אַ זינדיקער בשר ודם. זעענדיק איצט די צערודערטקייט פונעם גאַסט און זיין דורכדרינגלעך נאָכפאָלגן מיט די אויגן דאָס

מיידל, האָט ער געמאַכט דעם אָנשטעלט ווי ער וואָלט גאָרנישט באַמערקט, און דרך־אגבדיק זיך אָפּגערופן:

— דער בוימייסטער האָט מיר געזאָגט, אַז אין דריי חדשים ארום, וועט דער געבוי פון דער קאַפּליצע זיין פאַרטיק. זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז ס'וועט בלייבן פיל צום פאַרענדיקן. איבערהויפּט, דאָס אינעווייניקסטע אויסדע־קאָרירן און דער אַלטאַר.

די רייד פון כראַביע האָבן אין אָנהויב מטושטשדיק אָפּגעקלונגען אין גלחס געהער, ווייל זיין בליק אין אַלץ נאָך געהאָנגען אינעם פּונקט פון דער טיר וווּ מאַלגאָזשאַטע איז פאַרשוווּנדן.

דער וויקאַר האָט זיך ראַפּטום אויפגעכאַפּט פון זיין פאַרטראַכטעניש און צו זיין געהער זענען קוים דערגאַנגען די לעצטע ווערטער פון כראַביע אַזוי ווי אָפּגעריסענע קלאַנגען... אַל־טאַר... קאַפּ־ליצע... ער האָט שטום געקוקט אויף זיין גאַסטגעבער, זיך אַ טאַפּ געטאָן דעם שטערן און ווי אַן אויפגעוואַכטער פון אַ דרימל אַ זאָג געטאָן: — יאָ, יאָ, מיין הויכ־געשטעלטער בעל־נדבן... כ'מיין, ס'וועט זיין אַ הערלעכע קאַפּליצע... געלויבט זאָל זיין יעזוס קריסט... — און ער האָט זיך פרום איבערגעצלמט.

אינדעם האָבן ביידע געזען אַרויסקומען פון אויבסגאָרטן, וואָס איז געשטאַנען אין פולן בלי, דעם כראַביעס טאָכטער אירענאַ מיט מרימן. די מיידלעך האָבן שטיפעריש געשפּרייזט איבערן גרינעם גראָז־טעפּיך און לעב־האַפט געשמועסט צווישן זיך. אירענאַ, וואָס איז געווען אַ ביסל עלטער, איז אויך געווען העכער פון מרימען. די מיידלעך זענען אריין אין דער זעלבער טיר, אין וועלכער ס'איז פריער אַריין דאָס קאַמערמיידל מאַלגאָזשאַטע.

דעם גלחס אויגן האָבן זיך ברייט צעעפנט און מיט אַ טאָן פון נאָס־טאַלגיע אַ זאָג געטאָן:

— אָ, ווי די צייט לויפט... און מיר עלטערן זיך מיט גאָטס ווילן... אַז איך קוק אויף אייער טעכטערל, גנעדיקער קוזין, זע איך דאָס באַשיינ־פערלעך! אייער אירענאַ וואַקס אַ הערלעכע יונגע דאַמע, אינגאַנצן געראָטן אין דער גנעדיקער כראַבינע... און דאָס ידישע מיידל ביי איר זייט זעט אויס ווי צוגעבונדן צו איר... אַ שיין, געראָטן מיידל, די ידישקע... ענלעך אויף מאַגדאַלענאַ...

דער כראַביע האָט פאַרוווּנדערט געקוקט אויפן וויקאַר און איבער־געפרעגט:

— מאַגדאַלענאַ?!...

— יאָ, מאַגדאַלענאַ, אַזוי ווי אונדזער הייליקע מוטער... אַזוי וואָלט איך איר אַ נאָמען געגעבן ביים טויפן!

— ביים טויפן?!... — האָט אַ דערשטוינטער דער כראַביע אויסגערופן, — אָבער דאָס איז דאָך אַן אַבסורד. זי איז דאָך אַ ידישקע!

— אַלץ איז מעגלעך אין לעבן, אויב דאָס איז דער ווילן פון גאָט און יעזוס קריסט — האָט מיט היץ דער גלח געענטפערט.

— און ווי אַזוי וויסן מיר וואָס עס איז דער ווילן פון גאָט ?! — האָט מיט אַ באַהאַלטענער איראָניע אַ פרעג געטאָן סאָבאַצקי, — איר, די פאַר־שטייער פון דער קירכע, האָט פאַר אַלעמען אַ פאַרטיקן רעצעפּט... אָדער איר פאַרפאַלגט די נישט־אַנגעהעריקע צו דער קירכע, אָדער טראַכט ווי אַזוי צו פאַנגען זייערע נשמות... נישט אמת ?!

— דאָס זענען געטלעכע זאַכן, מיין גנעדיקער קוזין, וואָס זענען פאַר־באָרגן פאַרן מענטשנס פשוטן שכל... מיט טויזנטער יאָרן צוריק האָט שוין גאָט באַשלאָסן וואָס ס'דאַרף היינט פּאַסירן... די לערע פון דער קירכע איז נישט אָפּצולייקענען... אמת אויך... — האָט ער נאָכטראַכטנדיק צוגע־געבן, — אַז די לערע פון דער קירכע איז טיילוויז פון גאָט און טיילוויז דאָס ווערק פון אונדז מענטשן...

— נאָטא בענע... מיין גאָטספאַרכטיקער קוזין, אפשר קאָנסטו אונ־טערשיידן דאָס געטלעכע פון מענטשלעכן אין דער קירכלעכע לערע ?!

דער גייסטלעכער האָט פאַרחידושט געקוקט אויף סאָבאַצקין און פרום געזאָגט.

— אונדזער לעבן איז איין גרויסע מיסטעריע... אַלץ איז אין די הענט פון גאָט...

— נו, נו, מיין ליבער וויקאַר — האָט מיט לייכטער איראָניע דער כראַביע זיך אָפּגערופן — מסכים, אַז אַלץ אין לעבן איז אַ מיסטעריע... אָבער דו האָסט מיר אַלץ נישט געגעבן אַ דעפיניציע צווישן געטלעכן טייל פון דער קירכלעכער לערע און דעם חלק, וואָס מענטשן האָבן בייגע־שטייערט... אַז אַלץ איז אַ מיסטעריע, דאָס זע איך טאַקע פון דיין עקזאַל־טירטער שטימונג... איז דאָס צוליב דעם, וואָס דו זעסט, אַז די קאַפּליצע האַלט ביים פאַרענדיקט ווערן אָדער איז עס צוליב אַן אַנדערער סיבה... אָדער האָט עס אַ שייכות צו דיין כוונה פון פאַנגען נשמות צווישן די אַנטי־קריסטן ? איך פערזענלעך ווי דו ווייסט, בין אַ פּראַקטישער מענטש און מוז קאָנען אונטערשיידן קערנדלעך פון פּלעווּעס... ווען כ'קוק אויף אַ יפת־תואר, טראַכט איך, ווי וועט זי אויסזען ווען זי וועט רייף ווערן, ווייל נישט־רייפע פרוכט מאַכן אייליק די ציין...

דער גלח האָט פאַרשטאַנען דעם רמז פון זיין קוזין, דעם ווייבערניק און מיט אַ געמאַכטער אומשולדיקער מינע געלאָסן געענטפערט :

— ווי כ'ווייס, איז די יידישקע אַן אָפּטער גאַסט ביי אייער טאַכטער... און מענטשן זאָגן מיר, אַז זי איז זייער באַגאַבט און לערנט מיט גרויס התמדה אַלע לימודים וואָס אייער אירענאַ... וואָלט נישט געווען אַ סברא, מ'זאָל די יידישקע ביסלעכוויז אַנהויבן אויך צו לערנען די עוואַנגעליע ?!...

דער כראַביע האָט מיט שטוינונג געקוקט אויפן גייסטלעכן, און עס איז קענטיק געווען, אַז אַ ליאַדע מינוט וועט זיין געדולד פּלאַצן און וועט אויף אַ שאַרפן אופן רעאַגירן אויף זיין פּאַרשלאַג. ער האָט פאַרמאַכט די אויגן, אַ ווײַלע געשוויגן ווי ער וואָלט עפּעס נאָכגעטראַכט און אַזוי באַרואיקט זיין געמיט.

ער האָט גוט געקענט דעם גייסטלעכן אַלס דורכגעטריבענעם פּאַרשוין אין דער גלחישער סוטאַנע, אָבער ער, אין זיין וועלטלעכער דערפאַרונג, איז נישט געווען אונטערשטעליק אין המצאות און ער האָט דאָס געטאָן מיט טאַקט און מיט ראַפינירטער אויסרייד. בנוגע דעם יידישן מיידל האָט ער געהאַט זיינע אייגענע פּלענער, אָבער וועגן דעם האָט ער זיכער נישט געקאָנט פאַרטרויען דעם גאַסט און דעריבער אים אָפּגעפּטרט מיט זייטיקע רייד:

— ניין, מיין געשעצטער וויקאַר. איך בין מיט דיר אינגאַנצן נישט מסכים וועגן דעם יידישן מיידל. דאָס איז ווייט, זייער ווייט און פּריצייטיק... ס'מיידל איז קוים 12 יאָר אַלט און מינדעריעריק...

— מיין הויכגעשעצטער גאַסטגעבער, — האָט דער גלח זיך געפּרוווט חנפענען, — ווען ס'האַנדלט זיך אין קירכלעכע ענינים, גילט נישט די פראַגע פון מינדעריעריקייט!

— כ'ווייס, אַז איר קירכע־פּאַרשטייער זענט אומגעדולדיקע מענטשן, אָבער אין מיין אָפּשאַצונג, איז דאָס זייער אַ דעליקאַטער ענין און מוז דעריבער אויף אַ דעליקאַטן אופן באַהאַנדלט ווערן, אַנדערש קאָן דאָס אויפרודערן די יידן און די גאַנצע באַפעלקערונג!....

— הייסט עס, אַז איר, דער מושל פון טויזנטער נפשות און פון די אַלע גיטער, האָט מורא פאַרן אַרענדאַר און די יידן, — האָט דער גלח געפּרוווט פּראָוואָצירן דעם כראַביע.

סאָבאָצקי האָט לייכט פאַרביסן די אונטערשטע ליפּ, און שטרענג אָנגעשטעלט זיין בליק אויפן גאַסט אין דער שוואַרצער סוטאַנע. רעפלעקסן פון גאָלדענע שטראַלן האָבן אָפּגעשפּיגלט אין דעם גאָלדענעם צלם, וואָס איז אים געהאָנגען פון פאָרנט אויף דער סוטאַנע. די רעפלעקסן האָבן אויסגעזען ווי דינע פלעמלעך, וואָס ווילן אָנצינדן די שוואַרצע סוטאַנע. ער האָט מיטן פולן באַוווסטזיין געפילט דעם שטאָך וואָס דער גאַסט איז אויסן געווען פאַר זיין קעגנשטעלן זיך דאָס אָפּשמדן פון דעם יידישן מיידל.

אַ טיפער פאַרדראָס האָט גענומען די איבערהאַנט אין זיין געמיט. ער האָט מיט אַלע כוחות געצוימט דעם אינערלעכן אויפברויז און מיט כלומרשטער געלאַסנקייט־געענטפערט, וועלנדיק אויף אַן עלעגאַנטן אופן אָפּפטרן דעם דראַסטישן ענין:

— מיין מיינונג איז, ווי כ'האָב שוין פריער באַטאָנט, אַז די זאַך איז פּריצייטיק... מ'דאַרף מער צייט, דער עיקר — געדולד...

מ׳דאַרף אָפּוואַרטן ביז ס׳מיידל וועט עטוואָס עלטער ווערן. מיט דער צייט וועט זי זיך צוגעוווינען צו אונדזער הויז און אונדזער אַרט לעבן... דעמלט וועט די זאַך אָנקומען פיל גרינגער. ביסטו נישט מסכּים מיט מיין מיינונג, ליבער קלעמענט?! איך האָב דאָס מיידל סך־הכּל געזען אפשר צוויי מאָל פון דער נאָענט... נאָר, ווי מיינע דערציילן מיר, איז זי נישט בלויז קלוג און באַחנט, נאָר אויך פרום און היט שטרענג אָפּ די יידישע דיעטע. זי איז ביי אונדז טועם נאָר מילכיקס... דעריבער איז שכלדיק, די זאַך דערוויייל אָפּצולייגן אויף שפּעטער... נישט ריכטיק, האָט דער כראַביע דורכדרינגלעך געקוקט דעם גלח אין די אויגן און געוואָלט זעען וואָס פאַראַ איינדרוק זיינע ווערטער האָבן אויף דעם לעצטן געמאַכט.

דער גייסטלעכער אין זיין איבערכיטרעקייט האָט זיך אָבער נישט גע־לאָזט פאַרפירן מיט דער מיינונג פון זיין גאַסטגעבער און געענטפערט:

— און טאָמער אַנטלויפט דיין אַרענדאַר, ווי דאָס איז געשען מיטן יידן אין וואַלעוויצע?

— דאָס וואָס איז געשען אין וואַלעוויצע, איז אַ גאַנץ אַנדער קאַפּיטל און קאָן נישט געשען מיט מיין לייבקע, — האָט דער כראַביע מיט זיכערקייט אין טאָן איבערגעריסן דעם גלח. — מיין לייבקע אַנטלויפט נאָכנישט... ער איז פעסט אין מיינע הענט. און אַזוי איז אויך זיין טאָכטער! אונדזער סקריפּט איז אויף וויטערדיקע צוויי יאָר, אַנדערש דאַרף דער ייד מיר אויס־צאָלן צוואַנציק טויזנט רויטע זלאָטעס. טאָ, זאָג מיר, מיין געשעצטער וויקאַר, וועלכער מיושבדיקער מענטש וואַרפט אַוועק אַזאַ פאַרמעגן. דער ייד האָט דאָ ממש אַ שמאַלץ־גרוב אין זיין אַרענדאַרשאַפט. כ׳וויס, אַז כ׳קאָן זיך אויף אים פאַרלאָזן. כ׳מוז דערביי צוגעבן, אַז במשך פון די אַלע יאָרן, וואָס ער האַלט דאָ די אַרענדערשאַפט, האָט ער נאָך קיינמאָל נישט פאַרפעלט אויסצופירן זיינע פאַרפליכטונגען. און כ׳האָב שוין דאַכט זיך פריער געזאָגט, אַז ער איז מער שכלדיק און אַ גרעסערע בריה פון מיין עקאָנאָם... ער מאַכט אַלע איינקויפן, דעריבער האַלט איך, אַז מ׳דאַרף די זאַך מיט זיין טעכטערל דערוויייל אָפּלייגן אויף שפּעטער...

דער גלח אין זיין עקשנות איז אָבער נישט אָפּגעטראָטן און ווידער פּראָוואָצירט דעם כראַביע: — אויב אַזוי איז דער ענין מיטן אַרענדאַר, וואָלט כ׳לעבן גאָרנישט געשאַדט, ווען מ׳הויבט אָן מיטן מיידל צו לערנען צו ביסלעך די עוואַנגעליע. די גוווערנאַנטקע איז אַ גוטע קריסטין און זי וועט זיכער צוהעלפן אין דער זאַך אויב מ׳וועט איר אויפקלערן אין וואָס עס האַנדלט זיך. מיט אייער דערלויבעניש, וואָלט איך אפשר זיך דורכגעשמועסט מיט מאַדאַם דעבואַר, ווי מיינט איר מיין הויכגעשעצטער קוזין?!

די לעצטע ווערטער פון גלח האָבן ווי אַ ברי געטאָן סאָבאָצקי׳ן און ער האָט אומגעדולדיק ראַפּטום זיך אויפגעשטעלט. דער גרויסער וואַנט־

זייגער אין עסזאַל האָט מאַנאַטאָן אויסגעקלונגען דריי. סאָבאָצקי האָט אויס־געקלאַפּט דעם אַש פון דער ליולקע אין דער באַלוסטראַדע און צוימענדיק דעם אינערלעכן כעס אַ זאָג געטאָן צום גייסטלעכן:

— כ׳דערלויב קאַטעגאָריש נישט צו רעדן מיט מאַדאַם דעבואַר אָדער מיט עמיץ אַנדערש וועגן דער זאַך... האָסט מיך פאַרשטאַנען ליבער קלעמענט... די זאַך קאָן אויסקומען פאַרדעכטיק און אַרויסקומען אין דער עפנטלעכקייט. לאָז די זאַך בעסער צו מיר, ווי מיר האָבן אָפּגערעדט! מיר וועלן וועגן דעם רעדן נאָך מיין צוריקקומען פון מיין רייזע, — האָט ער מיט אַנטשלאָסנקייט אַקצענטירט די לעצטע ווערטער.

ער האָט אַרויסגעצויגן דעם זייגער פון וועסטל־קעשענע, אַנגעהאָנגען אויף דער דרייפאַך געקניפּטער גאָלדענער קייט, אַ קוק געטאָן אויפן זייגער און מיט אומגעדולד אַ זאָג געטאָן:

— נישט געוווסט, אַז ס׳איז אַזוי שפּעט. לאָמיר אַרויסגיין צום בוי־פלאַץ פון דער קאַפּליצע... כ׳דאַרף אויך צוגיין צו די פערד־שטאַלן און אָפּקלויבן די פערד צו מיין רייזע.

דער כראַביע האָט פאַרן גייסטלעכן אויסבאַהאַלטן דעם פאַקט, אַז נאָכן דערליידיקן זיינע ענינים אין פּיאָטראָקאָווער טריבונאַל, פאָרט ער דירעקט קיין טאַרגאָוויצע, וווּ אַ גרופּע קאָנספּיראַטאָרן קעגן דעם סיים אין וואַרשע דאַרפן זיך טרעפן און דורכפירן דעם פּלאַן צו שטירצן די דריטע מאַי־קאָנסטיטוציע.

אפילו די כראַבינע האָט דאַסמאָל נישט געוווסט וועגן זיינע רייזע־פּלענער.

ביידע זענען שווייגנדיק אַראָפּ פונעם גאַניקל און זיך געלאָזט איבערן ברייטן פּלאַץ אין דער ריכטונג פון די פערד־שטאַלן. אַ גרויסער געל־געפלעקטער כאַרט־הונט האָט זיך אַ הויב געטאָן פון זיין פּלאַץ און דרייענדיק מיטן ווידל זיי נאָכגעלאָפן.

פאַרטאָן אין זייער שמועס האָבן זיי נישט באַמערקט, אַז די גוווער־נאַנטקע האָט צוויי מאָל זיך גענאָט דערנענטערט צו דער אָפענער טיר פון דער טעראַסע, כלומרשט זיך געמאַכט פאַרטאָן אין עפּעס און זיך צוגעהערט צו זייער העפטיקן וויכוח וועגן מרימען. מאַדאַם דעבואַר האָט שוין פאַר־שטאַנען אַ ביסל פּויליש און פון די אָפּגעריסענע רייד צווישן גלח און דעם כראַביע האָט זי זיך משער־געווען, אַז מ׳וויל אָפּשמדן דאָס יידישע מיידל.

## קאַפּיטל 10

# דער אַרענדאַר און זיין טאָכטער

דעם אַרענדאַרס הילצערן הויז איז געשטאַנען עטוואָס אריינגערוקט פון הויפּט־טראַקט, סך־הכל צוויי ווערסט פון כראַביעס פּאַלוואַרק. דער דאַך מיט פאַרשימלטע, ברייטע שינדל־פּליטעס איז ערטערווייז שוין געווען איינגעפאַלן.

הינטערן סאַד און דעם קליינעם אַלקערל, איז געווען צוגעבויט אַ גאַניקל, ווו דער אַרענדאַר האָט ליב געהאַט צו זיצן אין די זומער־אָוונטן, אָנגעטאָן אין אַ לויזן כאַלאַט און מעין־זיין אין אַ ספר אָדער מאַכן חשבונות פון זיינע געשעפטן.

איבערן גרויסן הויף האָבן פריי ארומשפּאַצירט שטוב עופות און געפּיקט אין זאַמד, זוכנדיק קערנדלעך און אונטערגעקוואָקעט.

אין צווייטן עק הויף נעבן סאַד, האָט זיך געפונען דער פערד־שטאַל. נעבן דער אויפגעפּראַלטער טיר איז געשטאַנען אַן אַלטע בריטשקע און דערנעבן אַ גרויסער לאַסטוואָגן, אָנגעלאָדן מיט געפּעק און זעק מיט קאָרן, גרייט אָפּצושיקן אין דער מיל אַריין.

לייבקע איז נאָר וואָס געהאַט צוריקגעקומען פון לובלין. ער איז געווען פון מיטעלן וווּקס, אַ גבר אין די אָנהייב פערציקער, מיט אַ שיין פאַרקעמטער שוואַרצער באָרד. ער איז געגאַנגען מיט אַ זיכערן טראָט, די לויזע הויזן פאַרשטופּט אין די כאַלעוועס פון די שטיוול.

לייבקע איז פון דער נאַטור געווען אַ פלינקער, זיינע קויל שוואַרצע אויגן מיט דיקע צעשויבערטע ברעמען, האָבן עדות געזאָגט אויף זיין אומגעצוימטן טעמפּעראַמענט.

ער האָט געשטאַמט פון אַן אַלטער סוחרישער פאַמיליע פון לובלינער קאַנט. זיין עלטערער ברודער גבריאל, אַ מעל־סוחר האָט געוווינט מיט זיין פאַמיליע אין ווישעגראַד, ווו לייבקעס פערצניאָריקער זון יצחקל האָט זיך געלערנט דעם דריטן זמן אין דער דאָרטיקער ישיבה.

זינט די עטלעכע יאָר, וואָס ער האָט איבערגענומען די אַרענדאַרשאַפט ביים כראַביע סאָבאָצקי, האָט ער זיך שיין ארויפגעאַרבעט. דאָס איז אים, וואָס אַן אמת, נישט גרינג אָנגעקומען.

אין סאַמע אָנהויב האָט ער דורכגעמאַכט גרויסע בזיונות און שפיכת־דמים. ער האָט זיך אָבער געהאַלטן ווירדיק און זיך נישט איינגעבראָכן. די באַלידיקונגען אָנגענומען באהבה. ער האָט געוווּסט, אַז לסוף וועט ער ביי־

קומען די מניעות. אין דעם האָט אים אַ סך געהאָלפן זיין קענטעניש פון דער פוילישער שפּראַך.

דער עקאָנאָם פון כראַביע איז געווען אַ באַקאַנטער שיכור און האָט אויף לייבקען געקוקט מיט שנאה און גרינגשעצונג. נישט איינמאָל אויסגע־טראַכט אויף אים בילבולים. און ס'האָט אָפט געטראָפן, אַז דער גוי האָט אויף דעם יידן אָנגעריצט דעם הונט.

דער כראַביע פלעגט זען דורכן פענצטער פון זיין קאַנצעלאַריע די מיאוסע סצענעס און האָט שטילערהייט זיך געווילט פון די שפּיצלעך פון זיין עקאָנאָם. ער האָט אויך געזען, אַז דער ייד איז נישט קיין פחדן און גיט זיך אַן עצה סיי מיט עקאָנאָם און סיי מיט זיין ווילדן הונט.

אַזאַ אויפרייצנדיקע סצענע האָט אַמאָל באַמערקט די כראַבינע, זי האָט דעם כראַביע אויפמערקזאַם געמאַכט, אַז אַזאַ האַנדלונג לגבי דעם אַרענדאַר וואָס באַדינט זייער פּאַלוואַרק, איז אַן אומכבוד לגבי זיי גופא.

סאָבאָצקי האָט נאָכגעטראַכט די זאַך און איינגעזען, אַז די פרוי איז גערעכט. דאָס איזדעקעווען זיך פון עקאָנאָם איבערן יידן רירט אָן זיין איי־גענעם אויטאָריטעט.

ער האָט גערופן צו זיך דעם עקאָנאָם און אים שטאַרק אויסגעמוסרט און דערביי באַפוילן אויף להבא זיך צו באַציען פריינדלעך צום אַרענדאַר.

די שפּאָסרייען מצד דעם עקאָנאָם האָבן מיטאַמאָל אויפגעהערט. דער שיכור איז גלאַט אַרומגעגאַנגען אַ ברוגזער און געבורטשעט אונטער דער נאָז און זיין כעס אויסגעלאָזן אויף די ייִנגערע פּאַראָבקעס.

נאָכדעם, ווי סאָבאָצקי האָט זיך איבערצייגט אין אַרענדאַרס לאָיאַלקייט און ווי געטריי ער דינט זיינע אינטערעסן, האָט ער אָנגעהויבן קוקן אויפן ייד מיט מער צוגעלאָזנקייט און אים אָנפאַרטרויט גרעסערע טראַנזאַקציעס.

לייבקע האָט גוט געקאָנט די שוואַכקייט פון עקאָנאָם און כדי אים צו געווינען האָט ער פון צייט צו צייט אים געבראַכט אַ פלעשל בראָנפן אָדער איינגעקויפט אויף זיינע רייזעס אַ קאַלירטן שאַל אָדער אַנדערן חפץ פאַר יענעמס פרוי און אַזויאַרום אים איינגאַנצן געווונען אויף זיין זייט.

לסוף האָט לייבקע זיך איינגעלעבט אין זיין ראָל און אָנגעהויבן שטייגן אין זיין פּאָזיציע. די אַרענדאַרשאַפט איז געוואָרן אַ קוואַל פון פרנסה און ער האָט זיך זייער שיין אַרויפגעאַרבעט. אין די אינטערעסן פון פּאַלוואַרק פלעגט ער אָפט זיין פּאַררייזט. ער האָט געוווסט ווו מ'קריגט די בעסטע סחורות פאַר אַ גוטן מקח און דערביי אָפּשפּאָרן אַ קערבל פאַר דער אייגענער טאַש. אַזעלכע איינקויף־רייזעס האָט ער במשך דעם יאָר געמאַכט קיין לובלין און דאַנציג.

לייבקעס הויז איז געשטאַנען אַן ערך פיר ווערסט פון סאָבאָטע. אין די ערשטע צוויי יאָר פון זיין אַרענדאַרשאַפט, פלעגט ער אָפט קומען אין שטעטל אַריין, אַריינגיין אַמאָל צום רב און איבערלאָזן אַ פדיון. ער האָט דאָ

געהאַט זיינע מעקלערס און צושטעלער פון פאַרשיידענע סחורות וואָס האָבן דורך אים געזוכט שתדלנות ביים כראַביע.

מיט דער צייט, ווען זיינע געשעפטן האָבן זיך אויסגעברייטערט, האָט ער פאַרפאַכטעט די מיל און די צוויי קרעטשמעס אין שטעטל. דערצו האָט ער געדונגען צוויי סובקאָלעקטאָרן, וואָס האָבן פאַר אים אויפגעמאָנט ביי די יידן אין שטעטל דעם צינזש פאַרן כראַביע.

ביידע קינדער, יצחקל און מרימל, ווען זיי פלעגן נאָך זיין גאָר יונג, האָבן זיך געשפּילט אויפן הויף אָדער אָפּשטיין שעהנלאַנג ביי דער פורטקע פון הויז און אַרויסקוקן צום טראַקט און פאַרגאַפטע באַוווּנדערן די דורכ־פאַרנדיקע ברישקעס און וועגענער וואָס זענען געפאָרן אין דער ריכטונג פון פּאָלוואַרק.

דער פּאַלאַץ, דאָרט איבער דער ווייטער לאָנקע, וואָס האָט אַרויס־געקוקט פון צווישן דיביימער, איז פאַר זיי געווען אַ כישוף־מעשהלע.

דער טאַטע פלעגט זיי טיילמאָל דערציילן וועגן די ווונדערלעכע זאַכן וואָס ער האָט דאָרט געזען. און די קינדער האָבן מיט אָפענע מיילער גע־שלונגען יעדעס וואָרט און כסדר אים באַוואָרפן מיט פרעגענישן, אויף וועלכע ער האָט געענטפערט מיט צוגעטראַכטע מעשיות.

יצחקל און מרימל האָבן אין זייער שכנות נישט געהאַט קיין יידישע קינדער מיט וועמען זיך צו שפּילן. זיי האָבן דערפאַר פון צייט צו צייט געזען די אָפּגעריסענע און אויסגעמאָרזשעטע פּנימלעך פון די פּויערן־קינ־דער אין פעלד, ווו זיי האָבן געאַרבעט צוזאַמען מיט זייערע עלטערן אין כראַביעס גיטער.

ס'האָט זיי געריסן ווי מיט אַ מאַגנעט צו די דאָזיקע קינדער, אָבער די מאַמע האָט זיי געמוסרט ווען זי האָט געזען אַז אירע קינדער דערנענ־טערן זיך צו יענע אין פעלד. אָבער ווען די מאַמע איז געווען פאַרנומען, האָט דאָס מוסרן נישט געהאָלפן און די קינדער פלעגן זיך באַהאַלטן צווישן די געדיכטע קוסטעס פון דער צווייטער זייט אויבסט גאָרטן און דאָרט זיך שפּילן. פון אָט, די פּויערישע קינדערלעך, האָט מרימל זיך אויסגעלערנט פּלאַפּלען די ערשטע פּוילישע ווערטער, ס'פּראָסטע לשון פון די לייבאייגענע.

ווען יצחקל איז אונטערגעוואַקסן, האָט דער טאַטע געדונגען אַ באַהעל־פער פון שטעטל, וואָס האָט אים געלערנט עברי. און די קליינע מרימל האָט זיך זייער שנעל אויסגעלערנט דעם אלף־בית און אין אַ קורצער צייט געקאָנט פון אויסנווייניק אַלע ברכות.

ווען ס'יינגל איז עלטער געוואָרן, האָט דער אַרענדאַר אים אָנגעדונגען אין סאַבאַטע אין הויז פון איינעם פון זיינע סובקאָלעקטאָרן און יצחק האָט געלערנט ביי איינעם פון די בעסטע מלמדים אין שטעטל.

אין אָנהייב, האָט מרימל זיך געפילט זייער פאַראיינזאַמט אָן ברודערל, אָבער די ליידיקייט איז שנעל אויסגעפילט געוואָרן מיט א משרת. דאָס איז

געווען די האַלב־געליימטע, אַלטע זאָפיע, וואָס האָט פריער געדינט אין פאָל־וואַרק, פאַר וועמען זי איז מער נישט געווען נוצלעך, ווייל זי איז געוואָרן אַ קאַליקע.

מרימל פלעגט די אַלטע קריסטין נאָכקריכן ווו נאָר יענע האָט זיך געקערט. פון אָט דער אַלטער, האָט מרימל זיך אויסגעלערנט אַ בעסערע פוילישע אומגאַנגס־שפּראַך, אין קעגנזאַץ צו דעם לשון פון די פויערן־קינדער.

דער אַרענדאַר, וועמענס געשעפטן זענען זייער גוט געגאַנגען, האָט זיך מער נישט געקאָנט אַן עצה געבן מיט זיין בוכהאַלטעריע און אַראָפּגעבראַכט פון ווישעגראַד אַ שרייבער.

ביי אים האָט זיך מרימל שפּעטער אויסגעלערנט חשבונות און אַ ביסל לייענען און שרייבן פויליש, וואָס זי האָט איצט גוט באַהערשט. דער טאַטע האָט אָנגעקוואָלן פון זיין טאָכטער, און געהאָפט אַז ווען זי וועט אונטערוואַקסן וועט זי אים ארויסהעלפן מיט דער בוכפירונג.

✶

נאָכן אָפּפאָרן פון יצחקלען אין דער ישיבה אין ווישעגראַד, האָט מרימל, וואָס איז מיט דער צייט היבשלעך אונטערגעוואַקסן זיך ערשט אויף אַן אמת דערפילט פאַראיינזאַמט. דער כישוף פון די פריע קינדער־יאָרן איז אינגאַנצן אַוועק. קיין ביכלעך צו לייענען, אויסער דעם טאַטנס מחזורים, זענען אין שטוב נישט געווען בנמצא. מעשה־ביכלעך זענען געווען דבר־אסור. און ס'מיידל האָט נישט געהאַט וואָס מיט זיך צו טאָן אין דער פאַרלוירענער וועלט.

פלעגט זי אַזוי שטיין אַ פאַראומערטע נעבן דער פורטקע פון הויז און אַרויסקוקן צום טראַקט און מיט נייגיר קוקן אויף די דורכפאָרנדיקע קאַרע־טעס און וועגענער. דאָס איז געווען אַ שטיקל אַטראַקציע פאַר איר און זי, באַהאָפטן מיט דער דרויסנדיקער וועלט.

צוויי מאָל האָט דער טאַטע איר מיטגענומען קיין ווישעגראַד ווו זי האָט פאַרברענגט עטלעכע טעג צייט ביי דער משפּחה און זיך נישט געקענט צו דער זעט אָנשפּילן מיט די קינדער.

די באַזוכן אין ווישעגראַד זענען פאַר איר געווען גרויסע איבערלעבע־נישן וואָס האָבן זיך מיט וואַרעמקייט איינגעקריצט אין איר זכרון. זי האָט געזען אַ גרויסע שטאָט מיט שיינע הייזער און אַן א שיעור מענטשן אין די גאַסן. זי פלעגט מיט די קינדער גיין לענגאויס דער ווייכסל און באַוווּנדערן די גרויסע שיפלעך אויפן וואַסער.

און נאָכן אהיימקומען, איז זי נעכט נישט געשלאָפן און געחלומט צו ווינען אין דער גרויסער שטאָט.

זי האָט מיט פּרטים דערציילט פאַר דער מאַמען און דער אַלטער זאָפיע וואָס זי האָט אַלץ געזען אין ווישעגראַד און וועגן די קינדער מיט וועמען זי האָט זיך געשפּילט און נאָך וועלכע זי האָט געבענקט.

אָט, אין אַזאַ מצב־רוח האָט איר געפונען דעם כראַביעס טאָכטער אירענאַ מיט איר גוווערנאַנטקע, ווען זיי זענען איינמאָל דורכגעפאָרן אויפן וועג קיין סאָבאָטע.

און זינט יענעם טאָג, ווען זי איז איבערגעטרעטן די שוועל פון כראַ־ביעס הויז, איז איר פריערדיקע וועלט צעקרישלט געוואָרן אויף פּיצלעך און האַלב פאַרווישט געוואָרן פון זכרון.

אין אָנהייב האָט עס געשמייכלט דעם אַרענדאַר און זיין ווייב וואָס זייער טעכטערל איז אַ יוצאת־וניכנס אין פּאַלוואַרק, חברט זיך מיטן כראַביעס טאָכטער און לערנט זיך צוזאַמען מיט יענער אַ פרעמד לשון.

טאַטע־מאַמע פלעגן זיך מיט נייגיר איבערוווּנקן, ווען מרימל האָט גענומען פּלאַפּלען אין פרעמדן לשון, אַריינקוקנדיק אין אַ ביכל מיט אויס־טערלישע בילדער פון בעלי־חיים, שטובזאַכן און מענטשעלעך. מרימל פלעגט דערביי פאַרמאַכן די אויגן און עטלעכע מאָל איבערחזרן די ווער־טער, וואָס זי האָט פריער געלייענט. און די ווערטער האָבן אָפּגעקלונגען מיט אַ זינגעוודיקער אויסשפּראַך פון אירע צענויפגעפרעסטע ליפּן.

די צייט איז אָבער געלאָפן און זיי האָבן מיט אַמאָל זיך אַרומגעזען, אַז מרימל איז מער נישט אַ קינד.

מרימל איז במשך אַ קורצער צייט אונטערגעוואַקסן ווי אויף הייוען. זי איז געוואָרן העכער און שענער, כמעט אַ בת־מצווה. זי גייט אויך לעצטנס אַנדערש פאַרקעמט די האָר און איז זייער זאָרגפעליק מיט איר אָנטועכץ.

טאַטע־מאַמע האָבן פאַרשטאַנען, אַז זייער טאָכטער לערנט דאָס אַלץ פון דעם כראַביעס טאָכטער און נאָך אַ זאַך האָבן ביידע באַמערקט און מיט נישט ווייניק אַנגסט אין האַרצן, אַז זייער טאָכטער פאַרגעסט אָפּטמאָל צו מאַכן די ברכות ביים עסן, וואָס זי האָט פריער געטאָן מיט גרויס כוונה.

דאָס האָט זיי געעפּנט די אויגן, אַז זייער טאָכטער האָט מיטאַמאָל פאַר־לוירן דעם צענויפהעפּט מיט זייער היים און די יידישע טראַדיציעס. דאָס האָט ביידע שטאַרק איבערגעשראָקן.

טאַטע־מאַמע האָבן אינסטינקטיוו געפילט, אַז אומגעריכט גייט אָן אומ־גליק אויף זייער הויז וואָס זיי מוזן באַצייטנס פאַרמיידן. אָבער ווי אַזוי?

דער אַרענדאַר האָט מורא געהאַט אָנצונעמען איבעראייליקע שריט צו פאַרבאָטן זיין טאָכטער צו פאָרן אין הויף אַריין. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז אַזאַ שריט קען אַריינברענגען דעם כראַביע אין גרימצאָרן. נאָך אַ לענ־גערן ישוב־הדעת האָט ער באַשלאָסן דערווייל אָפּוואַרטן ביז אַ פּאַסיקן מאָמענט, וואָס זאָל די זאַך נישט מאַכן פאַרדעכטיק.

אַן ענלעכער נשמה־געראַנגל איז אויך פאָרגעקומען ביי מרימלען. דאָ נישט לאַנג צוריק, ווען זי איז נאָך געווען קליין, איז אַלץ אין איר היים געווען שיין און דערהויבן. זי האָט זייער ליב געהאַט די שבת־צונאַכטסן.

נאָכדעם ווי דער טאַטע האָט זיך אויסגעבאָדן אין אַ באַליע מיט הייסער וואַסער, וואָס דער משרת האָט צוגעגרייט זומערצייט אין קעמערל אין הויף, האָט דער טאַטע זיך אָנגעטאָן אין דער שבתדיקער בעקעשע און מיט די הענט דעליקאַט פאַרקעמט די באָרד.

די מאַמע האָט געצונדן די שבת ליכט און די פלעמלעך האָבן צעשפּרייט אַ באַצויבערנדיקן און יום־טובדיקן אָפּשיין אין אַלע ווינקעלעך פון דער גרויסער סאַליע.

פון דער סטעליע האָט אַראָפּגעהאָנגען דער מעשענער אייל־בעקן מיט אַ גרויסער קנויט. אַ וואַרעמע געמיטלעכקייט האָט אַלץ ארומגענומען און זי האָט זיך געפילט ווי אַ יידישע פּרינצעסין.

די אַלטע משרת פלעגט שפּעט ביינאַכט אויסלעשן די קנויט אין אייל־בעקן און צומאָרגנס אינדערפרי, זומער און ווינטער־צייט אָנלייגן אַ פייער אין דער כרובע אויף אָנצוואַרעמען דעם שבתדיקן מאַלצייט.

זי האָט ליב געהאַט די שבת־סעודה, די וואַרעמקייט און פריילעכקייט פון טאַטן, דאָס זאָרגלאָזע און צעשיינטע פּנים פון דער מאַמען אין דער ווייסער קאָפּקע. און אַז איר ברודערל איז נישט געווען אין דער היים, האָט זי מיטגעהאָלפן זינגען זמירות און איר איז דעמלט אַזוי גוט געווען אויפן האַרצן.

זי האָט שטענדיק געוואָלט, אַז דער שבת זאָל דויערן וואָס לענגער, ווייל דער טאַטע איז געווען אין דער היים און אויסגעפילט די שטוב מיט אַ גרענעצלאָזער היימישקייט.

קליינערהייט האָט זי קיינמאָל נישט פאַרגעסן פאַרן שלאָפן גיין צו זאָגן קריאת־שמע — אָבער מיט אַמאָל, איז אַלץ ווי אויסגערונען און פאַר־בלאָסט געוואָרן. ממש צערינען ווי אין אַ נעפּל.

איצט זיצט זי אָפּט אין דער טונקלניש פון איר צימערל, אַ פאַר־טראַכטע, מיט אַ נאָגנדיקן געפיל צו אַ וועלט, וואָס איז איר אומקלאָר און פרעמד.

זי קוקט אַרויס צום אַנטקעגנדיקן בוים, וואָס ביים שטעלעכל, און משונה־דיקע געדאַנקען פלאָנטערן זיך אין איר קאָפּ.

דער דאָזיקער נשמה־געראַנגל האָט איר אינגאַנצן געפּלעפט. זי קאָן זיך אַליין נישט פאַרשטיין און טיפער אריינטראַכטן אין דער אומוואַנדלונג, וואָס איז פאָרגעקומען אין איר לעבן פאַר די לעצטע חדשים, וואָס זי קומט אין פּאַלוואַרק אריין.

ס׳האָט איר שטאַרק געאַרט, וואָס איר מאַמע קוקט אויף איר פון אַ זייט, מאָדנע און פאַרשעריש מיט קאָנטיקן פאַרדאַכט, ווי זי וואָלט אָפּגעטאָן

מי־יודע וואָס פּאַראַ שלעכטס. די מאַמע רעדט צו איר שטראָפּעריש. מוסרט איר, הלמאי, זי טוט זאַכן וואָס פּאַסן נישט פּאַר אַ יידישער טאָכטער.

אָבער זי אַליין, ווייס נישט, אַז זי טוט זאַכן וואָס זענען אַן אומכבוד פּאַר אַ יידישער טאָכטער און מח'ט זיך איבער דער מאַמעס שטראָף־רייד.

אמת אויך, אַז דער טאַטע קוקט אויף איר לעצטנס גאָר אַנדערש ווי אַמאָל, אַזוי ווי זי וואָלט געווען אַ פרעמדע אין שטוב. ער שווייגט, זאָגט איר גאָרנישט, נאָר פון צייט צו צייט גיט ער אַ טיפן זיפץ. דאָס פילט זי אָן מיט אַנגסט און עפּעס רייסט זיך ביי איר אָפּ אין איר יינגן האַרץ.

מרים קאָן זיך צו גאָרנישט דערטראַכטן. זי קאָן נישט משיג־זיין דעם גאַנצן פּלאָנטער פון געשעענישן, זינט יענע טעג, ווען זי קומט צוריק פון אירענאַן.

אין אַזעלכע מאָמענטן נעמט די אויבערהאַנט אַ פאַרגעפּיל וואָס פאַר־פלייצט איר האַרץ מיט שרעק. זי בענקט נאָכן נעכטן, ווען זי איז געווען אַ קליין מיידעלע. פון דער אַנדערער זייט אָבער, פילט זי ווי עפּעס באַצווינגט איר און טרייבט איר וואָס אַמאָל נענטער צו עפּעס נייעס, צו עפּעס אומבאַקאַנטס.

איינמאָל ווען זי האָט שפּאַצירט מיט מאַדאַם דעבואַר אין גאָרטן פון שאמבעלאַן וואַלעווסקי אין וואַלעוויצע, ווו זיי זענען געווען מיט אַן אויס־פלוג, האָט די פראַנצויזישע גוווערנאַנטקע אויסגענוצט די געלעגנהייט, וואָס זיי זענען געבליבן אַליין אין אַ ווינקל נישט ווייט דער אַלטאַנע און איר דערציילט וועגן איר היימשטאָט אַוויניאָן.

אירענא האָט זיך דעמלט געוויילט אין דער געזעלשאַפט פון אַ גרופּע געסט, אויף דער אַנדערער זייט פון גאָרטן.

מרים האָט מיט גרויס אויפמערקזאַמקייט זיך צוגעהערט וואָס די גוווערנאַנטקע האָט איר דערציילט און מיט ליבשאַפט געקוקט אין די מילדע אויגן פון דער דערציילערין. זי האָט באַוווּנדערט איר שיינע געשטאַלט אין שוואַרצן לאַנגען קלייד און די ווייסע, אויסגעהאַפטענע בלוזע פאַרקנעפּלט ביזן האַלדז, פון וואַנען עס האָט אַראָפּגעהאָנגען אויף אַ גאָלדענער קייט אַ מעדאַליאָן מיט אַ מיניאַטור־פּאָרטרעט פון אַן עלטערער דאַמע. די האָר אויפן פּאָרטרעט זענען געווען הויך פאַרקעמט און איר טונקל־הויטיק פּנים האָט געהאַט אַ פאַסצינירנדיקן חן.

מרים האָט קוקנדיק אויף איר לערערין געטראַכט, אַז יענע האָט געמוזט זיין אין איר יוגנט אַן אויסערגעוויינלעכע שיינהייט. זי האָט זיך אויך גע־וווּנדערט וואָס זי האָט ביי איר קיינמאָל נישט געזען אַ צלמל, אָדער זי זאָל זיך באַנוצן מיט רעליגיעזע אויסדרוקן, אַזוי ווי זיי וואָלטן לחלוטין נישט עקסיסטירט.

מאַדאַם דעבואַר האָט גערעדט געלאַסן און מיט אַ באַזונדערן קלאַנג

אָקצענטירט געוויסע אויסדרוקן. זי האָט גערעדט מיט רמזים און צוגעקליבן פּאַסיקע ווערטער פֿאַר איר אינטימען נאַראַטיוו.

זי האָט פֿאַר מרימען געשילדערט די געאָגראַפֿישע אָרטשאַפֿט פֿון אַוויניאָן, וואָס איז אַ מהלך־רב ווו זיי געפֿינען זיך. זי האָט אויך איר דערציילט וועגן די הערלעכע פּאַלאַצן און אַלטע פֿעסטונגען אין דער שטאָט ביים טייך ראָן, וועגן אַלטן, האַלב־חרובן פּאַלאַץ פֿון די אַמאָליקע פּויפּסטן וואָס האָבן אַמאָל דאָרט געוווינט. און גאָר באַזונדערס האָט זי איר דערציילט וועגן די איינוווינער, זייער קליידונג און לעבנסשטייגער.

אויף זייער אַ סובטעלן אופֿן האָט זי דערמאָנט וועגן די יידן אין דער שטאָט, וואָס וווינען אין אַ באַזונדערן קוואַרטאַל, און אַז די לעצטע ווערן פּריינדלעך באַהאַנדלט דורכן דאָרטיקן פּירשט, וואָס האָט זיי צוגעטיילט ספּעציעלע פּריווילעגיעס. די יידן זענען טונקלהויטיקע, אַזוי ווי זי אַליין און טראָגן אַנדערע קליידער ווי די יידן אין שכנותדיקן שטעטל סאַבאָטע.

— און איצט, האָט זי ווייטער געצויגן איר נאַראַטיוו, — נאָך די גרויסע געשעענישן אין פּאַריז, זענען אַלע איינוווינער אין פֿראַנקרייך פֿרייע בירגער, דאָס זעלבע אויך די יידן, וואָס ווערן באַטראַכט ווי גלייכבאַרעכטיקע פֿראַנצויזישע בירגער...

— ביסט נישט מיד, מרים, — האָט מאַדאַם דעבואַר פּלוצלינג איבערגעריסן, קוקנדיק אויפֿן אויסגעבליכטן פּנימל פֿון איר תלמידה.

— קום, לאָמיר זיך צוזעצן דאָרט אויף דער באַנק אונטערן בוים, די זון שלאָגט אונדז צופֿיל אין פּנים. ס׳וואַר?!

ביידע האָבן זיך שווייגנדיק דאָרט צוגעזעצט. אינעם אָרום האָט זיך געשפּרייט אַ מאַיעסטעטישע שלווה. די גרינע פּאָלאַנקע קעגנאיבער האָט געמיניעט אין דער זון מיט די קאָלירן פֿון כל־המינים בלומען. אין דער הויך, איבער זיי צווישן די צוויגן פֿון די הויכעביימער האָבן פֿייגל אומאויפֿהערלעך געטשווירקעט, און זיך איבערגעענטפֿערט מיט אַ טרעלן פֿון פֿייגל אינעם פֿעלד.

מרים האָט שעמעוודיק אָבער מיט נייגיר געקוקט אויף דער דערציילעריך, וואַרטנדיק, אַז יענע זאָל איר דערציילן מער וועגן די יידן אין יענער ווייטער און פֿרעמדער שטאָט.

ס׳מיידל האָט מיטאַמאָל באַגריפֿן, אַז דאָס וואָס מאַדאַם דעבואַר דערציילט איר, קלינגט ווי אַ פֿאַרטרויעלעכע זאַך, וועגן וועלכער מ׳טאָר קיינעם נישט דערציילן. יענע האָט מיט איר נאָך קיינמאָל אַזוי אינטים און פֿריי נישט געשמועסט.

און מרים האָט ביי זיך געטראַכט: — הייסט עס, אַז מאַדאַם דעבואַר באַטראַכט מיך ווי אַ דערוואַקסענע... און אַ לייכטע רויטלעכקייט איז אַרויס אויף אירע באַחנטע בעקלעך. אַ געפֿיל פֿון לייטזעליקייט געמישט מיט זעלבסטצופֿרידנקייט האָט איר מיטאַמאָל באַהערשט. זי האָט אָבער

אַלץ נישט געקאָנט תופס־זיין דעם זין און אינהאַלט פון דעם וואָס די גוווער־נאַנטקע האָט איר דערציילט. זי האָט געפילט, אַז אין דעם ׳שטעקט עפּעס אַ סוד און זיך נישט געקאָנט דערטראַכטן, וואָס ס׳איז דער סוד.

מאַדאַם דעבואַר האָט מיטאַמאָל אויסגעדרייט דעם קאָפּ און מוטער־לעך געקוקט אויפן מיידל. זי האָט ווידער גערעדט צו איר. אין איר שטימע האָט זיך איצט געפילט אַ מאָדנער, ציטערדיקער טאָן:

— מרים, דו ביסט אַ יידיש מיידל און וועסט נישט אַלץ פאַרשטיין... מ׳דאַרף די זאַך ערנסט באַטראַכטן, זייער ערנסט...

מאַדאַם דעבואַר האָט נישט באַוויזן צו פאַרענדיקן דעם זאַץ ווי ס׳איז אַנגעלאָפן ווי אַ שמעטערלינג די שטיפערישע אירענא אין אַ ווייסן זומער־קליידל און אַ צעפלאַמטע אויסגערופן:

— וואָלאַ, איך זוך אייך אַרום און איר זיצט גאָר ביידע דאָ אונטערן בוים?! קומט לאָמיר גיין! די בריקע וואַרט אויף אונדז. מיר פאָרן באַלד אַ היים — און זי האָט מרימען אַ צי געטאָן לייכט ביי דער האַנט.

אַלע דריי זענען כמעט שטילשווייגנדיק אַוועק צו דער בריטשקע, וואָס האָט אויף זיי געוואַרט אינעם גרויסן אַריינפאָר־הויף נעבן שאמבעלאנס פּאַלאַץ.

מרים האָט שפּעטער לאַנג נאָכגעטראַכט וועגן אַלעם וואָס די גוווער־נאַנטקע האָט איר פאַרטרויעלעך דערציילט און יענע, האָט קיינמאָל מער נישט דערמאָנט דעם שמועס אין דער אַנוועזנהייט פון אירענאַ. אַליין עפּעס פרעגן, איז מרים נישט דרייסט געווען, אַזוי, אַז דער גאַנצער שמועס, וואָס זיי האָבן געהאַט אין גאָרטן אין וואַלעוויצע, איז איר אויסגעקומען זייער פאַרבאָרגן און נאָכמער באַשווערט איר געמיט און האַרץ.

איינמאָל, ווען מרים איז אַהיימגעקומען אַ צעפלאַמטע פון אירענאַן, האָט די מאַמע מיט אַ פאַרטרויעלעכן טאָן איר געזאָגט:

— ווייסט מיין קינד... דער טאַטע וויל דיך מיטנעמען קיין ווישע־גראַד. דו האָסט דאָך ליב צו זיין אין אַ גרויסער שטאָט, נישט־וואָר?!... האָסט דאָך מיר אַליין דאָס געזאָגט, געדענקסט...

— קיין ווישעגראַד? — האָט מרים אַ דערשטוינטע איבערגעפרעגט.

— יאָ, מרימל, קיין ווישעגראַד, צום פעטער און דו וועסט דאָרט בלייבן אַ שטיקל צייט צוזאַמען מיט יצחקלען...

— און ווי לאַנג וועל איך דאָרט זיין, מאַמעשי?

— דאָס ווייס איך נישט מיין קינד. דאָס וועסטו פרעגן דעם טאַטן. ער קומט מאָרגן צוריק פון וואַרשע, וועט ער דיר אַלץ אַליין זאָגן...

מרים האָט מער גאָרנישט געפרעגט, ווייל זי האָט ווויל געוווסט, אַז די מאַמע טוט אַלץ וואָס דער טאַטע הייסט איר טאָן און זי וועט מוזן פאָלגן וואָס די עלטערן פאָדערן פון איר.

נאָך דעם שמועס מיט דער מוטער, איז דאָס מיידל אַ גאַנצע נאַכט נישט געשלאָפן. זי האָט כסדר געפיבערט מיט אַן אינערלעכן אויפברויז

און זיך געפּילט אומבאַהאָלפן. זי האָט אין געדאַנק צום צוייפלטן מאָל נאָכ־געטראַכט די באַדייטונג פון דער מאַמעס אַנזאָג און אַלץ נישט געקאָנט תופס־זיין, וואָס עס באַהאַלט זיך אין דעם פלוצלינגן אַנזאָג וועגן אַוועקפאָרן קיין ווישעגראַד. אמת, זי האָט שטענדיק געחלומט צו לעבן אין אַ גרויסער שטאָט, אָבער איצט, האָט איר באַהערשט אַן אומווילן צו פאָרן קיין ווישע־גראַד און וווינען ביי איר משפחה. זי האָט זיך דעמאָנט די גרויע, פּאַראו־מעטיקטע געשטאַלטן פון אירע קרובים, די שטרענגקייט פון אָפּהיטן שבת און אנדערע מצוות, פון וועלכע זי פּילט, אַז זי איז אָפּגעפרעמדט געוואָרן, זינט די חברט זיך מיט אירענאַן. און ווי קאָן זי איצט איבערלאָזן די נייע וועלט וואָס האָט זיך אַזוי וווּנדערלעך פאַר איר אַנטפּלעקט ?

אין דמיון האָט זי נאָכמאַמאָל איבערגעלעבט דעם שפּאַציר מיט אירע־נאַן און איר ברודער סילוועסטער, וואָס איז געקומען אויף וואַקאַנס פון זיין שולע.

זיין טונקלבלויער מונדיר מיט די גאָלדענע קנעפּ האָבן דעם הויכן בחור מיט דער בלאָנדער טשופּרינע געמאַכט נאָך העכער און צוציענדיק. זי האָט נאָך קיינמאָל עפּעס ענלעכעס נישט געפּילט צו עמיץ אַנדערש.

אין קאָפּ האָט איר געמישט און זי האָט זיך פאַר זיך זעלבסט שטאַרק פאַרשעמט.

סילוועסטער האָט מיר איר גערעדט פראַנצויזיש. ער האָט איר דער־ציילט, אַז לאַטיין און פראַנצויזיש זענען אין אָנהייב פון סעמעסטער געווען זייער שווערע קעגנשטאַנדן. אָבער איצט האָט ער ליב געקראָגן דעם לימוד פון דער פראַנצויזישער שפּראַך און צו ווייזן זיין קענטעניש, אָנגעהויבן דעקלאַמירן אין פראַנצויזיש אַ לידל „ביים אָפּשיין פון דער לבנה״ :

„א קילער דע לא לינע,
מאנאמי פיערא . . .

ווען סילוועסטער האָט זיך אָפּגעשטעלט, און ווי פאַרלוירן דעם פאָדים פון די ווערטער, האָט מרים אים אַרויסגעהאָלפן :

„פרעטיע מוא טא פלימע . . .״

און פאַרענדיקט דאָס קורצע לידל. דער בחור האָט מיט באַוווּנדערונג געקוקט אויף איר און אין איין אָטעם אויסגערופן :

— ווי פּרעכטיק דו רעציטירסט, מרים.

מרים האָט זיך פאַררויטלט. אירענאַ האָט זיך געגרויסט פאָרן ברודער מיט איר יידישע חברטאָרין און געזאָגט, אַז זי האָט אַ זעלטן גוטן זכרון. זי האָט געקוקט אויף איר ברודער ווי אויף אַ העלד און באַשלאָסן ביידע איבערלאָזן אַליין און מיט אַ תירוץ זיך צוגעזעצט אויף דער באַנק, ווו עס איז געזעסן מאַדאַם דעבואַר מיט אַ בוך אין האַנט און כלומרשט זיך געמאַכט

לייענען. די לעצטע האָט אָבער מיט גרויס אויפמערקזאַמקייט אָבסערווירט מרימען מיט דעם יונגן פריץ.

ווען מרים מיט סילוועסטערן זענען צוגעקומען צום אַרויפגאַנג פונעם בריקל אינעם גאָרטן, האָט סילוועסטער קאַוואַלעריש איר לייכט אָנגענומען ביי דער האַנט און מיט ליבשאַפט אַריינגעקוקט אין די אויגן.

איצט, ליגנדיק אינעם בעטל, פילט זי אלץ זיין וואַרעמען האַנט־באַריר און אַ זיסער פיבער לויפט דורך איר יונגן לייב. אין קאָפּ ביי איר מישט זיך אַלץ אויס אין אַ מאָדנעם קאָשמאַר. זי פּרובירט זיך דערמאָנען די קאָמפּלימענטן וואָס ער האָט איר געמאַכט מיט אַזאַ ערנסטקייט, ווי זי האָט עס געלייענט אין אַ פראַנצויזישן ראָמאַן.

— „די פראַנצויזישע שפראַך קלינגט אין דיין שיינעם מויל ווי ביי אַ שוועבנדיקן מלאך . . .״

זי האָט זיך אַ טרייסל געטאָן צווישן חלום און וואָר און אַראָפּ אַ באָר־וועסע אין נאַכטהעמד און זיך אָװעקגעשטעלט ביים פענצטער. דאָס הויז איז געלעגן איינגעוועבט אין נאַכטישער שטילקייט וואָס איז פון צייט צו צייט איבערגעריסן געוואָרן פון אַ דינעם סקריפּ פון די אַלטע, אויסגעטריקנטע בעלקעס.

אין דרויסן איז געהאַנגען אַ סאַמעט־טונקעלער הימל, באַשפּרינקלט מיט שטערן־שטויב. דאָס און דאָרט האָבן פלוצים זיך אַ שאָט געטאָן בלישטשנדיקע שטערן־פונקען און פאַלנדיק צו דר׳ערד זיך מאָמענטאַל אויסגעלאָשן.

זי איז לאַנג געשטאַנען ביים פענצטער און אַרויסגעקוקט מיט פאַר־טרערטע אויגן אין דער סודותדיקייט פון דער נאַכט.

די קילע נאַכטלופט האָט געגלעט איר אַנטבלויזטן אַקסל און צעגליטן מיידלשן גוף. זי איז אַזוי געשטאַנען אַ לענגערע ווייל ווי צוגעשמידט צום אָרט.

פון דערווייטנס האָט זיך געטראָגן דאָס קוואַקן פון זשאַבעס אין סטאַוו ביים פּאַלוואַרק, באַגלייט מיטן אומאויפהערלעכן גרילצן פון גרילן.

אַ מידע האָט זי זיך שפּעטער צוגעלייגט אויפן בעטל און איינגעשלאָפן אין אַ פיבערדיקן שלאָף און ס׳האָט זיך איר געחלומט, אַז זי שווימט צווישן ווייסע וואָלקנס.

קאַפּיטל 11

# ר׳ יהודה גאַמבינער

ס'איז געווען שפּעט־זומער. נאָך אַ תמימותדיקן טאָג האָט זיך געשטעלט אַ קילער אָוונט. אַ לייכט ווינטל האָט געגלעט די ביימערקעפּ און צעטראָגן אַ פייכטקייט פון דערבייאיקן טייכל נידאַ.

די לופט איז געווען אויסגעמישט מיט בשמימדיקע ריחות פון נאָענטן סאָסנע וועלדל. די שטילקייט איז דורכגעזעגט געוואָרן מיטן טשורקען פון כל המינים אינזעקטן.

אין אַ זייט פון טשאָסנע געסל, אָפּגעזונדערט פון אַנדערע הייזקעס, איז געשטאַנען אַ הילצערנע הייזקע מיט אַ שיפּלעך געדעקטן שינדלדאַך און בלוי־געמאָלענע פענצטער.

די פענצטער האָבן ווי אויפגעריסענע אויגן געקוקט צו מזרח־זייט, נישט ווייט פון אַלטן מאַרק. דאָרט, איבערן פאַרבוי פון שטרוי־און־שינדל־באַדעקטע כאַטקעס, האָבן געטורעמט די ציבעל־פאָרמיקע קופּאָלן פון דער גאַמבינער שול.

אין דער הייזקע האָט געוווינט ר׳ יהודה גאַמבינער, דער מפורסמדיקער האָלץ־שניצער, וועמענס האַנט שניצערייען האָבן באַצירט ארון־קודשן און בתי־קודשן אין שניאַדאָווע, נאַשעלסק, קינסק און אַנדערע יידישע קהילות.

אין זיין אָנוועזנהייט האָבן פיל גאַמבינער תושבים זיך געפילט אין פאַרלעגנהייט און ממש נישט געוווּסט ווי אַזוי זיך נוהג־זיין. זיין האָבן אויף ר׳ יהודהן געקוקט מיט גרויס אָפּשיי.

מיט זיין התנגדות און האַלטונג איז ער איצט פאַר זיי דערשינען ווי אַ פרעמדער אין שטעטל, ווו ער איז אויסגעוואַקסן און געשטעלט די ערשטע טריט אין זיין קאַריערע אַלס האָלצשניצער.

זיין פרוי, פרומע־איטע, האָט זיך רעכט נישט פאַרגינען זאָט אָנצוקוקן אויף איר מאַן, אויס מורא פאַר אן עין־הרע, נאָכדעם ווי ער איז אהיימגעקומען נאָכן אָפּזיין פון שטוב אַ לענגערע צייט אין אַ וויטן ישוב ביים בויען אַ נייע שול.

ר׳ יהודה איז געווען אַ גרויסער בעל־מידה, אַ געזעצטער, גערעדט געלאָסן מיט אַ קלאָרער דיקציע. דערצו איז ער געווען אַ גרויסער בעל־מאמין און למדן.

די שניצערייען, וואָס ער אַרבעט אויס, זענען פאַר אים ווי לופט צו אָטעמען. ער האָט געפילט מיט אַלע רמ״ח אברים, אַז די השגחה האָט אין אים אָנגעצונדן דעם הייליקן פלאַם צו דער הייליקער עבודה.

יעדעס מאָל, נאָכן אהיימקומען פון פאַרענדיקן אַן ארון־קודש, האָט ער מיט אַ נישטגעשטילטן דורשט כסדר געמייסטערוועט, עקספּערימענטירט ביים אויסטאַקן און אויספורעמען נייע שניצערייען. ס'איז געווען, ווי אַן אינער־לעכע שטימע וואָלט אים כסדר אונטערגעזאָגט און דערמאָנט: היום קצר ומלאכה מרובה. ער האָט דערביי קיינמאָל נישט געפילט קיין מידקייט, כסדר אויספּרובירט נייע מינים האָלץ און שניץ־מכשירים צו פאַרבעסערן און פאַרשענערן זיינע אָרנאַמענטן. די דערפאַרונג איז געקומען מיט דער צייט.

נאָך קנאַפּע דרייסיק יאָר זיין אין קאָנטאַקט מיט דייטשע מייסטערס און פּוילישע טשעסליאַרעס אין פאַרשיידענע טיילן פון לאַנד, האָט ער אויך געלערנט זייערע מידות און געוווינהייטן. ער האָט ביי דער אַרבעט שטענ־דיק געפונען מיט זיי אַ געמיינזאַמע שפּראַך.

ר' יהודה איז מיט אַ חודש צוריק צוריקגעקומען פון שטעטל איזש־ביצע, וואָס איז נעבן לובלין, ווו ער האָט אויסגעפאַרטיקט אַ פּרעכטיקן ארון קודש, פוגעס און קאַרניזן אַרום די געוועלבן פון דער הילצערנער שול, וואָס איז איבערגעבויט געוואָרן אדאנק אַ מנדבן, ר' לייבישל אָסטראָווער, דעם שטעטלדיקן גביר. דער וווילשטאַנד אין לאַנד איז נישט געווען קיין געהויבענער. די יידן אין די שטעטלעך און ישובים, וואָס האָבן געהערט צו דער שליאַכטע און די פּריצים האָבן אָפּגעפילט דעם ווילקיר פון זייערע פּעאַדאַלע הערשער. די פּריצים האָבן אומבאַשטראָפט זיך איזדעקעוועט אי־בער זייערע לייבקנעכט און געגאַנגען אין די דרכים פון זייערע אבות.

נישט געקוקט אויף די נגישות און כלערליי גזירות, האָבן יידישע קהילות זיך אַנטוויקלט און ארויסגעשיינט ווי ליכטיקע לייכטורעמס פונעם אַרומיקן, פינצטערן און רויען לעבן פון זייערע שכנים, וואָס האָבן זיי אַרומ־גערינגלט פון אַלע זייטן. און כי מנהג אויפגעשטעלט נייע ישובים און געבויט נייע שולן און בתי־מדרשים.

דאָס איז געווען די תקופה ווען יידן האָבן מיט גרויס אייפער געבויט פּרעכטיקע הילצערנע שולן אין פּאָדאָליע, קליין־און־גרויס פּוילן, וואָס זייער קינסטלערישער געבוי און אַרכיטעקטור האָט געגעבן אַ נייעם שוואונג און דימענסיע דעם שול־געבוי.

צווישן די גרויסע נעמען פון די דעמלט באַרימטע האָלץ־שניצערס האָט זיך אויסגעטיילט דער נאָמען פון ר' יהודה גאָמבינער.

יידישע קהילות, וואָס האָבן פּלאַנירט ענלעכע בויאונגען, האָבן זיך ממש ליציטירט איבער אים, ער זאָל אויספירן די האָלץ־באַצירונגען פאַר דעם געפּלאַנטן מקום־קודש. זיי פלעקן שיקן צו אים שליחים מיט אָנבאָטן.

אַזעלכע באַשטעלונגען האָבן ר' יהודהן אָפּגעריסן אויף חדשים־לאַנג פון זיין היים. אָבער אויף יום־טובים פלעגט ער שטענדיק אהיימקומען. אַזעלכע נסיעות האָבן געדויערט עטלעכע טעג. ער האָט אָבער בעת אַזעלכע נסיעות קיינמאָל נישט געפילט קיין מידקייט.

דאָס אהיימקומען נאָך א סיום פון אַ נייעם שול־בנין, איז געווען פאַר אים איינע פון די דערהויבנסטע מאָמענטן אין לעבן. ער האָט זיך געפילט אַן אויפגעלייגטער, אַ צעשטראַלטער און אַריינגעשמייכלט אין דער באַרד אַריין.

ער האָט זיך געפילט אַן אויסגעלייזטער נאָך אַ פאַרענדיקטער עבודת־קודש. אין זיינע אויערן האָבן נאָך אָפּגעקלינגען די שבחים פון די באַלע־באַטים אין שטעטל, ווו ס'נייער ארון־קודש איז פאַרענדיקט געוואָרן.

ר׳ יהודה איז אויך אהיימגעקומען מיט אַ היפּשער מטבע, וואָס וועט קלעקן סיי אויף אַ שטיקל צייט אויף חיונה און סיי לאַדעווען די הייזקע.

✶

איצט, אין קילן אָוונט, נאָך דער גרויסער חמימה פון בייטאָג, האָט ר׳ יהודה זיך געפילט פרישער און מונטערער.

אגב איז ער שפּעט נאָכמיטאָג געווען ביים רב, ר׳ וועלוול יאַנקעלעס און אים אָפּגעגעבן ׳שלום׳. ער האָט אים אויך מיטגעבראַכט אַ פלעשל טינט און שרייבפּאַפּיר און שיין־פאַרשניצטע געגנזענע פעדער. דער רב האָט זיך אין דעם געגנויטיקט אויף צו שרייבן זיינע חיבורים. קהל איז געווען אָרעם און נישט געהאַט געגנוג אויף צו צאָלן דעם רבס געהאַלט.

ר׳ יהודה איז זיך נוהג געווען דעם רב איבערצולאָזן אַ פּדיון ווען ער פלעגט אהיימקומען אויף די יום־טובים. דער פּדיון האָט געהייסן מכלומרשט פאַר דער טרחה וואָס דער רב פלעגט שיקן דעם שמש מיט די בריוולעך וואָס ר׳ יהודה פלעגט שיקן צום רב און דער רב פלעגט צוריקשרייבן, ווייל קיינער איז שטעטל האָט נישט געקאָנט שרייבן.

די דאָזיקע בריוולעך האָט ר׳ יהודה איבערגעשיקט קיין גאָמבין מיט אָנפאַרטרויעטע יידישע בעלי־עגלות.

נאָכן אָפּדאַווענען ביחידות מנחה־מעריב אין זיין גרויסן חדר, האָט ער אָפּגעגעסן וועטשערע און זיך געפעדערט אין זיין ספּעציעלער קאַמער, וואָס איז תמיד געווען פאַרשלאָסן בעת זיין אָפּוועזנהייט פון גאָמבין. די דאָ־זיקע קאַמער האָט ער אַליין אויסגעבויט לויט אייגענע ספּעציפיקאַציעס. דאָס איז געווען זיין אַנטרינונגס־ווינקל, ווו ער האָט געקאָנט במנוחה מאַכן זיינע נייע גראַוויר־פּראָיעקטן און זיי פאַרגלייכן מיט די מוסטערן פון פריערדיקע אַרבעטן.

ער האָט זיך לאַנג געפּאָרעט ביי די כל־המינים פאַרשיידנפאַרמיקע קלעצלעך האָלץ. פון יענער נסיעה אין ווייטע קאַנטן פלעגט ער מיטברענגען נייע מוסטערן האָלץ. ער האָט זיי צעלייגט אויף די פּאָליצעס, אַרויסגע־קלעבט אַ צעטל מיט אַן אויפשריפט פון וואַנען זיי שטאַמען. אַזוי זענען

געלעגן אויסגע'סדרט גרעסערע קלעצלעך האָלץ פון אָלשינע, בוקהאָלץ, דעמב, טאָפּאָלע און אַנדערע.

ר' יהודה האָט ארייגעשטעלט דעם קאַגאַניעץ אין אַ ספּעציעלן לייכטער וואָס האָט אראָפּגעהאַנגען פון דער סטעליע. די טונקלקייט פון דער קאַמער איז מיטאַמאָל צערונען. פאַרשיידן־פאַרמיקע שאָטנס האָבן זיך קרומ־לעך צעלייגט איבער די ווענט.

דער האָלץ־שניצער האָט מיט אַ באַזונדערער הנאה געקוקט אויף זיין פאַרמעג, די אַן־אַ שיער אָנגעזאַמלטע האָלץ־מוסטערן און שניץ־מכשירים. מיט אַ באַזונדערן שטאָלץ האָט ער געקוקט אויף דעם מיניאַטור ארון־קודש איבער וועלכן ער האָט געאַרבעט לאַנגע חדשים.

דאָ און דאָרט זענען געלעגן אויסגעסדרט אויף די פּאָליצעס טראָגלייסטן, פוגעס, ראָזעטקעס און אַנדערע האָלץ־גראַווירונגען. אַלע האָבן זיך אויסגע־צייכנט מיט זייערע מאָטיוון און פלאַנשניט.

אויף אַ באַזונדערער לאַנגער פּאָליצע, באַדעקט מיט אַ ראַגאַזשע, זענען געלעגן באַדעקט זיינע האַנט־מכשירים: ווינקל־מאָסן, אַ בויגנצירקל, שטרייכמאָסן, כלערליי דלוטעס, קארניז־האָבלען, מייסלען, רילעס און אַנדערע. דערנעבן אַ דריי־באַנק און אַ קארניז־זעג. דאָ און דאָרט זענען געלעגן האָלץ־אָפּפאַלן און שניצעכץ.

ר' יהודה האָט זיך געפירט, אַז נאָכן אַהיימקומען פון אַ סיום, האָט ער עטלעכע חדשים פאַרברענגט אין דער היים.

אין שטעטל, וואָס אַן אמת האָט ער זיך געפילט אַביסל אַן אָפּגע־פרעמדטער. אַזוי אויך אין בית־המדרש צווישן די שטעטלדיקע יידן, וואָס האָבן אַרויפגעקוקט צו אים מיט אָפּשיי און מיט וועמען ער האָט נישט געהאַט קיין געמיינזאַמע שפּראַך.

חוץ דעם לערנען אַ בלאַט גמרא מיט צוויי שטעטלדיקע בעלי־בתים, געוועזענע ישיבה־חברים און אריינגיין צום רב, האָט ער זיין פרייע צייט פאַרברענגט ביים לאַדעווען דאָס הויז און ביי זיך אין קאַמער. דאָ האָט ער זיך געפילט ווי אַ פיש אין וואַסער און געקאָנט אויסזינגען זיין אינערלעך געזאַנג וואָס האָט פון אים אַרויסגעשפּאַרט און אריינגעפלאָכטן זיך אין די גראַווירונגען פון האָלץ.

מיט די נייע שטיקער האָלץ, וואָס ער האָט מיטגעבראַכט פון פּאָדאָ־ליער וועלדער און אַנדערע קאַנטן אָדער איינגעשאַפט אינעם גאָמבינער וואַלד אין שכנות פון דער דייטשער קאָלאָניע, האָט ער איצט צייט געהאַט אויף אויספּרובירן נייע בוי־פּראָיעקטן. דער עיקר צו לערנען די אייגנשאַפטן פון די כל־המינים האָלץ לויט זייער עלטער און פלייש־קאָליר.

ער פלעגט די שטיקער האָלץ הובלעווען, זיי לאָזן לאַנג טריקענען אין דער זון, דערנאָך נוטעווען, טאָקן און בייצן און נאָכן מאַכן געהעריקע פלאַנ־

שניט, געפּוגעוועט, געקריצט און אָנגעוואָרפן דינע שטריכן פון פריזן באַצירונגען.

זיינע באַליבסטע מאָטיוון זענען געווען ווינטרויבן און פלאַנצן, לייבן און הירשן, משה און אהרן און ענלעכע חומש־פיגורן.

פאַרגאַרטלט אין זיין לייוונטן אַרבעטס־כאַלאַט, פלעגט ער שעהנלאַנג זיצן ביים אַרבעטס־וואַרשטאַט. זיין געניט אויג האָט מיט באַזונדערער אויפמערקזאַמקייט באַטראַכט די שטיקער געהילץ, באַטאַפּט דעם ווינטער־דעמב, דעם מוקהאָלץ מיטן טונקעלן אָפּשיין, די אָלשינע מיטן ראָזלעכן פליש און די טאָפּאָלע. נאָכגעקוקט די אָדערלעך פון האָלץ און אָפּגעשאַצט זייער עלטער לויט זייער האַרטקייט און מראה און אין געדאַנק אויסגע־חשבונט צו וואָס פאַרא פריזיר־אַרבעט דאָס געגעבענע האָלץ וועט טויגן.

דאָ און דאָרט זענען געלעגן אַלטע שישקעס, אויפגעקליבענע אין פאַר־שידענע וועלדער וואָס האָבן אים געדינט אַלס מוסטערן צו שטודירן זייער געבוי און איינשניש־פּאַרטיפונגען.

זיינע גראַוויר־צייכענונגען האָט ער אויך געשעפּט פון געוויקסן. זומער־צייט פלעגט ער אויפקלויבן נאָדל־בלעטער, בלומען־קעפּ מיט שופר׳לעך, פיאַלקעס, פיילעכלעך און גלעקלעך און לאַנג שטודירן זייערע בלעטער און דעם לויף פון די שטענגל־וואָרצלען.

בעת אַזעלכע שפּאַצירן צו זאַמלען צמחים האָבן פויערן מיט שטוי־נונג געקוקט אויף דעם יידן אין זיין שיינעם בגד, וואָס האָט אַן אויסגעגלייכ־טער פריי אַרומשפּאַצירט איבערן פעלד, נישט וויט דער אַזיערע אָדער טיף אין וואַלד אַזוי ווי פון גאָרנישט געקימערט. זיך אָפּגעשטעלט ביי ביימער און וואַלד־געוויקסן און זיי לאַנג באַטראַכטן. די פויערן האָבן מיט אָפּשיי זיך פאַר אים פאַרבויגן און געצויגן די היט.

ס׳גיות האָט געהאַט אַ פאַרדאַכט, אַז ער מוז זיין אַ רופא און קלויבט די אַלע צמחים אויף צו מאַכן רפואות. צווישן דער פרימיטיווער באַפעל־קערונג איז וועגן אים אַרומגעגאַנגען אַ מעשה, אַז ער מוז זיין אַ בעל־מופת.

און ווען עמיץ, אַ מער אויפגעקלערטער, האָט זיי דערציילט, אַז דער ייד איז אַ גאָמבינער, פאָרט אַרום אין פאַרשיידענע שטעט פון לאַנד און העלפט בויען סינאַגאָגעס, פאַר וועלכע ער שניצט באַצירונגען און פיגורן, האָבן זיי אין זייער פאַרשטעלונג זיך אויסגעמאָלן, אַז ער מוז שניצן קליינע יויזעלעך און מיט נאָך מער רעספּעקט זיך פאַר אים פאַרבויגן, ווען ער איז דורכגעגאַנגען זייערע סטעזשקעס אין פעלד.

ר׳ יהודה האָט זיין פאַרש־אַרבעט פאַרפולקאָמט דורך לאַנג שטודירן פאַרשיידענע אַלטע פּרוכתן, הגדות, מעשענע חנוכה־לאָמפּן וכ׳. אין זיין ספרים־שאַנק האָט ער געהאַט דעם ספר מליץ־יושר, געדרוקט אין אַמסטער־דאַם אין יאָר 1688 ; די דאַרטמונדער הגדה מיט די רייכע מיניאַטור־געמעלן פון 15־טן יאָרהונדערט וואָס ער האָט ער איינגעהאַנדלט ביי אַ רייכן דאַנ־

ציגער סוחר. און מיט באַזונדערער זאָרגפעליקייט פלעגט ער צערטלען די הגדה של פסח מיט די אילוסטראַציעס פון חד גדיא, וואָס איז דערשינען א צוויי צענדליק יאָר פאַר זיין געבורט אין אלטאנא, נעבן האַמבורג. די שער־בלע־טער פון אלטע גמראות זענען געווען אַ באַזונדערע קוועלע פאַר נאָכפּאָלגן די שעפערישע איינפאַלן פון סופרים און יידישע מיניאַטור־קינסטלער.

אויך האָבן די דייטשע בוי־מייסטערס, וואָס האָבן מיט אים געאַרבעט, אים געבערענגט פון גניעזנאָ און מאַגדעבורג פאַרשיידענע פרעסקאָ ־ צייכע־נונגען. דער שלל מיט מאַטעריאַל איז געווען זיינע האַנטביכער, אויף וועלכע ער האָט טיילמאָל באַזירט זיינע אייגנאַרטיקע האַנט־שניצערייען.

מיט דער דינער מיצקע פאַררוקט איבער שטערן האָט ער איצט מיט גרויס צערטלעכקייט גענומען אין האַנט אַ גרויסע האָלץ־פּלאַטע מיט דינע גראַווירונגען פון עקדת־יצחק, וואָס ער האָט נישט פאַרענדיקט זינט די לעצע צוויי יאָר און דאָס פאַרענדיקן כסדר אָפּגעלייגט אויף אַ שפּעטערע, מער פרייער צייט. ער האָט אים געעקבערט דער געדאַנק, צי ער דאַרף אין אַזאַ בלוטע פאָרם פאַרענדיקן דעם חומש־מאָטיוו.

ער האָט זיך געשראָקן פאַרן געדאַנק, ער זאָל נישט נכשל ווערן און שפּעטער, וועט זיין קינסטלערישער אינסטינקט נישט קאָנען ביישטיין דעם נסיון פון שאַפן ענלעכע און פיל גרעסערע האָלץ־פיגורן וואָס וועלן ממש ענלעך זיין אויף אַ פסל.

טיילמאָל האָט ער געפילט ווי אין אים צינדט זיך עפּעס אָן און זיינע פינגער ברענען ממש אויסצוקנעטן גרעסערע פאָרמען. אין דמיון האָט ער בחוש געזען זייערע קאָנטורן, זייערע באַוועגונגען און הוויות.

אין אזעלכע מאָמענטן האָט ער אויפגעצאַפּלט און אין מח האָט אים גענומען טונקלען ווי איין שטורעם־פאַליע וואָלט נאָכגעיאָגט אַן אַנדערע און פאַרשוואָנקען דעם גאַנצן אָרום.

אין דער פאַרטונקלקייט פון חדר, אין אָפּשיין פון דעם קאַגאַניעץ־פלעמל, זענען אויפגעשווימען זיינע קינדער־יאָרן און די ערשטע אָנרע־גונגען ווען ער האָט געפילט אַ דראַנג צו וועלן שניצן און נאָכטאָן די אַלע שיינע באַצירונגען וואָס ער האָט צום ערשטן מאָל געזען אַלס קליין יינגעלע אין דער גאָמבינער שול.

דאָס איז אַ געשיכטע פון 45 יאָר צוריק, ווען זיי האָבן זיך אריבער־געצויגן פון שכנותדיקן גאָסטינין און ער איז צום ערשטן מאָל געקומען מיטן טאַטן שבת אין דער שול אריין.

ר' יהודה האָט איצט נאָכאַמאָל איבערגעלעבט דעם אויפציטער און וווּנ־דער פון יענעם מאָמענט ווען ער האָט געזען די הערלעכע שניצערייען אין דער שול.

ער האָט נישט געקאָנט אָפּרייסן זיינע אויגן פון די ווונדערלעכע שני־צערייען פון ארון־קודש, דעם פּרעכטיקן הענגלייכטער, די שניצערייען

פון באַלעמער, די גרויסע קופּערנע בלעכער אין קוואַדראַט־פאָרם, וואָס האָבן געדינט אַלס רעפלעקטאָרן. אַרום זייערע ברעגעס האָבן זיך געזען אָרנאַמענטן ווי אויסגעהאַמערטע בלומען. דער מיטן פון דער בלאַך איז געווען פּאָלירט ווי אַ שפּיגל, אין מיטן איז געווען אַ לייכטער, וועמענס פלאַם האָט אָפּגעשלאָגן און רעפלעקטירט דעם חלל פון דער שול.

✶

ער דערמאָנט זיך אַזוי ווי ס'וואָלט היינט געווען. ער האָט געקראָגן אַ מתנה אַ קליין מעסערל. ער האָט זיך זייער געפרייט מיט דער מתנה און ווען קיינער האָט נישט געזען, פלעגט ער שניצן אין האָלץ כל־המינים באַפּוצונגען. די חדר־ייִנגלעך האָבן אים ביז גאָר מקנא־געווען ווען ער האָט פאַר חנוכה אויסגעשניצט אַ טרענדערל, באַפּוצט מיט אָרנאַמענטן וואָס ער האָט געזען אויפן שער־בלאַט פון חומש.

די חדר־ייִנגלעך האָבן באַוווּנדערט זיין שאַפונג. דאָס זעלבע זיין פאָטער, ר' בצלאל, דער תבואה־סוחר. אָבער טיף אין האַרצן, איז דער טאַטע נישט געווען צופרידן, ווייל ער האָט מורא געהאַט, אַז ס'ייִנגל וועט אַריינלייגן צופיל חוש אין זיינע שניצערייען און נישט אין תורה־לערנען. ער האָט געהאָפט, אַז זיין יהודהלע, וועט מיט דעם אויבערשטנס הילף ווערן א רב, ווייל ער האָט געהאַט אַ שאַרפן קאָפּ און געשמט פאר אַן עלוי. און דאָ גאָר האָט זיין בן־יחיד זיך גענומען צו חול־זאַכן און רק שניצט צאַצקעס און מנורות.

אין אָנהויב האָבן די חדר־ייִנגלעך פון אים אָפּגעשפּאָט. די גרעסערע ווידער, די גמרא־לערנער, האָבן אויף אים געקוקט מיט ביטול.

איינער פון די חדר־ייִנגלעך האָט פון אים איינגעהאַנדלט דאָס געשניצטע חנוכה טרענדערל און פאר דעם האָט ער געקראָגן א ניי שטאָלערן מעסערל באַזעצט מיט פּערלמוטער. דער בלאַנק פון מעסערל האָט ממש געבליצט אין זונענשיין און זיינע אויגן האָבן אויפגעלויכטן. אַ וואָך שפּעטער האָט ער מיט דעם נייעם מעסערל אויסגעשניצט אַ וווּנדערלעך שיינע טאַבאַק־שפּאַטולקע מיט אַ באַצירונג פון בית־המקדש אויפן דעקל אַזוי ווי אין די אַלטע ספרים.

די ייִנגלעך האָבן זיך געוויצלט און אים געפרעגט:

— יהודה, ווען וועסטו אויסשניצן דעם נייעם משכן? ווען משיח וועט קומען?!...

— ער איז דאָך בצלאל... און וועט העלפן בויען דאָס נייע בית־המקדש! — האָבן אַנדערע פון אים אָפּגעלאַכט און אים באַשאָנקן מיט כלערליי עפּיטעטן.

שפּעטער, ווען ער איז אונטערגעוואַקסן און געלערנט מיט אַנדערע בחורים אין בית־המדרש, האָט אים אין מיטן לערנען געצויגן אויפן הויף

אַרויף. דאָ פלעגט ער מיט גרויס לײַדנשאַפט באַטאַפּן יעדעס שטיקל האָלץ וואָס איז אים געקומען אונטער דער האַנט, עס באַשמעקט פון אַלע זײַטן, אײַנגעזאַפּט זײַן ריח און געוואָרן אַ מומחה פון כל־המינים האָלץ, געקאָנט זײַן מין אונטערשיידן לויט דעם קאָליר און קאָרע און עס אָנרופן ביים נאָמען.

באַהאַלטענערקייט האָט ער אין מיניאַטור־פאָרם אויסגעשניצט קאַרניזן פאַר אַן ארון־קודש, טײַלמאָל קליינע הירשן און לייבן.

אין אָנהייב האָט דער פאָטער, וואָס איז תמיד געווען פאַריאָגט אין מסחר, אַרויסגעוויזן גרויס סבלנות צו זײַן בן־יחיד וואָס איז מער געווען אַרײַנגעטאָן אין זײַנע האָלץ שניצערייען ווי אין לערנען תורה. און ער איז אַוועק צום רבין פרעגן אַן עצה און מיטגענומען דאָס שיין פּאָלירטע טאַבאַק־פּושקעלע, וואָס זײַן ייִנגל האָט אויסגעשניצט אין געהיים אין אַ ווינקל אויפן בוידעם.

נאָכדעם, ווי דער רבי האָט אויסגעהערט דעם טאַטנס טענה און אַוועק־געשטעלט פאַר זיך אויפן טיש די מתנה, האָט דער רבי באַטראַכט די טאַ־באַק־פּושקע פון אַלע זײַטן, באַטאַפּט מיט די לאַנגע ציטערדיקע פינגער די גראַווירונגען אינעם האָלץ און געזאָגט דעם טאַטן:

— ר' בצלאל, זאָרגט נישט. בעזרת השם וועט אײַער בן־יחיד זײַן אַ לייט. איר וועט נאָך האָבן גרויס נחת פון אים און אַזוי כלל ישראל. — פאַרט א היים בשלום מיט א גוט געזונט פּרנסה לאורך ימים ושנים טובות און פאַרגעסט נישט מיטן אויבערשטנס הילף אַ צווייט מאָל מיטברענגען אײַער ייִנגל.

נאָכן צוריקקומען פון רבין ווען די מתפּללים אין בית־המדרש, ווו דער טאַטע האָט געדאַוונט, האָבן זיך איבערדערציילט, אַז דער רבי האָט אים געבענטשט און געגעבן זײַן הסכמה, אַז זײַן בן־יחיד זאָל פאָרזעצן זײַנע שניצערייען האָבן אַלע אָנגעהויבן קוקן אויף אים מיט דרך־ארץ.

אין אַ צייט אַרום, האָט דער טאַטע אים מיטגענומען צום רבי'ן. צו דער דאָזיקער נסיעה האָט מען אים אויפגענייט אַ נײַעם בגד.

יהודה געדענקט גוט, ווי די פיס האָבן זיך געבראָכן אונטער אים, ווי דער גוף וואָלט צו שווער געווען אויף די זיך צו האַלטן און אין האַלדז האָט אים געשטיקט ווען דער רבי האָט אים געגעבן 'שלום' און אַ קניפּ אין בעקל.

דער טאַטע האָט געשטראַלט פון נחת פונעם כבוד וואָס דער רבי האָט צוגעטיילט זײַן זון.

נאָכן פאַרהערן אים אין תורה האָט דער רבי אים געפרעגט:

— הער זשע, יהודה, דו זאָגסט מיר, אַז דו ווילסט קאָנען מאַכן אַזעלכע ארון־קודשן ווי אין דער גאַמבינער שול. מהיכא תיתא, אמן וכן יהי רצון... כ'זע, ביסט אַ גוטער לערנער און וועסט אויסוואַקסן אַ געטרייער ייִד וואָס וועט שניצן שיינע ארון־קודשן פאַר עבודת קודש. אין דעם זכות וועט ה' ישׂברך דיר העלפן!...

נאָכן אַהיימקומען פון רבין, האָט דער טאַטע געזוכט פאַר אים אַ ידישן האַלץ־שניצער. און ס׳איז באַשלאָסן געוואָרן, אַז ער וועט דעם ערשטן האַלבן טאָג לערנען אין בית־המדרש מיט די אַנדערע גמרא־יינגלעך און דעם צווייטן האַלבן טאָג וועט ער אַרבעטן ביים אַלטן יוסל טאָקער, וואָס האָט יונגערהייט געהאָלפן בויען די גאָמבינער שול.

פאַר דער טרחה האָט ר׳ בצלאל געגעבן דעם אַלטן טאָקער אַ שיינע מטבע.

אָבער נאָכן אָפּאַרבעטן צוויי זמנים, האָט דער אַלטער טאָקער געזאָגט זיין טאַטן, אַז דאָס יינגל איז זייער פעיק און מ׳דאַרף אים אַוועקשיקן אין דער פרעמד צו אַ גרויסן האַלצשניצער. און ר׳ בצלאל האָט נאָך לאַנגע נאָכטראַכטענישן און זוכונגען, אויסגעפונען אַ דאַנק זיינע האַנדלס־פאַרבינ־דונגען לייב־יצחק סעגאַלן אין סלוצק.

דער אַלטער גאָמבינער רב האָט געשיקט אַ כתיבה צום סלוצקער רב און אָנגעפרעגט צי לייב־יצחק איז גרייט מחנך־צו־זיין אַ יונגן און פעיקן האַלצשניצער.

נאָך אַ חודש וואַרטענישן איז אָנגעקומען די גוטע בשורה, אַז יהודה דאַרף אַריבערקומען קיין סלוצק.

פיר יאָר צייט איז ער דאָרט אָפּגעווען אין דער לער, געאַרבעט מיטן גרעסטן מייסטער פון האַלץ־שניצעריי און מיט גרויס פלייס געלערנט די מלאכה.

במשך די פיר יאָר איז ער בלויז צוויי מאָל געווען אין דער היים אויף ימים־נוראים. דאָס איז געווען אַ זייער ווייטע נסיעה מיט בוידן איבער דער לענג פון לאַנד, וואָס האָט געדויערט פינף טעג צייט, מיט אָפּשטייגן אין פאַרשיידענע אכסניות אויפן וועג. אַזעלכע נסיעות פלעגט ער אויך מאַכן מיט אַנדערע האַלצשניצערס וואָס האָבן מיט אים געאַרבעט ביי לייב־יצחקן, ווען זיי איז אויסגעקומען צו פאָרן אין פאַרשיידענע קהילות ביים אויפשטעלן נייע ארון־קודשן אָדער ביים בויען אַ נייע שול.

ווען ער איז אַהיימגעקומען ס׳לעצטע מאָל, אַ 17־יאָריקער בחור, מיט אַ דין אַרויסשפּריצנדיק בערדל און פאַרקרייזלטע פּיאות הינטער די אויערן, האָט מען אים קוים דערקענט. פון זיין ליכטיקן פּנים האָבן אַרויסגעשיינט זיינע קוילשוואַרצע לויכטנדיקע אויגן. ער איז געווען אָנגעטאָן אין טראַכט פון די פּאָדאָליער ידן און זיין גאַנצער געשטעל האָט עדות געזאָגט אויף זיין פאַרהאַרטעוועטקייט פון דער אַרבעט. ער איז געווען לעבנס־דערפאַרן פון אָפּזיין אין פרעמדע סביבות און באַגעגענישן מיט מענטשן, ידן און נישט־ידן.

ער געדענקט גוט יענע גרויסע איבערלעבעניש, ווען ס׳האַרץ איז אים ממש פאַרפלייצט געוואָרן מיט זעלבסטצופרידנקייט בעת דער מייסטער

האָט אים אָפּגעלויבט פאַר די פיינע שניצונגען און קאַרניזן אויפן אויבערשטן טייל פון אַן ארון־קודש, וואָס ער האָט זעלבסשטענדיק אויסגעפירט.

אין ביידע זייטן זענען געווען אויסגעשניצט אין רעליעף צוויי הירשן, אויסגעטאָקט און פאַלירט אין האַלבטאָן פון נאַטירלעכער מאהאגאני. די אַר־בעט איז געווען אַ שעדעוור און דערפאַר האָט ער געקראָגן די סמיכה אלס זעלבסטשטענדיקער האַלצשניצער.

פיל, פיל יאָרן זענען פאַרביי זינט יענעם דערהויבענעם טאָג אין זיין לעבן.

שפּעטער זיין חתונה מיט פרומע איטען, דער געבורט פון זייערע טעכ־טערלעך און די פטירה פון זיין גאָטזעליקן פאָטער. די מוטער איז געשטאָרבן אַ קורצע צייט שפּעטער.

✶

ר׳ יהודה האָט האַלב־געדרעמלט. מיטאַמאָל האָט ער אויפגעריסן די אויגן און דערפילט אַ לייכטע שטעכעניש אין דער חוט־השדרה. זיין פּנים האָט אויסגעדריקט אַ ווייטיקלעכע גרימאַסע. — מסתמא, פון צופיל אָנ־שרענגונג און מידקייט, — האָט ער געטראַכט ביי זיך.

ער האָט אויפגעעפנט ס׳פענצטער און אַ שטראָם קילע, נאַכטלופט האָט אַריינגעשטראָמט אין חדר און זיך אויסגעמישט מיט די פרעסנדיקע ריחות פון כל־המינים האָלץ.

קליינע אינזעקטן האָבן גענומען טאַנצן אַרום דער פאַרקאָפּטשעטער מיט סאַזע סטעליע. נאַכט־פלאַטערלעך האָבן גענומען טאַנצן אַרום פלאַם פון קאַגאַניעץ, אָפּגעבריט זיך די פליגל און טויטע אַראָפּגעפאַלן אויפן דיל צווישן האָלץ־שניצעכץ.

דער יהודה האָט איינגעאָטעמט מיט אַ פולער ברוסט די קילע נאַכט־לופט, זיך אויסגעגליכן און שטאַר געקוקט אין דער נאַכטישער טונקלניש פון דרויסן. ער האָט לאַנג געקוקט אין דער ריכטונג פון דער שול, וואָס האָט פאַר אים אין זיין פריערסטער יוגנט אַנטפּלעקט פּראַכט און דעם סוד פון עבודת הקודש.

די סילועטן פון קופּאָלן פון דער שול האָבן זיך איצט אין דער נאַכ־טישער טונקלניש צונויפגעגאָסן מיטן נאַכטהימל, ווי זיי וואָלטן אויסזינגען אַ תפילה צום בורא עולם.

## קאַפּיטל 12

# די טראַגישע פּאַסירונג ביים סטאַוו

דעם שמועס, וואָס מאַדאַם דעבואַר האָט צופעליק אונטערגעהערט צווישן סאָבאָצקין און דעם גלח, האָט איר קיין רו נישט געגעבן. זי האָט פאַרשטאַנען, אַז ביידע, יעדער אויף זיין אופן גרייטן אַ פאַרשווערונג קעגן יידישן מיידל און איר פליכט איז צו פאַרמיידן דאָס פאַר יעדן פּרייז. אַנדערש וועט זי האָבן אויפן געוויסן דעם גורל פון מרימען, וועמען זי האָט אריינגעפירט אין הויז פון כראַביע.

די פראַנצויזין האָט איבערגעלעבט אַגאָניע־מאָמענטן און געטראַכט וועגן פאַרשיידענע פּלענער, ווי אזוי צו באַשיצן דאָס מיידל פון א סכנה. זי האָט זיך אויך אָפּגעגעבן אַ דין־וחשבון, אַז זי איז אין אַ פרעמד לאַנד אונטער דער ממשלה פון אַן אַליינהערשער און מוז זיין פאָרזיכטיק. אין קעגנפאַל קאָן די זאַך ארויסקומען און איר שטעלן צו העכסט־אומאַנגענעמע קאָנסעקווענצן.

מאַדאַם דעבואַר האָט אויך פאַרשטאַנען, אַז וואָסערע פּלענער דער כראַביע זאָל נישט האָבן פאַרטראַכט מיטן גלח, וועט דאָס לויט די רייד פונעם באַלעבאָס פון הויז נאָך נעמען א לענגערע צייט.

איצט איז ער פאַררייזט, אָבער זי מוז שטיין אויף דער וואַך. אָמבעסטן, האָט זי ביי זיך באַשלאָסן, וואָלט געווען, ווען זי קאָן זיך טרעפן מיטן אַרענדאַר און אים מגלה זיין דעם סוד...

דער דאָזיקער פּלאַנטער פון געשעענישן האָט מיטאַמאָל אויפגעוועקט אין איר זכרון לאַנגפאַרווישטע איבערלעבענישן פון איר אייגענער קינדהייט און זיך געשטעלט אין איר דמיון מיט אַ זעלטענער קלאַרקייט.

במשך פון דעם צווייטן יאָר, וואָס זי געפינט זיך דאָ אין פּאַלאַץ ביי די סאָבאָצקיס, איז זי שטאַרק אַנטוישט מיט פּוילן. זי האָט עס זיך אַנדערש פאַרגעשטעלט ווען זי איז געווען אין דרעזדען.

זי האָט זיך גאָר אַנדערש פאַרגעשטעלט דאָס לאַנד, די מענטשן און מנהגים, בכלל די אַריסטאָקראַטיע, וועגן וועלכע מ'האָט מיט אַזאַ אינטערעס געשמועסט אין הויז פון גראַף מאַרוויץ אין דרעזדען, ווו כראַביע סאָבאָצקי האָט איר געטראָפן אַלס גוווערנאַנטקע.

זי האָט דאָ געזען פון איין זייט שפע און איבערגעזעטיקייט; עלעגאַנץ און פאַרשווענדערישקייט, פאַרדעקט מיט אַן אויבערפלעכלעכער סובטעלקייט; פיינע סאַלאָן־קאָנווערסאַציע, דאָס אָפטע ציטירן זשאַן זשאַק רוסאָ און אַנדערע פראַנצויזישע דענקער, אָבער דאָס אַלץ איז אין תוך געווען

אַ מאַסקע צו פאַרדעקן די צעלאָזענע פּוסטקייט. פון דער אַנדערער זייט, האָט זי געזען הימלשרייענדיקע נויט און פאַריאַכטע, אָרימע פויערן.

פאַרנדיק אָפּט מיט דער טאָכטער פון דער כראַבינע אויף שפּאַצירן אין דער שכנותדיקער אָרטשאַפט אָדער שפּאַצירנדיק אַליין, האָט זי מיט אייגענע אויגן געזען דעם אומגעהויערן אונטערשייד: פאַראָרימטע, פּרימי־טיווע פויערן, האַלב איינגעבויגענע, מיט אויסגעביינערטע, פאַרברענטע פּנימער פון ווינט און שווערער פּראַצע אין אָפּגעריסענע זעק־מלבושים. די פּנימער ביי די פרויען צעקנייטשטע, וואָס זענען צופּרי אַלט געוואָרן אונטערן יאָך פון פאַרשקלאַפטן לעבן. זי האָט געהערט און אליין געווען עדות, ווי פויערן זענען אומברחמנותדיק געשמיסן געוואָרן אויף באַפעל פון כראַביע. די קרבנות זענען געשמיסן געוואָרן אויפן נאַקעטן לייב פאַר די מינדסטע חטאים.

אָט, די פאַרמוטשעטע פויערן־שקלאַפן, פלעגן מיט פרומע הכנעהדיקייט קניען פאַר דער יעזוס־געשטאַלט אויף הילצערנע צלמים אויף די שייד־וועגן זוכנדיק ביי אים אַ טרייסט און דערלייזונג. און די דערלייזונג איז נישט געקומען.

מען האָט געפּרעדיקט די לערע פון יעזוסן וואָס איז געווען גילטיק נאָר פאַר די אומוויסנדיקע שקלאַפן. די הויכגעבוירענע, האָבן צווישן זיך אין סאַלאָן אָפּגעשפּאָט פון די נסים פון דער עוואַנגעליע.

מאַדאַם דעבוואַר האָט אויך איצט בעסער באַגריפן די טראַגעדיע פון איר אייגענער היים. דעם טראַגישן טויט פון איר פאָטער און ברידער. זיי זענען דערמאָרדעט געוואָרן דורך אזעלכע, וואָס טראָגן צלמים אויפן האַרצן. נאָכן מאָרד זענען זיי אַוועק צום גלח און געבעטן פאַרגעבונג. זייערע פאַרברעכנס אויסגעקויפט מיט באַצאָלן פאַר עטלעכע חלבנע ליכט אין קלויסטער.

פאַר מאַדאַם דעבוואַר זענען כסדר איצט אויפגעשוווּמען אין זכרון אָפּגעריסענע בילדער פון איר אַמאָליקער היים ביי די עלטערן, ווען זי איז נאָך געווען א קליין מיידעלע.

זי געדענקט, אַז אירע עלטערן זענען קיינמאָל אין קיין קירכע נישט געגאַנגען. דער זיידע פלעגט אָפט פאַרשווינדן מיט זיין ספר. אַזוי אויך אָפטמאָל דער טאַטע, ווען זיי האָבן געוווינט אין קאַרפּענטראַס אויף דרום פון פראַנקרייך.

יאָ, איצט דערמאָנט זי זיך, אַז דאָרט איז געווען א יידיש געבעט־הויז און די קינדער אין גאַס פלעגן אָנווייזן אויף דעם הויז מיט זידלווערטער אויפן אַדרעס פון די יידן.

איצט, נאָך אַן אָפּלויף פון דרייסיק יאָר, הויבט זי אָן מער באַנעמען מיט אַלע אירע חושים, אז די שטאַמט פון אַ משפחה געהיימע יידן, מאַראַנען, וואָס זענען אַנטלאָפן פון דער אינקוויזיציע.

אין דער מיידל־שולע אין אוויניאָן האָט זי באַשיימפּערלעך געזען די היפּאָקריטסווע און שקרים וואָס אַ טייל פון די מיידלעך האָבן דאָרט געטריבן. מ׳האָט געטאָן אַלץ להיפּוך פון קאַטעכיזם.

אַ פּאָר מיידלעך זענען געווען ערנסט פרום, אָבער דאָס רוב פון זיי זענען געווען צעלאָזן און מיטגעמאַכט די רעליגיעזע צערעמאָניעס כלאחר־ידיק.

די צייט האָט געטאָן דאָס איריקע.

די גוווערנאַנטקע האָט מיט גרויס אינטערעס געליינט די נייעס פון פראַנקרייך. זי האָט אויך געהאַט אַ געלעגנהייט טיילמאָל אָפּצונעמען לעבע־דיקע גרוסן פון פראַנקרייך פון רייזנדע וואָס זענען דאָרט לעצטנס געווען אויף אַ באַזוך.

זי האָט מיט גרויס אויפמערקזאַמקייט געליינט די פראַנצויזישע צייטונגען, וואָס דער כראַביע האָט אויסגעשריבן פון פּאַריז. אמת, די צייט־טונגען זענען אָנגעקומען מיט גרויס פאַרשפּעטיקונג, אָבער די נייעס זענען קיינמאָל נישט געווען פאַרעלטערט אין אירע אויגן, ווייל זיי האָבן געברענגט א שלל פון אַלגעמיינע נייעסן און אָפּטמאָל סאַלאָן־סקאַנדאַלן. זעלבסטפאַר־שטענדלעך, אַז די פּעקלעך צייטונגען זענען צו ערשט אַוועק אין דער קליי־נער ביבליאָטעק פון באַלעבאָס און דערנאָך צו דער כראַבינע.

איצט, אין דריטן יאָר נאָך דער רעוואָלוציע, האָט זי מיט גרויס אומ־געדולד דערוואַרט צו הערן מער וויכטיקע נייעס.

זי האָט מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם געליינט יעדע שורה און ממש מיט־געלעבט מיט די דאָרטיקע געשעענישן און מיט דער נייער פּאָליטישער אָרדענונג נאָכן פאַרענדיקן די בלוטיקע גילאָטינע־אַקטן.

באַזונדערס האָט זי שטודירט יעדע שורה אין „לא מאָניטער׳ אוני־ווערזאַל״, די צייטונג, וואָס איז געגרינדעט געוואָרן נאָך דער רעוואָלוציע און אירע זייטן זענען אויסגעפּילט געווען מיט אָפיציעלע אינפאָרמאַציעס; דאַן האָט זי געליינט די טעגלעכע „מערקור דע פראַנס״ און גאָר באַזונדערס „לע זשורנאַל דע דעבאַטע׳״, וואָס האָט באַריכטעט וועגן די דעבאַטן אין דער ׳נאַציאָנאַלער פאַרזאַמלונג׳.

אין ׳לע מאָניטער׳ פון סוף אויגוסט 1789, האָט זי געפונען אָפּגעדרוקט די „דעקלאַראַציע פון מענטשן־רעכט״. ווי גרויס איז געווען איר שמחה ווען זי האָט סוף־נאָוועמבער נומער 1791, געליינט, אַז די ׳נאַציאָנאַלע פאַר־זאַמלונג׳, האָט אָפּגעשאַפט אַלע אַנטי־יידישע אויסנאַם־געזעצן און דער־קלערט די יידן אַלס פולבאַרעכטיקטע בירגער.

איר פרייד איז געווען אין־לשער, אָבער זי האָט נישט געקאָנט מיט קיינעם אין דער סביבה, ווו זי האָט זיך איצט געפונען, טיילן מיט אירע געפילן. ווייל דאָס וואָלט מאָמענטאַל אַרונטערגעריסן איר סטאַטוס און פאַר־ראַטן איר אָפּשטאַם.

אונטערן איינדרוק פון די נייעס, פלעגט זי ליגן אויף איר געלעגער, נאָכטראַכטן וועגן די גרויסע געשעענישן אין פראַנקרייך מיט גרויס אויפֿגעהייטערטקייט און פאַרטרערטע אויגן. דאָס זענען אָבער געווען טרערן פון מענטשלעכער דערהויבונג. אין איר מחשבה האָט זי זיך אויסגעמאָלן קאָלירפולע בילדער און איז מיט זיי געפלויגן אויף אומזעבאַרע פליגל צו איר נייגעבוירענעם פראַנקרייך.

זי האָט זיך מיטאַמאָל דערפילט אַ ניי־געבוירענער מענטש, פול מיט האָפערדיקייט און אַ חשק צו לעבן. זי ווייסט, אַז זי איז אַ גליד פון יידישן פאָלק. איצט, וועט זי דאָס קאָנען מגלה־זיין אָבער קיינמאָל נישט, דאָ אין פוילן.

זי ווייסט אויך, אַז זי מוז געדולדיק וואַרטן נאָך צוויי יאָר ביז איר קאָנטראַקט פון גוווערנאַנטשאַפט וועט זיך ענדיקן. דאַן, ווען זי צוריקפאָרן קיין פראַנקרייך און וועט טאָן אַלץ אָפּצוגעפינען די לאַנג־פאַרלוירענע קרובים.

—איצט, מוז איך עפּעס טאָן פאַר דער קליינער מרים — האָט זי מיט אַנטשלאָסנקייט צו זיך געזאָגט.

און זי האָט באַשלאָסן, אַז ביים נאָענטסטן באַזוך פון מרימען, וועט זי פון דעם מיידל אויסגעפונען, צי דער פאָטער איז אין דער היים כדי פאָרן צו אים און כאַפּן מיט אים אַ שמועס.

און צו דער דאָזיקער באַגעגעניש האָט זי זיך מיט גרויס ערנסט געגרייט און כסדר אריינגעקוקט אין פראַנצויזיש־פוילישן ווערטערבוך, פאַרצייכנט און איינגעחזרט פיל פוילישע פראַזן.

זי האָט יענעם טאָג ווען סילוועסטער, אירענא און מרים האָבן שפּאַצירט אין גאָרטן, גענוי זיי אָבסערווירט. און ס׳האַרץ האָט איר אונטערגעזאָגט, אַז קיין גוטס וועט פון דעם נישט אַרויסקומען. זי האָט גוט געזען, ווי סילוועסטער עסט דאָס מיידל אויף מיט די אויגן און די נאַיווע מרים איז אומבאַהאָלפן און שעמעוודיק.

— איצט, איז די פּאַסיקסטע צייט עפּעס צו טאָן — האָט זי ביי זיך באַשלאָסן — דער כראַביע איז פאַררייזט און זי קען זיך פרייער באַוועגן.

דאָס איז געווען מיט צוויי טעג שפּעטער, ווען מרים איז געקומען צו אירענאַן, כדי צוזאַמען לייענען אַ קאַפּיטל פון אַ פראַנצויזישע דערציילונג פאַר יוגנטלעכע און שפּעטער וועגן דעם געלייענטן פירן אַ שמועס.

מרים האָט אויסגעזען זייער בלייך, אירע אויגן זענען געווען פאַרמאַטערט. דאָס מיידל האָט עפּעס איבערגעלעבט. זי האָט אָבער אויסערלעך נישט געגעבן צו דערקענען וואָס ס׳קלעמט איר. אויף אירענאַ׳ס פראַגן, צי זי פילט זיך נישט גוט, האָט זי געגעבן אַן אויסמיידנדיקן ענטפער, זאָגנדיק, אַז זי פילט זיך מיד צוליבן הייסן וועטער.

סילוועסטער איז דעם זעלבן טאָג געהאַט אַוועקגעריטן אויף זיין בולאַן

צו אַ שול־חבר אין שכנותדיקן שטעטל סאַנניקי און געזאָלט דאָרט פאַר־בלייבן עטלעכע טעג.

די לעקציע מיטן לייענען די דערציילונג איז דעם טאָג אויך נישט געגאַנגען ווי אַמבעסטן. אירענא האָט זיך פאַרקלאָגט אויף אַ מיגרענע. מאַדאַם דעבוואַר האָט אויף אַ דיסקרעטן אופן אַרויסגעקריגן פון מרימען, אַז דער פאָטער איז דעם טאָג אין דער היים. זי האָט באַשלאָסן אַהיימבאַגלייטן מרימען אין דער קאַרעטע, וואָס האָט אויף איר תמיד געוואַרט אָפּצופירן אַ היים נאָך דער לעקציע.

ווען זיי זענען אָנגעקומען צום אַרענדאַרס הויז, האָט זי געבעטן מרימען, זי זאָל אַרויסבעטן איר פאָטער, ווייל זי וויל אים בעטן אַ געפעליקייט צו קויפן עפּעס אין וואַרשע.

דער אַרענדאַר איז אַרויסגעקומען פון הויז אַביסל אַ צעטומלטער און אויפן וועג אַרויפגעוואָרפן אויף זיך דעם לייכטן ציגענעם כאַלאַט און אויף דער שנעל זיך פאַרגלעט די באָרד. ס'איז קענטיק געווען, אַז דער פּלוצימ־דיקער באַזוך פון דער גוווערנאַנטקע איז פאַר אים געווען אַ גרויסער סורפּריז.

ער איז געבליבן שטיין נעבן דער בריקע מיטן הוט אין דער האַנט און איר באַגריסט:

— זייט באַגריסט גנעדיקע דאַמע. ס'איז פאַר מיר אַ גרויסער כבוד וואָס איר האָט באַוויליקט צו קומען צו מיין הויז... כ'בין אייך זייער דאַנק־באַר פאַר אייער אינטערעס אין מיין טעכטערל — האָט ער לאַנגזאַם אַרויס־געזאָגט די ווערטער און זיי אַקצענטירט, ווייסנדיק דער גאַסט קאָן נישט גוט די פּוילישע שפּראַך. זי האָט אַ שמייכל געטאָן און מיט ווייכקייט אין איר שטימע אים געענטפערט:

— באָן־זשור, מעסיע. דיין טעכטערל איז זייער שיין און מיר האָבן איר אַלע ליב.

זאָגנדיק די פאַר פּוילישע ווערטער אין אַ שווערן אַקצענט האָט זי פאַרגעזעצט:

— ווען דו פאָרסט קיין וואַרשע... וויל איך אַ געפעליקייט, זאָלסט מיר דאָרט עפּעס קויפן...

— מיטן גרעסטן פאַרגעניגן, 'מיין געשעצטע דאַמע!'... און דער ייד האָט זיך פאַרנויגט.

זי האָט עטוואָס אויסגעדרייט דעם קאָפּ אין זיין זייט און דיסקרעט צו אים אַ ווונק געטאָן, אָנדייטנדיק, אַז זי וויל נישט דער קוטשער זאָלן הערן, וועגן וואָס זיי רעדן.

זי האָט אים דערלאַנגט די האַנט און לייכט אַראָפּגעשפּרונגען פון דער בריקע, מיט איר זון־שערעמל אין דער רעכטער האַנט.

— קומט, גנעדיקע דאַמע, דאָרט אין שאָטן פון די ביימער, אין

גערטנדל איז אָנגענעמער. מעג איך אייך פאָרלייגן אַ קאַלטן עפּל־זאַפט ? — און זאָגנדיק דאָס זענען בײדע אַרײַן אין גערטנדל.

זי האָט לײכט אויסגעדרייט דעם קאָפּ און זעענדיק, אַז זיי זענען ווייט אָפּגערוקט פון קוטשער, האָט זי מיט אַן עטוואָס נערוועזער שטימע אַ זאָג געטאָן:

— מעסיע לייבקע, דעם אמת געזאָגט, דאַרף איך גאָרנישט, איר זאָלט מיר קויפן אין וואַרשע... דאָס איז נישט דער ציל פון מיין באַזוך איצט — האָט זי שוין אין מער קלאָרע ווערטער און דיקציע אַרויסגעזאָגט די פּוילישע ווערטער. — כ'האָב נישט געוואָלט רעדן אין דער אָנוועזנהייט פון קוטשער... איך וויל נישט, אַז זיי זאָלן וויסן, אַז כ'פאַרשטיי זייער שפּראַך... כ'האָב דערפאַר מיינע סיבות... געקומען דאָ בין איך אין אייער אינטערעס. ווי איר זעט, רעד איך אַביסל די פּוילישע שפּראַך.

דער ייִד האָט מיט אַ האַלב־אָפן מויל אויסגעשטעלט אַ פּאָר פאַרוווּנ־דערטע אויגן און געפילט, אַז די קניען ציטערן אונטער אים.

— אין מיינע אינטערעסן, זאָגט איר, גנעדיקע דאַמע?! — האָט ער מיט שטוינונג אין דער שטימע אויסגערופן.

— אַזוי איז עס, מעסיע לייבקע. פרעגט מיך נישט קיין איבעריקע פראַגן. טוט ווי איך בעט אייך... שיקט וואָס שנעלער אַוועק פון דאַנען אייער טאָכטער. שיקט איר וואָס שנעלער!... וואָס שנעלער — וואָס בע־סער! — האָט די פראַנצויזין אַן צערעמאָניעס אַ זאָג געטאָן.

דער אַרענדאַר איז געבליבן שטיין ווי געפּלעפט אויף זיין אָרט און מיט אויפגעריסענע אויגן געקוקט די פראַנצויזין אין פּנים אַריין, ווי וועלנדיק פון דאָרט אַרויסלייענען די רעטעניש פון אירע פאַרשטעלטע רייד.

— כ'זע, מעסיע לייבקע, אַז איר מיינט, אַז כ'שפּיל זיך מיט אייך אין רעטענישן... ניין, מעסיע... דאָס וואָס כ'זאָג אייך איז אַ סוד... און זאָל דער סוד אַרויסקומען, אַז איך האָב אייך דאָס דערציילט... פאַרשטייט איר, וואָס עס דראָט מיר... כ'באַשווער אייך ביי גאָט, אייער פרוי טאָר אפילו וועגן דעם נישט וויסן... קיינער טאָר נישט וויסן... שיקט איר אַוועק, ווייט, זייער ווייט פון דאַנען, און זוכט פאַר איר אַ זיווג מיט עמיצן פון אייער שטאַם... אָבער טוט דאָס פאַרזיכטיק, ווי לאַנג דער כראַביע איז פאַררייזט... פאַרשטאַנען ? !

דער אַרענדאַר איז געבליבן שטיין אַ מבילבולדיקער, ווי ער וואָלט פאַר־לוירן ס'לשון. ער האָט געפילט, אַז ס'האַרץ פּאַלט אים איין.

— מעסיע לייבקע, — האָט די גוווערנאַנטקע איבערגעריסן דאָס שווייגן, זעענדיק, אַז דער ייִד שטייט אַ צעטומלטער, — זייט וויסן, אַז כ'האָב צופעליק אונטערגעהערט ווי דער וויקאַר פון זדוני רעדט מיטן כראַביע און בעט ביי אים די דערלויבעניש אָפּצושמדן אייער מרימען... דאָס איז דער סוד, מאָן מעסיע... איצט פאַרשטייט איר מיך ? !

דער ייד האָט אַ כאַפּ געטאָן די האַנט פון דער פּראַנצוויזין און וואַרעם געקושט. אויפהויבנדיק דאָס פּנים מיט פאַרטרערטע אויגן, האָט ער מיט אַגעהאַקטע ווערטער איר געזאָגט:

— הויכגעשעצטע דאַמע, כ׳ווייס נישט ווער איר זענט און פאַרוואָס איר טוט דאָס... איר זענט א מלאך־גואל און זאָל גאָט אייך בענטשן!

— באָן, מעסיע לייבקע און איצט מוז איך גיין. באַגלייט מיך נישט... אַדיע מעסיע... — און איז מיט איילקע טריט אַרויס פון גערטנדל צו דער וואַרטנדיקער בריטשקע.

דער ייד איז געבליבן שטיין ווי צוגענאָגלט צו ד׳ערד, און איר נאָכ־קוקט מיט פאַרנעפּלטע אויגן, פון וועלכע עס האָבן איצט פריי געפלאָסן בריענדיקע טרערן.

דער הויכער אויסרוף פון קוטשערס „וויאָ״... און דאָס טראַכקען פון דער בריטשקע איבערן שליאַך האָט לייבקען אויפגעוועקט צו דער ווירק־לעכקייט. ער האָט אַ טיפן זיפץ געטאָן און מיטן אַרבל זיך אויסגעווישט די טרערן. דערנאָך איז ער אַריין אין שטאַל כדי קיינער פון זיינע נאָענטע זאָל נישט זען זיין פאַרוויינט פּנים.

נאָך דעם שמועס מיט דער גוווערנאַנטקע איז דער אַרענדאַר אַרומגע־גאַנגען אַ פאַרמרה־שחורהטער. ער האָט זיך באַמיט אויסערלעך צו זיין פריי־לעך און נישט ווייזן זיין פּרוי, אַז עפּעס דריקט אים אויפן האַרצן. אויף איר פראַגע, ווען ער האָט בדעה צו פאָרן קיין ווישעגראַד, האָט ער דאָס אָפּגעפּטרט מיט אַ תּירוץ, אַז דערווייל איז ער פאַרנומען און מיטן איבערשטנס הילף וועט ער דאָס טאָן די צווייטע וואָך.

דער אַרענדאַר האָט פאַרטראַכט אַ פּלאַן, אַוועקצופירן מרימען צו זיינעם אַ קרוב אין לובלינער געגנט. אַזאַ נסיעה דאַרף דויערן מינדסטן אַ וואָך צייט, דעריבער האָט ער באַשלאָסן פריער דערלידיקן עטלעכע דרינגענ־דיקע ענינים אויפן אָרט פאַרן שרה אידער יענער קומט צוריק פון זיין רייזע.

מרים, הערנדיק אַז די רייזע קיין ווישעגראַר איז דערווייל אָפּגעלייגט געוואָרן, האָט מיטאַמאָל זיך דערפילט ווי אַ פויגל אַרויסגעלאָזט פון דער שטייג. זי איז געוועזן מער אויפגעלייגט און געגעסן מיט מער אַפּעטיט. אין אַזאַ שטימונג איז זי צוויי טעג שפּעטער אַוועק צו אירענאַן. זי האָט די יונגע פּריצהטע געטראָפן אַליין אין איר צימער. און ווען זי האָט דערזען מרימען, איז זי איר ממש אַרויפגעפאַלן אויפן האַלדז און מיט פרייד אויסגערופן:

— מ׳קאָן דאָ פּשוט אויסגיין פון לאַנגווייליקייט... און אין דרויסן מאַ שערי, איז דאָך אַזאַ פרעכטיקער טאָג!

— און ווו איז מאַדאַם דעבואַר? — האָט מרים א ביסל פאַרחידושט געפרעגט.

— אַ, מאַדאַם דעבואַר איז מיט מיין מוטער אין איר בודואַר. זיי שטעלן

צענויף אַ רשימה פון געסט וואָס מ'דאַרף איינלאַדן צו אַן אויפנאַמע לכבוד מיין פאָטערס צוריקקומען.

דער שפּעט יוני נאָכמיטאָג האָט זיך געשטעלט גאָר אַ וואַרעמער מיט אַ לייכט דרום־ווינטל. בײדע מײדלעך האָבן מיט בענקנדיקע אויגן אַרויסגעקוקט צו דער גרינער פּאַלאַנקע.

— וויסטו וואָס, מרים, לאָמיר גיין זיך באָדן אין סטאַוו.

— באָדן?! — האָט מרים אַ דערשטוינטע איבערגעפרעגט.

— אוואַי, מאַ שערי, באָדן... דאָס וואַסער אין סטאַוו אין דער צייט פון יאָר איז אַ מחיה... וואָס, דו האָסט נישט ליב זיך צו באָדן?! — האָט זי קאַפּריזנע איבערגעפרעגט.

מרים איז געווען אין פאַרלעגנהייט. זי האָט זיך געוואַקלט אָנצונעמען איינלאַדונג צו גיין צום סטאַוו, און געטראַכט, אַז אויב אירע עלטערן וועלן זיך וועגן דעם דערוויסן, וועלן זיי איר דאָס שטאַק פאַרוואַרפן. אמת, זי האָט ליב געהאַט זיך צו באָדן און איז געווען אַ נישט־שלעכטע שווימערין. ווען זי איז נאָך געווען גאָר קליין, האָט זי דער טאַטע און דעם ברודערל מיט־גענומען צום טייך. אָבער שוין צווי יאָר ווי זי איז אין וואַסער נישט געווען. זי האָט אַ וויילע נאָכגעטראַכט און נישט געקאָנט ביי זיך באַשליסן, צי זי דאַרף אָפּזאָגן איר חברטע צו באַגלייטן זי צום סטאַוו.

אירענאַ האָט געזען איר קווענקלעניש און שטיפעריש זיך אָפּגערופן:

— אַ־האַ... דו האָסט מורא פאַרן וואַסער, אמת?!

— כ'האָב נישט מורא פאַרן וואַסער — האָט מרים אַ שעמעוודיקע אָפּגעענטפערט.

— נאַר, וואָס דען?! — האָט אירענאַ מיט אַ טאָן פון איראָניע איר איבערגעפרעגט.

— כ'האָב נישט געפרעגט מיינע עלטערן, צי כ'מעג זיך גיין באָדן — האָט מרים אַראָפּלאָזנדיק די אויגן שטיל אַרויסגעפּליסטערט.

— נישט געוווסט, אַז אַזאַ דערוואַקסן און קלוג מיידל דאַרף פרעגן דערלויבעניש צי זי מעג גיין זיך מאָדן אין אַזאַ חמימה... — האָט אירענאַ געצויגן מיט די אַקסלען. — קום, נאַרעלע, — האָט אירענאַ איר דערמו־טיקט... — ס' איז אַזאַ הייסער טאָג און ס'נעמט אַ חשק אַריינצושפּרינגען אין קילן וואַסער. קום מרים, וועסט זיך אַ ביסל אָפּפרישן. ס'איז גוט פאַרן געזונט... איבריקנס, ווער דאַרף וויסן, אַז דו האָסט זיך געבאָדן אין סטאַוו. ווען מיר וועלן צוריקקומען, וועט מאַדאַם דעבואַר זיכער שוין זיין פריי און קאָנען מיט אונדז האָבן די לעקציע...

מרים האָט זיך אַ ביסל פאַרטראַכט און פון אַ זייט געקוקט אויף אירענאַן און קוים באַוויליקט אַ שאָקל צו טאָן מיטן קאָפּ אַז זי איז מסכים, נאָכ־געבנדיק דעם קאַפּריז פון דער יונגער שרהטע, וועלכע זי האָט נישט געוואָלט באַליידיקן.

און זיי זענען אַוועק צום סטאַוו וואָס האָט זיך געפונען אין צווייטן עק פון פּאַלוואַרק.

באַגלייט האָט זיי אַ יינג דינסטמיידל, יאַדוויגאַ, באַלאָדן מיט אַ קאָשיק פּרוכטן און געטראַנק, און אויפן אַקסל פאַרוואָרפן אַ גרויסע קאָלירטע קאָלדרע צו פאַרציען ביי די קוסטעס, נעבן סטאַוו. אירענאַ האָט געטראָגן צוויי האַנטגעשטריקטע האַנטיכער

די זון איז געשטאַנען הויך אין הימל און גליענדיקע זונענשטראַלן האָבן געלעקט זייערע העלדזער און נאַקעטע הענט.

דער דריילינג איז אַרויס פון דער פאַרצוימונג פון פּאַלוואַרק, און געגאַנגען מיטן ברייטן טראַקט־וועג, דערנאָך פאַרקירעוועט אויף אַ שמאָלער סטעזשקע וואָס האָט געפירט צום סטאַוו.

דער אַרום איז געלעגן האַלב־דרימלדיק און די נאָכמיטאָג־זון האָט באַאָטעמט די קאָרן־לאַנגען, וואָס זענען באַשפּרינקלט געווען מיט רויטע מאָן־קעפּלעך ביי די ברעגעס. די קאַנאָפּליע, פּלאַקסנגראָז און אַנדערע אַראָמאַטישע פלאַנצן האָבן אַרויסגעגעבן מחיהדיקע ריחות.

די נאָכמיטאָג־רו איז פון צייט צו צייט איבערגעריסן געוואָרן מיט אַ טרעלן פון אַ פויגל וואָס האָט געמאַכט אַקראָבאַטישע פלי־שטיק הויך איבער זייערע קעפּ.

שמעטערלינגען האָבן געפלאַטערט צווישן די הויכע געוויקסן און זייערע ברוין־געל־רויטע קאָלירן האָבן געמיניעט אין דער זון.

איינצלנע בעריאָזקעס האָבן געוואָרפן אַ שאָטן לענגאויס דער סטעזשקע. פון דער ווייטנס האָבן זיך אַהערגעטראָגן טויבלעכע, האַלב־אָפּגעריסענע אָפּקלאַנגען פון האַמערקלעפּ אין דער פּאַלוואַרק־קוזשניע.

דער סטאַוו, וואָס האָט זיך אויסגעשפּרייט אויף אַ שטח פון פינף מאָרגעס אין דער לענג און עטוואָס שמאָלער אין איר ברייט, איז געלעגן עטוואָס משופּעדיק אַראָפּצו פון דער סטעזשקע.

אונטן האָט זיך געזען אַ זאַמדיקער אַריינריס. דאָס איז געווען דאָס אָרט, ווו דאָס הויזגעזונט פון כראַביע פלעגט זומערצייט זיך קומען באָדן.

דער צווייטער זייט פון סטאַוו איז געווען געדיכט באַוואָקסן מיט הויכן פּליושטש און טאַטראַק. אויפן אויבערפלאַך האָבן זיך לייכט באַוועגט גרויסע גרינע בלאַטשיידן מיט ווייסע וואַסער־ליליעס און געלע קנעפּלעך.

דער וואַסערשפּיגל האָט געהאַט אַ גרינלעך־בורשטינעם אָפּשיין, אָבער דאָס וואַסער איז געווען ריין און דורכזיכטיק.

נעבנטער צום ברעג פון דער אויסגעטרעטענער סטעזשקע זענען גע־וואַקסן געדיכטע קוסטעס, אויף וועלכע דאָס דינסטמיידל האָט צעהאַנגען די קאָלירטע קאָלדרע, ווו די מיידלעך זאָלן זיך קאָנען אויסטאָן.

ווייטער צום צווייטן ברעג, איז דאָס וואַסער געווען טיף און שליימיק מיט פאַרדעכטיקטע קעסלגריבער און אונטערוואַסער־שטראָמען.

פון דער ווייטנס איבערן פליין פון יענער זייט סטאַוו האָבן זיך געזען מטשוטשדיקע פיגורן פון פויערן און פויערטעס, די לייב־אייגענע פון סאַבאַצקיס גיטער, וואָס האָבן געאַרבעט אויף זיינע פעלדער.

דאָס דינסטמיידל האָט נאָכן פאַרציען די קאָלדרע צווישן צוויי קוסטעס, געבליבן שטיין אויף שמירה און פון אַלע זייטן זיך אַרומגעקוקט, צי אַ פרעמד אויג קוקט זיי נישט נאָך.

אירענאַ האָט געשיקט אַראָפּגעצויגן פון זיך דאָס לייכטע זומער־קליידל און די זייד־געזוימטע אונטערוועש און געבליבן שטיין מוטער־נאַקעט. איר מילך־ווייסע הויט ווי פאַרצעלי האָט אויסגעטיילט אירע געטאָקטע יונגע גלידער און עטוואָס ברייטע היפטן און לידקעס.

— וואָס שטייסטו אַזוי פאַרטראַכט ?! — האָט זי שטיפעריש מיט אַ קלינגענדיק געלעכטערל זיך אָפּגערופן צו מרימען, וואָס האָט מיט פאַר־דאַכט זיך אַרומגעקוקט אין אַלע זייטן, צי עמיץ קוקט נישט אונטער פון צווישן די ביימער.

אירענא האָט באַמערקט יענערס קווענקעלניש און מיט אַן אויטאָראַ־טיווער שטימע אויסגערופן :

— נאַרעלע. קיינער איז דאָרט נישטאָ און וועט נישט וואגן דאָ אַהער־קומען. טו זיך שוין אויס, מרים, אום גאָטעס ווילן !...

מרים האָט פּאַמעלעך, צניעותדיק געגומען אַראָפּציען איבערן קאָפּ דאָס לייכטע זומערקלידל, אירע פינגער האָבן דערביי געציטערט, ווי זי וואָלט געפילט, אַז זי באַגייט אַ גרויס פאַרברעכן. נאָכן אויסטאָן דאָס קליידל איז זי געבליבן שטיין אין דער אונטערוועש אַ נישטדעצידירטע. און צום סוף אַ זאָג געטאָן :

— כ׳וועל זיך באָדן אין מיין האַלקע.

— נאַרעלע ! — האָט אירענאַ זיך הויך צעלאַכט. — פאַר וועמען שעמסטו זיך ? פאַר מיר אָדער פאַרן דינסטמיידל אָדער פאַר די פייגל וואָס טרעלן איבערן קאָפּ ?! — כאַ־כאַ — האָט זי שעלמיש זיך ווידער צעלאַכט.

דאָס שעלמישע געלעכטער פון אירענאן האָט איר אינגאַנצן אַנט־וואָפנט און מרים האָט מיט דער רעכטער האַנט אַראָפּגעצויגן פון זיך די האַלקע און מיט דער אַנדערער פאַרשטעלט דעם שעם־אָרט. צווישן די שענק־לען און געבליבן שטיין אומבאַוועגלעך אַזוי ווי אַן אויסגעהאַמערטער פסל.

— אָ, מאָ שער, מרים, ווו זעט סי בעל ! — האָט מיט אַנטציקונג אויס־געראופן אירענאַ.

מרים האָט פאַרשעמט אַראָפּגעלאָזט אירע לאַנגע וויעס. איר געשטאַלטנע גאָלד־הויטיקע פיגור, ווי אויסגעהאַמערט פון מאַרמאָר־שטיין, האָט זיך בולט אויסגעטיילט אויפן פאָן פון גרינעם לאַנדשאַפט און וואַסערשפיל פון סטאַוו.

אירע יונגע, אַרויסשפּראָצדיקע ברוסטלעך האָבן פאַרמיק זיך אויסגע־טיילט פון דער טאָרסאָ, און אירע רימישע ליניעס פון די פיס־שענקלען.

דער דעליקאַטער איינשניט פון די היפטן און אונטערשטן טייל קערפּער האָבן זיך גערעגלט מיט זייער גראַציעזקייט.

ביידע מיידלעך האָבן באַטראַכט איינע דער אַנדערעס בתולהשע נאַקעטקייט.

— מאַ שערי, דו זעסט אויס ווי אַפּראָדיטע! — האָט מיט התפעלות אין טאָן אירענאַ זי ווייטער באַוווּנדערט. — אַ שאָד... אַ שאָד, וואָס דו ביסט נישט... און נישט פאַרענדיקט דעם זאַץ. זי האָט זיך דערביי איינגעבויגן אויפן געלן זאַמד־איינריס פון סטאַוו און מיט דער פלאַך פון האַנט באַ־שפּרינקלט איר אויבערשטן טייל גוף, פלינק זיך איבערגעצלמט און אַ פלוך געטאָן אין וואַסער אַריין.

מרים האָט עטוואָס אַ צעטומלטע איר נאָכגעשריגן:

— וואָס האָסטו געזאָגט אירענאַ? ! וואָס איז אַ שאָד? !...

אָבער אירענאַ האָט שפּרייטנדיק אירע הענט איבערן וואַסער, ווייטער געשווומען און נישט געענטפערט אויף מרימס פראַגע. אַ צוויי צענדליק איילן פון ברעג האָט זיך אירענאַ פלוצלינג אָפּגעשטעלט און פאַרזיכטיק דערטאַפּט מיט די פיס דעם גרונט. דאָס וואַסער האָט איר געגרייכט ביזן האַלדז. און זי האָט אַ פריילעכע אויסגערופן:

— קום, מרימל, קום אַריין אין וואַסער... ס'איז אַ מחיה!...

דערמוטיקט פון אירענאַס ווערטער איז מרים פאַרזיכטיק אַראָפּ צום ברעג־איינריס, אַריינגעשטעקט אַ האַנט אין וואַסער ווי צו מעסטן די טעמ־פּעראַטור און שטיל אין זיך געפּרעפּלט אַ תפילה וואָס זי האָט קליינערהייט געלערנט. זי האָט צעשפּרייט די הענט ווי אַ פויגל צום פלי און ווי אַ פיש זיך ארונטערגעלאָזט אונטערן וואַסער.

נאָכן אָפּשווימען אַ שטיקל מהלך איז זי ארויסגעקומען אויפן אויבער־פלאַך צעשאָקלט דעם נאַסן קאָפּ האָר און אָפּגעכאַפּט דעם אָטעם.

— נישט געוווּסט, אַז דו ביסט אַזאַ גוטע שווימערקע! — האָט אירענאַ צו איר אויסגערופן — כ'האָב געמיינט, אַז דו האָסט מורא פאַרן וואַסער... זאָגנדיק דאָס, האָט זי זיך צעלאַכט.

מרים איז צו איר נענטער צוגעשווומען. דער וואַסער־שפּיגל האָט זיך לייכט געקאַרבט מיט לויפנדיקע וואַסעררינגען און געבראָכן די רעפּ־לעקסן פון די זונענשטראַלן.

ביידע מיידלעך זענען איצט געשווימען איינע נעבן דער אַנדערער און פריילעך געפּלוידערט.

צעשראָקענע קליינע פישלעך מיט זילבערנע רוקנס האָבן אין איילעניש אַוועקגענורקעוועט.

אירענאַ האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ און מיט אַנטציקונג אויסגערופן:

— זע־זשע, מרים, דאָרטן נעבן טאַטראַק... הערלעכע וואַסער־

ליליעס... וואַרט דאָ... — און זי האָט זיך אַ לאָז געטאָן צום צווייטן עק ברעג.

מרים איז געבליבן שטיין אין מיטן פון סטאַוו, ווו ס'וואַסער האָט איר געגרייכט ביז צום אַקסל און באַוווּנדערט דאָס עלאַסטישע שווימען פון דער יונגער שרהטע. אינסטינקטיוו האָט איר אָבער באַהערשט אַ מאָדנע שווער פאָרגעפיל ווי פון אַ דראָענדיקער סכנה, נאָכקוקנדיק, ווי יענע שווימט צום צווייטן ברעג.

מרים האָט אירענאַן לאַנג נאָכגעקוקט און די שטאַרקע זונענשטראַלן האָבן מאָמענטנוויז פאַרבלענדט איר ראיה. זי האָט צוגעלייגט די האַנט־פלאַך צום שטערן פאַר אַ שיינדל און מיט אָנשטרענגונג אהינגעקוקט אין דער ריכטונג ווו אירענאַ איז געשווומען נעבן די געדיכטע וואַסערפלאַנצן.

פון דער ווייטנס האָט זיך געהערט אירענאַס שטימע:

— צווי ליליעס פאַר דער געטין מינערוואַ! — און גענומען צוריק־שווימען אין דער ריכטונג ווו מרים איז געשטאַנען.

מיטאַמאָל איז אירענאַ פאַרשוווּנדן פון דער אויבערפלאַך. זי האָט געקריגן אַ קראַמף אין רעכטן פוס און דער אונטערשטראָם פון אַ קעסלגרוב, נישט ווייט דעם טאַטראַק, האָט איר אַרונטערגעצויגן אונטן. די צווי אָפּגע־ריסענע וואַסער־ליליעס זענען אַרויפגעשווומען פון אויבן און גענומען שווי־מען אין דער פאַרקערטער ריכטונג.

מרים האָט זיך איינגעקוקט אין דעם פונקט, ווו אירענאַ איז פאַר־שוווּנדן און מיט אַ דערשראָקן קול גענומען שרייען אין פראַנצויזיש:

— אירען... אי־ר־ע־ן, או עט ווו?! או עט ווו?!

— ווו ביסטו אירענאַ! — האָט איר פאַרצווייפלטער שטימע אָפּגע־קלונגען איבערן פעלד — אָנשטאָט אַן ענטפער האָט זי מיט שרעק דערזען, ווי אירענאַס קאָפּ קומט אַרויס אויף דער אויבערפלאַך און איין האַנט פאַטשט פאַרצווייפלט דאָס וואַסער, באַגלייט מיט אַ כאָרכלענדיקן אויסגעשריי:

— העלף! העלף!... און ווידער פאַרשוווּנדן, ווי אַ געהיימע האַנט וואָלט איר אַרונטערגעשלעפּט אונטערן וואַסער.

מרים האָט זיך ראַפּטום אַ לאָז געטאָן צו יענעם אָרט, ווו אירענאַ איז פאַרשוווּנדן.

דאָס דינסטמיידל אויפן ברעג האָט זיך צוגעקוקט צו דער געשעעניש און געמיינט אַז די מיידלעך שפּילן זיך אין באַהעלטעלעך אינעם וואַסער. זי האָט געוווּסט אַז די יונגע שרהטע איז אַ גוטע שווימערקע.

מרים האָט צוויי מאָל געגנורטעוועט נעבן קעסלגרוב און לסוף דער־טאַפּט די מיט וואַסער אָנגעזאָפּטענע אירענאַ וואָס איז צום צווייטן מאָל אַרויפגעקומען אויפן אויבערפלאַך. זי האָט מיט קראַמפּהאַפטע פינגער אָנגע־כאַפּט די אומדערפאַרענע מרים פאַר דער האַנט און מיט זיך אַרונטערגע־צויגן אונטערן וואַסער.

ביידע מיידלשע גופים האָבן ראַנגלענדיק זיך צעגויפגעהאַפּטן, איינמאָל אַרויפגעקומען אויפן אויבערפלאַך און אַרונטערגעצויגן געוואָרן פון אונטער־וואַסער שטראָם.

ווען דאָס דינסטמיידל האָט געזען, אַז ביידע מיידלעך זענען פאַר־שוונדן אונטערן וואַסער, האָט זי אַ פאַרצווייפלטע אַרויסגעלאָזט אַ מוראדיקן אויסגעשריי:

—אָלאַ באָגאַ! ראַטעוועט, ראַטעוועט! די קינדער טרינקען זיך! ראַטעוועט!...

איר באַנומען רופן נאָך הילף האָט טויב אָפּגעקלונגען אין פּאַסטאָראַלן אַרום.

און אויפן אָרט, ווו ביידע מיידלעך זענען דערטרונקען געוואָרן, זענען אויפן וואַסערשפּיגל אַרויפגעקומען וואַסערבלעזלעך און דורכגעוועבטע מיט זונענשטראַלן זיך אויסגעמישט מיט די וואַסער־רינגען, וואָס זענען לאַנגזאַם געשווומען צום ברעג פון גרינלעכן סטאַוו און צערונען געוואָרן.

## קאַפּיטל 13

# די פאַרשווערונג

נאָכן טראַגישן טויט פון די צוויי מיידלעך האָט מען זיך אין דער סביבה פון סאָבאָטע דערציילט אָן אַ שיעור מעשיות וועגן דער פּאַסירונג. יעדער האָט אויף זיין שטייגער עפּעס צוגעגעבן און די פּאַסירונג איז אויסגעוואַקסן צו אומבאַשרייבלעכע דימענסיעס.

דאָס יונגע דינסטמיידל, וואָס איז געווען א ראיה לדבר, האָט אין אָנהויב געגעוי געשילדערט ווי די זאַך איז זיך פאַרלאָפן: זי האָט געזען, ווי די מיידלעך האָבן פריילעך געשטיפט אין וואַסער און ווען אירענאַ האָט זיך געטרונקען האָט דאָס יידישע מיידל זיך געוואָרפן איר ראַטעווען און צום סוף אַרונטערגעשלעפּט געוואָרן אונטערן וואַסער...

עטלעכע טעג שפּעטער נאָך דער טראַגישער פּאַסירונג איז דאָס דינסט־מיידל אַריינגעפאַלן אין א מרה שחורה. מ׳האָט פון איר מער קיין וואָרט נישט געקאָנט אַרויסקריגן. אויף אַלע פרעגענישן, האָט זי אויסגעגלאָצט אַ פּאָר מבילבולדיקע אויגן און זיך געריסן די האָר פון קאָפּ אָדער ס׳פּנים באַהאַלטן אין פאַרטוך און געוויינט.

פאַר יעדן איז געווען קלאָר, אַז דאָס יידישע מיידל האָט איינגעשטעלט איר אייגן לעבן אין אַ פאַרמעסט צו ראַטעווער אירענאַן.

נאָך לאַנגע זוכענישן האָבן פויערן מיט לאַנגע גראַבליעס אַפּגעפונען די קערפּערס פוןביידע מיידלעך. זיי זענען געווען צונויפגעפלאָכטן מיט לאַנגע, גליטשיקע וואַסער־פלאַנצן און בלעטער, אַזוי ווי אין שוועסטער־לעכן בונד.

מרימס טויטן קערפּער האָט מען אָפּגעפירט אין הויז פון אַרענדאַר. דאָ האָבן זיך דעם זעלבן טאָג אָפּגעשפּילט האַרץ־רייסנדיקע סצענעס מיט יללות.

אין דער לוויה האָט זיך באַטייליקט ס׳גאַנצע שטעטל. אַלע, קליין און גרויס האָבן באַוויינט איר טראַגישן טויט. לסוף האָט מען איר קובר געווען נישט ווייט אַ יונג ביימל, אויף רעכטס פון בית־עולם.

דאַקעגן מיט דער לוויה פון אירענאַן האָט מען געמוזט וואַרטן אַ וואָך צייט, ווייל דער כראַביע איז געווען פאַררייזט.

אויף צוריקוועגס פון דער קאָנספּיראַטיווער קאָנפערענץ אין טאַר־גאָוויצע, איז ער צוזאַמען מיט נאָך צוויי פּריצים אַוועק קיין לובלין, אַ הוליע טאָן.

דאָס רוב באַטייליקטע אין דער קאָנפערענץ האָבן זיך ממש פאַרכלינעט מיט זייער אויפטוי און נישט פאַרויסגעזען דאָס אומגליק וואָס זיי ברענגען אויף פּוילן.

דער עקאָנאָם מאַריאַנסקי האָט ארויסגעשיקט ספּעציעלע קוריערן אין עטלעכע ריכטונגען פון לאַנד אָפּצוזוכן דעם כראַביע און אים מיטטיילן די טרויעריקע נייעס וועגן זיין טאָכטערס טויט.

לסוף האָט זיך איינעם פון די קוריערן, וואָס האָבן געקאָנט זיינע געוווינהייטן, איינגעגעבן אים אָפּגעפונען אין אַ נישט־ניכטערן מעמד אין לובלין, אין זעלבן אַריינפאָר־הויז, וווּ ער פלעגט געוויינלעך איינשטיין.

די נייעס וועגן זיין טעכטערלס טויט האָט אים אינגאַנצן פריטשמיעלעט און אויסגעניכטערט.

איבער נאַכט איז זיין גלייכע געשטאַלט געוואָרן עטוואָס איינגעבויגן. דער קאָפּ — אַ נעץ מיט ווייסע פעדים און די אויגן אַרומגעצירקלט מיט בלויע רעמען. ווען ער האָט גערעדט האָט די אונטערשטע ליפּ נערוועז געציטערט.

אין אַזאַ דערשלאָגענער שטימונג איז ער אהיימגעפאָרן. אויפן וועג האָט ער צו קיינעם קיין איינציק וואָרט נישט אויסגערעדט.

נאָך דער לוויה איז דער פּאַלאַץ איינגעהילט געווען אין גרויס טרויער. שריפטלעכע מיטגעפיל־אויסדרוקן זענען אָנגעקומען מיט קוריערן פון

פאַרשיידענע טיילן לאַנד נאָכדעם ווי אין וואָכנזשורנאַל „גאַזעטאַ וואַר־שאַווסקאַ" איז אָפּגעדרוקט געווען אַ נעקראָלאָג.

דער טרויער האָט זיך אָנגעזען אין אַלע ווינקעלעך פון פּאַלאַץ. דער גרויסער פיל־פענצטערדיקער בנין, וואָס איז תמיד אָוונטצייט העל באַ־לויכטן געווען, איז איצט איינגעהילט געווען אין האַלב־פינצטערניש.

די שטוב־מענטשן זענען אַרומגעגאַנגען אויף די שפּיץ־נעגל. מ'האָט פון זיי נישט געהערט קיין איבריקן שאָרך אָדער אַ הויכע שטימע.

די כראַבינע איז אַריינגעפאַלן אין אַ טיפער מרה־שחורה. זי האָט נישט איבערגעטראָטן די שוועל פון איר בודואַר.

די שטוביקע האָבן צווישן זיך געשעפּטשעט, אַז זי זיצט אַ פּאַרגליווער־טע שעהנלאַנג ביים בילד פון דער 'הייליקער מוטער' און פּרעפּלט תפילות. געווען טעג ווען זי האָט בכלל נישט דערקענט די שטוביקע מענטשן און גאָרנישט געוואָלט טועם זיין פון עסן, וואָס מ'האָט איר אַריינגעטראָגן אין צימער.

דער כראַביע האָט געשיקט נאָך אַ באַוווסטן רופא אין וואַרשע. יענער איז געקומען מיט אַ ספּעציעלער קאַטש, אָבער נאָכן אָפּזיין עטלעכע טעג און שמועסן מיטן כראַביע אונטער פּאַרמאַכטע טירן איז ער צוריק אָפּגע־פאָרן אין דער הויפּשטאָט. פאַרן אָפּפאָרן האָט ער די שטוביקע אָנגעזאָגט, אַז די קראַנקע דאַרף פולשטענדיקע רו און מ'זאָל אויסמיידן יעדן גערויש, וואָס קאָן אויפרודערן אירע נערוון.

מאַדאַם דעבואַר איז אַרומגעגאַנגען אַ צערודערטע. פון טאָג צו טאָג איז זי געוואָרן דינער. דער גלאַנץ אין אירע שיינע, שוואַרצע אויגן איז מיט איינמאָל מאַט געוואָרן, ווי אויסגעלאָשן. איר לענגלעך מאַט פּנים איז כסדר געווען פאַרטריבט.

די גוווערנאַנטקע האָבן געפּייניקט געוויסנביסן. זי האָט שטילערהייט אויף זיך גענומען די שולד פאַרן אומגליק.

ביינאַכט אויפן געלעגער איז זי שעהנלאַנג געלעגן מיט אָפענע אויגן און נאָכגעטראַכט די קלענסטע פּרטים זינט דער ערשטער באַגעגעניש מיטן יידישן מיידל; שפּעטער דעם וויכוח מיט דער כראַבינע זי זאָל געבן איר הסכמה צו ברענגען דאָס מיידל אין פּאַלאַץ אריין; דאַן די אָנגענעמע און געמיטלעכע טעג וואָס אַלע דריי האָבן געהאַט צוזאַמען. נישט איינמאָל האָט איר אַ ברי געטאָן אַ מחשבה: וואָלט איך איר דאָ נישט אַריינגעבראַכט אין הויז, וואָלט אפשר צו דעם אומגליק נישט געקומען.

קיין שום טרייסטווערטער מצד די שטובמענטשן האָבן נישט געקאָנט לינדערן איר שווער האַרץ און זי צוריקברענגען צו דערווירקלעכקייט.

אין מינוטן פון ענלעכע זעעלישע אויפרודערונגען האָט זי געזען איר באַשערטקייט, ווי דער גורל וואָלט זי כסדר פאַרפאָלגט.

מאַדאַם דעבואַר איז איצט אָפט געגאַנגען אויפן צווינטער צום קבר פון אירענאַ. אויף צוריקוועגס איז זי צוגעפאָרן צום יידישן בית עולם און געלייגט בלומען אויף מרים׳ס קבר. און יעדעס מאָל, בעת אַזאַ באַזוך, איז זי לאַנג געשטאַנען אַ פאַרווירטעביים מיידלס קבר און אין געדאַנק זיך אויס־געטענהט מיט איר און ביי איר געבעטן מחילה.

ווען זי האָט אויפגעהויבן די פאַרטרערטע אויגן האָט זי אַ פאַרגאַפטע געקוקט אויף די אַלטע מצבות. די אותיות אויף זיי האָבן איר דערמאָנט דעם זיידנס ספר. און מיטאַמאָל האָבן די אותיות ווי פייער־רינגען געטאַנצט פאַר אירע אויגן.

מיט אַ פאַרקלעמט האַרץ האָט זי געקוקט אויפן בערגל ערד אונטער וועלכן עס ליגט די יונגע מרים. אין ענלעכע אַנגסטפולע מינוטן, האָט זי איינמאָל ביי זיך באַשלאָסן, אַז זי מוז זיך אומקערן קיין פראַנקרייך און צוריק־קומען צו איר ריכטיקן שטאַם. דאָס האָט זי באַשלאָסן וועט זיין אַ פאַרגי־טיקונג פאַרן אומגליק.

די יידן אין שטעטל האָבן זיך דערציילט אויסטערלישע מעשיות וועגן דער דאַמע אין שוואַרצן וואָס קוקט אויפן בית־עולם און לייגט דאָרט בלומען אויפן קבר פון ידישן מיידל, אַ זאַך וואָס איז דבר־אסור. אָבער קיינער האָט איר נישט געשטערט דאָס צו טאָן, ווייל דער רב האָט אָנגעזאָגט, אַז מ׳טאָר איר נישט מצער־זיין, ווייל לויט איר האַנדלונג איז זי א גילגול פון אַ פאַרבלאָנדזשעטער יידישער נשמה.

✶

אַ קורצע צייט נאָך שבעה, איז לייבקע אַוועק פון שטעטל און אויפ־געגעבן זיין אַרענדאַרשאַפט.

ער האָט מער נישט געוואָלט נאָענט זיין דעם סטאַוו וואָס האָט אומ־ברחמנותדיק פאַרשלונגען זיין בת־יחידה.

דער כראַביע איז אין דער צייט פון טרויער־שטאַנד געוואָרן ווייכער און צוגעלאָזענער. ער האָט דעם ייד בכלל נישט געמאַכט קיין שוועריקייטן אַוועקצופאָרן און איבערריסן דעם קאָנטראַקט. פאַרקערט, ער האָט אויף אים רחמנות געהאַט, ווייל זיין טאָכטער האָט איינגעשטעלט איר לעבן צו ראַטעווען זיין אירענאַ.

דער אומגליק האָט זיי ביידע געטראָפן אין דער זעלבער מאָס. אין דעם מאָמענט פון אינערלעכער אויפטרייסלונג האָט ער געפרווט אונטער־דריקן אין זיך זיין פריצישן שטאָלץ און העכערקייט. אמת, מיט אַ צייט פרירער האָט ער געהאַט זיינע פלענער פאַר דער יידישער שיינקייט, אָבער אין זיינע איצטיקע עצבות האָט ער מיט איינמאָל געפילט, אַז אַלץ איז טפלדיק.

ס'האָט אים אויך אַ פּיק געטאָן אין מח אַ בריענדיקע מחשבה: — און אפשר איז עס אַ שטראָף פון גאָט קעגן וועלכן כ'בין ווידערשפּעניק?!
און האָט שווער אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ אויפן ברוסט.

✶

קלעמענט יאַשונסקי, דער וויקאַר פון זדוני, האָט אין זיין דורכגע־טריבנקייט ניכטער פּלאַנירט זיין אינטריגע.

אין דער צייט פון טרויערשטאַנד אין פּאַלאַץ, איז ער אָפטער געקומען צו די סאַבאָצקיס. אין אָנהויב מיט דער כוונה זיי צו טרייסטן. זיין געניט אויג פאַר מענטשלעכער אָפּהענטיקייט, בפרט אין אַן עת צרה, ווען מענטשן זענען מאָראַליש צעבראָכן, האָט אים שנעל אונטערגעזאָגט, אַז אויסער ליג־דערן זייער צער מיט פּסוקים פון דער עוואַנגעליע, האָט ער אויך אַ געלעגנ־הייט אויסצופירן זיין אַמביציעזן פּלאַן.

די דאָזיקע אָנרעגונג האָט איינמאָל אויפגעבליצט מיט בולטער שאַרפ־קייט ווען ער איז ס'לעצטע מאָל געווען אין דער קאַפּליצע וואָס דער געבוי האָט געהאַלטן ביים פאַרענדיקן ווערן. ער האָט געוואָלט געזען די ענדערונג וואָס איז פאָרגעקומען אין שטאַלצן און תקיפותדיקן קרוב זיינעם. איצט, אונ־טערן בראָך פון זיין טאָכטערס טויט, איז ער געוואָרן עטוואָס ווייכער און נאָכגיביקער און מ'דאַרף די דאָזיקע געלעגנהייט אויסנוצן.

ער איז אויך גראָד אָנגעוועזנד געווען בעת דער רירנדיקער אָפּשייד־סצענע מיט אירענאַס גוווערנאַנטקע. דער כראַביע האָט אייגנוויליק איר באַפרייט פון פינף־יאָריקן קאָנטראַקט. ס'האָט בכלל נישט קיין זין געהאַט איר מער דאָ צו האַלטן. נאָכן טויט פון דער טאָכטער, איז נישט געווען מער וועמען צו לערנען פראַנצויזיש און סאַלאָן־מאַנירן. דער כראַביע האָט איר אויסגעצאָלט אַ גרעסערע סומע געלט זי זאָל קאָנען אומגעשטערט באַלד אָפּפאָרן מיט אַ פּאָסט־קאָטש קיין פּאַריז.

מיט איר אָוועקפאָרן, איז געוואָרן נאָך מער פּוסטער אין גרויסן הויז.

נאָך איר אָוועקפאָרן, האָט דער וויקאַר אָנגעהויבן נאָכטראַכטן איבער זאַכן וואָס ער האָט פריער נישט באַמערקט. די גוווערנאַנטקע איז איצט דער־שינען פאַר אים ווי אַ זיער געהיימנישפולע פּערזאָן. ער האָט זיך געמאַכט פאָרוואורפן, פאַרוואָס ער האָט דאָס פריער נישט באַמערקט און נישט געשטעלט די פראַנצויזין פאַר אַן עקזאַמען פון קאַטעכיזם.

איצט, נאָך איר אָפּפאָר, האָט ער זיך דערמאָנט, אַז ער האָט פּאַקטיש קיינמאָל נישט געזען זי טראָגן אַ קרוציפיקס. זעלטן ווען אין אַ געשפּרעך האָט זי אַרויסגעבראַכט דעם נאָמען פון דערלייזער.

נאָכמער: ווי ער ווייסט, איז זי קיינמאָל נישט געגאַנגען צו קאָנפעסיע צום וויקאַר אין סאַבאָטע, אַזוי ווי אַלע גלויביקע קריסטן. זי איז שטענדיק

געגאַנגען אין שוואַרצן געקליידט, און דערשינען מיסטעריעז און פרעמדלעך. אין אָנהויב, האָט ער די אַנדערשקייט צוגעשריבן דעם פאַקט וואָס זי קומט פון אַ פרעמדער קולטור און סביבה און איז וואַרשיינלעך באַאיינפלוסט פון סאַלאָן־לעבן, וואָס ווייכט אָפּ פון רעליגיע ווי דאָס רוב פון דער אַריסטאָקראַטיע.

אָבער איצט, נאָך איר אָפּפאָרן, האָט אים שאָקירט דער געדאַנק וואָס, ווען זי האָט גענומען אָפּשייד, האָט ער איר געבענטשט אויף דער רייזע און געמאַכט א צלם. אָבער זי האָט מיט גאָרנישט רעאַגירט אויף זיין פריסט־לעכער באַוועגונג ווי עס טוען געוויינלעך די קריסטן.

דער וויקאר האָט איצט לאַנג, לאַנג נאָכגעטראַכט איבער דעם עפּיזאָד. מיטאַמאָל, האָט עס אים אַ שטאָך געטאָן אין שאַרבן: נישט אַנדערש, אַז די רעטזעלהאַפטע פרוי איז געווען אַ פּראָטעסטאַנטין און אפשר איינע פון דער פאַרשאָלטענער ראַסע... אַ געהיימע יידישקע און צו זיך געטענהט:

— יאָ, מיין זאקריסטער מארקאלי איז גערעכט. נאָר מיט פייער און שווערד, קאָן מען אָנלערנען די נישטגלויביקע, זיי זאָלן דרך־ארץ האָבן פאר דער לערע פון דער קירך.

דער דאָזיקער געדאַנק האָט אים נאָכמער אָנגערעגט צוצואיילן זיין פּראָיעקט.

איצט, האָט ער מיט מער אינטענסיוויקייט נאָכשפּיאָנירט דעם כראַביע און געזוכט אַ פּאַסיקע געלעגנהייט אים אַריינצונעמען אין זיין נעץ. ער האָט אים שעהנלאַנג אָבסערווירט, אָפּוואַרטנדיק אַ מאָמענט, ווען ער וועט קאָנען ארויסקומען מיט זיין פּלאָן.

איינמאָל נאָכמיטאָג, האָט ער אַ לאַנגע צייט געזען ווי דער כראַביע זיצט אַ שווייגנדיקער אין זיין טיפגעבעטן פאָטעל, פאַרגאַרטלט אין אַ גאָלד־געשטריקטן טוזשורעק. זיינע עטוואָס איינגעפאַלענע באַקן האָבן זיך שאַרף אויסגעטיילט אין דער נאָכמיטאָג־ליכט. אָבסערווירנדיק זיין פּראָפיל האָט ער געזען ווי יענעמס קינבאַקן צוקן, ווי ער וואָלט געפירט מיט זיך אַ שטרייט.

און דער קלעריקער האָט זיך געטראַכט:

— איצט, ווען ער פּלאָגט זיך, איז די פּאַסיקע געלעגנהייט אים צוריק צו באַקערן צו דער קירך.

אָבער אַ טאָג שפּעטער איז אומדערוואַרטעט געקומען צו א שטורעם. דער ביזאיצט שטילער און דערשלאָגענער סאָבאָצקי האָט אויפגעברויזט ווי אין די אַלטע צייטן. דאָס איז געשען ווען ער האָט זיך דערוווסט פון עקאָנאָם, אַז מ'האָט זיין 'דערצויגלינג', יאַראָס געפּאַקט מיט מאַלגאָזשאַטאַ. ער זאָל איר האָבן פאַרשלעפּט און באַצווונגען. די דאָזיקע נייעס האָט אים אַרויסגעפירט פון די כלים. ער האָט נישט געקאָנט הערשן איבער זיך. און ער האָט זיך געמאַכט פאַרוואָרפן, פאַרוואָס ער האָט דעם יונג נישט צוריק־

געשיקט קיין וואַלין, ווי ער האָט דאָס בדעה געהאַט צו טאָן מיט א צייט צוריק.

איצט האָט ער ביי זיך אָפּגעמאַכט, אַז ער מוז דעם יונג אַנלערנען פּאַר זיין אויסגעלאַסנקייט. אינדעראמתן, האָט אים נישט אַזוי געאַרט זיינע עסקים מיט די מיידלעך ווי זיין בונטעווען די פּויערן. און איצט איז אַ פּאַסיקע געלעגנהייט אים צו באַשטראָפן.

דער וויקאַר איז יענעם אינדערפרי אַנוועזנד געווען ווען דער כראַביע האָט געשיקט נאָכן עקאָנאָם און באַפוילן צונויפצורופן די לייבאייגענע, זיי זאָלן בייזיין דאָס אויספירן די שטראָף איבערן יונג.

דער פּסק־דין איז געווען דרייסיק שמיץ מיטן ראַפּניק אויפן נאַקעטן לייב, דערנאָך זאָל דער יונג אַריינגעוואָרפן ווערן אין לאָך, אין געפענגעניש אויף ברויט און וואַסער.

דער וויקאַר האָט אויף דעם פּסק־דין נישט רעאַגירט, ווי ער האָט די טבע געהאַט צו האַנדלען אין ענלעכע פאַלן, אַנצונעמען זיך פאַר יוצא־וועגן פאַר אַ לייבאייגענעם — דאָך אַ קריסטלעכע נשמה. ער האָט שטענדיק געפּרוווט אַפּעלירן, דער כראַביע זאָל פאַרקלענערן כאָטשבי די שטראָף.

אין יאַראָס פאַל האָט ער געשוויגן און אַריינגעשמייכלט אין זיך. זיין רונדיק, פעט פּנים האָט אויסגעדריקט לויטער צופרידנקייט, ווייל די זאַך האָט דירעקט אַנגערירט אים פּערזענלעך און זיין מיידל מאַלגאָזשאַטאַ.

אין קאָפּ ביי אים, האָט זיך אַלץ געמישט. ער האָט ביי זיך געטראַכט: דאָס פאַרשמייסן דעם יונג איז אַ יושרדיקע זאַך.

ער האָט דאָס דעם כראַביע נישט געקאָנט זאָגן. דער לעצטער האָט גוט באַ־מערקט זיין אויפפירונג, בכלל זיין שוויגן. טראָץ דעם, וואָס ער איז אַליין געווען מאַראַליש צעבראָכן, האָט ער גוט פאַרשטאַנען דעם וויקאַר. ער האָט אים שוין לאַנג חושד־געווען אין האָבן נאָענטע באַציאונגען מיטן קאַמער־מיידל.

דער וויקאַר איז איצט געשטאַנען נאָענט דעם פענצטער, מיט ציטער־דיקע פינגער געטאַפּט דעם קרוציפיקס אויף דער סוטאַנע און געפּרעפּלט אַ תפילה, נאָכזאָגנדיק די ווערטער פון הייליקן לוקאַס:

...„משפט נישט און וועסט נישט געמשפט ווערן... פאַראורטייל נישט און וועסט נישט פאַראורטיילט ווערן... פאַרגיב און וועסט פאַרגעבן ווערן״...

נאָכן אָפּזאָגן די תפילה, האָט ער געפילט אַ דערלייכטערונג. זיין בליק האָט געוואַנדערט איבערן גרויסן פּלאַץ אינדרויסן ווי דערוואַרטנדיק צו זען די געשטאַלט פון מיידל. אָבער זי האָט זיך נישט געוויזן ווי זי פלעגט דאָס טאָן אין דער פאַרגאַנגענהייט. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז נאָך דער פּאַסירונג מיט יאַראָסן, שעמט זי זיך צו ווייזן. ער האָט געהאָפט, אַז ביינאַכט וועט

זי ווידער קומען אויף זיין געלעגער. און ס׳בלוט האָט ראַשיקער אָנגעהויבן פּלייצן אין זיינע שליפן.

ער האָט זיך ראַפּטום אויסגעדרייט פון פענצטער און געהערט די לעצטע אינסטרוקציעס וואָס דער כראַביע האָט געגעבן צו באַשטראָפן יאַראָסן. און אין קאָפּ געזוכט אַ פּאַסיקן פּסוק פאַר דער געלעגנהייט ריינצוואַשן זיין געוויסן און זיך דערמאָנט אין אַפּאָסטאָל פּאולס ווערטער:

...„יעדער הויכער פּריסט איז אויסגעוויילט פון צווישן מענטשן און באַויפטראַגט אין זאַכן וואָס זענען פאַרבונדן מיט גאָט...״

אין דער זעלבער צייט האָט ער נישט געקאָנט דערשטיקן אין זיך דאָס געפיל פון נקמה, וואָס ער האָט אינעם יונג וואָס ווערט פון היינט אָן פּוילן אין פינצטערן געפענגעניש און וועט מער נישט זיין קיין שטער אין זיינע באַציאונגען מיטן קאַמערמיידל.

אָבסערווירנדיק די האַנדלונגען פון סאָבאַצקין, האָט זיך דעם וויקאַר אויסגעדוכטן, אַז ער ווערט רעליגיעזער געשטימט.

אינדערעמתן, זענען דאָס געווען בלויז פאַרבייגייענדיקע שטימונגען אין דער צייט פון טרויער. אָן אַנדערש מאָל האָט ער געזען ווי דער כראַביע איז בכלל אויסגעטאָן פון עצבות, איז שטרענג און באַפעלעריש. אַ צווייטן טאָג איז דאָס פאַרקערטע — ער איז צוגעלאָזן און פריינדלעך.

די דאָזיקע קאַפּריזן האָבן דעם קלעריקער אַרויסגעפירט פון די כלים, ווייל ער האָט געפילט, אַז זיין כלי־זיין גליטשט זיך אַרויס פון צווישן זיינע פינגער.

ס׳האָט אים געגעסן אַ פאַרדראָס וואָס ער האָט נישט געקאָנט טויפן דאָס יידישע מיידל. אין זיין ווייזיע האָט ער זיך געהאַט אויסגעמאָלן די אויסערגעוויינלעכע צערעמאָניע ביים פייערלעכן דערעפענען די קאַפּליצע אין דער אָנוועזנהייט פון בישאָף, קירכלעכע דיגניטאַרן און הויכגעשטעלטע געסט, און דעם סורפּריז, וואָס ער האָט פאַר זיי צוגעגרייט — אַ טויפונגס־צערעמאָניע פון אַ יידיש מיידל. און מיטאַמאָל איז אַלץ צערונען ווי אַ זייפן־בלאָז.

שטילערהייט האָט ער געהאַט טענות צו גאָט פאַר דער עוולה וואָס ער האָט געליטן. ער האָט פרום געהויבן די אויגן צום הימל און זיך פאַרענטפערט:

— גאָט, זאָלן די מלאכים לויבן דיין נאָמען, ווייל דער מענטש איז לעולם א שוטה... טיפּשות און זינד זענען אַ טייל פונעם שפּיל... כ׳בעט ביי דיר פאַרגעבונג פאַר מיינע שוואַכקייטן... גאָט, דו ווייסט בעסער, אַז איך בין אַ געטרייער דינער פון דער קירך און טו אַלץ אין דיין נאָמען, דיין זונס נאָמען און פון דעם הייליקן גייסט!

בעת אזעלכע פרומע האַרץ־אויסגוסן פלעגט ער לאַנג קניען פאַר דעם

בילד פון דער „הייליקער מוטער" און נאָך אַ טיפער מעדיטאַציע בעטן פאַרגעבונג.

איינמאָל בעת אַזאַ מעדיטאַציע האָט ביי אים אויפגעבליצט דער איינפאַל, וואָס קען אים געבן אַ פאַרגיטיקונג פאַרן פאַרלוסט וואָס ער האָט געהאַט מיטן נישט קענען טויפן מרים'ען און ער איז זיכער, אַז זיין אויפטו וועט אויפרודערן ס'גאַנצע לאַנד און זיין נאָמען וועט פאַראייביקט ווערן אין די כראָניקעס פון דער קירך.

דערווייל האָט ער באַשלאָסן שוויגן און וואַרטן אויף דעם מאָמענט ווען ער וועט קאָנען די זאַך בשלימותדיק אַדורכפירן. ער איז געווען זיכער, אַז זיין נישט אַריינמישן זיך אין יאַראָס באַשטראָפן, האָט נושא חן געווען ביים כראַביע און ער וועט אויף להבא האָבן צו אים מער צוטרוי. ער האָט דערפאַר דערוואַרט, אַז דער כראַביע וועט זיך צוהערן צו זיין עצה אויף וואָס פאַראַ אופן צו דעקאָרירן די קאַפּליצע.

✶

איינמאָל האָט דער כראַביע זיצנדיק אין זיין פאָטעל, זיך אויפגעכאַפּט פון אַ לייכטן נאָכמיטאָג־דרימל. ער האָט דערביי אַ שאַר געטאָן מיט ביידע הענט ווי ווערלנדיק זיך באַפרייען פון עפּעס וואָס האָט אים פאַרפאַלגט. בעת דער באַוועגונג האָט ער שיעור נישט איבערגעדרייט די קאַראַפקע מיט וויין און די גלעזלעך וואָס זענען געשטאַנען אויפן רונדיקן טישל פון זיין רעכטער האַנט.

ער האָט ברייט צועפנט די אויגן, זיי אַ רייב געטאָן און זעענדיק זיצן קעגנאיבער זיך דעם וויקאַר, אַ שמייכל געטאָן.

דער בלאַסער שמייכל אין זיין איינגעפאַלן פּנים האָט זיך באַלד געענדערט אין אַ זויערער גרימאַסע.

— אָ, נישט געוווּסט אַז דו זיצט דאָ. געזאָגט אוודאי פּסאַלמס פאַר מיין געזונט ? ! אמת ? !

דער קלעריקער האָט נישט געוווּסט, צי דער כראַביע מיינט עס ערנסט אָדער ער שפּאַסט פון אים, און הכנעהדיק געזאָגט :

— איר האָט אַ לענגערע ווייַלע געדרימלט, מיין גנעדיקער קוזין. — מיט דעם זאָג אויסן געוואָלט צו דערמאָנען דעם כראַביע, אַז ער איז זיינער אַ לייבלעכער קרוב.

— יאָ, געדרימלט . . . און געווען אין אַ נישט רעאַלער וועלט . . .

— אַזוי געשעט שטענדיק מיט חלומות וואָס זענען נישט אויף דער וואָר . . .

דער כראַביע האָט אָנגעקוקט דעם קלעריקער און אויפגעכאַפּט אַ רמז

פאַר קריטיקירן אים, אַז ער איז נישט קיין פּראַקטישער מענטש און זעט שטענדיק אַלץ דורך די ברילן פון דער קירך.

— ניין, ניין, ליבער קלעמענט. כ'מיין עס זייער ערנסט. כ'קום וואָס צוריק פון אַ נישט־רעאַלער וועלט... און וועסט נישט טרעפן וועמען כ'האָב געזען אין דעם חלום... מיין טעכטערל אירענא... כ'האָב איר געזען ליגן אַ שלאָפנדיקע אין דער טרומנע, אָנגעטאָן אין ווייסן קלייד, די בלאָנדע האָר פאַרקעמט און באַצירט מיט בלומען... כ'זאָג דיר, קלעמענט, זי האָט אויסגעזען ווי אַ שלאָפנדיקער מלאך... אַ שלאָפנדיקער מלאך... אָ, מיין אָרים קינד!... גאָט, פאַרוואָס האָסטו מיך אַזוי באַשטראָפט?! — האָט ער שטאַמלענדיק אַרויסגעפּליסטערט די ווערטער און דעם קאָפּ אַריינגע־נומען אין די הענט.

דער קלעריקער האָט זיך צו אים איינגעבויגן, אַרויפגעלייגט אַ האַנט אויף דעם צוקנדיקן אַקסל און אים געטרייסט:

— אָ, ניין... דערבאַרעם זיך טייערער קוזין... האָב גלויבן אין די מעשים פון גאָט... גלאָריע צו יעזוס קריסט! דערמאָן זיך אין דיין פּיין אין דער ביבלישער געשטאַלט איוב. ווען דער שליח האָט אים אָנגעזאָגט וועגן זיין גרויסן פאַרלוסט, איז ער אויפגעשטאַנען, צעריסן זיין מאַנטל און געזאָגט: — גאָט האָט געגעבן און גאָט האָט צוגענומען... געלויבט זאָל זיין זיין נאָמען!...

דער כראַביע האָט שטאַר געקוקט אויפן וויקאַר, אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ און געשוויגן.

זיינע מוילווינקלען האָבן זיך אויסגעקרומט אין אַ גרימאַסע.

צומאַרגנס איז געווען אַ זוניקער און גאַר וואַרעמער טאָג. ביידע האָבן שפּאַצירט אין גאָרטן. די פרישע לופט האָט גוט געווירקט אויפן כראַביע. ער האָט אויסגעזען מונטערער און אין אַ בעסערן מצב־רוח ווי דעם פריער־דיקן טאָג.

שפּאַצירנדיק אַזוי האָט ער גערעדט וועגן דערווירטשאַפט, פערד־שטאַלן און פאָלוואַרק, וואָס איז לעצטנס אביסל אָפּגעלאָזט געוואָרן נאָכן טויט פון זיין אירענא און ער האָט בדעה אַלץ צוריקצושטעלן אויף די פיס ווי אַמאָל.

אויפן וועג האָבן זיי אָפּגעטרעטן אין דער קאַפּליצע וואָס איז שוין כמעט געווען פאַרענדיקט. די מויערער האָבן שוין געהאַט פונאַנדערגענומען אַ טייל רושטאָוואַניעס. דאָס און דאָרט האָבן זיך געוואַלגערט ציגל און שטיי־נער, בעלקעס און אַנדער בוי־מאַטעריאַל.

דער גייסטלעכער האָט חניפהדיק געמאַכט קאָמפּלימענטן דעם כראַביע:

— פּרעכטיק, גאָר א שיינער בנין. איר האָט דאָ אריינגעלייגט זייער אַ סך מי און געלט. מיין גנעדיקער קוזין. די אַרכיטעקטור פון דער קאַפּליצע

איז גרויסאַרטיק מיט אַ סך געשמאַק אויסגעאַרמירט. דאָס געבעט־הויז האָט זיך נישט צו פאַרשעמען פאַר דער גרעסטער געמיינדע — האָט ער אומ־אויפהערלעך געלויבט סאַבאַצקין.

— אזוי מיינסטו, ליבער קלעמענט? געפעלט דיר טאַקע מיין פּראָיעקט?

— עס געפעלט מיר זייער. מער ווי כ׳האָב זיך פאָרגעשטעלט. איר וועט עס הערן פון בישאָף אליין... ס׳בלייבט בלויז צוצוגעבן די אינעווייניקסטע אויסדעקאָרירונג און דאַן קאָן מען באַשטימען די דאַטע פאַר דער הייליקונג.

— די דאַטע פאַר דער הייליקונג, זאָגסטו, קלעמענט... מיינסטו, נישט, אַז ס׳איז אַ ביסל צו פרי און מ׳דאַרף אָפּוואַרטן, ביז כ׳וועל קומען צו זיך...

דער וויקאַר האָט פרעגנדיק געקוקט אויפן כראַביע און האָט אין יענעמס פּנים געזען אַנגעצויגנקייט און באַשלאָסן נישט איבערצוציען ס׳שטריקל און הכנעהדיק זיך אונטערגעגעבן:

— אויב איר מיינט אַזוי, אייער גנעדיקייט, וועט מען צוואַרטן... אָבער לויט מיין באַשיידענער מיינונג, וואָלט מען באַצייטנס געדאַרפט זיך נעמען צו דער אויסדעקאָרירונג! ווי מיינט איר? דאָס קאָן נעמען אַ היפּשע צייט. זאָל פריער אַלץ זיין גרייט, טאָמער דאַרף מען שפּעטער מאַכן געוויסע אויסבעסערונגען... בין איך גערעכט?! — האָט ער פאָרשנדיק געקוקט אויפן גאַסטגעבער.

— יאָ, ביסט גערעכט, קלעמענט. מ׳דאַרף אפשר זיך נעמען צו דער אויסדעקאָרירונג. און ווי שטעלסטו דיר פאָר דאַרף דאָס געטאָן ווערן?

די אויגן פון גייסטלעכן האָבן געקריגן אַ יוגנטלעכן גלאַנץ. אויף דער פראַגע האָט ער שוין לאַנג געוואַרט, כדי ארויסצוקומען מיט זיין פּלאַן. ער האָט דעריבער אָנגעהויבן מיט קלייניקייטן ארום די פענצטער, דעם אַלטאַר, די טרעפּלעך צו דער בימה און לסוף צוגעגעבן: אָט, דאָרט, אין צענטער פון דער בימה וואָלט איך אַוועקגעשטעלט אַ יעזוס־פיגור און צופוסנס אַ יונגע בתולה, וואָס זאָל סימבאָליזירן די געשטאַלט פון אייער טראַגיש־אומגעקומענער טאָכטער. איך מיין דערביי נישט סתם אַ שטיינערנע פיגור, נאָר אַ קינסטלעך־געשניצטע... דאָס וואָלט געווען דער פּאַסיקסטער אויס־דרוק צו פאַראייביקן איר זכרון...

דער כראַביע האָט מיט חידוש געקוקט אויפן קלעריקער, זיך אויס־געדרייט אין דער ריכטונג פון דער בימה, ווו דער וויקאַר האָט אָנגעוויזן ס׳דאַרף שטיין די פיגור. ער האָט דורכדרינגלעך געקוקט אין פּנים פון וויקאַר און געוואָלט ארויסלייענען וואָס יענער איז אויסן מיט זיין פּראָיעקט.

אין קאָפּ איז ביי אים אַלץ אויסגעקומען מטושטש. אָפּגעריסענע גע־דאַנקען האָבן זיך געפּלאָנטערט און נישט געקאָנט פאַרהעקלען אין אַ קלאָר בילד. נאָך אַ ווייל שטיין אַזוי פאַרטראַכט, האָט ער אַ פרעג געטאָן:

— וואָס זאָגסטו, קלעמענט, אַ יעזוס פיגור מיט אַ קניענדיקער בתולה ?!

— יאָ, מיין גנעדיקער קוזין. דאָס האָב איך געמיינט. געפעלט אייך נישט מיין פּראָיעקט ?

— יאָ, קלעמענט, דער פּראָיעקט געפעלט מיר אפשר, אָבער ווו נעמט מען אַזאַ קינסטלער אין לאַנד, כ׳מיין אַ וויט סטוואָש ?... אַראָפּברענגען אַזאַ איינעם פון איטאַליע קאָן איך זיך אין די איצטיקע אומשטענדן נישט דערלויבן...

דער קלעריקער האָט זיך לייכט צעלאַכט :

— ניין, מיין גנעדיקער קוזין, וועגן דעם דאַרפט איר בכלל נישט דאגהן... ווען איך האָב אַן איינפאַל, טראַכט איך שטענדיק פאָרויס ווי אַזוי אים צו פאַרווירקלעכן... איך האָב די זאַך געגוי אויסגעפאָרשט. איר האָט זיכער געהערט, אַז די יידן בויען איצט הערלעכע האַלצערנע סינאַגאָגעס. די אַלטאַרן ווערן געשניצט פון גרויסע קינסטלער... מ׳זאָגט די אָרנאַמענטן און גראַווירונגען זענען גרויסע מייסטערווערק און שטייגן איבער די איטאַליענער און דייטשן. איינער אַזאַ האָלצשניצער, וווינט דאָ נישט וויט, אין שכנותדיקן גאָמבין... איז עס נישט אַ גוטער צופאַל ?

דער כראַביע האָט פון אַ ווינקל אויג געקוקט אויפן רעדנדיקן און צוגע־שאָקלט מיטן קאָפּ :

— טאָקע אַ גוטער צופאַל... האַ, אין גאָמבין זאָגסטו ?! און ווי רופט מען דעם יידישן וויט סטוואָטש ?!

— דער ייד הייסט יהודה גאָמבינער. מ׳דערציילט זיך וועגן אים פלאַ־פלאים... אגב האָב איך וועגן אים געגויע אינפאָרמאַציעס פון אונ־דזערס א שליח — האָט באַרימעריש געענטפערט דער וויקאַר.

— דער ייד איז עטלעכע חדשים אין יאָר פאַררייזט אין ווייטע מקומות אין לאַנד, ווו ער שניצט זיינע אָרנאַמענטן... און גראָד איצט געפינט ער זיך אין דער היים. מ׳דאַרף דעריבער נישט אָפּלייגן און זען ווי אַזוי אים דאָ אַראָפּצוברענגען, ווי מיינט איר, גנעדיקער קוזין ?!

— זייער אינטערעסאַנט, זייער אינטריגירנדיק... — האָט דער כראַביע גערעדט צו זיך. און ביידע זענען אַוועק אין דער ריכטונג פון פּאַלאַץ.

אויפן וועג האָט דער וויקאַר מיט א געהיימען טאָן אַ זאָג געטאָן :

— קומט, אייער גנעדיקייט, לאָמיר גיין דאָרט אַרום. איך וויל אייך עפּעס וויזן און איר וועט אליין זאָגן, אַז ס׳איז פון הימל אַראָפּגעשיקט געוואָרן...

ווען די זענען שוויגנדיק צוגעקומען צום פּאַרקן לעם גאָרטן און ברייטן

פלאַץ, האָט דער גייסטלעכער אַנגעוויזן אויף אַ סטויפּ מיט אַרויסשטאַרטשנ־דיקע צווייגן, וואָס איז דאָרט געליגן.

סאָבאָצקי האָט זיך איינגעקוקט אין ריזיקן שטאָם און זיך נישט געקאָנט דערמאָנען, אַז ער האָט אַמאָל געזען דאָ ליגן דעם סטויפּ און פון וואָס פאַראַ בוים ער שטאַמט.

דער וויקאַר האָט מיט געמאַכטער תמימות אַ זאָג געטאָן:

— דאַכט זיך מיר, אַז דאָס איז בוקנבוים. דער בעסטער האָלץ פאַר שניצן אַזאַ פיגור, נישט אמת ? !

דער כראַביע האָט געשוויגן און זיינע אויגן האָבן זיך שפּיזלדיק איינ־געקוקט אין רעדנדיקן. ער האָט מיט פולע לונגען איינגעאָטעמט דעם יאַס־מין־דופט פון די דערבייאיקע קוסטעס. בינען האָבן געזשומעט און זיך גע־לאָזט פון איין בלום אויף דער אַנדערער און געטרונקן דעם בלומענזאַפט.

פון טויבנשלאַק קעגנאיבער די שטעלער האָט זיך געהערט דאָס אומ־אויפהערלעכע ווארקן פון טויבן און אין טיף־באַבלעטערטן בוים האָט זיך מיטאַמאָל צעזונגען אַ וואָראַבייטשיק.

דער כראַביע האָט איינגעזאַפּט אין זיך דאָס שלווהדיקע בילד און געשמייכלט אין זיך.

בלויז דער וויקאַר האָט נישט געזען די שיינקייט פון דעם ארום. זיין פנים האָט אויסגעדרוקט שפּאַנונג. ער האָט געוואָלט הערן פון גאַסטגעבער אַן ענטפער אויף זיין פּראָיעקט.

דער כראַביע האָט אַלץ געשוויגן. ווידער געקוקט פון אַ ווינקל אויג אויף זיין באַגלייטער און געטראַכט:

— נישט אַנדערש, ווי דער כיטרער וויקאַר האָט מיט דער הילף פון די קאַפּליצע בויערס אַראָפּגעבראַכט דעם סטויפּ פון זדוני... אַלץ איז פון פאָרויס פּלאַנירט, כדי אים צו שטעלן פאַר אַ געשעענעם פאַקט.

ער האָט אָבער נישט געגעבן צו דערקענען אויף זיך וועגן פאַרדאַכט, זיך אַראָפּגעבויגן, מביניש באַטאַפּט דעם איבערגעזעגטן סטויג מיט דעם טונקל־פליישיקן קאָליר און ווי צו זיך געזאָגט:

— יאָ, דאָס האָלץ איז מאַסיוו... אוווּאַ... און טרוקן... יאָ, אַ גוטער מאַטעריאַל פאַר אַ סטאַטוע... דעם וויקאַרס אויגן האָבן זי־צעלויכטן און אין זיינע מוילווינקלען האָט זיך געשטעלט אַ שמייכל.

דער כראַביע האָט אין דער זעלבער צייט געטראַכט, אַז אייגנטלעך, וואָלט ער געדאָרפט די זאַך פריער אויספאָרשן, ווי אַזוי דער קלאָץ איז דאָ אַהערגעקומען... דער עקאָנאָם וואָלט אים שוין די זאַך אויפגעדעקט.

לסוף באַשלאָסן דערוייל שוויגן און זען ווי די זאַך וועט זיך ווייטער אַנטוויקלען. ער האָט אויך באַשלאָסן גיין אויף דער האַנט פון וויקאַר און זען ווי יענער וועט די זאַך דערפירן ביזן סוף, פאָרויסזעענדיק גרויסע מניעות.

ער האָט זיך אויסגעדרייט צום קלעריקער און מיט דיסקרעטער איראָ־ניע אַ פרעג געטאָן:

— זאָג מיר נאָר, קלעמענט, ווי אַזוי שטעלסטו זיך פאָר דאָס אַראָפּ־ברענגען דעם יידישן שניצער ער זאָל שניצן אַ יעזוס־פיגור?! כ׳זע, אַז דו האָסט פאַרגעסן, אַז דער ייד איז אַ תושב פון גאַמבין, די שטאָט פון אַמאָ־ליקן פירשט ראַוויטש, וואָס האָט שטאָטישע רעכט...

דער גלח האָט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט ווי אַנדייטנדיק, אַז דאָס איז נישט פון גרויס וויכטיקייט:

— שטאָטישע פריווילעגיעס איז איין זאַך, און אַ ייד איז אַ צווייטע זאַך... צי קען נישט דער הויכגעשטעלטער כראַביע זביגניעוו סאָבאָצקי זיך דערלויבן אויסצושרייבן אַ יידישן קינסטלער, ער זאָל פאַר אים, למשל, מאַכן אַ גראַווירונג אין פּאַלאַץ? — האָט ער מיט אַ געהיימנישפולער מינע געגעבן צו פאַרשטיין. — פאַרוואָס האָט פירשט ראַדזשיוויל געמעגט אַריינ־נעמען אין זיין פּאַלאַץ דעם יידישן בחור פון ניעסוויזש ער זאָל אים מאַכן די גראַווירונגען פון זיינע אבות און אים דאָרט אָפּגעהאַלטן עטלעכע יאָר... הם... מיר וועלן דעם ייד פון גאַמבין נאָר אַרויסבאַרגן אויף אַ קורצער צייט, נישט וואָר, ביז די יעזוס פיגור וועט פאַרטיק ווערן...

דער כראַביע האָט פאַרשטאַנען דעם רמז.

— גוט, קלעמענט, האָסטו זיך אָבער אָפּגעגעבן אַ חשבון מיט וואָס דאָס איז פאַרבונדן? ווייל אַ יידישער קינסטלער וועט לויט מיין מיינונג נישט שניצן אַזאַ פיגור... און אפשר קען ער גאַרנישט שניצן...

— טאָ, וועט מען אים מאַכן שניצן — האָט מיט צבועקישער פאַר־טייעטקייט געענטפערט דער וויקאַר. — איך וויל איר זאָלט פאַרשטיין, מיין געשעצטער גאַסטגעבער, אַז אַזאַ פיגור וואָס וועט געשניצט ווערן פון אַ ייד, וועט ערשט אַנגעלייגט ווערן אין די אויגן פון קלויסטער און וועט האָבן אַ מער סימבאָלישן באַדייט.

סאָבאָצקי האָט דערויף נישט געענטפערט. זיינע אויגן האָבן איצט אויפגעכאַפּט די קריכנדיקע שאָטנס פון אַוועקגייענדיקן טאָג, וואָס האָבן זיך צעלייגט איבער די ווענט און אריינגעדרונגען אין זיין געמיט. ס׳האָט אים געפּרעסט אַ שלעכט פאַרגעפיל.

דער וויקאַר האָט באַמערקט דעם אומעטיקן אויסדרוק אין כראַביעס פנים און פאַרשטאַנען אַז יענער יישובט זיך און קאָן אַלץ נישט אַננעמען אַ באַשלוס. זיי זענען שווייגנדיק אַריין אין דער קאַנצעלאַריע.

— קלעמענט — האָט דער כראַביע געזאָגט אין אַן ערנסטן טאָן — דו זעסט אַלץ פון קוקווינקל פון קלויסטער. רעכנסט זיך נישט מיט אַנדערע מענטשן אָדער עמיצנס געפילן... דו זעסט אפילו נישט פאַר קיין שום מניעות, וואָס?!

— וואָס פאַראַ מניעות ? — האָט דער גלח געמאַכט תמעוואַטע מינע.

— כ׳מיין, אַז מ׳דאַרף אייער גנעדיקייט נישט לערנען, ווי אַזוי זיך נוהג צו זיין מיט יידן... זיי קאָן מען נאָר געווינען מיט געלט אָדער מיט צוואַנג...

— מיט רעספּעקט צו דיין קירכלעכע פּאָזיציע, זע איך, אַז דו טייטשט אַלץ אויס לויט דעם קאַטעכיזם... דו קאָנסט בכלל נישט די יידן און ווייסט אפילו נישט, אַז זיי האָבן זייער שטאָלץ און זייער ווירדע. נישט אַלץ ביי זיי איז געלט. דו האַנדלסט נישט מיט זיי און קומסט נישט מיט זיי אין קאָנטאַקט. איך האָב די לעצטע יאָרן אויף מיינע רייזעס זיך אָפט געטראָפן מיט יידן... נו, נו. מיין ליבער קלעמענט, ווערסט זיך אין דעם איבערצייגן! — האָט מיט אַ וואָרענדיקער שטימע דער כראַביע אים אריינגעלאַכט אין פּנים.

— נו, נו, דאָס איז שוין איבערגעטריבן — האָט גלייכגילטיק געענט־פערט דער גלח. — איך וואָלט זיך מיט די יידן נישט צערעמאָנירט... די יידן אין סאַבאָטע זענען אונטער אייער השגחה... אמת? וואָלט איך אויף אייער אָרט, געשעצטער קוזין, געשיקט נאָך זייער ראַבין און אים באַ־אויפטראַגט, ער זאָל שיקן אַ שליחות צום ראַבין אין גאַמבין, יענער זאָל דאָ אַראָפּשיקן דעם יידישן האַלצשניצער. אין קעגנפאַל וואָלט איך פאַר־באָטן די גאַמבינער יידן דאָ צו קומען אין די מאַרקטעג. כ׳בין זיכער, אַז אַזאַ אידעלע אַנצוהערעניש וועט געבן די געוווּנטשענע רעזולטאַטן... דאָס וועט אייך איבערצייגן, אייער גנעדיקייט, אין זייער הויכער מאָראַל.

דער כראַביע האָט מיט ביטול געקוקט אויפן רעדנדיקן:

— דאָס וואָלט געווען די גרעסטע טיפּשות. ס׳וואָלט ערשט אויפגע־דעקט דעם גאַנצן ענין... אָ, ניין, מיין קירכלעכער פּרינץ... — האָט ער מיט איראָניע געזאָגט... אַזעלכע זאַכן מוז מען דערפירן מיט מער קאָמ־פּעטענץ און דאָס וואָס דו ראָטסט מיר טאָן, איז אמתע טיפּשות!...

זאָגנדיק דאָס האָט ער געטראַכט, אַז אַזאַ אַקט וואָלט פאַראָרעמט די יידישע באַפעלקערונג און דאָס וואָלט ממילא זיך אָפּגערופן אויף זיין טאַש.

דער גלח האָט פאַרשעמט אַראָפּגעבויגן דעם קאָפּ און הכנעהדיק אַראָפּ־געשלונגען די באַליידיקונג. ער האָט געוווּסט, אַז ער מוז אַלץ נעמען פאַר ליב כדי צו רעאַליזירן זיין פּלאַן. און דעריבער מיט געמאַכטער נאַיווקייט געפרעגט:

— מיט רעספּעקט צו אייער גנעדיקייט, בין איך זיך מודה, אַז איך פאַרשטיי זיך נישט אויס אין די זאַכן... כ׳גלויב, אַז איר ווייסט בעסער ווי דאָס צו אַראַנזשירן.

דער כראַביע האָט זיך צעשמייכלט:

— איך רעספּעקטיר מענטשן וואָס זענען זיך מודה אין זייערע פע־לערן... איצט, קלעמענט, הער זיך צו מיט קאָפּ, וואָס מ׳קאָן יאָ טאָן...

דער האַלצשניצער זאַגסטו איז אַ תושב פון גאַמבין, אמת? אויב אַזוי איז עס אַ גלייכע זאַך. דאָרט איז פאַראַן אַ מאַגיסטראַט, ריכטיק? דאָס הייסט, אַז אַלע איינוווינער פאַלן אַרונטער די שטאַטישע געזעצן. אמת? די יידן האָבן דאָרט זייערע פריווילעגיעס. אין אַזאַ פאַל, דאַרף מען זיך פשוט ווענדן צום בירגערמייסטער מיט אַ בריוו, ער זאָל באַאויפטראַגן דעם ייד, ער זאָל דאָ אַהערקומען אויסצופירן אַ קונסט־אַרבעט אין פּאַלאַץ. נו, ווי געפעלט דיר מיין אידעע, וויקאַר פון זדוני? פאַרשטייסט, די אמתע כוונה מוז גע־מאַכט ווערן אין אַ פאַרשטעלטער פאָרם, ריכטיק?! — האָט ער מיט קענ־טיקער איראָניע געקוקט אין פּנים פון גלח.

— גלענצנד, גלענצנד — האָט מיט עמאָציע אויסגערופן דער וויקאַר. כ'האָב שוין לאַנג געזאָגט, אַז איר זענט אַ גרויסער דיפּלאָמאַט. אַ שאָד נאָר וואָס איר האָט קיינמאָל נישט געוואָלט אַריינגיין אין סיים.

— אויב ס'געפעלט דיר מיין פּלאַן — האָט אים דער כראַביע איבער־געריסן, זעץ זיך צום טיש און מירן אָנשרייבן אַ ווענדונג צו מאַגיסטראַט אין גאַמבין. כ'וויל נישט דערצו רופן מיין שרייבער, ווייל די זאַך קאָן אַרויסקומען, פאַרשטאַנען? נאָך אַ זאַך: לאָמיר אָנבאָטן דעם מאַגיסטראַט צוואַנציק טאַלער פאַר דער טרחה. אמת, אַ שיינע מטבע, נישט־וואָר? פאַר־שטייסט שוין איצט, אַז קעגן מאַגיסטראַט וועט דער ייד זיך נישט אַקעגנ־שטעלן... יאָ, שרייב אויך, אַז שוין דעם קומענדיקן דינסטיק אינדערפרי, וועט אונדזער עקאָנאָם מאַריאַנסקי זיין אין גאַמבין מיט פערד־און־וואָגן און דער האָלצשניצער זאָל אין דער צייט זיין גרייט מיט זיינע מכשירים... נאָך עפּעס גיב צו, אַז במשך זיין אויפהאַלט דאָ אין פּאַלאַץ וועט מען דעם ייד באַזאָרגן מיט עסן לויט דער יידישער דיעטע און אַ קאָטש צו פאָרן אויף שבת אין דער סינאַגאָגע אין שטעטל סאַבאָטע... האַ, ווי געפעלט דיר די קאָמבינאַציע? ענטפער מיר, וויקאַר פון זדוני — האָט מיט אַ געוויסן שטאָלץ געקוקט אויף דעם פאַרשוין אין דער שוואַרצער סוטאַנע דער כראַביע.

דער וויקאַר האָט דערויף נישט געענטפערט. ער האָט זיך געווישט דעם שטערן מיט דער האַנטפלאַך און דערנאָך די האַנט אָפּגעווישט אין דער סוטאַנע. זיין אָנגעלאָפן פּנים האָט פאַרראַטן אַן אויסערגעוויינלעכע אויפגעהייטערטקייט.

ער האָט פאַרזשמורעט דאָס לינקע אויג און מבֿיניש באַטראַכט דעם שפּיץ פון דער גענזענער פעדער און מי'ט גרויס כוונה איר איינגעטונקט אין טינטענפאַס און גענומען פלינק שרייבן דעם כראַביעס ווענדונג צום גאַמ־בינער מאַגיסטראַט.

צומאָרגנס אין דער פרי איז אַ ספּעציעלער קוריער אויף אַ פערד אַוועקגעריטן מיטן בריוו קיין גאַמבין.

## קאַפּיטל 14

# אין גאָמבין

דאָס איז געווען סוף חודש סיון 1792.

ס'ווירטשאַפטלעכע לעבן פון פעאָדאַל־מאַגנאַטישן פּוילן האָט געהאַלטן ביים איינברעכן זיך. די נאָכפאָלגן פון דער טאַרגאָוויצער קאָנפערענץ האָבן מיטאַמאָל אָנגעהויבן געבן סימנים אַז עפּעס דראָענדיקס איז אונטערוועגס. אין דער לופטן האָט זיך געפילט ווי ערב אַ שטורעם, וואָס קאָן ברענגען צו אַ פונאַנדערטיילן פון לאַנד.

פּרייסן האָט אינטריגירט בשותפות מיט קאַטערינען און בככל נישט אויסבאַהאַלטן אירע כוונות. פרידריך ווילהעלם דער צווייטער האָט מיט הונגעריקע אויגן געקוקט אויפן מערב־טייל פון לאַנד, וואָס ער האָט בדעה געהאַט צו אַנעקסירן, איינגעשלאָסן וואַרשע.

די צביעות פון דער גייסטלעכער קאַסטע האָט נישט געהאַט קיין גרעניעץ. רעליגיעזע אומטאָלעראַנץ האָט געלייגט אַ חותם אויפן טאָגטעגלעכן לעבן. די אממייסט געליטענע זענען געווען די יידן.

דעספּאָטיזם און קולטורעלע דעגראַדאַציע זענען געגאַנגען געפּאָרט און ביסלעכוויז צעפרעסן דעם פיזישן און גייסטיקן גוף פון לאַנד.

די שליאַכטישע גאווה האָט מיט גאָרנישט און מיט קיינעם זיך נישט גערעכנט און האָט אָפּן פאַרגוואַלטיקט די 3־טע מאַי רעפאָרמען.

אין דער צייט ווען איין שיכט פון די מער ליבעראַלע עלעמענטן אין דער שליאַכטע, ווי אויך אַ צאָל אָנגעזעענע פּען־מענטשן וואָס זענען באַאיינפלוסט געווען פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע, האָבן גאַנץ אָפן אויסגעדריקט אומצופרידנקייט מיט דער ברוטאַלער אונטערדריקונג פון לייבאייגענעם פּויערטום און מיט דיסקרימינאַציעס קעגן יידן, האָט די מערהייט פון דער געזעלשאַפט געהאַט אַ פאַרקערטע מיינונג. אָט די געזעלשאַפט איז געווען אָנגעזאַפּט מיט שנאה און פאַראַכטונג צו יידן. זיי האָבן אָפן געפּרעדיקט יידן־האַס און געזוכט מיטלען ווי פון זיי פּטור צו ווערן כדי צוצואייגענען זייערע פאַרמעגנס. אַממייסטן האָט געליטן פון דער מערכה ס'אביונישע עמך: די באַלמעלאָכעס, האַנטווערקער און מאַרקפאָרערס וואָס האָבן שווער געהאָרעוועט אויף זייער ביסל חיונה און אויסגעריסן געוואָרן. די יידן זענען אומאויפהער אויסגעשטעלט געווען אויף כלערליי שיקאַנעס און באַגרענעצונגען מצד די פּוילישע צעכן און מאַגיסטראַטן.

גאָמבין האָט געהאַט אַ גרויסע יידישע באַפעלקערונג. יידן האָבן דאָ איינגעוואַנדערט אין דער צייט ווען די קרייצזוגלער האָבן געבושעוועט אין

מערב־אייראָפּע אויפן וועג קיין ירושלים צו באַפרייען ישו׳ס קבר פון די מוזולמענער.

אַ צייט שפּעטער, אין אָנהייב פון 15טן י״ה, האָט דער פירשט פון ראַוויטש און סאָכאַטשעוו געגעבן די יידן וויינרעכט און פּריווילעגיעס, אַזוי ווי די אָרטיקע איינוווינער.

די דאָזיקע פּריווילעגיעס זענען שפּעטער באַשטעטיקט געוואָרן דורך די פּוילישע מלכים.

גאָמבין האָט גענאָסן פון שטאָטישע רעכט, לויט די מאַגדעבורגער געזעצן, ווי דאָס רוב פּוילישע שטעט אין יענער צייט.

די נאַטור אַרום די שטאָט איז מאָלעריש, באַוואָלדעט מיט גרינע היג־לען. דער באָדן אַ שוואַרץ־פעטער און פּרוכטבאַרער. שניט־צייט שימערן די פעלדער מיט ענדלאָזע גאָלדענע לאַנען פון קאָרן־און־ווייץ.

נישט ווייט פון שטעטל געפינט זיך אַן אָזיערע, ווו אין שכנות האָבן פון קדמונים זיך באַזעצט דייטשע איינוווינער און געשאַפן זייערס אַ קאָלאָניע.

ס׳שטעטל האָט געשמט מיט איר גרויסן למדן און צדיק, הרב אברהם אבעלע גאָמבינער, מחבר פון ׳מגן אברהם׳.

זינט אַלטע צייטן האָבן זקנים נישט אויפגעהערט צו דערציילן די מעשה ווי אַזוי דער גרויסער צדיק איז ניצול געוואָרן פון די הענט פון צע־יושעטן פּוילישן ערב־רב אין יאָר 1596.

דאָס איז געשען בעתן ערשטן בלוט־בילבול אין שטעטל. יידן זענען דעמלט אויף אַ גרויזאַמען אופן דערמאָרדערט געוואָרן, דער בית־הכּנסת איז פאַרברענט געוואָרן און פיל יידישע הייזער און האָב־און־גוטס צעראַ־בירט געוואָרן.

די פּאָליאַקן אונטערגעהעצט פון די יעזואיטן האָבן באַשולדיקט די יידן, אַז זיי האָבן געמאַכט יד־אחת מיטן שוועדישן אָקופּאַנט. נישט געווען וועמען אויפצוקלערן דעם בילבול, אַז פאַרקערט, יידן האָבן זייט ביי זייט געקעמפט מיט פּאָליאַקן קעגן די שוועדן. צווישן די הונדערטער יידן, וואָס זענען אומ־געקומען, זענען געווען ר׳ אבעלע גאָמבינערס עלטערן. אים איינעם האָט זיך איינגעגעבן צו אַנטרונען און בשלום אָנקומען אין קאַליש, ווו ער האָט זיך שפּעטער באַזעצט.

מיט אַן ערך 80 יאָר צוריק, אין ת״ע (1710), האָט מען אין שטעטל געבויט די הערלעכע הילצערנע שול וואָס איר פּראַכפּולע אַרכיטעקטור און אינעווייניקסטע באַפּוצונגען האָבן געשמט איבערן גאַנצן לאַנד. דער שיין־געשניצטער ארון־קודש איז געווען א שם־דבר און מ׳איז געקומען אָנקוקן דעם בית־הכּנסת פון ווייטע שטעט.

די שול איז געבויט געוואָרן אין באַראָק־סטיל און געהאַט פוןביידע זייטן פליגל־זייטן צום העכערן גאָרן און צו די צוויי ציבלפאָרמיקע טורעמס.

די שול האָט אויך געהאַט צוויי אריינגענג. ברייטע פענצטער האָבן ארויס־געקוקט צו דער פראָנט־גאַס. און ווען די שול איז אין א שבת אָדער יום־טוב באַלויכטן געווען, האָבן די קופּערנע שפּיגל־רעפלעקטאָרן און הענג־לייכ־טערס געוואָרפן סנאָפּעס ליכט און באַלויכטן די פינצטערניש אין דרויסן.

דער האַנט־געשניצטער ארון־קודש מיט אָרנאַמענטן פון ביבלישע מאָטיוון איז געווען אַ קונסט־שעדעוור. די פּרוכת געשטריקט פון טייערן אַק־סאַמיט, זייד און אַדאַמאַסק, איז געווען אויסגעהאַפטן מיט קאָלירפולע אָרנאַמענטן פון דברי־תורה.

יידן אין שטעטל האָבן מיט שטאָלץ געקוקט אויף זייער שול. זיי האָבן טיף געגלויבט אַז די געטלעכע השגחה רוט איבערן געבעט־הויז, א ראיה, טראָץ די פיל שרפות, וועז שכנותדיקע גאַסן זענען אָפּגעברענט געוואָרן, איז די שול קיינמאָל נישט באַשעדיקט געוואָרן. דאָס רוב יידן אין גאַמבין זענען געווען באַלמעלאָכעס: שניידערס, שוסטערס, טאַנדייטניקעס און מאַרק־פּאַרערס. די בעסערע שניידעס האָבן געהאַט זייערע סטאַבילע קונדן: פּריי־צים און רייכע שליאַכטשיצעס. אַנדערע האָבן אויסשליסלעך גענייט מלבושים פאַר די דייטשע קאָלאָניסטן מיט וועמען זיי האָבן געקאָנט שפּראַכלעך זיך בעסער צונויפרעדן.

קיין גרויסע קאָנקורענץ מצד די פּוילישע צעכן האָבן די יידן אין גאַמבין נישט געהאַט, מחמת דעם, וואָס דאָ זענען נישט געווען בנמצא פּוילישע האַנטווערקער, אויסער טישלערס, כאַמעט־מאַכערס און מויערערס.

שוסטערס, שניידערס, פּעלצן־מאַכערס און צעלניק־הענדלערס זענען ס׳רוב געפאָרן אויף מאַרק־טעג אָדער יאַרידים אין די שכנותדיקע שטעט־לעך: סאָבאָטע, פּיאָנטעק, גאָסטינין און אַנדערע. געווען אויך קירזשנערס און היטלמאַכערס, גאַרבערס, וואָס האָבן אויסגעאַרבעט אַלע סאָרטן לעדער.

סאַדאָווניקעס האָבן געטריקנט פּרוכטן: פלוימען און באַרן וואָס זענען געשיקט געוואָרן אויף פאַרקויף אין דער הויפּט־שטאָט, לובלין און דאַנציק. געווען אויך עטלעכע שניט־קראָמען מיט וואָלשטאָף, טוך און געוואַנט. אין מיטן מאַרק צווישן פּלאַצקער און קוטנער גאַסן זענען געווען גרויסע סקלאַ־דעס. און אַרום מאַרק־פּלאַץ — יידישע שענק און צוויי אַריינפאָר־הייזער. אין פּאַליש פון דער שול, קעגנאיבער דער קונע, זענען תמיד געזעסן דריי גרייזן, תהילים־זאָגערס. די שטאָט האָט זיי גערופן דער „דריילינג״. דער עלטסטער פון זיי איז געווען ר׳ זכריה. א ייד מיט אַ שנייוויסער באָרד, גערונצלטן שטערן און גרויע, צעשויבערטע ברעמען ווי בערשטלעך וואָס האָבן אויסגעטיילט זיינע איינגעפאַלענע באַקן און אָדלער־נאָז.

טראָץ זיין הויכן עלטער פון תשעה־וחמש, האָט ער מעיין־געווען אין אַ ספר אָן ברילן.

זכריה׳ס אבות זענען אַטלאָפן פון דער אינקוויזיציע אין פּאָרטוגאַל און מגילגול געוואָרן אין האָלאַנד. פון דאָרט ווייטער אויסגעוואַנדערט און

אָנגעקומען אין פוילן מיט דער גרויסער יידן־וואַנדערונג אין 16־טן י״ה. מיט דער צייט האָבן זיי זיך דאָ אַקלימאַטיזירט, אַזוי אַז אין די שפּעטערדיקע דורות איז מיט גאָר נישט קענטיק געווען זייער ספרדישער אָפּשטאַם.

דער זקן געדענקט גוט דאָס יאָר ת״ע. ער איז דעמלט געווען א יינגל פון א יאָר 8־9, ווען מ׳האָט געבויט די שול. ער געדענקט אפילו דעם פּריץ וואַדאָווסקי, אַ הויכער קריסט געווען מיט שפּיציקע וואָנצעס, האָט געטראָגן אַ געבלימלטן קאַפּטאַן, פאַרבונדן מיט א ברייטן גאַרטל־באַנד, ער האָט זיך קיינמאָל נישט געשיידט מיט זיין שפּיצרוט. ער האָט אויסגעזען אַ שטרענגער און קאָמאַנדעוועט מיט די פויערן, וואָס האָבן אויסגעלאָדן דאָס געהילץ פאַר דער שול. אָבער, אים, זכריהן מיט די אַנדערע יינגלעך, וואָס האָבן זיך געפּלאָנטערט אויפן פּלאַץ האָט ער נישט געטשעפּעט. יידן האָבן אים גע־לויבט און געזאָגט, אַז ער איז אַן ערלעכער ערל.

זכריה האָט ליב צו דערציילן וועגן פּרנס ר׳ אביגדור בן־יוסף ז״ל, געווען אַ פלינקער און טייערער ייד, מיט אַ שיין שוואַרץ בערדל, אין אַ לאַנ־גער, זיידענער בעקעשע. דער אייגנטימער פון אַ שניטקראָם.

דער פּרנס האָט שטאַרק געזאָרגט פאַר די הצטרכותן פון קהל און ער האָט אַלץ געטאָן, אַז די שטאָט זאָל האָבן א נייע שול. קהל איז אָבער געווען אָרעם און מ׳האָט געדאַרפט האָלץ פאַר דעם געבוי.

אַזוי ווי דער פּרנס האָט געפירט מסחרים מיטן פּריץ וואַדאָווסקי, האָט ער איינמאָל אין אַ שמועס ביי יענעם אויסגעפּועלט ער זאָל צושטעלן אומ־זיסט געהילץ פון זיינע וועלדער אויף צו בויען די שול. דער פּריץ איז דערויף איינגעגאַנגען מיטן תנאי, אַז די יידן זאָלן דערפאַר יערלעך צאָלן צוויי גילדן צו ביידע קלויסטערס אין שטאָט. די סומע איז פּאַקטיש געווען אַ סימבאָלישע. מיט דעם, האָט דער פּריץ זיך געוואָלט רעכטפערטיקן פאַר די קירכלעכע פירערס, ס׳האָט געזאָלט הייסן, אַז די יידן העלפן אויסהאַלטן די קירכערס.

און פאַר לאַנגע, לאַנגע יאָרן, האָבן יידן אין גאַמבין געלעבט במנוחה און וויניק באַלעסטיקט געוואָרן פון זייערע קריסטלעכע שכנים.

ר׳ זכריה האָט געהאַט אַ זעלטענעם זכרון. אין זיינע מעשיות וועגן עבר, האָט ער געקאָנט אויסרעכענען דעם אָפּשטאַם און יחוס־השלשלת פון פיל אָרטיקע משפחות. יידן האָבן מיט גרויס דרך־ארץ אַרויפגעקוקט צום זקן. קהל האָט נישט געפירט קיין פּנקס און ער מיט זיין זכרון און ישוב־הדעת איז פאַר זיי געווען אַ לעבעדיקער פּנקס. מיט ר׳ זכריהן זענען געווען נאָך צוויי זקנים, ביידע פיל יינגער פון אים.

ר׳ מנשה לאַנדאו האָט געשטאַמט פון דייטשלאַנד. אַ ייד א בן־שמונים. ער איז געווען אַ הויכער מיט פולע בעקלעך און בלויע וואַסערדיקע אויגן. און דער דריטער האָט געהייסן ר׳ יוסעלע, אַ ליטוואַק, דער יינגסטער פון

דריילינג. ער איז געווען אַ קליין דאַר ידעלע מיט געקרייזלטע פּיאות און אַ בלוי סאַמעט היטעלע, וואָס איז ביי אים געזעסן אויפן שפּיץ קאָפּ.

מיטאַמאָל איז דאָס שטעטל אויפגערודערט געוואָרן מיט דעם נייעס, בכן, דער מאַגיסטראַט האָט געשיקט רופן ר׳ יהודה גאַמבינער, וואָס איז נישט לאַנג צוריקגעקומען פון איזשביצע.

אין בית־מדרש צווישן מנחה־מעריב האָט מען די זאַך איבערגע־שמועסט. עולם האָט די זאַך צעלייגט אויף קליינע טעלערלעך און אַלץ נישט געקאָנט קומען צו קיין מסקנא, וואָס אזוינס דער מאַגיסטראַט וויל פון זייער באַרימטן האַלצשניצער.

דער בירגערמייסטער האָט נאָכן דערהאַלטן די שריפט פון כראַביע סאָבאָצקי גערופן אַן עקסטראַ זיצונג פון די ראַטמענער צו באַטראַכטן די ווענדונג וועגן אַריבערשיקן אין זיין פּאַלאַץ אַריין דעם יידישן האָלצ־שניצער אויסצופירן אַ קונסט־אַרבעט. אין בריוו האָט ער פאָרגעלייגט 20 טאָלער פאַרן מאַגיסטראַט פאַר דער טרחה פון פאַרמיטלען אין דער זאַך. אַזאַ פּרעצעדענט האָט דער מאַגיסטראַט דאָס ערשטע מאָל און מען מוז די זאַך ערנסט באַטראַכטן.

נאָכן אויסהערן די שריפטלעכע ווענדונג פון כראַביע, האָבן עטלעכע מער אויפגעקלערטע ראַטמענער זיך אַרויסגעזאָגט קעגן פאַרמיטלען אין דער זאַך, ווייל דער כראַביע איז באַקאַנט ווי אַ שטרענגער אַליינהערשער, וואָס באַהאַנדלט זייער שלעכט זיינע לייבאייגענע. זיי האָבן אָנגעוויזן, אַז דאָס איז קעגן די פּריווילעגיעס פון די איינוווינער פון גאַמבין, וואָס געניסן פון שטאָטישע רעכט.

די מערהייט ראַטמענער האָט זיך אַרויסגעזאָגט פאַר יאָ פאַרמיטלען, ווייל 20 טאָלער איז אַ היפּשע מטבע און דער מאַגיסטראַט וועט דאָס געלט קאָנען באַנוצן אויף צדקה פאַר די אָרעמע.

די טענה איז געווען, אַז דער כראַביע איז אַ גוטער קריסט און אַ גרוי־סער קונסט־מבין און ס׳דאַרף דעריבער זיין אַ פּריווילעגיע פאַרן ייד, וואָס ער האָט אים אויסגעוויילט, צו מאַכן אַ קונסט־ווערק פאַר זיין פּאַלאַץ.

נאָכדעם, ווי דער מאַגיסטראַט האָט ר׳ יהודהן מיטגעטיילט דעם כראַ־ביעס אָנבאָט, האָט מען אים געראָטן צו זיין גרייט אויף דינסטיק אין דער פרי מיט אַלע זיינע מכשירים.

רי יהודה איז געווען צעטומלט פון דעם פּלוצימדיקן אָנבאָט און ער איז אַוועק צום רב זיך שואל־עצה זיין. אויפן וועג צום רב האָט ער די זאַך איבערגעטראַכט. אין מאַגיסטראַט האָט מען אים דורך־אגבדיק געגעבן אָנצו־הערן, אז אויב ער וועט אָפּזאָגן דעם פּריץ׳ס ווונטש, קאָן דאָס זיך שלעכט אָפּרופן אויף די גאַמבינער יידן וואָס פאָרן אויף די מאַרקטעג קיין סאָבאָטע, וואָס געהערט צום פּריץ. ער קאָן זיי פּשוט פאַרבאָטן דאָרט אַריינקומען.

אַזאַ זאַך וואָלט געווען אַ סכנה פאַר דער עדה יידן. זיי וואָלטן פאַרלוירן זייער פּרנסה. און ר׳ יהודה האָט איצט גייענדיק צום רב געהאַט מיט זיך אַ שטיקל שיקול־הדעת. צי מעג ער אויף זיך נעמען אַזאַ אחריות פון צונע־מען די חיונה פון אַ שטעטל יידן?

מיט אַזאַ שווער האַרץ איז ער אריינגעקומען צום רב ר׳ יחזקאלע. דער פּרנס איז שוין געהאַט געווען פריער ביים רב און אים דערציילט אין וואָס עס האַנדלט זיך, אַזוי, אַז ר׳ יהודהס באַזוך איז פאַר אים נישט געווען אַן אומגעריכטע זאַך.

ביידע האָבן דעם ענין אַדורכגעשמועסט, אָבער נישט געקאָנט קומען צו קיין פּתרון. צום סוף האָט דער רב מיט אַ שווער האַרץ געזאָגט:

— ר׳ יהודה, איך פאַרשטיי דיין מצב־רוח. דאגה נישט! דער רבונו של עולם וועט העלפן... — ער האָט זיך געווישט דעם שטערן, ס׳איז גראָד געווען אַ הייסער זומערטאָג.

נאָך אַ ווייל שוויגן האָט ער אַ פאָטערלעכן קוק געטאָן אויפן האַלצ־שניצער און אַ זאָג געטאָן:

— על־פּי סברא, הייסט עס, אַז דער פּריץ וויל זאָלסט פאַר אים אויס־שניצן אַ צאַצקע אין זיין פּאַלאַץ... מילא וואָס... קאַפּריזן פון אַ פּריץ... וועסטו נישט פאָרן, שטעלסטו חלילה איין די פּרנסה פון אַן עדה יידן... הכל בידי שמים... ר׳ יהודה, האָב בטחון! — דער רב האָט אָפּגעהוסט און ווייטער געצויגן:

— ביסט דאָך עפּעס אַ באַרייזטער און קלוגער ייד, ווייסט ווי זיך נוהג צו זיין מיט פּריצים... מסתמא וועסטו מצליח־זיין! דער אויבערשטער וועט העלפן... כן יהי רצון. אַנדערש וועט עס הייסן, אַז דו ביסט אַ מורד כנגד מלכות.

זאָגנדיק דאָס, האָט דער אַלטער רב אַראָפּגעבויגן דעם גרויען קאָפּ און זיינע אומעטיקע אויגן האָבן געקוקט אויף יהודהן. און שאָקלענדיק מיטן קאָפּ שטיל צעצויגן די ווערטער: ...מיר זענען אין גלות און דינא דמלכותא דינא...

ר׳ יהודה האָט פאַרשטאַנען דעם רמז און איז געזעסן מיט אַ פאַרקלעמט האַרץ.

אין פלאָנטער פון די דאָזיקע נעפּלדיקע טראַכטענישן, האָט ער זיך מיטאַמאָל דערמאָנט וועגן דער באַגעגעניש מיט לייבקע לובלינער, דעם פּריץ׳ס אַרענדאַר, וועמען ער האָט געטראָפן אין דער אכסניה אין לובלין. די דאָזיקע דערמאָנונג האָט אים מאָמענטאַל אויפגעהייטערט. הייסט עס: דאָרט געפינט זיך אַ יידישער אַרענדאַר, זיינער אַ באַקאַנטער.

ר׳ יהודה האָט אָבער נישט געהאַט קיין אָנונג וועגן דער טראַגישער פּאַסירונג מיטן אַרענדאַרס טאָכטער, ווייל ער האָט זיך דעמלט געפונען אין איזשביצע און אַהין האָט די מעשה נורא נישט געהאַט דערגרייכט.

און טראַכטנדיק װעגן לײבקע לובלינער האָט ער שױן אַ ביסל אַ באַ־רואיקטער די זאַך זיך נאָכאַמאָל איבערגעלײגט און געזאָגט צו זיך:

— דער רב איז גערעכט. כ'בין אױסגעפאָרן אַ װעלט און זיך געטראָפן מיט פּריצים. אמת, טײל אײדעלע, אַנדערע בײזע און שטרענגע. זײ זענען אָבער נישט מער װי בני־אדם.

און ער האָט באַשלאָסן אַריבערצופאָרן קײן סאַבאָטע.

קאַפּיטל 15

# אויפן וועג קיין סאַבאָטע

װען ר' יהודה האָט זיך באַגעגנט מיט די גרויע, האַלב־פאַרלאָשענע אויגן פון עקאָנאָם מאַריאַנסקי, האָט ער זיך געטראַכט:

— עבד המלך כמלך...

דער עקאָנאָם האָט בײזלעך פאַרדרײט די שפּיציקע װאָנצעס און מיט אַ האַלב־אָפן מויל פאַרגאַפט געקוקט אויף זײן פאַסאַזשיר.

ר' יהודה איז געװען אָנגעטאָן אין זײן זומערדיקער רײזע בעקעשע, אַרומגעגומען מיט אַ ברײטן גאַרטל, װײכע גימזענע האַלב־שטיװל און אַ לײכטן זומער־הוט.

דער פּריצישער שליח האָט זיך פאַרגאַפט אײנגעקוקט אין הדרת־פּנים פון דעם ייד, זײן רירעװודיקײט און ברײטן געשטעל און נישט געװוסט װי זיך נוהג צו זײן. דער פאַסאַזשיר איז אים אויסגעקומען אַן אוניקום און גאַנץ אַנדערער װי די יידן, װאָס ער זעט דאָ אין די שטעטלעך.

נישטװילנדיק האָט ער מיט אַ לײכטן דרך־ארץ אַ לײכטן שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ, אַן ענטפער אויף דעם יידס באַגריסונג. ער האָט דערבײ נישט אַראָפּגעלאָזט קײן אויג פון יעדער זײנער באַװעגונג.

מאַריאַנסקי האָט אויך באַװונדערט די געשיקטקײט מיט װעלכער דער ייד איז אַרויף אויף דער בריקע. ער האָט באַשלאָסן שװײגן אויס מורא נישט אַרויסצוכאַפּן זיך מיט אַ נישט־פּאַסיקן װאָרט. לויט דער באַגריסונג פון יידן און יענעמס אויספרעגעניש בעת דער ערשטער באַגעגעניש אין דער קרעטשמע, האָט ער געזען, אַז דער ייד קאָן גוט דאָס פּוילישע לשון. ער האָט אויך געזען מיט װאָס פאַראַ רעספּעקט די אָנװעזנדע האָבן זיך באַצויגן צו אים. און אויב דער כראַביע האָט געשיקט אים און די בריקע אים צו

ברענגען, מוז ער זיין א וויכטיקע פּערזאָן. דעם אייגנטלעכן ציל פון דער שליחות האָט דער עקאָנאָם נישט געוווסט.

דער פורמאַן, אַן עטוואָס איינגעבויגענער פּויערל, אין אַ קאָלירלאָז, לייוונטן העמד און הויזן פון זעלבן שטאָף, האָט זיך געפּאָרעט ביי די פערד. ער האָט הכנעהדיק זיך פאַרנייגט פאַר ר׳ יהודהן, גענומען ס׳קעסטל מיט די מכשירים און אונטערקרעכצנדיק עס ארויפגעלייגט אויף דער בריקע צווישן דער קעלנע און אונטערשטן געזעס, ווו דער האַלצשניצער האָט זיך געזעצט.

זיצנדיק שוין אין געזעס האָט ר׳ יהודה אָנגעהויבן זאָגן שטילערהייט די תפילה אשרי תמימי דרך... די שוואַרצע בריקע מיט רויטגעפאַרבטע ספּריכעס און ראַד־אַקסל, געשפּאַנט אין צוויי ברוינע פּאָסט־פערד, האָט גענומען זיך קוילערן איבער די נישטברוקירטע געסלעך אין דער ריכטונג אויסערן שטעטל. וואָלקנדלעך שטויב האָבן זיך געהויבן איבער די נידריקע, שטרויבאַדעקטע הייזקעס און זיך אויסגעמישט מיט די בלויע רויכלעך וואָס האָבן זיך געצויגן פון די שמאָלע ליימענע קוימענס.

נייגעריקע אויגן פון זקנים און קינדער, ביי די אָפענע טירן פון די הייזקעס, האָבן נאָכגעקוקט די שיינע בריקע מיט די דריי פּאַסאַזשירן וואָס האָט גאַלאָפּירט אין דער ריכטונג פון וואַלד.

די פערד, אויסגערוטע איבער נאַכט אין שטאַל פון אַריינפאָר־הויז, האָבן פריילעך געהירזשעט, זעענדיק, אז דער וועג פירט זיי צוריק א היים און צו זייערע שטעלער.

אויפן געזעס נעבן יהודהן איז געלעגן אַ בינטל אין אַ פּאַטשיילע, צדה לדרך, וואָס זיין פרומע־איטע האָט אים צוגעגרייט אין וועג אריין.

דער האָלצשניצער האָט פאַרריכט זיין הוט, געזעצט אים טיפער אויף אַ זייט און מיט בענקנדיקע אויגן געקוקט אין דער ריכטונג פון שטעטל וואָס האָט זיך כסדר דערווייטערט. דער גרינער וואַלד האָט אָנגעהויבן בייטן זיין קאָליר. פון דער ווייטנס איז ער געוואָרן גרינלעך־גרוי, שפּעטער אַשיק און פאַרשווונדן צוזאַמען מיט די הייזקעס אויפן האָריזאָנט.

וואָס מער ער האָט זיך דערווייטערט פון זיין היים, אַלץ מער האָט געענטפערט... 

דער טראַקטוועג מיט שיטערע טאָפּאָליעס פֿון בײדע זײַטן װעג האָט מיטאַמאָל זיך אױסגעבױגן און געפֿירט צװישן גרין־פֿליושענע פֿעלדער.

די שכינה האָט גערוט איבער אַלעם און אַ װאַרעמקײט האָט אַרומגענומען ר' יהודהן און אײנציקװײַז איז צערונען בײַ אים דאָס דריקנדיקע געפֿיל פֿון ספֿקות.

דאָס ריטמישע קױלערן זיך פֿון דער בריקע איבערן זומערדיקן שליאַך און די אָנגענעמע ריחות פֿון די פֿעלדער האָבן אים עטװאָס אײַנגעװיגט.

װי אין האַלב־דרימל און האַלב־װאָר, איז אין זכּרון אױפֿגעשװומען דאָס שטעטעלע מעזבוש װאָס אין פּאָדאָליע. דאָרט האָט זיך אַנומלט באַזעצט דער בעש"ט װוּ ער האָט אָנגעפֿירט מיט אַ גרױסן עולם חסידים.

ער, יהודה, איז דעמלט געװען אַ ייִנגל פֿון אַ יאָר 13. דער באַרימטער האָלצשניצער הײם־לײב פֿון סלוצק, בײַ װעמען ער איז געװען אין דער לער, האָט אים דעמלט אַריבערגעשיקט אין מעזבוש מיט אַ צװײטן שניצער אױסצופּאַרטיקן אַן ארון־קודש אין גרױסן בית־המדרש.

דאָס האָט מסתּמא געמוזט זײַן אַ יאָר פֿינף פֿאַרן בעש"ט פּטירה. ער געדענקט װי ער פֿלעגט קומען אין די קלױזן זיך צוהערן צו דער תּורה און מופֿתים פֿון בעש"ט און מיטגעריסן װערן מיט דעם התלהבֿותדיקן פֿײַ־רעכץ פֿון די חסידים. אין די שפּעטערדיקע יאָרן, װען ער איז שױן געװען אַ דערװאַקסענער, האָט ער זיך נישט אײנמאָל פֿאַרטיפֿט אין נחומקע טשערנאָבילעס ספֿר „מאור עינים" און זײַן אױסטײַטשן דעם בעש"ט שיטה, זײַנע געדאַנקען װעגן עבֿודת הבורא און די װעגן װאָס פֿירן צו גאָט.

קוקנדיק איצט אױף דעם אַנטציקנדיקן לאַנדשאַפֿט, פֿילט ער דאָס קלאָרער און נענטער װי אַמאָל.

אַלע יאָרן פֿאַרט ער רק אין פֿאַרמאַכטע בוידן און האָט נישט קײן צײַט צו באַװוּנדערן די שײנקײט פֿון גאָט'ס װעלט. איצט, פֿון דער הױך פֿון דער פֿריצישער בריקע, זעט ער די ליכטיקע שײנקײט פֿון דער טבֿע. ער זעט באַשײמפּערלעך װי די שכינה רוט איבער אַלעם און ס'איז אים אַזױ גוט אױפֿן האַרצן און ער זאָגט אין דער שטיל: מלא כל הארץ כבודו...

אינעװײניק בײַ אים גײט אױף אַ פֿרײלעך געפֿיל און ער מוסרט זיך: געדענק יהודה, אױב אַ מענטש ספֿקט אין עפּעס, האָט ער מער נישט גאָט מיט זיך...

נאָכן אָפּפֿאָרן אַן ערך פֿיר שעה צײַט האָט די זון זיך געשטעלט העכער אין הימל. דער זומערטאָג איז געװאָרן הײסער. די פֿעל אױף די רוקנס פֿון די פֿערד האָט געגלאַנצט פֿון פֿאַרשװײסטקײט און זײ האָבן אָנגעהױבן גײן לאַנגזאַמער, העשנדיק, אַ סימן פֿון מידקײט. זײ האָבן כמעט אָנגעלײגט האַלבװעגס.

די בריקע האָט דערגרײכט דעם שײדװעג זלאָקאָװ־קיערנאָזיע. דער אײנציקער צײכן פֿון דער אָרטשאַפֿט איז געװען אַן עטװאָס אױסגעקרומטער

סלופּ מיט דער יעזוס פיגור און אַ קופּע שטיינער, באַשפּריצט מיט בלויע פאַרב. פון צווישן די בעריאָזקעס נישט ווייט פון שליאַך, אויף לינקס, איז געפלאָסן אַ קליין וואַסערל. דער עקאָנאָם האָט באַשלאָסן דאָ צו מאַכן דעם ערשטן אָפּשטעל אויף אָנצופּאָיען די פערד. די בריקע האָט זיך געשטעלט אין שאָטן פון צוויי געדיכט־באַבלעטערטעביימער. דער פורמאַן האָט אויסגעשפּאַנט די פערד און זיי אַוועקגעפירט צום וואַסערל איבערן פעלד.

דער עקאָנאָם האָט אַ בורטשע געטאָן אונטער דער נאָז, פאַרמרוזשעט דאָס לינקע אויג, צוגעלייגט די האַנטפלאַך צום שטערן און געקוקט אין הימל אריין: ס׳וועט קיין רעגן נישט זיין!.... און אַראָפּגעקראָכן פון דער קעלנע.

— מיר וועלן דאָ בלייבן אַ האַלבע שעה צייט... האָט ער ווי אַדרע־סירנדיק זיין פּאַסאַזשיר און נישט אויסדרייענדיק זיך, אַוועק צווישן די קוסטעס אין פעלד.

ר׳ יהודה איז אַראָפּ פון דער בריקע און באַוועגט מיט די באַשטיוולטע פיס וואָס זענען פון לאַנגען פאָרן געוואָרן אַ ביסל פאַרשטייפט. ער האָט זיך מכין געווען ביים טלומיקל, פון דאָרט אַרויסגענומען אַ קופּערנע שעפּ און אַוועק צום טייכל אָנשעפּן וואַסער. נאָך שאַר־ידיכם, אָפּגעווישט די הענט אין דער פּאָלע פון דער בעקעשע. דערנאָך אַרויסגענומען פון פאַרבונדענעם פּאַטשיילע די צדה לדרך און זיך אַוועקגעזעצט אין שאָטן אונטער אַ קוסטע עסן זיין מאָלצייט. ער האָט אָפּגעבראָכן א שטיקל היימיש געבאַקן ברויט, איינגעטונקען אין זאַלץ און געמאַכט אַ „מוציא" און בנעימותדיק גענומען עסן. דער מאָלצייט איז באַשטאַנען פון צוויי האַרט־אויסגעקאָכטע אייער, אַ ציבעלקע און צוגעטרונקען שוואַרצע קאַווע אויף ציקאָריע פון אַ שעפּסענעם לאָגל.

פון דער ווייטנס האָבן זיך געזען סטויגעס היי. און קעגנאיבער האָבן זיך געפּיטערט בהמות. נעבן זיי איז געשטאַנען אַ יונג פּאַסטוכל אין אָן אָפּ־געריסענעם העמד און אַ קודלעוואַטער הונט. אויף דער צווייטער זייט פעלד איבערן שליאַך האָבן זיך געזען אומענדלעכע קאָרן־לאַנען.

ר׳ יהודהס אויג האָט מיט באַוווּנדערונג אויפגעכאַפּט די שיינע פּאַנאָ־ראַמע איבער וועלכער ס׳האָט זיך געפילט רוט אַ געטלעכער אָטעם.

טשאַטעס הונגעריקע פייגל האָבן זיך אומאויפהערלעך אַראָפּגעלאָזט אויף, די קאָרן־פעלדער און געפּיקט די קערנער.

דער עקאָנאָם זעענדיק די טשאַטעס פייגל האָט בייזלעך אויסגערופן אויפן קול:

— פּשיאַ קרעוו! נישטאָ דאָ קיין באַלעבאַטים, די פייגל וועלן אָנמאַכן א וויסטן חורבן... נישטאָ קיין באַלעבאַטים אויפצושטעלן סטראַשידלעס... יעזוס מאריא, וואָס פאַראַ טיפּשים!... — ער האָט בייז אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט, צוגעגאַנגען צו דער בריקע און פון אונטערן געזעס אַרויס־

געגומען א פלאַש משקה וואָס ער האָט געקויפט אין דער קרעטשמע מיט צובייסעכץ.

ער האָט געשיקט פאַרבויגן דעם קאָפּ אויף אונטן, אונטערגעשטעלט די לינקע האַנט ווי אַן אָנשפּאַר און גיריק גענומען זשליאָקן פון דער פלאַש. אָפּגעווישט די וואָנצעס און ס'מויל מיטן אַרבל און גענומען קייען אַ שטיק וורשט.

נאָכן אָנפּאָיען די פערד, האָט ס'פויערל מיט די אַרויסשטאַרשנדיקע קינבאַקן זיי צוגעפירט צו דער בריקע, אין שאָטן פון די ביימער און אויף זייערע העלדזער אָנגעהאַנגען טאָרבעס פאַשע. דאָס אָפּגעטאָן, האָט ער אַרויס־גענומען פון אַ טאָרבע אַ שטיק שוואַרצן ברויט און אַ פאַרטרוקנטן ווייסן קעז. ער האָט זיך פרום איבערגעצלמט און גענומען גיריק עסן. די אויגן האָבן ביי אים געשיינט מיט גרויס צופרידנקייט און ס'מאָגערע פּנים האָט זיך אויסגעלייטערט פון גרויס הנאה.

איבערן פעלד איז פון דר'ערד אויסגעוואַקסן אַ מאָדנע געשטאַלט, אַ זקן מיט לאַנגע גרויע, צעפּאַטלטע האָר איבערן אַקסל. ער האָט געטראָגן אַן אָפּגעריסן, לאַנג לייוונט העמד, וואָס האָט אים געגרייכט ביז די באָרוועסע פיס.

דער זקן אָנגעשפּאַרט אויף אַ שטעקן, איז געגאַנגען פּאַוואָליע, ווי מיט געמאָסטענע טריט אין דער ריכטונג פון דער בריקע.

אין דער לינקער האַנט האָט ער געהאַלטן אַ גרויסן שטרויענעם הוט. זיין האַלדז איז געווען אויסגעצויגן און זיינע קינבאַקן אין איינגעפאַלענעם פּנים האָט געהאַט אַ געלבלעכן קאָליר. די הויט גערונצלט. ער האָט אויס־געזען ווי אַ נזיר.

ר' יהודה האָט פאַרגאַפט געקוקט אויף דער דערשיינונג. אויף זיינע פיל־יאָריקע רייזעס איבערן לאַנד, טרעפט ער ס'ערשטע מאָל אַזאַ מיסטעריעזע געשטאַלט.

ווען דער זקן איז געקומען גאָר נאָענט צום האַלצשניצער, האָט ער זיך פאַר אים טיף פאַרנויגט און זיינע ליפן האָבן ווי געפּערעפּלט אַ שפּרוך. ער האָט זיך אַ ווײלע אָפּגעשטעלט קעגנאיבער יהודהן און זיך ווידעראַמאָל פאַר־נויגט פאַר אים און דערנאָך ווייטער געגאַנגען, אַזוי ווי ער וואָלט געשוועבט איבערן גראָז.

קומענדיק נאָענט צו דער בריקע, וווּ עס איז געשטאַנען דער עקאָ־נאָם, האָבן דעם זקנס תמימותדיקע אויגן זיך אָנגעצונדן מיט אַ בייז פייערל. ער האָט זיך אויסגעגלייכט און ווייטער געגאַנגען, קוקנדיק פאָרויס, ווי ער וואָלט דעם עקאָנאָם בכלל נישט געזען. און אָנגייענדיק עטלעכע טריט אויפ־געהויבן די אויגן צום הימל און הויך אויסגערופן:

— לייז אויס גאָט, לייז אויס!... און לאַנגזאַם פאַרשוווּנדן איבערן פעלד.

דער עקאָנאָם האָט אין אַ ברוגזן טאָן אַ רוף געטאָן צום פורמאַן:
— לאַפּוכי, שפּאַן די פערד, — און אַ וואַקלענדיקער ארויף אויף דער קעלנע.
ר׳ יהודה זעענדיק ווי די פערד ווערן געשפּאַנט, האָט פאַרבונדן זיין בינטל און צוגעקומען צו דער בריקע. ער האָט געוואָרפן אַ פאַרשנדיקן בליק אויפן עקאָנאָם און געזען יענעמס פאַרלאָפענע אויגן. ס׳פּנים איז געווען ביי אים פאַררויטלט פון דער היץ און פון בראַנפן. ער האָט זיך כסדר געווישט דעם קאַרק מיט אַ טיכל.
ר׳ יהודה האָט זיך געזעצט אין זיין געזעס און לייכט אָפּהוסטנדיק אַ פרעג געטאָן:
— פּאַניע עקאָנאָם, האָבן מיר נאָך וויט צו פאָרן?
— ערשט האַלבוועגס אָפּגעפאָרן... — האָט מיט אַ כריפּעוואַטער שטימע געענטפערט דער עקאָנאָם.
יהודה האָט אויסגענוצט דעם מאָמענט כדי צו פאַרבונדן אַ שטיקל שמועס מיטן עקאָנאָם, ביי וועמען ס׳האָט זיך אַ ביסל אָפּגעבונדן די צונג, און ער האָט ווייטער געפרעגט:
— און וואָס מאַכט עפּעס דאָרט דער אַרענדאַר לייבקע?! —
דער עקאָנאָם האָט עטוואָס אויסגעדרייט דעם קאָפּ און צוריקגעפרעגט:
— דו קענסט לייבקען?
— יאָ, כ׳האָב אים אַנומלט געטראָפן אין לובלין.
— אַזוי גאָר, געטראָפן אין לובלין, הע, און דו ווייסט גאָרנישט? — —
— וואָס זאָל איך וויסן? — האָט מיט נייגעריקייט געפרעגט יהודה.
— וואָס עס האָט פּאַסירט מיט לייבקע... ער איז שוין לאַנג אַוועק פון פריץ, נאָך דעם ווי זיין טאָכטער איז דערטרונקען געוואָרן.
— דערבאַרעמדיקער גאָט, וואָס רעדט איר פּאַניע?! די טאָכטער איז דערטרונקען געוואָרן?!
— יאָ, אַ גרויס אומגליק געשען ביי אונדז אין פּאָלוואַרק... אויך דעם כראַביעס טאָכטער איז דערטרונקען געוואָרן צוזאַמען מיט דער יידישקע אין סטאַוו... געמיינט, אַז דו ווייסט — האָט ער יהודהן געדוצט.
יהודה האָט מיטאַמאָל געזען אַ בלענדניש פאַר די אויגן. אַ קאַלטער שווייס איז ארויס אויף זיין שטערן. ס׳בלוט האָט ווי מיט האַמערס גענומען שלאָגן אין די שלייפן.
ער האָט פאַרמאַכט די אויגן און געטראַכט: וואָס קומט דאָ פאַר רבונו של עולם?!
לכתחילה האָט ער געוואָלט דעם עקאָנאָם פרעגן, צי ער ווייסט נישט וואָס פאַראַ קונסט־אַרנאַמענטן דער כראַביע וויל ער זאָל שניצן אין פּאַלאַץ, אָבער הערנדיק די טרויעריקע נייעס וועגן די דערטרונקענע מיידלעך אין פּאָלוואַרק האָט ער שוין גאָרנישט געפרעגט. ער האָט טרויעריק אַראָפּגע־

האָנגעגן דעם קאָפּ און אויסטערלישע געדאַנקען האָבן גענומען פלאָנטערן אין זיין מח.

אין אַזאַ דערדריקנדיקן געמיט־צושטאַנד האָט ער ממשיך־געווען די נסיעה אין דער ריכטונג פון סאָבאָטע.

קאַפּיטל 16

# דער אָנקום אין פּאָלוואַרק

ווען די בריקע איז ענדלעך אריינגעפאָרן אין דער ברייטער אַלייע פון כראַביע סאָבאָצקיס פּאָלוואַרק און פאַרקירעוועט אויפן ברייטן אַריינפאָר־פּלאַץ איז צוגעפאַלן בין־השמשות.

דער אָוונט האָט זיך געשטעלט אַ בלוילעך־קילער מיט אַן אויסגעשטערנטן הימל.

ס׳ערשטע וואָס האָט זיך פאַרן האַלצשניצער געוואָרפן אין די אויגן איז געווען די וויניקע באַוועגונג פון מענטשן.

די פענצטער פון ווייסן פּאַלאַץ זענען געשטאַנען בלינדע, אָן ליכט, מיטן אויסנאָם פון שוואַכע ליכט־אויסשטראַלונגען אין צוויי זייטיקע פענצטער אין רעכטן פליגל.

דער עקאָנאָם האָט געהייסן דעם פורמאַן צופאָרן צו אַ לאַנגער געביידע וואָס איז ענלעך געווען אויף אַן אכסניה און איז געשטאַנען נישט ווייט פון דעם גאָרטן און די שטעלער.

דאָס איז געווען אַ שטיין געמויערטע הויז מיט איינצלנע קאַמערן, ווו ס׳פלעגן אויף ביינאַכט איינשטיין צופעליקע געסט.

די בריקע האָט זיך אָפּגעשטעלט נעבן אַן אָפענער טיר, אין סאַמע עקסטן ווינקל פון הויז.

מאַריאַנסקי האָט גערופן איבערן פאַרקן צו די שטעלער, עמיץ זאָל קומען העלפן אויסלאַדעווען דעם באַגאַזש. ס׳איז געקומען צו לויפן אין איין אָטעם אַ באַרוועס יינגל פון אַ יאָר 13. זיין בלאָנדע טשופּרינע איז אים געפאַלן איבערן שטערן פון וואַנען ס׳האָבן אַרויסגעקוקט אַ פּאָר צעשמייכלטע אויגן דערזעענדיק דעם אַלטן פורמאַן.

ער איז צו אים צוגעלאָפן און געקושט זיין האַנט:

— אַ גוט אָוונט זיידעשי, זאָל געלויבט זיין יעזוסעס נאָמען!

זאָל גאָט דיך בענטשן, מיין איניקל... זע, וואָס כ׳האָב דיר געברענגט פון גאָמבין, יאַנקו — און דעם יינגל אַריינגעשטעקט אַ חפץ אין דער האַנט.

דעם יינגלס אויגן האָבן אויפגעלויכטן און ער האָט נאָכאַמאָל אַ קוש געטאָן דעם אַלטן אין דער האַנט. און באַלד פאַרשטעקט דעם חפץ אין אַ קעשענע פון די אָפּגעריסענע לייוונטע פאַרטקעס.

בעת דער זיידע מיטן איניקל האָבן זיך באַגריסט, האָט דער עקאָנאָם בורטשנדיק אונטער דער נאָז, אַ זאָג געטאָן:

— נו, אָנגעקומען... דער ייד מוז זיין מיד פון דער יאַזדע... זאָל ער זיך אויסרוען. דאָס איז זיין קאַמער. איך גיי מעלדן דעם כראַביע, אַז מיר זענען אָנגעקומען... כ׳וועל הייסן אין דער קיך מ׳זאָל באַזאָרגן מיט וועטשערע לויט דער יידישער דיעטע...

דאָס אָפּזאָגנדיק, איז ער אַוועק אין דער ריכטונג פון ווייסן בנין. דער פורמאַן האָט געהאָלפן דעם יינגל אַראָפּטראָגן דאָס קעסטל מיט מכשירים און אָפּגעפאָרן צו די שטעלער, אויסשפּאַנען די פערד.

און מיטאַמאָל איז שטיל געוואָרן אַרום דער געביידע.

ר׳ יהודה האָט זיך אַרומגעקוקט איבערן גרויסן פּלאַץ און טראָץ דער טונקלניש האָט זיין געניט אויג אויפגענומען די פולע אַטמאָספער פון אַוונטדיקן בילד.

זיינע פיליאַריקע רייזעס איבערן לאַנד האָבן אים באַרייכערט מיט פיל דערפאַרונגען און לעבנס־חכמה. זיין אויפמערקזאַם אויג איז פעיק געווען אויפצוכאַפּן די מינדסטע קלייניקייטן אין אַ נייעם פּלאַץ, וואָס איז געווען אַ שליסל צו אָריענטירן זיך אין נישט־פאַרויסגעזעענע סיטואַציעס. איצט, שטייענדיק נעבן שוועל פון דער אָפּענער פינצטערער קאַמער, איז אים אַלץ אויסגעקומען אויסטערליש און ממש רעטזעלהאַפט. ער האָט אויף אַ רגע פאַרמאַכט די אויגן ווי וועלנדיק זיך עפּעס דערמאָנען און נישט געוווסט צו וועלכע פון זיינע אָבסערוואַציעס ער דאַרף צופּאַסן די איצטיקע אומשטענדן.

דער יונגער לייבקנעכט האָט דערוויל אַריינגעטראָגן אין פינצטערן חדר ס׳קעסטל מיט מכשירים און עס אַוועקגעשטעלט נעבן אַ קליינער באַנק. ער האָט געוואַרט אויף באַפעלן פון גאַסט.

יהודה האָט אויפגעוואַכט פון זיינע טראַכטענישן און געפרעגט דעם יינגל:

— ווי רופט מען דיך, יינגעלע?

— מ׳רופט מיך יאַנעק, שאַנאָווני פּאַניע — האָט ער הכנעהדיק געענטפערט.

— יאַנעק? דו זעסט מיר אויס צו זיין אַ גוט יינגל. ווייסטו אויך יאַנעק, ווי אַזוי מ׳צינדט דאָ אָן אַ ליכט?

דער ייִנגלס פינגער האָבן אין דער פינצטער דערטאַפּט דעם פלינט וואָס איז געלעגן נעבן ליימענעם שטיי־לייכטער און אַ זאַג געטאָן:

— אָט, שאַנאָווני פּאַניע, מאַך איך ליכט. — ער האָט געשיקט אַ רייב געטאָן דעם פלינט אין אַ שטיק אייזן און אַ פינק האָט אַ בליץ געטאָן און צעשפּאַרט די פינצטערניש אין דער קאַמער. ער האָט אָנגעצונדן אַ חלבן ליכט און עס אַוועקגעשטעלט אויף אַ קליינעם טישל. שאָטנס פון די אַנ־ווערזנדע האָבן גענומען זיך וויגן אויף די נאַקעטע ווענט. נאַכט־פליעלעך האָבן מיטאַמאָל גענומען טאַנצן אַרום דעם פלאַם.

— כ׳זע דו ביסט אַ בריה, יאַנעק. דו מאַכסט געשיקט פייער מיטן פלינט.

— אָ, שאַנאָווני פּאַניע... דאָס קאָן איך שוין פון לאַנג... ווען כ׳בין נאָך געווען אַ פּאַסטוך... — האָט יאַנעק זיך באַרימט. — אין ווינ־טער איז זייער קאַלט אין פעלד, און מ׳דאַרף קאָנען אָנלייגן אַ פייער. אויך צו בראָטן קאַרטאָפל, ווייל מ׳איז הונגעריק... ס׳וואָר? — האָט ער זיך פאַרענטפערט.

— כ׳מיין אַזוי — האָט יהודה פריינדלעך געענטפערט — און ווי אַלט ביסטו יאַנעק?

— כ׳בין שוין באַלד פערצן יאָר — האָט דאָס ייִנגל זיך געגרויסט.

הם, טאַקע שוין אַ גרויסער בחור... און זאָג מיר יאַנעק, ווער איז דער פורמאַן? איז ער דיין זיידע?!

— יאָ, שאַנאָווני פּאַניע. סטאַך לאַפּוכי, רופט מען אים. ער איז מיין זיידע.

— און ווו איז דיין טאַטע, אַרבעט ער אויך אין די שטאַלן?

— ניין, גנעדיקער הער, איך האָב נישט קיין טאַטן — — האָט יאַנעק טרויעריק אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ. — מיין זיידע זאָגט מיר, אַז מ׳האָט אים פאַרשמיסן... ער לעבט נישט מער... איך בין נאָך אַ קליין קינד געווען. איך געדענק נישט מיין טאַטן!...

— אַזוי, מ׳האָט פאַרשמיסן דיין טאַטן? — האָט מיט גרויס מיט־געפיל איבערגעחזרט דער האַלצשניצער, און מיטאַמאָל זיך געפילט אומ־באַקוועם. ווענדיק איבערגיין צו אַן אַנדערער פראַגע, האָט ער דעם ייִנגל געפרעגט, צי זיין מאַמע אַרבעט אין פאַלוואַרק.

— מיין מאַמע איז געשטאָרבן אין פעלד ביי דער אַרבעט... זי איז זייער קראַנק געווען... ס׳האָט איר געהיילט די אַלטע יאַדוויגאַ, די זנאַ־כאַרקע פון דאָרף... אָבער איר גאָרנישט געקאָנט העלפן... יענעם טאָג ווען זי איז געשטאָרבן, איז געווען אַ גרויסער ווינט און אַ האָגל אין פעלד. זי איז געפאַלן און מער נישט אויפגעשטאַנען

ר׳ יהודה האָט פון ייִנגלס דערציילן געפילט ווי אַ שווערער גייט אים דורך דעם חוט־השדרה. ער האָט געקוקט אויפן ייִנגל אַן אומבאַהאָלפענער מיט טיפן רחמנות און נישט געוווסט ווי ווייטער פירן מיט אים דעם גע־

שפּרעך. ער האָט זיך איינגעקוקט אין יאַנעקס פּנים אין אָפּשיין פון חלבן ליכט, געזען יענעס תמימותדיקע אויגן וואָס בעטן אַ ביסל וואַרעמקייט.

ס'האָט אים אַ צופּ געטאָן אין האַרצן, קוקנדיק אויף דעם קיילעכדיקן יתום, אַ לייבקנעכט. נאָך אַ רגע שטילשווייגן האָט ער זיך פּאַטערלעך אָפּגערופן:

— יאָ, יאַנעק. ס'איז נישט גוט צו זיין אַ יתום... איך בין אויך געווען אַ יתום, דאָס איז אַ גאָט זאַך... זאָג מיר ייִנגעלע, גלייבסטו אין גאָט? אויב דו גלייבסט אין גאָט, טו תפילה צו אים, ער וועט דיר העלפן...

— אוודאי גלייב איך אין גאָט... דער גלח לערנט אונדז, אַז יעזוס קריסט איז געווען אַ גוטער און ער האָט אַלע ליב געהאַט... אַלע מענטשן... און דער גלח זאָגט, אַז מען מוז פאָלגן דעם פּריץ, מ'טאָר נישט פויל זיין און אַרבעטן... אַנישט וועט מען אונדז באַשטראָפן און מ'וועט פאַר די זינד אָפּקומען אין גהינום... ס'וואָר?!

הערנדיק דאָס אַראָפּרעדן זיך פון האַרצן פון ייִנגל האָט ר' יהודה פּאַטערלעך אַרויפגעלייגט די האַנט אויפן ייִנגלס שמאָלע אַקסלען און געזאָגט:

— אוודאי יאַנעק. אַ מענטש מוז זיין ערלעך און אַרבעטן... מ'טאָר נישט זינדיקן. גאָט שטראָפט פאַר זינד!

— איך בין ערלעך, שאַנאָווני פּאַניע. איך אַרבעט... איך בין קיינ־מאָל נישט פויל... נאָר די אַנדערע יונגען אין שטאַל האָבן מיך נישט ליב... זיי לאָזן מיך נישט אַרבעטן, טרייבן מיך פון שטאַל...

— נו, נו, יאַנעק, זיי מיינען חלילה נישט שלעכט... אפשר אַרבעטסטו צופיל, און זיי האָבן רחמנות אויף דיר, ווייל דו ביסט נאָך קליין און אַ יתום...

— אַזוי מיינט איר, שאַנאָווני פּאַניע, זיי האָבן מיך יאָ ליב? — האָט ס'ייִנגל מיט אויפגעלייכטע אויגן איבערגעפרעגט.

— יאָ, יאַנעק... כ'מיין זיי האָבן דיך ליב... אָבער זאָג מיר בעסער, וואָס וואָלסטו געוואָלט ווערן, ווען דו וועסט אונטערוואַקסן — האָט ר' יהודה געוואָלט פאַרקירעווען די אומבאַקוועמע פראַגן פון ייִנגל.

— איך וואָלט געוואָלט ווערן אַ פורמאַן!

— אַ פורמאַן? פאַרוואָס אַ פורמאַן, ייִנגעלע?

— ווייל אַ פורמאַן, שאַנאָווני פּאַניע, קאָן פאָרן אין אַלע פּלעצער, אומעטום... און איך האָב ליב צו פאָרן אין ווייטע שטעט און זען אַ סך מענטשן... כ'האָב ליב צו זען מענטשן... ס'איז דעמלט אַזוי גוט אויפן האַרצן, האָט יאַנעק זיך אַראָפּגערעדט פון האַרצן.

זאָגנדיק דאָס האָט ער מיט דאַנקבאַרקייט געקוקט אויפן גאַסט. קיינער האָט אים נאָך קיינמאָל נישט אויסגעפרעגט די אַלע זאַכן ווי דער פרעמדער שיינער מענטש. ער איז גרייט געווען צו אים צולויפן און זיך צוטוליען

אָבער ער האָט זיך געשעמט דאָס צו טאָן. ער האָט לאַנג געקוקט אויפֿן באַבערדלטן, שיינעם הער, וועמענס פּנים איז געווען אַזוי ליכטיק און צעשמייכלט.

ר׳ יהודה האָט צוריקגעקוקט אויפֿן ייִנגל מיט רחמנות און זיך געטראַכט:

— זיין זיידע איז אַ לייבקנעכט, אַזוי איז געווען זיין טאַטע און אַזאַ איז דער גורל פֿון קליינעם יאַנעק, וועמענס גרעסטע השגה איז צו ווערן אַ פֿורמאַן.

אין זיין דמיון איז אויפֿגעשווומען די געשטאַלט פֿון זיין אייניקל, שמואלעכל פֿון דער עלטסטער טאָכטער. ער איז כמעט אין דעם זעלבן עלטער וואָס יאַנעק... זיין שמואלעכל האָט ב״ה שוין לאַנג דעם חדר אונטער זיך. זיצט איצט על התורה אין בית־מדרש און מ׳שלאָגט אים שוין אפֿילו אָן שידוכים...

ר׳ יהודה האָט זיך אויפֿגעכאַפּט פֿון זיין פֿאַרטראַכטעניש און געפֿרעגט:

— זאָג מיר, יאַנעק, ווו איז וואַסער?

— אָט דאָרט שטייט וואַסער — האָט דאָס ייִנגל אָנגעוויזן אויף אַ ליי־מענעם קרוג אין ווינקל. — מאָרגן וועל איך ברענגען פֿרישע וואַסער, גוט שאַנאָווני פּאַניע?

ר׳ יהודה האָט אויפֿגעהויבן דעם לייכטער און געקוקט אין דער ריכ־טונג, ווו ס׳ייִנגל האָט געוויזן מיטן פֿינגער, און געזען דאָרט שטיין אַן ערדע־נעם קרוג נעבן אַ בענקל, אויף וועלכן עס איז געשטאַנען אַ מעדניצע.

— כ׳זע יאַנעק, דו ביסט אַ ווילער בחור. די ווייסט אַלצדינג... איצט, כ׳בעט דיך, זאָג־זשע מיר, אויף וועלכער זייט גייט אויף אין דער פֿרי די זון?

יאַנעק האָט אַ צי געטאָן מיטן אַקסל ווי וועלנדיק זאָגן: „אויך מיר אַ פֿראַגע״ און געוויזן מיט דער האַנט צום פֿענצטער:

— אָט, דאָרטן, אויף יענער זייט.

נאָכדעם ווי יהודה האָט זיך איבערצייגט ווו עס געפֿינט זיך מזרח־זייט צו קאָנען דאַווענען, האָט ער אַרויסגענומען אַ זילבערנע מטבע פֿון אַ קליין טאָרבעלע מיט מינץ, וואָס ער פֿלעגט מיט זיך פֿירן, צו באַלוינען די וואָס זענען אים משמש אין וועג און אַריינגעלייגט אין יאַנעקס האַנט. ביים אָנריר פֿון ייִנגלס האַנטפֿלאַך האָט ער געפֿילט די שאָרסטיקייט פֿון זיין יונגער אויס־געהאָרעוועטער האַנט:

— דאָס איז פֿאַר דיר, יאַנעק... וועסט דיר עפּעס קויפֿן אויפֿן יאַריד...

דער ייִנגל האָט אויפֿגעעפֿנט די האַנטפֿלאַך, געקוקט אויף דער זיל־

בערנער מטבע וואָס האָט געבלינצלט אין אָפּשיין פון ליכט־פלעמל און געבליבן שטיין אַ פאַרבליפטער. ער האָט נישט געקאָנט פון זיך ארויסברענגען אַ קלאַנג. ס׳ערשטע מאָל אין לעבן ווי עמיץ גיט אים אַ מטבע... אַזאַ גרויסע זילבערנע מטבע... ממש אַ פאַרמעגן... טרערן זענען אים אָנגעלאָפן אין די אויגן און ס׳האָט אים געשטיקט אין האַלדז. אַ גערירטער האָט ער קוים אויסגעשטאַמלט: כ׳דאַנק אייך שאַנאָווני פּאַניע... איר זענט אַ גוטער מענטש! — אַ, יעזוס מאַריאַ... יעזוס מאַריאַ... און ווי אַ וויכער איז ער אַרויס פונעם חדר.

נאָך דעם ווי דאָס ייִנגל איז ארויס אין דער טונקלניש פון דער נאַכט, האָט ר׳ יהודה פאַרמאַכט די טיר, ס׳זאָלן נישט אַריין מער נאַכט־אינזעקטן.

ער האָט זיך ארומגעקוקט אויף די נאַקעטע ווענט און אַ מידער זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ בענקל צווישן טיש און די שלאָפבאַנק, וואָס איז געשטאַנען לענגאויס דעם פענצטער, באַדעקט מיט אַ גרויען טוך.

ער האָט נאָכגעטראַכט וועגן שמועס מיט ייִנגל און זיין גורל און טרויעריק געשאָקלט מיטן קאָפּ.

ער האָט זיך צוריק אויפגעשטעלט, גענומען דעם שטיילייכטער אין האַנט און ארומגעגאַנגען איבער דער קאַמער און בודק־געווען יעדעס ווינקל, צי ס׳געפינען זיך נישט געטשקעס אַדער אַנדערע טמאידיקע זאַכן. נישט געפינענדיק קיין שום פאַרדעכטיקס, האָט ער אַרויסגענומען פון קעסטל מכשירים אַ קליינע הילצערנע שייד וואָס ער האָט אליין קאָנסטרואירט. אינעווייניק איז געווען א מזוזה, וואָס ער האָט מיט זיך אַרומגעפירט אויף זיינע רייזעס איבערן לאַנד. דאָס האָט ער געטאָן על פּי מקרה, אויב ס׳וועט אַמאָל אויסקומען איבערנעכטיקן אין אַ נישט־יידישן אריינפאָר־הויז.

די שייד האָט פוןביידע זייטן געהאַט אויסגעבויערט לעכער אויף פּראַוויזאָריש צו קאָנען צונאָגלען איבער נאַכט צו אַ טיר.

ער איז אַוועק אין ווינקל צום קרוג וואַסער, אָפּגעגאָסן נעגל־וואַסער אין דער מעדניצע און זיך געשטעלט דאַווענען מעריב.

אַ צייט שפּעטער האָט ווער אָנגעקלאַפּט אין טיר. ס׳איז געקומען אַן עלטערער באַדינער פון דער פּריצישער קיך מיט אַ האָלצענעם טאַץ, באַלאַדן מיט פרישע שוואַרצע ברויט, פון וועלכן ס׳איז געקומען אַ זיסלעכער ריח, אַ טעפּל זויערמילך, ווייסע קעז און אַן אוגערקע.

נאָכן אַוועקגיין פון באַדינער, האָט ער זיך צוגעזעצט צום טיש און ביחדות געגעסן וועטשערע.

ער האָט זיך איצט געפילט מונטערער און פאַרגעסן די מידקייט פון לאַנגן וועג. ער האָט אָנגעלענט דעם קאָפּ אין ביידע הענט און זיך פאַרטראַכט וועגן די איבערלעבענישן פון לעצטן מעת־לעת. נישטווילנדיק האָט ער ווידער געטראַכט וועגן יאַנעקן, וועמענס אבות זענען געווען אייביקע

שקלאַפן און געבליבן שקלאַפן. און אויפן רעיון קומט אים דער פסוק אין 'דברים': כי ימכר לך אחיך העברי או העבריה ועבדך שש שנים ובשנה השביעית תשלחנו חפשי מעמך...*). דאָס איז געווען אַמאָל אין אַלטן ארץ־ישראל. און דאָ זענען די פויערן אייביקע קנעכט...

אין אונטערבאַוווסטזיין האָט אים געעקבערט די האַרבע קשיא:

— וועמענס גורל איז בעסער? צי זיין אַן אייביקער קנעכט צווישן אייגן־גלויביקע אָדער אַן אייביק־פאַרפאָלגטער ייד צווישן גויים?

ער האָט פון טלומיקל ארויסגענומען דעם פירוש פון „אור החיים״. אין טלומיקל האָט ער געווינלעך געהאַלטן טלית־ותפילין, א תהילימל און אַנדערע ספרימלעך.

ר' יהודה האָט אין אַ ווײַלע אַרום זיך פאַרטיפט אין ספר און לחלוטין זיך אויסגעטאָן פון דער דרויסנדיקער וועלט.

## קאַפּיטל 17

# קאָנפראָנטאַציע

דאָס איז געווען אין די שפּעטע מאָרגן־שעהן ווען דער כראַביע האָט געשיקט זיין קאָמערדינער, ער זאָל רופן דעם האָלצשניצער.

ר' יהודה האָט שוין לאַנג געוואַרט אויף דער באַגעגעניש. ער האָט דעם זעלבן פרימאָרגן זייער פרי זיך געפּעדערט, אָפּגעדאַוונט און אָפּגעגעסן דעם באַשיידענעם פרישטיק, וואָס מ'האָט אים געבראַכט. דערנאָך אַרומ־שפּאַצירט איבערן הויף און מיט נייגיר באַטראַכט די גרויסע ווירטשאַפט. זיין אויפמערקזאַם אויג האָט פון דער ווייטנס אויפגעכאַפּט דעם נייעם בנין. אָן ספק האָט עס אויסגעזען ווי אַ קאַפּליצע. ער האָט זיך געוווּנדערט, וואָס אין אַזאַ קליינעם פאָלוואַרק, ווערט אויפגעשטעלט א תיפלה.

נייגעריקע אויגן פון לייבקנעכט האָבן נאָכגעקוקט דעם פרעמדן ייד וואָס איז געווען אַזוי שיין געקליידט און ער האָט אַלעמען באַגריסט מיט אַ פריינדלעכן נייג מיטן קאָפּ, אויף וואָס זיי האָבן הכנעהדיק געענטפערט.

*) דברים, טו (יב) — אז דיין ברודער, א ייד, אדער א יידישע פרוי, וועט זיך פארקויפן צו דיר זאל ער דינען זעקס יאר, און אויפן זיבעטן זאלסטו אים ארויסלאזן פריי פון דיר

ווען דער קאַמערדינער איז געקומען, איז ער געווען אָנגעטאָן אין זיין שבתדיקער בעקעשע, פאַרקעמט די באָרד און אונטערן קאַלפּאַק דאָס סאַמע־בלוילעכע קאַפּעלע.

ער האָט אויסגעזען אויסגערוט און מונטער אָפּגעפרישט נאָכן שפּאַציר אין דער פרישער מאָרגן־לופט.

בעתן דאָזיקן שפּאַציר האָט אים כסדר פאַרפאָלגט די מאַטערנדיקע מחשבה: צי וואָס דער כראַביע האָט אייגנטלעך נאָך אים געשיקט? דער קאַמערדינער האָט באַטראַכט דעם האָלצשניצער און מיט אַן ערנסטער מינע געקוקט אויף אים פון אַ זייט. ער איז שטאַרק באַאיינדרוקט געווען פון דער שיינער געשטאַלט און זיך געטראַכט, אַז ביז איצט האָט ער אַזאַ נאָבל־אויסזעענדיקן יידן נישט געזען.

ביידע האָבן שטילשוויגנדיק געשפּרייזט איבערן פּלאַץ אין דער ריכטונג פון פּאַלאַץ, אַרויף אויף די ברייטע, מאַרמאָרענע טרעפּ און אריין אין פּירהויז.

דער קאַמערדינער האָט עטוואָס שטייפלעך יהודהן אָנגעוויזן אַ שטול און געהייסן צוּוואַרטן. אַליין, איז ער אַדורך דעם אויפנעם־צימער צו דער קאַנצעלאַריע, מעלדן סאָבאָצקין, אַז ער האָט געבראַכט דעם ייד.

ר׳ יהודה האָט דערווייל מיט נייגיר זיך אַרומגעקוקט אויף די ווענט, דעקאָרירט מיט יאַגד־טאַראַפּייען און בילדער.

לויט דער עסטעטישער אויסדעקאָרירונג פון פּירהויז, האָט דער האָלצשניצער געדרונגען, אַז דער פּריץ מוז זיין אַ העכסט־געבילדעטער מענטש מיט גרויס געשמאַק פאַר קונסט.

דער קאַמערדינער איז צוריקגעקומען און מיט דער האַנט אים געגעבן אַ צייכן, ער זאָל אים נאָכגיין.

אַדורכגייענדיק דעם אויפנעם־צימער, האָט יהודהס אויג זיך נישט געקאָנט אָפּרייסן פון די פּרעכטיקע בילדער אויף די ווענט און די פּערסישע דיוואַנען פאַרשפּרייט איבערן דיל.

ווען ער איז אריין אין דער קאַנצעלאַריע, איז דער כראַביע געזעסן ביים שרייבטיש און אַריינגעקוקט אין אַ דאָקומענט וואָס איז געליגן פאַר אים. ער איז געווען אָנגעטאָן אין אַ בלוי־געהאַפּטענעם פּידזשאַק, פאַרקנעפּלט ביזן האַלדז. די באַקנבערד האָבן שאַרף אויסגעטיילט די קינבאַקן און ס׳מאַטע, לענגלעכע פּנים. ער האָט לייכט אויפגעהויבן דעם קאָפּ און געקוקט אויף דעם אריינגעקומענעם. זייערע אויגן האָבן זיך באַגעגנט.

יהודה האָט אויסגעטאָן דעם קאַלפּאַק, און געבליבן שטיין אין קאַפּעלע. אין אָפּשיין פון כראַביעס פּנים איז קענטיק געווען, אַז די שיינע געשטאַלט פאַר אים האָט אים אָנגענעם איבערראַשט.

יהודה האָט זיך לייכט פאַרנייגט און מיט אַ קלאָרער אויסשפּראַך ווי דער שטייגער, באַגריסט דעם כראַביע:

— גוט מאָרגן אייער הויכגעבוירנקייט. שלום מיט אייך. כ׳גלויב, אַז איר זענט ביים בעסטן געזונט, אַזוי אייער משפּחה. זאָל גאָט אייך באַשיצן!

— גוט מאָרגן! — האָט דער כראַביע העפלעך געענטפערט און אָנגעװיזן דעם יידן אַ שטול.

— מיט אייער דערלויבעניש, גנעדיקער כראַביע, מעג איך גיין אין מיין קאַפּל?

דער כראַביע האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ זיין צושטימונג.

דער כראַביע האָט לייכט פאַרביסן די אונטערשטע ליפּ, באַטראַכט דעם גאַסט און נישט געקאָנט באַשליסן ביי זיך, צי ער זאָל אים ׳דוצן׳ אָדער רעדן אין דער דריטער פּערזאָן. דער ייד האָט אַרויסגערופן צו זיך גרויס רעספּעקט. אָבער זיין פּריצישער שטאָלץ האָט איבערגעוויגן די מאָמענטאַלע וואַקלעניש און ער האָט באַשלאָסן אים דוצן, פּונקט ווי זיין וויקאַר. פון דעם אופן, ווי דער ייד האָט אים באַגריסט און זיין שיינע פּוילישע אויסשפּראַך האָט סאַבאַצקי געזען, אַז ער האָט פאַר זיך אַ געבילדעטן און שטאָלצן מענטש. ער האָט זיך געטראַכט: — געדולד און דיפּלאָמאַטיע וועט מיר העלפן צו געווינען דעם ייד פאַר מיין צוועק...

— האָסטו געהאַט א גוטע רייזע? — האָט ער אין אַ קאָנווענציאָנעלן טאָן געפרעגט דעם גאַסט, וועלנדיק אַזוי־אַרום איינשטעלן אַ פריינדלעכע פאַרבינדונג.

— אַדאַנק אייער ווױלגעבוירנקייט. די רייזע איז געווען אַ גוטע און דאָס צימער איז אויך געווען באַקוועם.

— איז דאָס עסן לויט אייער יידישער דיעטע? — האָט דער כראַביע געפאָרשט.

— יאָ, יאַשניע וויעלמאָזשני פּאַניע.

דאָס אויספרעגעניש האָט זיך איבערגעריסן און יהודה האָט מיט נייגיר געקוקט אויף די ביכער־שראַנק און געמעלן אויף די ווענט.

— כ׳זע, אייער ווירדיקייט, האָט גרויס געשמאַק פאַר קונסט...

דעם כראַביעס פּנים האָט זיך אויסגעלייטערט אין א שמייכל:—אַ דאַנק פאַרן קאָמפּלימענט. איר האָט אַן אויג פון אַן אמתן קינסטלער. ביי אונדז, די סאַבאַצקיס, איז עס אַ ירושה־זאַך. מיר האָבן ליב עכטע קונסט — האָט ער מיט אַ געוויסן שטאָלץ אין טאָן געענטפערט.

יהודה האָט זיך לייכט פאַרנייגט. אין קאָפּ האָט ער צום צוועלפטן מאָל איבערגעלייגט די פראַגע, ווי אַזוי צו פרעגן דעם כראַביע, צי וואָס ער האָט נאָך אים געשיקט. ער האָט אַלץ נישט געקאָנט פאָרמירן די פראַגע. אין

האַלדז האָט ער פּלוצים געפּילט אַ טרוקנקייט און ער האָט געשלונגען די שפּייעכץ, נאָס צו מאַכן די קעל. און באַלד נישט דרייסט אַ פרעג געטאָן: יאַשני וויעלמאָזשני פּאַניע, מעג איך פרעגן, וואָס איז מיין פּריווילעגיע, כ׳זאָל טוען פאַר אייער גנעדיקייט?

— אָ, אָ... נישט געאיילט זיך. מיר וועלן דערצו קומען... צו ערשט לאָמיר אַ ביסל שמועסן אידער איך טרוי דיר אָן אַזאַ וויכטיקע אַרבעט — האָט ער מיט אַ געהיימנישפולן שמייכל געענטפערט. — איך דאַרף עפּעס מער וויסן פון דיין לעבן און דיין ארבעט, נישט ריכטיק?

יהודה האָט אַ לייכטן שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ.

— כ׳פאַרשטיי, אז דו פאָרסט ארום איבערן לאַנד, אמת? אויב אַזוי קאָנסטו פיל ישובים...

— יאָ, אייער גנעדיקייט. שוין דריי צענדליק יאָר ווי איך פאָר אַרום איבערן לאַנד. כ׳קאָן פיל שטעט, ווו כ׳האָב חדשים־לאַנג געאַרבעט ביים בויען סינאַגאָגעס. איך שניץ אָרנאַמענטן פאַר די ארון־קודשן...

— אָ, יאָ, געהערט, אַז דו שניצט זייער שיינע אָרנאַמענטן און גראַ־ווירונגען. און ווו האָסטו געלערנט די קונסט פון שניצעריי?

— די קונסט האָב איך געלערנט ביי אַ גרויסן מייסטער אין סלוצק.

— אָ, גאָר אין סלוצק, אין ווייסרוסלאַנד, זייער ווייט פון דאַנען. זייער אינטערעסאַנט... און אין לובלין ביסטו געווען? — האָט דער כראַביע ווייטער געפאָרשט.

— געווען אין לובלין פיל מאָל, אייער ווילגעבוירנקייט. אויך אין קראָקע.

— אַזוי גאָר?! אויך אין קראָקע. הם. זייער אינטערעסאַנט. אויב דו ביסט געווען אין קראָקע האָסטו זיכער געזען די פיינע אַלטאַר־שניצע־רייען פון גרויסן פוילישן קינסטלער וויט סטוואָש?

דער ייד האָט אַ ביסל דערשטוינט אָנגעקוקט דעם כראַביע און געלאָזן געענטפערט:

— ניין, יאַשניע וויעלמאָזשני פּאַניע. כ׳האָב קיינמאָל נישט געזען די אַלטאַר שניצערייען... כ׳האָב אָבער זייער פיל געהערט וועגן דעם באַ־רימטן פוילישן מייסטער און זיינע גראַווירונגען... ווי מיר איז באַוווּסט זענען זיי אַלע אין אַ קלויסטער. און אין אַ קלויסטער איז אַ ייד נישט דער־לויבט אריינצוגיין...

— האַ... ווער פאַרבאָט דאָס אַ ייד אַריינצוגיין אין א קלויסטער?... קיינער וואָלט דיר נישט געשטערט אריינצוגיין אין מאַריאַצקי קלויסטער אָנצוקוקן די הערלעכע קונסט־ווערק. פאַר קינסטלער פון יידישע אַלטאַרן וואָלט דאָס געווען זייער באַלערנדיק, נישטוואָר?!

יהודה האָט זיך אַ רגע פאַרטראַכט, ווי אַזוי די זאַך אויפקלערן דעם כראַביע וואָס פאַרשטייט זיך נישט, וויזט אויס, אויף אַזעלכע זאַכן, וואָס אונטערשיידן די ייִדישע און קריסטלעכע רעליגיע, אָדער ער טוט דאָס מיט אַ כוונה. אינסטינקטיוו האָט ער געפילט, אַז יעדער זוכט אים צו פּראָוואָצירן און מאַכט דאָס פאַרשטעלטערהייט. ער האָט דעריבער מיט קאַטעגאָרישקייט געענטפערט:

— יאָ, אייער גנעדיקייט. ס'וואָלט אפשר געווען זייער באַלערנדיק, אָבער גלייכצייטיק וואָלט איך באַגאַנגען אַ מוראדיקן חטא. ייִדן וואָלטן מיך ארייגעלייגט אין חרם... לויט אונדזער זאָקאָן, טאָר אַ ייִד נישט איבערטרעטן די שוועל פון אַ קירך...

— אויב אַזוי, איז די ייִדישע רעליגיע זייער אַ האַרבע מיט צופיל עונשן — האָט דער כראַביע געשאָקלט מיטן קאָפּ.

— ווי פאַר ווּעמען... פאַר אונדז ייִדן איז זי גאַרנישט שווער... מיר היטן אָפּ דעם זאָקאָן שוין טויזנטער יאָרן... אמת, מ'האָט אונדז געברענט אויף שייטערהויפנס פון דער אינקוויזיציע און געצוווּנגען צו בייטן אונדזער רעליגיע... ס'האָט אָבער גאָרנישט געהאָלפן... ווייל די, וואָס האָבן אונדז פאַרפאָלגט, זענען אליין שוין לאַנג נישטאָ... אָבער מיר, אין אונדזער אויסדויער עקזיסטירן ווייטער, ווייל אונדזער גלויבן איז אומצעטיילבאַר און אייביק...

דעם כראַביעס פּנים האָט זיך עטוואָס פאַרכמורעט. ער האָט פאַרשנדיק געקוקט אויפן ייִד און דרך־אגבדיק אַ זאָג געטאָן:

— ווי, כ'זע, ביסטו אויסער אַ קינסטלער, אַ גוטער מיטשמועסער...

— און טיף אין האַרצן ביי זיך געטראַכט:

— טשעקאַווע צו זען, ווי אַזוי אַזאַ וויכוח וועט זיך ענדיקן צווישן אָט דעם ייִדן און דעם וויקאַר... און ווער פון זיי וועט זיגן?!... און שאָקלענדיק אין אַ זייט מיטן קאָפּ זיך אָפּגערופן:

— לאָמיר אויף אַ ווײַלע לאָזן אין אַ זייט רעליגיע. אפשר קענסטו מיר בעסער אילוסטרירן דיינע אַלטאַר־גראַווירונגען! ווערן זיי אַלע געשניצט אין האָלץ?

— יאָ, אייער גנעדיקייט. אַלע גראַווירונגען ווערן געשניצט פון ספּעציעל צוגעגרייטע האָלץ.

— זענען דאָס פיגורן? — האָט דער כראַביע דיפּלאָמאַטיש אַ פרעג געטאָן.

— אָ, ניין. נישט קיין פיגורן. דאָס רוב זענען קאַרניזן און רעליעף־אָרנאַמענטן.

— וואָס שטעלן זיי פאָר? — האָט דער כראַביע ווייטער געפאָרשט.

— ביבלישע מאָטיוון, גענומען פון אונדזערע הייליקע ספרים, ווי ווײַנשלען ווײַנטרויבן, הירשן, לייבן און ענלעכע זאַכן.

— שניצטו קיינמאָל נישט קיין פיגורן?

— ניין, יאַשניע וויעלמאָזשני פּאַניע. לויט דער ידישער רעליגיע טאָר מען נישט שניצן קיין געשטאַלט פון אַ מענטשן, אויסער משה רבינו מיט די לוחות און זיין ברודער אהרן.

הערנדיק דאָס, האָט סאַבאַצקי אַ פינטל געטאָן מיטן אויג און אַ בלאַ־סער שמייכל האָט זיך געוויזן אין זיינע מוילווינקלען. ער האָט ביי זיך גע־טראַכט, אַז ענדלעך האָט ער אַרויסגעקריגן פון יידן וואָס ער האָט געוואָלט וויסן און אומישנע אַ פרעג געטאָן:

— און אַזאַ פיגור וואָס שטייט דאָרטן? — האָט ער אָנגעוויזן אויף דער מאַרמאָרנע פיגור פון רוימישן 'נאָבלמאַן' — וואָלסטו געקענט מאַכן?

— כ'וויים נישט, גנעניקער כראַביע. כ'האָב דאָס קיינמאָל נישט פּרובירט... כ'האָב שוין פריער געזאָגט, אַז לויט אונדזער זאַקאָן איז פאַרבאָטן צו שניצן אַזעלכע פיגורן, ווייל דאָס איז געגליכן צו עבודה זרה...

הערנדיק דעם קלאָרן ענטפער פון יידן האָט דעם כראַביעס פּנים זיך נאָכמער פאַרוואָלקנט. ער האָט געקוקט אויפן זייגער און אַ זאָג געטאָן:

— מיר וועלן די זאַך איבערשמועסן שפּעטער — און אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט, אַז די אוידיענץ איז פאַרענדיקט.

ר' יהודה האָט זיך אויפגעשטעלט, אויפגעהויבן דעם קאָלפּאַק, וואָס איז געליגן צופוסנס פון זיין שטול, געבליבן שטיין אין קווענקלעניש, און די פראַגע איז אים געלעגן אויפן שפּיץ צונג. ער האָט זיך לייכט פאַרנייגט און אַ פרעג געטאָן:

— אייער גנעדיקייט. איר האָט מיר נאָך אַלץ נישט געזאָגט, וואָס פאַראַ אַרבעט איר האָט אין זינען איך זאָל פאַר אייך מאַכן...

דער כראַביע האָט אָנגעמאָסטן דעם ייד מיט אַ דורכדרינגלעכן בליק און מיט געמאָכטער גוטמוטיקייט געענטפערט:

— כ'האָב דיר געזאָגט... מיר וועלן די זאַך שפּעטער איבערשמועסן. כ'מוז זיך פריער באַראָטן מיט מיין בוימייסטער.

ר' יהודה האָט זיך פאַרנייגט און אַרויס פון דער קאַנצעלאַריע מיט אַן אוהיימלעך געפיל.

אויפן וועג צו זיין קאַמער האָט ער צום ווייפלטן מאָל אין קאָפּ איבער־געטראַכט יעדע פראַזע און וואָרט פון גאַנצן שמועס און אַלץ איז אים אויס־געקומען זייער רעטזעלהאַפט. ער האָט צו גאַרנישט זיך געקאָנט דערטראַכטן.

קאַפּיטל 18

# דער פּאַרמעסט

דער וויקאַר פון זדוני איז דעם טאָג נישט געווען אין קיין גוטער שטימונג. ער האָט געהאַט אַ שלאָפלאָזע נאַכט. מאַלגאַזשאַטאַ איז צו אים ווידער נישט געקומען. דאָס קאַמערמיידל איז נאָך דער געשעעניש מיט יאַראָסן שווער קראַנק געוואָרן און מ׳האָט איר אָפּגעפירט אין דאָרף אַריין. ער האָט נישט געהאַט קיין אַנונג, אַז דאָס מיידל, וועמען ער האָט מיט אַ צייט צוריק געגעבן אַ פלאַקאָניק מיט ׳הייליק וואַסער׳ צו טרינקען יעדן אינדער־פרי אַלס סגולה ס׳זאָל איר באַשיצן פון אַלדאָס בייז, איז פאַרשוואַנגערט פון אים און ליגט מסוכן קראַנק.

שוין איבער אַ שעה צייט ווי ער זיצט אין קליינעם אויפנעם־צימער מיטן כראַביע איבערן שאַך־ברעט. ער האָט געשפּילט די שוואַרצע פיגורן.

דער וויקאַר איז לעולם געווען א גוטער שאַכשפּילער און אָפט גע־וווּנען אַ פּאַרטיע. ער האָט דערביי געהאַט זיין סטראַטעגיע ווי צו אַטאַקירן זיין קעגנער מיטן ריטער און לויפער און שפּעטער ווי אריינצוצוואַמען דעם קעגנער אין אַ פּאַסטקע מיט זיין מלכה און מלך. דאָס מאָל איז עס אָבער אים נישט געגאַנגען. אין קאָפּ איז אַלץ געווען מטושטש. אים האָט זיך אויך אויסגעדוכטן, אַז דער כראַביע איז מיט עפּעס אָנגעשטויסן. ער רעדט מיט רמזים און בכלל מיידט ער אויס אים צו דערציילן וואָס ער האָט גערעדט מיטן יידן.

דער כראַביע ווידער האָט אויפמערקזאַם אָבסערווירט זיין גאַסט, געקוקט אויף זיינע דיקע פליישיקע פינגער, מיט וועלכע ער האָט גענומען די שוואַרצע מלך־פיגור, אַ רוק געטאָן איבערן שאַכברעט. ער האָט פריי־לעך אונטערגעברומט, זעענדיק דעם פעלערהאַפטן צוג, וואָס דער גלח האָט געמאַכט און מיט לייכטער איראָניע אַ זאָג געטאָן:

— אָ, מיין ליבער שאַכמייסטער, וואָס פאַראַ גלענצנדיקער צוג... גלענצנד... גלענצנד...

דער וויקאַר האָט אויפגעוואַכט פון זיין פאַרטראַכטקייט, אַ קוק געטאָן אויפן שאַכברעט און געשאָקלט מיטן קאָפּ אין דער ברייט.

— כ׳רוף שאַך־מאַט — האָט אַ צעשמייכלטער אויסגערופן דער כראַביע.

דער גייסטלעכער איז געבליבן זיצן מיט פאַרגלאָצטע אויגן, געקוקט אויפן פאַרטנער און געשוויגן.

— עס גייט דיר עפּעס נישט היינט, מיין ליבער וויקאַר... דו זאָגסט שטענדיק, אַז שאַך איז אַ סטימולירנדיקע שפּיל...
— אָבער עס פֿאָדערט זיך אַ סך קאָנצענטראַציע... איך פֿיל זיך היינט נישט מיט אַלעם.
— אָ, ליבער קלעמענט — האָט ער כּסדר געדוצט דעם וויקאַר — קאָנצענטראַציע איז איין זאַך, אָבער סטימול... סטימול. די אַנטיקע גריכן האָבן אַנדערש גענומען דעם שאַך־שפּיל. זיי זענען געווען אַ קלוג פֿאָלק...
— וואָס פֿאַראַ שייכות האָבן די גריכן צו שאַך־שפּיל? — האָט אויסגעגלאָצט אַ פּאָר אויגן דער גלח.
— אָ, אַ גרויסן שייכות... לויט דער געשיכטע, זאָלן די גריכן האָבן אויסגעטראַכט דעם שאַך־שפּיל. כ׳האָב ערשט דאָ נישט לאַנג געלייענט וועגן דעם אין אַ פֿראַנצויזישן זשורנאַל... קיינער האָט ביז איצט נישט פֿעסטגעשטעלט פֿון וואַנען שאַך שטאַמט. פֿאָרשער זענען צעטיילט אין זייער מיינונג. אַ טייל האַלטן, אַז שוין אין האָמערס צייטן האָט מען אין אַנטיקן גריכנלאַנד געשפּילט אין שאַך... אַנדערע ווידער האַלטן, אַז אינדיע איז געווען דאָס וויגעלע פֿון שאַך...
— נאַרישקייטן, הוילע נאַרישקייטן — האָט מיט קענטיקער אויפֿרעגונג אַ זאָג געטאָן דער וויקאַר. — אונדזערע קירכלעכע קראָניקעס זאָגן, אַז שאַך איז ערשט אַנטשטאַנען 600 יאָר נאָך קריסטעס געבורט.
— אָ, מיין ליבער קלעמענט, אַלץ ווערט ביי דיר צוגעפּאַסט לויטן קאַטעכיזם אָדער די קירכלעכע קראָניקעס...
דער גלח האָט א ביסל אַ דערשטוינטער אָנגעקוקט דעם כראַביע און זיין קריטישע באַמערקונג פֿאַרוואַנדלט אין אַ וויץ:
— אָ, מיין גנעדיקער קוזין, איר האָט שטענדיק ליב ערנסטע זאַכן צו פֿאַרוואַנדלען אין שפּאַס. ווייזט אויס, אַז דאָס שטאַמט ביי אייך פֿון די יינגע יאָרן אין פֿראַנצויזישן ליציי, וווּ מ׳האָט אייך דערצויגן אויף געצנדינערישער קולטור פֿון אַנטיקן גריכנלאַנד... זייער מיטאָלאָגיע ליגט אייך אין די ביינער און איר קאָנט פֿון דעם נישט אַנטלויפֿן...
— איך מיין, אַז מיר האָבן פֿיל צו פֿאַרדאַנקען די קולטור פֿון אַנטיקן גריכנלאַנד. מיר האָבן ביי זיי פֿיל געלערנט, ווייל זיי האָבן געשטאַלטיקט די וועלט און אונדזער קעגנוואַרט...
דער גלח האָט אַ שפּיזיקן קוק געטאָן אויף זיין גאַסטגעבער און אַראָפּגעשלונגען די בייסיקע מיינונג. ער האָט זיך געוואַקלט, צי ער זאָל אַרויסקומען מיט אַן ענטפֿער אָדער פֿאַרשווייגן די באַמערקונג.
און דער כראַביע האָט ביי זיך געטראַכט:
.... וואָס קען איך דעם קורצזיכטיקן וויקאַר זאָגן... צי וועט ער דאָס פֿאַרשטיין און מיך נישט פֿאַרשרייען פֿאַר אַ אַנטי־קריסט ווען איך וועל אים אויפֿווייזן, אַז די געטער אין אַנטיקן גריכנלאַנד זענען תּמיד

געווען יונג און שיין... זיי האָבן נישט געלעבט אין הימל, נאָר צוגלייך מיט אַלע מענטשן אויף דער ערד... זיי האָבן זיך געליבט, געהאַסט, געפּירט מלחמות צווישן זיך, געווען אייפערזיכטיק איינער אויפן אַנדערן ווי אַלע מענטשן... זיי זענען דעריבער געווען נישט מער ווי אַן אָפּבילד פון אונדז מענטשן אויף דער ערד...

ער האָט אָבער די אפּיקורסישע געדאַנקן נישט ארויסגעזאָגט מיט ווערטער, נאָר מיט באַדויערונג געקוקט אויפן גייסטלעכן וואָס איז דערצויגן געוואָרן אין אַ מאָנאַסטיר אויף די הייליקע שריפטן און פּויפּסטלעכע פּירושים. עס שפּילט די ראָל פון אַ שטרענגען און פרומען קאַטאָליק, אָבער אין די פאַלדן פון זיין שוואַרצער סוטאַנע זענען איינגעוועבט צוזאַמען מיטן שטויב אַ סך מענטשלעכע זינד. און דער כראַבּיע האָט אריינגעשמייכלט אין זיך, טראַכטנדיק וועגן די צביעות פון זיין גאַסט און זיינע עסקים מיטן קאָמערמיידל מאַלגאָזשאַטאַ, און אפשר מיט אַנדערע פרויען אין זדוני... און אַ ברייטער שמייכל האָט זיך צעלייגט אין זיינע מוילווינקלען. טיף אין האַרצן האָט ער פאַרן וויקאַר געפילט אַ רחמנות. אָבער איצט, מוז ער אים דאַנקבאַר זיין פאַר איין זאַך... מיט זיינע סערמאָנס האָט ער געהאָלפן צוריקשטעלן אויף די פיס זיין פרומע פרוי. זי, די פאַנאַטישע קאַטאָליקין, האָט זיך מער צוגעהערט צום וויקאַרס שפּרוכן ווי צום דאָקטאָרס עצה... דערפאַר מוז ער אים אַ ביסל דולדן. אגב, ווייסט ער, אַז דער וויקאַר האָט שוין דערציילט דער כראַבּינע וועגן דעם גראַנדיעזן פּראָיעקט פון שניצן אַ יעזוס פיגור פאַר דער קאַפּליצע און זי האָט זיך אין דעם אָנגעכאַפּט מיט גרויס ענטוזיאַזם.

ערשט נעכטן האָט די כראַבּינע אים געפרעגט ווען די פיגור וועט געמאַכט ווערן און צי דער שניצער איז שוין געקומען צו פאָרן.

דער וויקאַר האָט אָוועקגערוקט דעם שאַך־ברעט און מיט דער באַוועגונג אויפגעוועקט דעם כראַבּיע פון זיינע טראַכטענישן:

— מיר׳ן שפּילן אַ צווייטע פּאַרטיע אַן אנדערש מאָל... מעג איך הכנעהדיק פרעגן, וואָס איר האָט היינט גערעדט מיטן ייד ? ! —

דער כראַביע האָט אָפּגעמאָסטן דעם גאַסט און לאַקאָניש געענטפערט:

— דערווייל האָב איך גאָרנישט באַשלאָסן...

— אָבער דערלויבט מיר אייך פרעגן, גנעדיקער קוזין, איר האָט דאָך היינט אינדערפרי דעם ייד געגעבן אַן אוידיענץ, ריכטיק ?

— ריכטיק, קלעמענט, כ׳האָב גערעדט מיטן ייד.

— און וואָס פאַראַ איינדרוק האָט דער ייד געמאַכט אויף אייך ?

— כ׳מוז דיר זאָגן, קלעמענט, אז דער ייד האָט געמאַכט אויף מיר זייער אַ גוטן איינדרוק... אמת, ער איז אַ האָלצשניצער, אָבער פון אַלטאַרן אין סינאַגאָגעס.

— דאָס ווייס איך, גנעדיקער קוזין. מיר איז באַוווּסט, אַז ער איז אויך אַ גוטער שניצער פון פיגורן.

— ווי אַזוי איז דאָס מעגלעך... די ייִדישע רעליגיע פאַרבאָט קאַטע־גאָריש צו שניצן פיגורן ענלעך אויף מענטשן... און דו, איינער, וואָס קענסט זייער תלמוד אין אָריגינאַל, ווי דו באַרימסט זיך, האָסט דאָס בעסער גע־דאַרפן וויסן... — האָט דער כראַביע מיט אַ טאָן פון פאַרוווּרף געענטפערט.

דעם גלחס פולע פנים האָט זיך פאַררויטלט און זיינע גרויסע אויגן האָבן בויערנדיק געקוקט אויפן גאַסטגעבער:

— אַ סך זאַכן טאָרן ייִדן לויטן זאַקאָן נישט טאָן און זיי טוען... זיי לעבן נישט מער אין מיטלאַלטער... מיר האָבן דאָס יאָר 1792... אַ צייט פון פראָגרעס און אויפקלערונג...

— וואָס מיינסטו דערמיט, קלעמענט? —

— גאַנץ פשוט, גנעדיקער קוזין, פאַר אַ היפשער באַלוינונג וועט דער ייִד פאַרבויגן אויף זיין זאַקאָן...

— דאָס איז אפשר לויט דיין פערזענלעכער מיינונג אין דער קירכ־לעכער פילאָזאָפיע. ווי וועט אָבער זיין אויב דו האָסט אַ טעות און דער ייִד וועט פאַר יעדן פרייז זיך אָפּזאָגן צו שניצן אַ קריסטוס פיגור?!

— וועט מען אים צווינגען — האָט דער וויקאַר אַקצענטירט די ווערטער.

— צווינגען? — האָט אַ דערשטוינטער דער כראַביע איבערגעפרעגט.

— יאָ, מיין גנעדיקער גאַסטגעבער און בעל־נדבן פון דער קאַפּליציע.

דער כראַביעס פנים האָט אויסגעדריקט אינערלעכע אויפרעגונג.

— און וואָס וועט געשען ווען אויך צוואַנג וועט נישט העלפן? פאַרגעס נישט וויקאַר פון זדוני, דער ייִד איז אַן איינוווינער פון גאַמבין און געניסט פון די דאָרטיקע שטאָטישע פּריווילעגיעס. און דו רעדסט וועגן אינקוויזיציע מיטלען, ריכטיק?

— אָבער דער ייִד געפינט זיך איצט דאָ, אין אייערע גיטער, ווי איר זענט מושל... און פאַר קעגנשטעלן זיך אייערע ווונטשן, מעגט איר אים אויסמעסטן יעדע האַרבע שטראָף, ס׳וואָר?!

סאָבאָצקי האָט מיט אומרו אין האַרצן זיך צוגעהערט צום גלחס אַרויס־פאָדערנדיקע רייד. ערשט איצט האָט ער דורכגעזען דעם דורכגעטריבענעם וויקאַר און זיין אינטריגע, אין וועלכער ער האָט אויך פאַרפּלאָנטערט די כראַבינע... אויב ער וועט זיך צוריקציען, קאָן דאָס שלעכט זיך אָפּרופן אויף איר געזונט... און ער האָט געפירט מיט זיך אַן אינערלעכן קאַמף איידער ער האָט דעם גלח אָפּגעענטפערט: אין קאָן שטייט זיין פרוי׳ס געזונט... ווער איז בילכער, זי אָדער דער ייִד? ער דאַרף דעריבער באַ־שליסן, וואָס צו טאָן און אפשר זוכן אַ מיטל זיך אַרויסצודרייען פון דער אינטריגע, אין וועלכע דער וויקאַר האָט אים אויסגענוצט אַלס כלי־זיין.

דער וויקאַר האָט געזען דעם כראַביעס וואַקלעניש און מיט ווייכקייט זיך אָפּגערופן:

— מיט אייער דערלויבעניש, גנעדיקער קוזין, וועל איך וויזן, אַז דער ייד וועט יאָ אויסשניצן די קריסטוס פיגור.

דער כראַביע האָט אָפּגעמאָסטן דעם גלח מיט אַ פּאַראַכטנדיקן בליק. ס'האָט אים זייער פאַרדראָסן, וואָס יענער האָט אים כסדר אַדרעסירט 'גנעדיקער קוזין' ווּלנדיק אים דערמאָנען, אַז ער איז זיינער אַ קרוב און די גאַנצע זאַך פאַרוואַנדלען אין אַ פאַמיליע אָנגעלעגנהייט. ער האָט אויך געוווּסט, אַז איצט איז נישט דער מאָמענט מיטן וויקאַר צופיל צו אַרגור־מענטירן. צו ערשט דאַרף ער דערגיין וואָס יענער איז אויסן און שפּעטער וועט ער אליין האַנדלען ווי אים וועט געפעלן. ער האָט דעריבער מיט נייגיר אַ פרעג געטאָן:

— ווי אַזוי?

— גאַנץ פּשוט. מ'דאַרף דעם ייד אַ ביסל אָנסטראַשן. אָבער צו ערשט וויל איך מיט אים רעדן און אים אויפווייזן, אַז לויט די יידישע ספרים מעג ער יאָ מאַכן אַזאַ פיגור.

— און אויב דאָס וועט נישט העלפן?

— וועט מען דעם ייד אַריינזעצן אין דער אויבערשטער קאַמער פון טורעם און אַוועקשטעלן דאָרט אַ וואַך, ער זאָל פילן, אַז ער איז פאַרשפּאַרט. מ'דאַרף אויף אים אָנוואַרפן אַ פּחד...

— ווי כ'זע, וויקאַר, האָסטו אַלץ פון פאָרויס דורכגעטראַכט, אַלץ איז ביי דיר פּלאַנירט, אמת? גוט! און אויב דיין פּלאַן מיטן טורעם וועט נישט העלפן, וואָס ווייטער? — האָט מיט אומגעדולד אין דער שטימע דער כראַביע געפרעגט.

— דעמלט... — האָט מיט קאַלטקייט געענטפערט דער גייסטלעכער — וועט מען צוטראַכטן אַן עונש...

— וואָס פאַראַ עונש האָסטו אין זינען? — האָט דער כראַביע געפרעגט.

— כ'גלויב נישט, אַז דאָס וועט נייטיק זיין — האָט מיט ראַפינירטע פאַרשטעלטקייט דער גייסטלעכער זיך ארויסגעדרייט — כ'מיין, דער טורעם וועט זיין אַ גענוגנדיקע שטראָף...

דער כראַביע האָט זיך פאַרטראַכט. די לעצטע ווערטער פון וויקאַר האָבן אים אין פלוג אויסגעזען צו זיין פאַרלעסלעך און ער האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ:

— מסכים, קלעמענט. מיר וועלן אהער ארויסרופן דעם יידן און דו אַליין וועסט מיט אים פירן דעם געשפרעך. לאָמיר זען ווי וויט די וועסט מצליח זיין.

אויפן גלחס פּנים האָט זיך צעלייגט אַ טריומפירנדיקער שמייכל.

## קאַפּיטל 19

# די אַרויספאָדערונג

אַ שעה נאָכן שמועס צווישן כראַביע און וויקאַר, האָט ר׳ יהודה זיך געטראָפן אויג אויף אויג מיט גייסטלעכן.

דערזעענדיק זיצן אין אויפנעם צימער אַ קלעריקער מיט אַ רונדיק, פעט פּנים און אַ קליין קאַפּעלע אויפן קאָפּ, איז יהודה ראַפּטום געבליבן שטיין האַלבוועגס און פאַרבליפט געקוקט אויף דער געשטאַלט אין פאָטעל. ער האָט געזען דעם צלם אויף דער שוואַרצער סוטאַנע. דאָס האָט אים אונ־טערגעזאָגט, אַז די זאַך איז נישט גלאַטיק.

ער האָט זיך אַרומגעקוקט און געזוכט דעם כראַביע, וועמען ער האָט דאָ דערוואַרט צו זען, ער זאָל אים אויפקלערן די רעטעניש. אָבער ער איז נישט געווען.

נאָכן קומען צו זיך פון דער איבעררעאַשנדיקער באַגעגעניש מיטן גייסטלעכן, האָט ער געמאַכט אַ שריט פאָרויס, יענער האָט זיך אויפגעשטעלט פון פאָטעל. ביידנס בליקן האָבן זיך פאַרשנדיק געפּעכט איינער מיטן אַנ־דערן. אויך דער גלח האָט דערפילט אַן אינערלעכן אויפציטער דערזעענ־דיק די אימפּאָזאַנטע געשטאַלט פון ייד. אין פלוג האָט עס אים געמאַכט אַ ביסל אָפּהענטיק און ער האָט געטראַכט, אַז דאָס וועט נישט זיין קיין גרינ־גער פאַרמעסט. ער האָט גובר געווען דעם מאָמענטאַלן אויפציטער, זיך דער־מאָנט זיין ראָל און געשמייכלט צו זיך: אויב אַזוי וועט די אַרויספאָדערונג מיט דעם ייד זיין אינטערעסאַנטער.

ר׳ יהודה האָט אַן אַדרעסירן דעם אַנוועזנדיקן געזאָגט:

— כ׳האָב דאָ דערוואָרט צו טרעפן זיין גנעדיקייט, דעם כראַביע סאָבאָצקי, וועלכער האָט געשיקט נאָך מיר.

דער גלח האָט פאַרמרוזשעט דאָס לינקע אויג און מיט אַן אויפגעצ־צווונגענעם שמייכל געלאָסן געענטפערט:

— דער כראַביע פילט זיך נישט מיט אַלעמען... און האָט מיך געבעטן כ׳זאָל אים פאַרטרעטן. מיין נאָמען איז קלעמענט יאַשינסקי, וויקאַר פון זדוני... זאָל דער ייד זיצן — האָט ער אים אַדרעסירט אין דער דריטער פּערזאָן, און אָנגעוויזן אַ שטול.

ר׳ יהודה האָט ווידעראַמאָל פאַרשעריש זיך אַרומגעקוקט און געזוכט, צי עמיץ שטייט נישט אין דער זייט פאַרטייעט. ער האָט קיינעם נישט געזען. זיינע אויגן האָבן געבלאַנדזשעט איבער די קופּערשטיכן און לאַנדשאַפטן אין גאָלדענע ראַמען אויף די ווענט.

דער גלח האָט ווידער געדרעדט און זײַנע ווײַכע רייד האָבן זיך שווער געלייגט אויף יהודהס געמיט. ער האָט דערפילט אַן אויסערגעוויינלעכע שוואַכ־קייט אין גאַנצן גוף ווי די פיס האָבן אים אָפּגעזאָגט צו דינען. ער האָט בלית־ברירה שווער זיך אָװעקגעזעצט און קראַמפּהאַפט אנגענומען דעם ברעג פון שטול און איינגעצויגן דעם אָטעם.

ביידע האָבן זיך ווידער אָפּגעמאָסטן מיט אַרויסרופערישע בליקן און געשוויגן. די שוויגעניש האָט געדויערט סעקונדן, אָבער ביידע האָבן גע־פילט די אָנגעלאָדענע שפּאַנונג וואָס איז געהאָנגען אין צימער.

ר׳ יהודה האָט דער ערשטער איבערגעריסן די שוויגעניש:

— מעג איך וויסן נאָך וואָס דער כראַביע האָט נאָך מיר געשיקט?

— יאָ, דער ייִד מעג וויסן. איך בין דעם כראַביעס ראַטגעבער אין דער בויאונג פון דער קאַפּליצע.

— אין דער בויאונג פון וואָס, פּאַניע וויקאַר? — האָט ר׳ יהודה צום ערשטן מאָל דעם גייסטלעכן אַדרעסירט.

— פון דער קאַפּליצע — האָט דער גלח געענטפערט.

— טאָ וואָס פאַראַ שייכות האָט דאָס מיט מיר? — האָט פאַרוואונדערט זיך זיך אַ הויב פון זײַן געזעס דער האַלצשניצער.

דער גלח האָט סימולירנדיק זיך צעשמייכלט:

— אָט אין דעם טאַקע האַנדלט זיך... דער כראַביע וויל איר זאָלט פאַרשענערן די קאַפּליצע מיט אײַערע גראַווירונגען.

— גראַווירונגען פאַר דער קאַפּליצע? — האָט מיט אויפרעגונג אין זײַן שטים איבערגעפרעגט דער האַלצשניצער. — איך האָב מײַן גאַנץ לעבן געמאַכט גראַווירונגען נאָר פאַר סינאַגאָגעס.

— וועט איר דאָסמאָל מאַכן אַן אויסנאַם— דער כראַביע וועט אײַך גוט באַלוינען.

— הער וויקאַר, עס וואונדערט מיך זייער צו הערן פון אײַער מויל אַזאַ פאַרלייג. איר, אַלס גייסטלעכער, ווייסט גוט, אַז נישט אַלץ קאָן מען מאַכן פאַר באַלוינונג, אפילו פאַר דער העכסטער מאַטעריעלער באַלוי־נונג... דאָס וואָס איר לייגט מיר פאַר, הייסט פּשוט, איך זאָל ווערן אַ פאַר־לוימדער פון מײַן פאָלק און אמונה...

דער גלח האָט דערוואַרט צו הערן די האַרבע רייד פונעם ייִד. מ׳האָט אים געוואָרנט, אַז ער איז אַ העכסט־געבילדעטער מענטש און רעדט פריי פויליש. אָבער איצט, ביים ערשטן ווערטער־אויסטויש, האָט ער דערשפּירט, אַז ער האָט פאַר זיך אַ נישטגליַיכן קעגנער. און ער זעט, אַז די זאַך, וועט אים אַזוי גרינג נישט אָנקומען ווי ער האָט דאָס זיך פאַרגעשטעלט. דער ייִד וויזט לכתחילה אַרויס האַרטנעקיקייט, נישט ווייסנדיק אפילו וואָס פאַראַ גראַוויר־אַרבעט ער האָט פאַקטיש אין זינען. ער ווייסט, אַז ס׳וועט

קומען צו אַ גרעסערן אויפברויז אָבער בעסער פריער ווי שפּעטער... איצט מוז ער אַרויסקומען מיטן אמת:

— איך רעד דאָ נישט צום ייד, יהודה גאַמבינער, ווי מען רופט איך... איך רעד צום געבענטשטן גראַווירער, וואָס אַלע *באַוווּנ־דערן זיין קונסט... געמיינט, אַז ער וועט זיך פילן שטאָלץ, וואָס אַזאַ אַדלמאַן ווי כראַביע סאַבאַצקי האָט באַוויליקט אים אַנצובאָטן אויסצופירן אַ קונסט־אַרבעט.

— געשעצטער וויקאַר, ס'איז א כבוד פאַר יעדן קינסטלער ווען אַן אַדלמאַן און קונסט־מבין מאַכט אַזאַ אָנבאָט... אָבער וויקלט נישט איך די זאַך אין זיידנס, קומט אַרויס מיט אייער פּראָיעקט... וואָס באַהאַלט זיך אונטער די ווערטער אַ קונסט אַרבעט?!

דער גלח האָט אַ פינטל געטאָן מיטן אויג. יהודהס אומגעריכטע רעפּ־ליקע האָט אים אַ ביסל געפּלעפט. ער האָט נישט דערוואַרט, אַז דער ייד וועט מיט אַזאַ דירעקטע פראַגע וועלן אויפדעקן די קאָרטן. וועלנדיק מיט ווייכקייט געווינען דעם האַלצשניצער האָט ער מיט חניפה געענטפערט:

— גערעכט... גערעכט... דעם יידס טענה איז אויפן אָרט... כ'וועל דאָס דעריבער אויפקלערן מיט פשוטע ווערטער... דער כראַביע וויל, דער ייד זאָל אים אויסגראַווירן אַ קירכלעכע געשטאַלט...

— אָ, וואָס, אַ גאָט אין הימל! אַ יעזוס פיגור?! — האָט דער ייד מיט שרעק אין זיין שטים אויסגערופן און אָפּכאַפּנדיק דעם אָטעם געבליבן זיצן ווי פאַרגליווערט. נאָך אַ וויל שווייגן, האָט ער אַריינגעקוקט דעם גייסטלעכן אין פּנים אריין און מיט באַשולדיקונג געפרעגט:

— צו דעם האָט מען מיך דאָ אַראָפּגעבערענגט אָן פריער פאָרלייגן דעם פּראָיעקט ווי עס פּירט אין אַזעלכע אָנגעלעגנהייטן?!

— נישט געוווּסט, אַז מ'דאַרף פריער פאָרלייגן אַ פּראָיעקט — האָט דער גייסטלעכער מיט א תמעוואַטער מינע זיך פאַרענטפערט. — מילאָ, אַז איר זענט שוין דאָ, קאָן מען די זאַך פּערזענלעך איבערשמועסן.

ר' יהודה האָט זיך א הויב געטאָן פון דער שטול:

— הער וויקאַר, איר האָט מיט מיר נישט וואָס איבערצושמועסן... איך בין אַ קינסטלער פון אָרון־קודשן, און מאַך נישט קיין אָפּגעטער... איר ווייסט עס בעסער, אַז שניצן פיגורן איז געגליכן צו דער עבודה זרה... די תורה לערנט אונדז לא תעשה לך פסול וכל תמונה...

דער גלח האָט געהיימנישפול געשמייכלט, דערנאָך אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט און געגעבן א צייכן צום ייד, ער זאָל זיך צוריקזעצן.

—נו, נו... דאָס איז שוין איבערגעטריבן... זאָל דער ייד נישט מיינען, אַז איך אין דער שוואַרצער סוטאַנע בין אַזאַ טיפּוש... און מ'קאָן מיך אָפּפּטרן מיט תירוצים... איך האָב אויך געלערנט אין אייערע ספרים... אלערשטנס, וויל איך אויפווייזן, אַז אין די ביזאַנטישע סינאַ־

גאַגעס אין אייער אַלטן ארץ־ישראל, האָט מען בכלל נישט אָפּגעהיטן דעם פסוק... פאַרקערט, די ווענט זענען באַפּוצט געווען מיט פיגורן, חיות און אפילו מענטשן־געשטאַלטן... דאָס ווייזן בפירוש אַלט־רוימישע קוועלן און כראָניקעס... קאָן דער ייד דאָס אָפּלייקענען?

ר׳ יהודה האָט מיט ביטול געקוקט אויפן גייסטלעכן:

— מיטן גרעסטן רעספּעקט פאַר אייערע באַלערנדיקע קוועלן, הער וויקאַר... איר האָט מיר גאָרנישט אויפגעדעקט. דאָס איז אונדז באַוווּסט פון אונדזערע ספרים... די אַלע מאָלערייען וועגן וועלכע איר רעדט, זענען געווען חומש־מאָטיוון. און דאָס געהערט צו אַן אַנדערע תקופה, ווען יידן זענען געווען אַ פריי פאָלק און געזעסן אויף דער אייגענער ערד... היינט לעבן מיר אין דער צעשפּרייטקייט, דעריבער זענען פאַר אונדז גילטיק די געבאָט פון אונדזערע חכמים...

— אָבער אייערע חכמים לערנען אויך דינא דמלכותא דינא... — האָט דער גלח אין אַ קלאָרן לשון קודש אַ זאָג געטאָן — איצט געפינט איר זיך אין כראַביעס נחלות און פאַלט ארונטער זיינע געזעצן...

ר׳ יהודה האָט אָפּגעמאָסטן דעם וויקאַר מיט אַן אינערלעכן אויפ־ציטער. ער האָט געפילט ווי דער אינגעווייד ביי אים ברומט מיט קאָכעניש. ער האָט מיט אַלע כוחות געצוימט אין זיך די אויפרעגונג און געזאָגט:

— מיט דרך־ארץ פאַר אייער וווילגעלערנטקייט אין אונדזערע ספרים, דערלויבט מיר אייך זאָגן, וויקאַר פון זדוני, אַז דער פסוק האָט נישט קיין שום שייכות צו מיין וויניקייט, ווייל איך בין דאָ על־פּי־טעות אַ געלאַדענער גאַסט. כ׳בעט דעריבער צו זען דעם כראַביע, ער זאָל מיר געבן פערד און וואָגן אהיימצופאָרן!

— דער ייד קאָן נישט זען דעם כראַביע — האָט דער גלח געענ־דערט זיין טאַקטיק. — איך האָב שוין פריער געזאָגט, אַז איך בין באַ־אויפטראַגט אין דעם גאַנצן ענין וועגן דער גראַווירונג.

— אָבער הער וויקאַר, איך האָב מיט אייך גאָרנישט איבערצושמועסן אין דעם ענין. איך גיי איצט צוריק אין מיין קאַמער און וועל וואַרטן ביז דער כראַביע וועט באַוויליקן מיך צו זען... — זאָגנדיק דאָס האָט ער לייכט זיך פאַרנייגט און אָנגעהויבן גיין צו דער טיר.

— ווען דער ייד קאָן גיין, וועל איך באַשליסן — האָט אַ ביסל שטרענג אויסגערופן דער גייסטלעכער.

ר׳ יהודה האָט זיך האַסטיק אויסגעדרייט און פאַרווונדערט אַ פרעג געטאָן:

—וואָס? איר האַלט מיך דאָ פאַר אַ געפאַנגענעם? מיט וואָס פאַראַ רעכט?

— כל דאלים גבר! — האָט מיט אַ באַהאַלטענעם סאַרקאַזם געענט־פערט דער גלח אין לשון־קודש.

דער האַלצשניצער איז געבליבן שטיין אַ פאַרווירטער, פילנדיק ווי ס׳בלוט פולסירט אים שטאַרקער אין די שלייפן. רעאַגירנדיק אויפן לשון־קודשדיקן ציטאַט פון גלח מיט אַ געצוימטן כעס האָט ער צוריקגעשלאָגן:

— איך באַוווּנדער מענטשן פון די אומות העולם וואָס לערנען דעם תלמוד און באַמיען זיך צו דערגיין צו זיין שורש און אמת... ס׳איז אָבער קוים גריילעך, צי זיי ווייסן ווי טיף אונדזער תורה איז און וואָס פאַראַ ציל זיי האָבן ווען זיי לערנען אונדזערע חכמים... דאַרף איך אייך דערמאָנען, הער וויקאַר אין די מאמרי חז״ל „וכי יגור אתך גר בארצכם לא תונו אותו...״

— איך בין נישט אויסן דעם ייד צו קריוודען — האָט דער גייסטלע־כער זיך פאַרענטפערט. — פאַרקערט, דו ביסט דער יעניקער, וואָס ווייזט אַרויס טראַציקייט צו אַ נאָבעלן פּראָיעקט... און כ׳האָב שוין פריער גע־זאָגט: דין המלכות דין הוא... איצט געפינסט דו זיך אין רשות פון כראַביע און מוזט דעריבער באַווילן זיין ווּנטש.

ר׳ יהודה האָט אויפגעהויבן די הענט צום הימל און שטיל צו זיך געזאָגט:

— רבונו של עולם, דערבאַרעם זיך איבער מיר... גיב מיר כח בייצו־שטיין דעם נסיון...

ווענדנדיק זיך צום גלח האָט ער מיט עמאָציע אין זיין שטים געזאָגט:

— הער וויקאַר, איך זע ווהין איר צילט... דערלויבט מיר אייך זאָגן אַז די שווערד איז אַ צייטווייליק וואָפן, דער גייסט איז אייביק... איר ווילט מיט כח מיך צווינגען צו ווערן אַן אָפּטריניקער... איר האָט געלערנט אונדזער תלמוד... פאַר אייך האָבן געשעפּט פונעם קוואַל פון אודזער תורה א סך נישט־יידן און אַ גרויסער טייל פון זיי האָבן דאָס שפּע־טער אויסגענוצט פאַר זייער אייגננוץ און פאַרקרומט דעם אמת... מיר האָבן דערפון געהאַט פיינפולע דערפאַרונגען אין דער פאַרגאַנגענהייט... געווען גרויסע מתמדים־לערנער, נישט־יידן וואָס זענען יאָרנלאַנג געזעסן ביי איין טיש מיט אונדזערע רבנים על התורה, צום סוף זענען זיי אַוועק פון וואַנען זיי זענען געקומען און אויף אַ באַטריגנדיקן אופן אויסגענוצט זייער וויסן... אדרבא, נעמט צוםביישפּיל אַלבערט ווידמאַנשטעטער... נאָך צוואַנציק יאָר לערנען אין הויז פון די אברבנאלס אין ווענעדיק איז ער אַוועק צו מאַרטין לוטער... און דאָס איבעריקע איז אייך גוט באַוווּסט, ספּעציעל זיינע מיאוסע מעשים קעגן אונדזער פאָלק!...

דעם גלחס פּנים האָט זיך באַגאָסן מיט אַ רויטקייט. זיינע אויגן האָבן זיך פאַרשמעלערט און ער האָט אַ בייזער אויסגערופן:

— איך האָב מיטן יידן אָנגעהויבן דעם שמועס אין פריינדשאַפט און ער וואָגט מיר פאַרוואַרפן, אַז איך פעלש זיין תורה!

דער האַלצשניצער האָט מיט אַ ביטול אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט:

— איך בין נישט באַרופן מיט אייך צו פירן אויף דעם געביט אַ וויכוח. דאָס האָבן שוין זינט דורות געטאָן אונדזערע גרויסע חכמים מיט פאַרשטייער פון דער קירך... און איר ווייסט גוט דעם רעזולטאַט... אייערע גלחים זענען שטענדיק דורכגעפאַלן, ווייל דער אמת וועגט איבער דעם שקר... ווייל דאָס אורשפּרינגלעכע פון הר־סיני וועט קיינער נישט אָפּמעקן. דאָס איז אונדזער אייביקער קוואַל... מעגן נייע רעליגיעס מיט כח נעמען אַן אויבערהאַנט אויף דער זינדיקער ערד... דאָס איז אַלץ צייטווייליק... דער קוואַל פון אונדזער תורה וועט זיך קיינמאָל נישט אויסשעפּן! —

זאָגנדיק דאָס, האָט ער זיך געווישט דעם שטערן מיט אַ טיכל, און מיטאַמאָל זיך דערפילט זייער אָפּגעשוואַכט און צוריק זיך אַוועקגעזעצט.

— דאָס איז פּראָפּאַגאַציע קעגן דער קירך! — האָט דער גלח נערוועז געטאַפּט דעם קרוציפיקס וואָס איז געהאָנגען אין פראַנט פון זיין סוטאַנע.

— כ׳מוז דעם ייד דערמאָנען, אַז פאַר לעסטערן די קירך קומט אַ האַרבע שטראָף! — — —

— איך האָב נישט געלעסטערט די קירך... כ׳האָב בלויז אַרויסגעזאָגט מיין דעה... וויקאַר, פאַרדרייט נישט מיינע רייד! — האָט ענערגיש רעאַגירט דער האַלצשניצער.

— הם... מיין וואָרט וועגט טויזנט מאָל איבער דעם יידס טענה...

— האָט סאַרקאַסטיש געענטפערט דער גלח.

— וואָס, איר דראָט מיר?! — האָט ר׳ יהודה נישט געקאָנט איבער זיך מער הערשן... הער וויקאַר, איר ווייסט, אַז פּחד איז אַ מיאוסע זאַך, דאָס איז אַ צייכן פון שוואַכע מענטשן... מענטשן אונטערדריקטע, ווען ס׳פעלט כח צו דענקן... אַזעלכע זענען בלינד און אונטערטעניק... מיר יידן זענען זינט דורות דיסקרימינירט און אונטערדריקט אַלס פּועל־יוצא פון אונדזערע וואַנדערונגען... אָבער מיר דענקן... אונדזער גייסט איז פריי און וואַך... דערפאַר האָבן מיר געקאָנט איבערלעבן אונדזערע שונאים!...

די לעצטע ווערטער האָבן ווי אַ פייערדיקע האַנט אַ פּאַטש געטאָן דעם גייסטלעכן אין פּנים און ער האָט געמאַכט אַ באַוועגונג מיט דער האַנט דער ייד זאָל שווייגן. דער האַלצשניצער האָט זיך אָבער א הויב געטאָן פון זיין אָרט און פאַרגעזעצט:

— איך ווייס, אַז איר ווילט נישט הערן דעם אמת... ווייל דער אמת טוט וויי... איר זאָגט אַליין, אַז איר געהערט צו די יעניקע וואָס האָבן געלערנט אונדזער תלמוד, ווייס איך שוין, אַז כ׳קאָן פון אייך קיין יושר

נישט דערוואַרטן. זאָגנדיק דאָס, האָט ער אַ רעזיגנירטער אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ און צו זיך געזאָגט: — מ'דאַרף אַלץ מקבל באהבה־זיין, ווי זיך לאָז דאָס זאָל נישט פאַרקומען. אַזוי איז מסתמא דער רצון פון אויבערשטן...

דער גלח האָט מיט בייזע אויגן געקוקט אויפן יידן און צווידייטיק אַ זאָג געטאָן:

— אונדזער קירך ווייסט זיך ווי נוהג צו זיין קעגן גאָטלעסטערער!

— הער וויקאַר, איר דראָט מיר מיט עונש פאַר כלומרשטער גאָטלעסטערונג?! זענט איר עס נישט אַליין דער גאָטלעסטערער?! מעג איך אייך פאַר איינוועגס זאָגן, אַז איך גלויב באמונה שלמה, אַז ס'וועט קומען אַ טאָג, אין הונדערט אָדער צוויי הונדערט יאָר אַרום, און דער סדר־העולם וועט זיך אַ דריי טאָן... אַ דריי טאָן אפשר אין פּיין, אין קאָנוווּלסיעס פון אכזריות... אָבער סוף־כל־סוף, וועט מוזן קומען די גאולה פאַר אונדז יידן... און ס'וועט מער נישט זיין קיין הפקרות!...

— ייד, דו ביסט אַן עקשן און אַ חוצפּהניק! — ער האָט אַ טופּע געטאָן מיטן פוס. — דו האָסט זיך שוין צופיל דערלויבט אין אַטאַקירן מיך און די קירך... האָסט מזל, אַז ס'זענען דאָ נישט דאָ קיין עדות...

יהודה האָט אַ קוק געטאָן אויפן גלח, געפילט, אַז ער האָט אפשר איי־בערגעכאַפּט די מאָס און שטילער זיך אָפּגערופן:

— אין אדם נתפס בשעת צערו... און ווי וואָלט איר געהאַנדלט, ווען עמיצער צווינגט אייך אויסצוטאָן אייער סוטאַנע?!

דער גלח האָט זיך נישט געמאַכט הערן די לעצטע ווערטער און מיט חניפה אַ זאָג געטאָן:

— ייד, דו ביסט אַן עקשן און רעדסט אומזין... איך וויל פאַרגעסן וועגן אַלצדינג וואָס מיר האָבן דאָ היינט גערעדט בתנאי, אַז דו וועסט זיך מישב־זיין און צוהערן צו מיין פאַרלייג.

— דער פאַרלייג, איך זאָל שניצן אַן אָפּאָגט?!

— יאָ, אויסשניצן די יעזוס פיגור, אַנדערש וועל איך געצווונגען זיין דאָס טאָן אויף אַ מער דראַסטישן אופן!

— איר קאָנט טאָן מיט מיר וואָס איר ווילט — האָט מיט אַ טאָן פון רעזיגנאַציע געענטפערט דער האָלצשניצער. — אַ מענטש שטאַרבט נאָר איינמאָל. איר קאָנט קוהלת ווערטער: מקרה אחד יקרה את כולם... איר קאָנט פייניקן מיין גוף אָבער נישט פאַנגען מיין נשמה...

— ייד, די קירך האָט געבראָכן די ווידערשפעניקייט פון נישט איין נישטגלויביקן... באַזין זיך איידער עס איז צו שפּעט... איך גיב דיר צוויי מעת־לעת אויף מישב־זיין... אין דרויסן וואַרטן אויף דיר צוויי וועכ־טער, וואָס וועלן דיר אָפּפירן אין טורעם... מעגלעך דאָרט, אין דער איינ־זאַמקייט וועסטו זיך די זאַך איבערלייגן... ווי שנעל דו וועסט קומען צו

אַ באַשלוס, אַז דו ביסט גרייט צו שניצן די יעזוס פיגור, מעלדע די וועכ־טער און וועסט גלייך באַפרייט ווערן. פאַרשטאַנען? און איצט קאָנסטו גיין.

ר׳ יהודה האָט מיט אַ פאַראַכטנדיקן בליק געקוקט אויפן וויקאַר. ער האָט מיט אַ געפיל פון טראַציקייט אויפגענומען די אַרויספאָדערונג פון גורל. נישט אויסדרייענדיק זיך, איז ער אַן אויסגעבלייכטער אַרויס פון צימער.

## קאַפּיטל 20

# די וועכטער

אין דרויסן איז צוגעפאַלן די נאַכט. אַ לייכטע בלוילעכקייט האָט צוגע־דעקט דעם אַרום. אין הימל־דעק האָבן איינצלנע שטערן גענומען אַראָפּ־ווינקן און אָנזאָגן אַן אָנגענעמע זומערנאַכט.

צוויי וועכטער האָבן שווייגנדיק אָפּגעפירט דעם האָלצשניצער צום טורעם. אויפן וועג האָבן זיי אָפּגעטראָטן אין דער קאַמער, ווו ער איז אַ נאַכט פריער איינגעשטאַנען און אים געהייסן צונעמען זיינע זאַכן.

בעת די צוויי וועכטער זענען געשטאַנען אין דרויסן און געשמועסט צווישן זיך, האָט יהודה אומבאַמערקט פאַר זיי, אַראָפּגענומען פון דער טיר די הילצערנע שייד מיט דער מזוזה און עס אַריינגעלייגט אין טלומיקל.

די וועכטער האָבן אים דערנאָך אַוועקגעפירט איבערן ברייטן פּלאַץ אין דער ריכטונג פון דער אַלטער געביידע מיטן טורעם, וואָס איז געשטאַנען אויסער דער פּעריפעריע פון פאַלוואַרק, אין דער ריכטונג פון סטאַוו און די אָפענע פעלדער.

זיי האָבן אים אַריינגעפירט אין אַ טונקעלן פאַרהויז, מיט אָפּגעריסענע ווענט. איינער פון די וועכטער האָט אָנגעצונדן אַ שטורקאַץ און דער פלאַם האָט באַלויכטן דעם אומהיימלעכן פּלאַץ. פלאַמען־צונגען האָבן געשפּרונגען פון שטורקאַץ און דערשראָקענע פלעדערמייז זענען מיט אַ סווישטש אַרויס פון די נאָרעס און בלינד געפלויגן איבער זייערע קעפּ. די אומהיימלעכקייט האָט געוווייעט פון די ווענט און עדות געזאָגט, אַז קיין מענטשלעכער פוס האָט שוין לאַנג דעם פּלאַץ נישט באַטראָטן. איינער פון די וועכטער האָט דעם האָלצשניצער אַרויפגעפירט איבער שווינדלטרעפּ צום אויבערשטן חדר אין טורעם. זייערע טריט איבער די שמאָלע טרעפּ האָבן הויל אָפּגעהילכט אין דער ליידיקייט פון אַלטן בנין. דער וועכטער האָט אָנגעצונדן אַ וואַק־

סענעם ליכט, וואָס איז געשטאַנען אין אײזערנעם לײַכטער אויף אַ דרײַ־פיסיקן טישל. איבער די גרויע, אומהיימלעכע ווענט האָבן מיטאַמאָל גענומען ציטערדיק שפּרינגען די שאָטנס פון די אַרײַנגעקומענע.

דער צווייטער ווערכטער איז איצט אַרויסגעקומען מיט אַ ליימערנעם קריגל וואַסער און עס אַוועקגעשטעלט אין ווינקל, ווו ס'איז געשטאַנען אַ הילצערנער עמער.

נאָכן אָפּטאָן דאָס, האָבן די ווערכטער אָן אַ וואָרט, פאַרמאַכט די טיר און באַלד האָט זיך פון דרויסן געהערט אַ סקריפּ פון אַ ריגל. אַ לייכטער שוידער איז אַדורך יהודהס חוט־השדרה. ער האָט איצט בחוש דערפילט, אַז ער איז אַן אַרעסטאַנט. דאָס ערשטע מאָל אין לעבן איז ער פאַרשפּאַרט פאַר קיינמאָל נישט באַגאַנגענע חטאים.

ער האָט זיך אַרומגעקוקט אין דער קאַמער. פון איין זייט איז געווען אַ האַלב־רונדיק פאַרקראַטעוועט פענצטער אין דער ריכטונג צום פּאַלוואַרק. פון דער אַנדערער זייט, אַ קלענער רונדיק פענצטער, אין דער ריכטונג פון די אָפענע פעלדער.

נישט ווייט פון פענצטער, לענגאויס דער וואַנט איז געשטאַנען אַ נידריקער האַלצערנער געלעגער מיט אַ שטרויזאַק, צוגעדעקט מיט אַ ראָגאָזשע. די לופט איז געווען דעמפיק און טוכלע. ר' יהודה האָט גענומען דעם ליכט־האַלטער, אים העכער אויפגעהויבן און זיך אַרומגעקוקט איבער דער קאַמער. געדיכטע שפּינוועבס האָבן זיך געזען אין די ווינקלען און צווישן די בעל־קעס פון נידריקן פּולאָפּ. דער נישט געהובלעוועטער דיל איז געווען שמו־ציק אָנגעוואָרפן מיט שטיקלעך אָפּגעריסענע לייוונט און שטרוי.

ער האָט צוריקגעשטעלט דעם ליכטהאַלטער אויפן טישל און זיך אַוועקגעזעצט אויפן געלעגער. ער האָט זיך דערפילט מיד פון די לעצטע איבערלעבענישן, אַרײַנגענומען דעם קאָפּ אין די הענט און נאָכגעטראַכט איבער זיין גורל.

נאָך אַ לענגערע ווײַלע אַזוי זיצן פאַרגליווערט, איז ער אויפגעשפּרונ־גען ווי אַ נישטגעזעענע האַנט וואָלט אים אַ ריס געטאָן פון אָרט. ער האָט אויפגעהויבן די אויגן צום הימל און געשעפּטשעט: יהי רצון!...

ער האָט אַרויסגענומען פון טלומיקל די שייד מיט דער מזוזה און איר פאַרפעסטיקט צו דער טיר. נאָכן אָפּטאָן דאָס, האָט ער דערפילט אַ דער־לייכטערונג אויפן האַרצן. ער האָט אָפּגעגאָסן נעגל וואַסער און זיך געשטעלט מיטן פּנים צום פענצטער און געדאַוונט מעריב.

אַ דערשעפּטער איז ער דערנאָך אַוועקגעפאַלן אויפן האַרטן געלעגער און געפרוווט אײַנשלאָפן. זיין געמיט איז אָבער געווען צערודערט און דער שלאָף איז נישט געקומען.

ער האָט זיך צוריק אויפגעזעצט, אַרויסגענומען פון טלומיקל ס'תהילימל און געזאָגט עטלעכע קאַפּיטלעך תהילים.

דער טורעם, אין װעלכן דער האַלצשניצער איז פֿאַרשפּאַרט געװען, איז געװען זײער אַן אַלטע געבײַדע, געבױט אין די אַלטע צײַטן אַלס אַ רעזי־דענץ פֿון אורזײדע פֿון דער סאָבאָצקי־משפּחה.

דער דרײַ־גאָרנדיקער טורעם, האָט זיך געריסן צום הימל װי אַ ריזי־קער קוימען. די אַלטע שטײנערנע געבײַדע איז איצט געשטאַנען אַן אָפּגע־לאָזענע, מיט האַלב־אויסגעבראָכענע פֿענצטער און ראַמען. דער טינק איז היפּשלעך געװען צעשפּאָלטן און די ליים־קאָליר אָפּגעבליאַקעװעט און זיך געשײלט פֿון אַלטקייט, װינט און רעגן. אינעװײניק זענען די װענט געװען קויטיק, א פּיכטקייט האָט דורכגעגלאַנצט דורך דעם טינק פֿון די אַמאָל בלויע קאָלירן. דער הויפּט־אַרײַנגאַנג האָט געהאַט אַ מאַסיװע האַלבגע־װעלבטע שװערע טיר. די פֿענצטער זענען געװען אין ראָקאָקאָ סטיל. דער אויבערשטער גאָרן האָט אין די אַלטע צײַטן געדינט פֿאַר אַן אויסקוק־פּונקט קעגן פֿײַנטלעכע חיילות. איצט האָט די געבײַדע געדינט פֿאַר אַ געפֿענ־געניש פֿאַר פּריװילעגירטע אַרעסטאַנטן.

אין צװײטן עק פּירהויז, קעגנאיבער די שװינדלטרעפּ, האָבן ברײטע טרעפּ געפֿירט צום אַראָפּגאַנג אין די ריזיקע קעלערן אונטער דער קאָמע־ניצע. דאָרט האָט זיך געפֿונען דאָס געפֿענגעניש פֿאַר לײבקנעכט, באַ־שטראָפֿטע פֿאַר פֿאַרשײדענע חטאים. אין אַ באַזונדערער פֿאַרקראַטעװעטער צעלע, אַ לאָך אַן א פֿענצטערל, האָט זיך געפֿונען יאַראָס דער פֿאַרשולדיק־טער 'דערצױיגלינג' פֿון כּראַביע.

אין דער אָפֿענער טיר פֿון אַמאָליקן אויפֿנעם־צימער, נאָענט צו די טרעפּ, האָבן זיך געזעצן צװײ פֿיגורן אין אָפּשײַן פֿון אַ קנויטל אין אַן אײל־בעקן. דאָס זענען געװען צװײ װעכטער װאָס האָבן געהאַט שמירה אויף דער געפֿענגעניש בעת די נאַכט־שעהן. זײערע פּיקעס זענען געלעגן נעבן זײערע פֿיס. בײדע האָבן געשפּילט אין בײַנדלעך און פֿון צײַט צו צײַט גע־װאָרפֿן זײערע אויגן אין דער ריכטונג צום אַראָפּגאַנג פֿון דער געפֿענגעניש און מיט אויפֿגעשפּיצטע אויערן זיך אײַנגעהערט צי ס'הערט זיך נישט פֿון דאָרט אַ פֿאַרדעכטיק שאָרכן.

די װעכטער זענען געװען אָנגעטאָן אין גרויע, לײַװנטע העמדער, װאָ־לענע געשטריקטע קעפּקעס און ברײטע פֿאַרטקעס.

אײנער פֿון די צװײ, סטאַך, איז געװען אַ ברײטפּלײציקער, מיט אַ רויט, ברײט פּנים, פּלאַטשיקער נאָז און שנעל לויפֿנדיקע אויגן.

זײַן חבר האָט געהײסן דיבאַל. ער איז געװען פֿון נידריקן װוקס, מיט אַ בלאָנדן לאָק האָר איבערן שטערן און בלויע, מילדע אויגן. זײַנע געזיכט־שטריכן זענען געװען מער רעגלמעסיקע מיט אַ גריבעלע אין דער גאָמבע. ער איז געװען פֿיל ייִנגער פֿון סטאַכן און זײער געשיקט געװאָרפֿן מיט די בײַנדלעך.

— פּשיאַ קרעװ, דיבאַל, דו ביסט א מכשף, אַ כאָליערע דיר װי דו

וואַרפסט דיביינדלעך! — האָט ער מיט אַ כריפּעוואַטער שטים אויסגעשאָסן.

דיבאַל האָט זיך גוטמוטיק צעשמייכלט און געקוקט אויפן רעדנדיקן מיט ביטול:

— ווער איז דיר שולדיק, שלים־מזל, אַז דו ביסט אומגעלומפּערט. דו האָסט צוויי הענט ווי לאָפּאַטעס. נו. צעעפן דיינע שלעפּיעס, אַ נו, קוק ווי אַזוי איך מאַך עס! — און ווידער קונציק אַ וואָרף געטאָן מיט די ביינדלעך.

— ראַני באָסקיע, ווער קאָן דיר נאָכמאַכן דיינע קונצן, סוקי סין! — האָט סטאַך אַ צי געטאָן מיטן אַקסל, ער האָט אַ לייכטן גענעץ געטאָן און מער ערנסט געפרעגט:

— ווי מיינסטו דיבאַל, בין איך גערעכט, אַז עפּעס איז נישט גלאַטיק מיטן יידן אויבן אין טורעם... האַ, וואָס מיינסטו וועט דער פּריץ טאָן מיט אים?

— וואָס מיינסטו, נישט גלאַטיק, פּערדישער קאָפּ. רעד צו דער זאַך! ווייסטו דען נישט, אַז די גאַנצע זאַך שטאַמט פון 'צדיק' אין דער סוטאַנע?!

— אָ, יעזוס מאַריאַ, שטענדיק בייזערסט דו זיך ווען איך רעד ערנסט... אַזוי ווי דו וואָלסט אַלצדינג געוווסט... ווי קומט דאָ אַהער דער וויקאַר? איז עס דען זיין פּאַלוואַרק?!

— כ'האָב שוין לאַנג געזאָגט, אַז דו ביסט אַ ווילער יאָט, נאָר אַ קרויטקאָפּ, ווען עס קומט צו ערנסטע זאַכן, הויבסטו נישט אָן צו פאַר־שטיין אַן עסק.

— וואָס איז דאָ צו פאַרשטיין. מ'זאָגט, אַז דער ייד האָט זיך איינגע־עקשנט און וויל נישט אויסצאָלגן דעם פּריץ... נו, האָט מען אים איינגעשיבנט.

— אָלאַ באָגאַ! סטאַך הער שוין אויף פּלוידערן נאַרישקייטן... כ'האָב דיר שוין געזאָגט, אַז דער וויקאַר האָט געוואָלט, אַז דער ייד זאָל אים אויסשניצן אַ יעזוס פיגור פאַר דער קאַפּליצע און דער ייד האָט זיך אָפּגע־זאָגט ווייל ס'איז קעגן זיין זאַקאָן...

— זאַקאָן?! הם... יידישע תירוצים... איך וואָלט אַזאַ איינעם אריינגעבוכעט אַ פּאָר שמיץ, וואָלט ער שוין געקריגן שׂכל.

— אָ, סטאַך, ווען ס'פעלט שׂכל איז דיר אַליין, דומער קאָפּ, ביי דיר גייט עס באַלד מיט קלעפּ און שמיץ, אַזוי ווי דו וואָלטסט געווען דער פּריץ. דו האָסט בכלל נישט קיין דרך־ארץ פאַר אַ צווייטנס רעליגיע... זעסט דאָך, אַז דער כראַביע רעכנט זיך מיטן יידן... כ'זאָג דיר סטאַך, ס'שיינט מיר, אַז דער ייד מוז נישט זיין אַבי־ווער, ווייל מ'האָט אים אַריינ־געזעצט אויבן אין טורעם און נישט אונטן אין פינצטערן גרוב מיט די לייבקנעכט.

— הם. דיבאָל, ביסט אַ כוואַט... כ'מיין דו ביסט אפשר געֿרעכט...

— זאָגנדיק דאָס האָט זיך סטאַך איינגעבויגן און אויפגעשפּיצט די אויערן, צי עס הערן זיך נישט קיין קלאַנגען פון קעלער. באַלד האָט ער אַ וואָרף געטאָן מיט דער האַנט ווי אין פּראָטעסט און בייזלעך אַ מרוטשע געטאָן:

—נייך, דיבאָל. כ'קען עס גאָרנישט פאַרשטיין, פּאַרוואָס אַן אונדזער־ריקן, אַן אמתע קריסטלעכע נשמה, וואַרפט דער פריץ גלייך אין קעלער אַריין, ווי די שטשורעס עסן אויף ס'לייב און אַ יידן זעצט ער אויבן, אין סאַמע העכסטן גאָרן פון טורעם... האַ, וואָס איז דער שכל?!

— כאַ־כאַ!... האָט זיך דיבאָל צעלאַכט און מיט איראָניע אַ זאָג געטאָן:

—דער ייד זאָל נענטער זיין צו גאָט!

סטאַך האָט זיך אַ קראַץ געטאָן אין קאָפּ:

— אַלצדינג פּטרסטו אָפּ מיט דיינע וויצן... דיבאָל, אַז כ'וויס נישט, דאַרפסטו מיר זאָגן, דו ביסט דאָך אַן אַלצוויסער!...

— סטאַך, די ביסט אַ שוטה... כ'האָב דיר שוין געזאָגט... דער ייד איז נישט אבי־וועֿר... האָסט אליין געהערט ווי דער וויקאַר האָט איידל גערעדט צום ייד ווען מ'האָט אים צוגענומען פון כראַביעס הויז יענע נאַכט.

— נא ראַני באָסקיע, דו מיינסט טאַקע, אַז איך בין אַזאַ נאַר... איידל רעדן איז איין זאַך און טאָן דאָס פאַרקערטע איז גאָר עפּעס אַנדערש. ס'וואָר, דיבאָל?

— יעצט זע איך, סטאַך, אַז דו ביסט אַ געבּיפּטער יאַט. פאַרשטייסט זיך אויף אַן עסק. זעסט, דער פריץ האָט איינגעזעצט דעם ייד אין טורעם ער זאָל זיך מישב־זיין און נאָכקומען זיין פּאָדערונג, פאַרשטאַנען?!

סטאַך האָט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ: יעזוס קריסט... ווי ס'זאָל נישט זיין, איז נישטאָ קיין גערעכטיקייט... זע, דיבאָל, יאַראָס, וואָס האָט אים אַזוי געטריי געדינט, האָט ער אַריינגעוואָרפן אין פינצטערן לאָך, אויף ברויט און וואַסער, און דעם יידן פאַר נישט וועלן שניצן אַ יעזוס פיגור, האָט ער אַריינגעזעצט אין טורעם... דאָס הייסט ביי דיר גערעכטיקייט?! אויב דו ביסט אַזוי קלוג און ווייסט טאַקע אַלצדינג, טאָ, לאָמיר זיך געוועטן אין אַ האַלבער קוואַרט מעד, אַז דער פריץ וועט הייסן שמייסן דעם ייד.

דיבאָל האָט זיך פאַרטראַכט: דער ייד זיצט שוין אויבן דעם צווייטן מעת־לעת, די קאַמער מוז זיין היפּשלעך פאַרעיפּושט. דער וויקאַר האָט זיי אָנגעזאָגט, אַז זיי זאָלן דעם יידן נישט אַריינגעבן קיין שפּייז און קיין וואַסער, סיידן, ווען ער וועט קלאַפּן און זיי רופן און זאָגן, אַז ער וויל רעדן מיט אים... אָבער ביז איצט, האָט דער ייד נישט געגעבן קיין צייכן פון לעבן... און אפשר איז ער שוין אויסגעגאַנגען? — האָט זיך פאַרגנבעט אַ בייזע מחשבה אין זיין קאָפּ. און ער האָט באַשלאָסן באַלד אין דער פרי וועגן דעם מעלדן זיין אויבנגעאָרדנטן אַדאַם קוצין.

— נו, דיבאָל, ווילסט זיך געוועטן? — האָט סטאַך איבערגעריסן זיינע געדאַנקען.

— ווילסט זיך שוין ווידער געוועטן, סטאַך? שוטה איינער, האָסט שוין פאַרגעסן, אז דו האָסט זיך געוועט וועגן יאַראָסן און האָסט פאַר־שפּילט! — און ביז איצט מאַכסטו זיך געפּגרט... כ׳האָב קיין טראָפּן מעד נישט געזען.

— אָ, ברודערקע... מיט יאַראָסן איז געווען עפּעס אַנדערש — האָט ער זיך גענומען פאַרענטפערן — אָבער מיטן יידן, דאָס איז אַן ערנסטע זאַך... וועל איך דאָסמאָל פאַרשפּילן, שטעל איך אַ גאַנצע קוואָרט מעד, איך שווער דיר, נאַ ראַני באָסקיע! — און ער האָט זיך איבערגעצלמט.

אין דרויסן האָט שוין געגרויט אויף פרימאָרגן. פון דער ווייטנס האָט זיך געהערט דאָס קרייען פון אַ האָן. ס׳האָבן זיך געהערט פעסטע טריט. די צווייטע שמירה איז אָנגעקומען.

✶

לינקס צום אריינגאַנג פון דער אַלטע געביידע מיטן טורעם איז צוגע־בויט געווען אַ הילצערנע כאַטע פון צוויי קאַמערן, וואָס האָט געדינט פאַר דער קוואַרטיר פון כראַביעס ספּעציעלע וועכטער.

דאָס איז געווען אַ גרופּע פון אַ צענדליק מאַן, וואָס איז רעקרוטירט גע־וואָרן פון פרייע מענטשן אין די שטעט אין ווייטע מקומות מיט דער אויס־שליסלעכער כוונה, זאָל זאָלן נישט האָבן קיין שום מגע ומשא מיט די אָר־טיקע איינוווינער. דאָס רוב פון זיי זענען געווען נישט־פאַרהייראַט.

דער קאָנטראַקט איז געווען אויף פינף יאָר צייט מיט אַ חודשלעכן געהאַלט, באַקליידונג און אויסקום.

יעדעס צווייטע יאָר, לויט אַ ראָטאַציע, האָט איינער פון זיי געמעגט אהיימפאָרן אויף צוויי וואָכן צייט אויפן חשבון פון פּאַלוואַרק.

זייער אויפגאַבע איז געווען צו פּאַטראָלירן ביינאַכט די בנינים און די פּעריפעריע פון פּאַלוואַרק קעגן שרפות אָדער אַנדערע אומגליקס־פאַלן. טייל פון זיי האָבן געדינט אַלס ספּעציעלע קוריערן אויף פערד.

די וועכטער זענען געווען די אידעע פון כראַביע, נאָכן צוריקקוקען אַנומלט פון דרעזדען, ווו ער האָט געזען אַזאַ זאַך ביי איינעם פון די דאָר־טיקע פּריצים. שטילערהייט האָט מען צווישן זיך געשמועסט, אַז די פּרי־צים דאָרטן האָבן מורא געהאַט פאַר אַ פויערן־אויפשטאַנד און ס׳זענען אָפט אויסגעבראָכן שרפות אין זייערע גיטער.

נאָך אַ שרפה אין די פערד־שטאַלן מיט איבער צוויי יאָר צוריק, האָט כראַביע סאָבאָצקי באַשלאָסן צו ווערבירן אַזאַ גרופּע וועכטער ביי זיך אין פּאַלוואַרק. דער עקאָנאָם האָט זיי ווערבירט מיט דער הילף פון אַן אַד־

וואָקאָט אין פּיאָטרקאָוו, וועלכער האָט געהאַט גרויסע פֿאַרבינדונגען איבערן גאַנצן לאַנד. די וועכטער זענען ארונטערגעפֿאַלן דער אויפֿזיכט פֿון עקאָ־נאָם מאַריאַנסקי. זייער אָנפֿירער איז געווען דער 30־יאָריקער אדאם קוצין, וועלכער האָט געשטאַמט פֿון גליוויץ, וואָס אין שלעזיע.

קוצין איז געווען אַ הויכוווקסיקער בחור, מיט קורץ־געשוירענע האָר. זיינע גרויע, שטאַלענע אויגן האָבן תמיד געשמייכלט. זיין רעגלמעסיקער מוילשניט און פעסטע נאָז האָבן אויסגעדריקט מישובדיקייט. ער איז געווען אַן אינטעליגענטער מענטש, שטענדיק נאָכגעטראַכט איידער ער האָט ארויסגעזאָגט אַ געדאַנק.

קוצין האָט געשטאַמט פֿון געמישטע עלטערן — די מוטער אַ פּוילישע און דער פֿאָטער א דייטש. זיין עוואַנגעלישע דערציאונג האָט אויספֿאַר־מירט זיין קוק אין לעבן. דערצו האָט ער געקאָנט אין וואָרט און אין שריפֿט פּויליש און דייטש.

די שווערע עקאָנאָמישע באַדינגונגען אין שלעזיע האָבן אים נישט געגעבן קיין מעגלעכקייט צו אַרבעטן אין די קוילנגרובן. באַזונדערס האָט ער פֿיינט געהאַט דאָס אַראָפּלאָזן זיך אין די פֿינצטערע טונעלן אונטערערד, ווו ס'לעבן איז שטענדיק געווען איינגעשטעלט. זיין זיידע איז דאָרט אומ־געקומען. ער האָט ליב געהאַט די אָפֿענע פֿעלדער און ווען ער האָט געהערט אַז מ'זוכט וועכטער פֿאַר אַ כּראַביע נישט ווייט פֿון וואַרשע, האָט ער פֿון די ערשטע זיך ווערבירט. די באַדינגונגען זענען געווען זייער צוזאָגעוודיקע. ער האָט געהאָפֿט, אַז במשך די פֿינף יאָר, וועט ער קאָנען אָנזאַמלען אַ גרע־סערע סומע מיט וועלכער ער האָט געטראַכט, ער וועט שפּעטער קאָנען ווערן זעלבסטשטענדיק.

אַדאַם קוצינס צווייטע האַנט, איז געווען פּאַוועל, אַן אָפּשטאַמיקער פֿון פּיאָטרקאָוו. דער האָט אויך פֿליסיק גערעדט דייטש. אַדאַם האָט פֿאַר־שטאַנען, אַז ער מוז אויך זיין אַן עוואַנגעליקער, אָבער זיי האָבן קיינמאָל אויף דער טעמע נישט גערעדט און זעלטן ווען געגאַנגען אין קלויסטער, דערפֿאַר האָבן זיי זיך פֿאַרשטאַנען אויפֿן ווונק.

בכלל האָט די גרופּע מיט דער צייט זיך ענג צונויפֿגעלעבט ווי איין משפּחה. איינער פֿארן אַנדערן האָט נישט געהאַט קיין סודות, טראָצדעם וואָס זיי האָבן געשטאַמט פֿון פֿאַרשיידענע טיילן לאַנד און געהאַט ווידער־שפּרוכלעכע דערציאונגען און פֿאַמיליע־אונטערגרונטן.

צו אַדאַמען, האָבן זיי ארויפֿגעקוקט מיט גרויס רעספּעקט און ערנסט זיך צוגעהערט צו זיינע רייד און עצות. זיי האָבן געוווסט, אַז ער איז אַ גע־בילדערטער מענטש און אַלץ וואָס ער דערציילט איז זאַכלעך און וואָר.

ער האָט פֿאַר זיי אויך געשריבן בריוו צו זייערע פֿאַמיליעס און אַדאַנק דעם געקאָנט זייערע פֿאַמיליע־אָנגעלעגנהייטן.

פאַוועל איז געווען אדאמס פאַרטרויאונגס־מאַן און פאַרטרעטער. פאַ־וועלס האַלטונג איז געווען אַ מער גרויסשטאָטישע אין קעגנזאַץ צו די אַנ־דערע, וואָס האָבן געשטאַמט פון ווייטע גרענעץ שטעט און וועמענס לשון איז געווען פּראָסט און נישט קולטיווירט. ער אליין האָט געשטאַמט פון אַן אָרימער סטאַליער־משפחה. ביי יעדער געלעגנהייט האָט ער מיט נאָס־טאַלגיע דערציילט וועגן דער שיינקייט פון פיאָטרקאָוו, וואָס האָט געשמט אַלס דער זיץ־אָרט פון פּוילישן געריכטס־וועזן.

אדאם קוצין איז אָקאָרשט געהאַט צוריקגעקומען פון זיין צוויי־וואָכיקן אורלויב אין גליוויץ. ער איז געווען אָפּגעפרישט און מונטער פון זיין באַ־זוך ביי די עלטערן. די נסיעה איז געווען פאַר אים זייער אַ באַלערנדיקע.

זייענדיק אין גליוויץ האָט ער איינמאָל צופעליק אונטערגעהערט אַ שמועס פון צוויי שכנים, דייטשן, וואָס זענען אָפּט געפאָרן אין פּרייסן אין האַנדלס־געשעפטן. די שכנים האָבן פריי גערעדט וועגן די געשעענישן דאָרט, ספּעציעל וועגן די גרויסע מיליטערישע איינהייטן, וואָס מ׳זעט אין אַלע טיילן פון לאַנד און לענגאויס דער פּוילישער גרענעץ.

קיסר פרידריך ווילהעלם דער צווייטער האָט ס׳לאַנד געהאַלטן אונ־טערן מיליטערישן קנאַפּל און מיט דער הילף פון די פּריצים, אַ טייל פון זייערע לייבאייגענע איינגעשלאָסן אין מיליטער. אַלץ האָט אָנגעדייט, אַז ער גייט אין די פוסטריט פון זיינע אבות פון דעראָבערן מער לאַנד און ער באַגנוגנט זיך נישט מיט די פאַרכאַפּטע טיילן פון מערב־פּוילן פון יאָר 1772.

אין אונטערגעהערטן שמועס, זענען די שכנים געקומען צו דער מסקנאָ, אַז נישט אַנדערש, נאָר דער קיסר פאַרמעסט זיך צו א גרעסערער מיליטערישער אַוואַנטורע, וואַרשיינלעך צו אַנעקסירן נייע פּוילישע פּראָווינצן.

אַדאַם קוצין האָט דערפון פאַרשטאַנען, אַז דעם קיסרס אויגן זענען געווענדעט אויף פּוילנס הויפּטשטאָט — וואַרשע.

וועגן די דאָזיקע קלאַנגען האָט אויך אָפן גערעדט זיין פאָטער מיט אַנדערע געסט און בכלל דערפון נישט געמאַכט קיין סוד. זיין פאָטער איז נאָך אַזעלכע שמועסן מיט זיינע קאַמראַדן ארומגעגאַנגען אַן אויפגעלייגטער און זיין פּרייסישער שטאָלץ האָט אַרויסגעשיינט פון זיינע אויגן.

פאַר זיין צוריקפאָרן קיין סאַבאָטע, האָבן זיינע עלטערן געפּרוּווט אויף אים ווירקן, ער זאָל בלייבן אין גליוויץ און הייראַטן אָדער אַריבער־פאָרן צו אַ קרוב אין קאַטאָוויץ, ווו ער וועט האָבן מער שאַנסן אויף אַ בע־סערן פּאָסטן. אַדאַם קוצין האָט זיך אָבער אָפּגעזאָגט פון זייער פאָרלייג, געבנדיק זיי צו פאַרשטיין, אַז ער קאָן דעם קאָנטראַקט איצט נישט אָפּברעכן און ס׳האַנדלט זיך נישט מער ווי אין נאָך צוויי יאָר ווען ער וועט אהיימ־קומען מיט אַ גרעסערער סומע געלט.

באַזונדערס האָט ער ערנסט נאָכגעטראַכט וועגן די קלאַנגען, אַז דאָס פּרייסישע מיליטער איז קאָנצענטרירט לענגאויס די גרענעצן פון פּאָמערן און דעם טייך אָדרע. אין אַזאַ פאַל, האָט ער געטראַכט קאָן עפּעס געשען אינצווישנצייט פון די צוויי יאָר און ממילא וועט דער קאָנטראַקט בטול ווערן.

אין אַזאַ מצב־רוח איז ער צוריקגעפאָרן קיין סאַבאָטע.

## קאַפּיטל 21

# יאַראָס

עטלעכע טעג נאָך זיין אומקערן זיך פון גליוויץ איז יאַראָס עפּנטלעך פאַרשמיסן געוואָרן און דערנאָך אַריינגעוואָרפן אין קעלער.

זיין גאַנצער קערפּער איז געווען צעשניטן פון ראַפּניק און געאייטערט. דער יונג איז געלעגן אין גרויסע יסורים און זיינע קרעכצן האָבן זיך גע־הערט אפילו אויבן, אין וועכטערס קוואַרטיר. אַלע האָבן זיך געפילט אומ־באַקוועם און זיך איבערגעקוקט מיט פרעגנדיקע אויגן.

די אַרעסטאַנטן אין געפענגעניש האָבן אויף זייערע מוראדיקע גע־שרייען רעאַגירט מיט קלאַפּן אין דער טיר.

די וועכטער אַלאַרמירט פונעם טומל זענען אַראָפּ אונטערן זען וואָס ס׳האָט פּאַסירט.

ס׳האָט זיי א רחמנות גענומען זעענדיק יאַראָסעס מצב און וועגן דעם דערציילט אַדאַמען.

טראָץ זיין יונגן און קרעפּטיקן קערפּער, האָבן די 30 שמיץ אויסגעע־מאָסטן פון טשיפּולאַ׳ס געזונטע הענט, געלאָזט טיפע פּרענגעס איבער דער פּלייצע, ריפּנביינער און זשעברעס. דער גאַנצער גוף איז געווען געשוואָלן און באַפּאַקט מיט בלוטיק־אייטערדיקע בלאָטערן. ס׳האָט אויסגעזען, אַז דער יונג גוססט.

אַדאַם קוצין האָט נישט איינמאָל געהאַט געטראָפן יאַראָסן אין דער פאַרגאַנגענהייט, געשמועסט מיט אים און אויסגעפרעגט וועגן זיינע רייזעס.

דער בחור האָט אויף אים געמאַכט א גוטן איינדרוק. ער האָט זיך בכלל אויסגעטיילט מיט זיין אַנדערשקייט פון המון לייבאייגענע און די שטאַל־יונגען אין פאָלוואַרק.

זיין געשטאַלטנע פיגור, ליכטיק פּנים און לאַכעדיקע אויגן האָבן עדות געזאָגט, אַז ער פּאַסט זיך נישט אַריין צווישן די לייבקנעכט.

ס'האָט אַדאַמען אויך געחידושט, וואָס דער שטאַל־יונג איז גראַמאַטנע, רעדט דייטש און נישט קיין שלעכטן פראַנצויזיש. יאַראָס איז דעריבער פאַר אים געווען אַ רעטעניש.

ווענלדיק דערגיין עפּעס וועגן יאַראָסעס אָפּשטאַם האָט ער איינמאָל ביי אַ גלעזל משקה פּרובירט עפּעס דערגיין ביים עקאָנאָם. יענער האָט אים אָבער אָפּגעפּטרט מיט אַ נישט־קלאָרן ענטפער:

דער יונג, איז דעם כראַביעס... אַ דערצויגלינג... אַ שוואַרץ־יאָר וויים אים דאַרט!... אַ זון דאַכט מיר, פון אַ וויטער, אָרימער קרובה, וואָס איז געשטאָרבן אין קימפּעט... דער ענטפער האָט אַדאַמען נישט באַפרידיקט. די גאַנצע זאַך איז אים אויסגעקומען נאָכמער רעטזעלהאַפט און ער האָט זיך געישובט:

— אויב יאַראָס איז דעם כראַביעס אַ דערצויגלינג, פאַרוואָס האָט ער אים געמאַכט פאַר זיינעם אַ באַדינער און שטאַל־יונג?

קוצינס געניט אויג האָט אויפגעכאַפּט אין יאַראָסעס פּנים ענלעכע געזיכט־שטריכן צום כראַביעס: די קאָליר פון די האָר, די פעסטע נאָז און קאָליר פון די אויגן. ער האָט אָבער קיינעם נישט דערציילט וועגן זיין פאַרדאַכט. ער האָט טיף געגלויבט, אַז דאָס געהיימניש וועט פון זיך אַליין אַמאָל אַרויסקומען. מ'דאַרף האָבן געדולד און וואַרטן.

איצט, הערנדיק, אַז יאַראָס איז אַ גוססנדיקער, איז ער צו אים אַראָפּ אין קעלער. ער האָט אָנגעצונדן אַ שטורקאַץ און אויפגעעפנט דעם ריגל צו דער צעלע. דער יונג איז געלעגן אַ צעממיתטער אויפן בויך אויף אַ צע־ריסענעם שטרויזאַק. די צעלע איז געווען טוכלע און פינצטער.

זעענדיק מיט אייגענע אויגן זיין מעמד האָט ער געטראַכט, אַז דער גע־שמיסענער קאָן אַ ליאַדע שעה אויסגיין, אויב ער וועט נישט קריגן באַלדיקע הילף.

און אַדאַם קוצין האָט זיך געשלאָגן מיט דער דעה, וואָס ער זאָל טאָן. ער איז דאָ בלויז אַ געדונגענער וועכטער און האָט געשווירן לאָיאַלקייט צו זיין ברויטגעבער. אין קאָן אָבער שטייט אַ מענטשלעך לעבן.

זאָל ער וועגן דעם מעלדן דעם עקאָנאָם? ניין, מעגלעך יענער איז אַ מיטשולדיקער אין אַ פאַרשווערונג. דער כראַביע איז אפשר אויסן דער יונג זאָל בלייבן אַ קריפּל אויפן גאַנצן לעבן אָדער ער זאָל אויסגיין אין געפענגעניש.

אין אָוונט, נאָכדעם, ווי ער האָט פאַנאַנדערגעשיקט די וועכטער אויף זייער שמירה, צוויי פון זיי זענען גראָד געווען ארויסגעשיקט אַלס קורירן אין די שכנותדיקע שטעט, האָט קוצין באַשלאָסן נאָך אַ באַראַטונג מיט פּאַוולען, אַז מע מוז עפּעס טאָן פאַרן יונג.ביידע האָבן די זאַך לאַנג דורכ־

געשמועסט און געקומען צום באַשלוס, אַז נישט געקוקט אויף די קאָנ־סעקווענצן וואָס זיי דערוואַרט אין העלפן לינדערן די יסורים פון פאַר־שמיסענעם, מוזן זיי אים ראַטעווען.

נאָך דער באַראַטונג איז אַדאַם קוצין שפּעט אין דער נאַכט אַליין אוועק־געריטן אין שכנותדיקן דאָרף און דאָרט אָפּגעזוכט די אַלטע זנאַכאַרקע יאַדוויגאַ.

די זקנה, איז באַקאַנט געווען אין דער סביבה פאַר אירע זאַלבן און כלערליי שמירעכצער, וואָס זי האָט אַליין געמאַכט פון קרייטעכצער פאַר פאַרשיידענע חולאתן.

יאַדוויגאַ איז געווען אַ נידריקע, איינגעשרומפּענע זקנה, מיט אַ צע־קנייטשט פּנים, אָנצייניק מויל. אירע דאַרע, לאַנגע הענט מיט ביינערדיקע פינגער, האָבן זיך שנעל באַוועגט.

אין פלוג איז שווער געווען צו פאַרשטיין וואָס די אַלטע רעדט, דער־פאַר האָבן אירע הענט גערעדט פאַר איר ווען זי האָט באַהאַנדלט אַ חולה. די גרויע קוטשמעס האָר ווי בעזעמלעך האָבן אַרויסגעקוקט פון אונטער איר אָפּגעבליאַקעוועטן רויטן קאָפּטוך. אירע קליינע, גרויע אייגעלעך האָבן יעדן דורכגענומען ווי שפּיזלען.

קוצין האָט אָן צערעמאָניעס איר באַפוילן צו פאַרפּאַקן אירע טעפּלעך מיט זאַלבן, אַרויפגעזעצט אויפן פערד און געבראַכט אין פאַלוואַרק. ער האָט גערעכנט, אַז אַזוי שפּעט אין דער נאַכט, האָט זיי קיינער נישט געזען, און אויב עמיצער פון די וועכטער האָט זיי געזען וועט די זאַך בלייבן בסוד.

ער האָט די אַלטע געגעבן אַ גאָלדן רענדל און איר אָנגעזאָגט, זי זאָל נישט לאָזן די פאַרע פון מויל, אַנדערש וועלן די וועכטער איר קוילענען.

די זקנה האָט מיט גיריקע אויגן באַטראַכט די מטבע, זי פאַרשטעקט אין אָפּגעריסענעם קלייד און געשווירן מיט כלערליי שבועות, אַז זי וועט קיינעם וועגן דעם נישט דערציילן.

פאַוועל וואָס האָט זיי אָפּגעוואַרט, איז געשטאַנען אין אַריינגאַנג מיט אַ שטורקאַץ און זיי באַלויכטן דעם וועג אין יאַראָסעס צעלע.

דער יונג איז געלעגן אַ קרעכצנדיקער אויפן בויך ווי אַ פאַרגלי־ווערטע קופּע.

אַדאַם האָט שווייגנדיק זיך צוגעקוקט ווי די זנאַכאַרקע האָט אין אָפּ־שיין פון שטורקאַץ אַרומגעוואַשן דעם קערפּער פון קראַנקן מיט אַ פליסי־קייט פון אַן ערדענעם טעפּל. ער האָט זיך איבערגעוווּנקן מיט פאַוולען. ביידע האָבן זיך פאַרשטאַנען, אַז זיי האָבן ריכטיק געהאַנדלט.

דערנאָך האָט די זנאַכאַרקע מיט אַ שטיקל געוואַנט לייכט איינגעשמירט די ווונדן מיט אַ גרינלעכן זאַלב. זי האָט אַ ווונק געטאָן צו אַדאַמען, יענער זאָל איר העלפן אַרומבונדן דעם קראַנקן מיט אַ לאַנג שטיק געוואַנט און פאָרזיכטיק אים צוריקגעלייגט אויפן בויך.

פאַרן צוריקגיין אין דאָרף אַריין, האָט זי אַדאַמען איבערגעלאָזט אַ קליין טעפּעלע מיט אַ פּליסיקייט וואָס זי האָט געהייסן דעם קראַנקן געבן צוויי מאָל אין טאָג.

זי האָט צוגעזאָגט אַליין צו קומען צוויי נעכט שפּעטער אין דער זעל־בער צייט ביינאַכט צו זען ווי אירע היילמיטלען האָבן געהאָלפן דעם געשמיסענעם. דער זנאַכאַרקעס שפּעט־ביינאַכטיקע וויזיטן האָבן זיך איבער־געחזרט עטלעכע מאָל. דאָס גוטע עסן און די אויפמערקזאַמקייט וואָס די וועכטער האָבן געשאַנקן דעם קראַנקן האָבן אים אין אַ קורצער צייט צוריק־געשטעלט אויף די פיס.

איינמאָל שפּעט ביינאַכט, ווען אַדאַם איז אַליין געבליבן אין דער קוואַר־טיר, האָט ער נאָך אַ לענגערן נאַכטראַכטן באַשלאָסן אַראָפּגיין צו יאַראָסן און אים אַרויפבערענגען צו זיך אין דער קוואַרטיר. ער האָט רחמנות געקראָגן אויף יונג און געטראַכט, אַז אַ ביסל פרישע לופט וועט גוט ווירקן אויפן אומגליקלעכן.

ער האָט יאַראָסן מכבד־געווען מיט שוואַרצער קאַווע און אַ שטיק ברויט מיט קאָלבאַס. בעת דער סעודה האָבן זיי געשמועסט.

יאַראָסעס אויגן האָבן מיטאַמאָל צוריקגעקריגן זייער יוגנטלעכן גלאַנץ און געוואָרן מונטערער. ער האָט מיט דאַנקבאַרע אויגן געקוקט אויף זיין רעטער. ער האָט זיך אין אַנהויב געקווענקלט און צום סוף מיט אַ ציטער־דיקע שטימע זיך אָפּגערופן:

— כ׳ווייס פּאַניע קוצין, אַז כ׳האָב מיין לעבן אייך צו פאַרדאַנקן. גלויבט מיר, אַז כ׳וועל דאָס קיינמאָל נישט פאַרגעסן... איר זענט אַ גוטער מענטש און גאָט האָט אייך דאָ אַראָפּגעשיקט מיך צו ראַטעווען...

נו, נו, מיר קומט נישט קיין דאַנק — האָט אַדאַם געצויגן מיטן אַקסל — איך בין צופרידן דיך צו זען צוריק אויף די פיס. געמיינט, אַז דו ביסט פאַרביי... כ׳גלויב, אַז איצט וועסטו זיין קלוגער און נאַכאַמאָל זיך נישט אויסגליטשן!

יאַראָס האָט פאַרשטאַנען דעם רמז. זיין מאַט פּנים פון ליגן אין דער צעלע, האָט איצט געהאַט אַ קרעפטיקן אויסזען אין אָפּשיין פון איילבעקן.

— מיטן גרעסטן רעספּעקט צו אייך, הער קוצין — האָט יאַראָס שטיל אָנגעהויבן — כ׳זע איר זענט אַ גוטער מענטש, און דאַרף פאַר אייך נישט האָבן קיין סודות... איך בין זיכער אַז איר וועט מיר גלויבן וואָס איך וועל אייך דערציילן.

— אדרבא, יאַראָס. אויב דו פילסט אַז דו האָסט צו מיר צוטרוי, דער־צייל וואָס ס׳ליגט דיר אויפן האַרצן. כ׳זאָג דיר צו, אַז אַלץ וועט בלייבן צווישן אונדז.

— גוטער פריינד, פּאַניע קוצין. איך האָב מאַלגאַזשאַטן נישט פאַר־גוואַלדיקט... דאָס איז אַ בילבול. זי איז צו מיר אַליין געקומען יענער נאַכט.

— אָהאָ, יאַראָס, וואָס דערציילסטו, מאַלגאָזשאַטאַ איז צו דיר אַליין געקומען... ווי זאָל איך דאָס פאַרשטיין?

—יע באָגו, פּאַניע קוצין. דאָס איז דער ריינער אמת. מאַלגאָזשאַטאַ איז שוין פון לאַנג מיין מיידל און מיר האָבן זיך ליב... אָבער דער גלח איז ווי אַ שוואַרצע קאַץ אַריין צווישן אונדז.

— דער וויקאַר פון זדוני? וואָס רעדסטו יאַראָס?!

— גלויבט מיר פּאַניע קוצין... די זאַך איז אַזוי... מיט אַ צייט צוריק, ווען ער איז געקומען פון זדוני און געבליבן נעכטיקן אין פּאָלוואַרק, האָט מאַלגאָזשאַטאַ פאַר אים געמאַכט ס'בעט אין זיין קאַמער. דער וויקאַר האָט זי פאַרהאַלטן ביז שפּעט אין דער נאַכט און מיט אויסטערלישע פרומע רייד איר געהייסן זיך לייגן מיט אים אין בעט און האָט זי באַצווינגען. זי האָט זיך געשעמט עמיצן דערציילן וועגן דעם. לעצטנס אָבער האָט דער וויקאַר אָפּטער אָנגעהויבן קומען אין פּאָלוואַרק נאָכן טויט פון דער יונגער אירענאַ'ן. און ביי דער געלעגנהייט געצוואונגען מאַלגאָזשאַטן זי זאָל צו אים קומען ביינאַכט. אין אָנהויב האָט זי דאָס געטאָן אויס מורא. זי איז יונג און הכנעהדיק און נישט געוווּסט ווי זיך צו שיצן קעגן גלח. אָבער יענע נאַכט, ווען כ'זאָל איר כלומרשט האָבן פאַרגוואַלטיקט, איז זי צו מיר געקומען מיט אַ געוויין, אַז זי איז פאַרשוואַנגערט פון וויקאַר און געבעטן איך זאָל איר באַשיצן... מיר האָבן אָבער נישט געוווּסט, אַז דער עקאָנאָם האָט איר נאָכשפּיאָנירט... דעם סוף פון דער פּאַסירונג ווייסט איר... מ'האָט אויף מיר אויסגעטראַכט אַ בילבול... דאָס איז מסתמא געווען אַ נקמה־אַקט פון גלח, ווייל מאַלגאָזשאַטאַ איז מער צו אים נישט געגאַנגען...

קוצין האָט אויפמערקזאַם זיך צוגעהערט צום נאַראַטיוו פון זיין אַרעס־טאַנט. אין קאָפּ ביי אים האָט זיך אָנגעהויבן אויסשיילן דער גאַנג פון דער אינטריגע, איבערהויפּט, די העסלעכע ראָל פון קאַטוילישן גלח און זיין אויסגעלאַסענע האַנדלונג. ער האָט געפילט אַן עקל צום דאָזיקן פאַרשטייער פון דער קירך וואָס פּרעדיקט באַרמהאַרציקייט און אַליין פאַרנאַרט ער אין דער נאַכט צו זיך אין בעט נאַיווע מיידלעך. נאָכן פאַררייכערן אַ מאַכאָרקע, וואָס קוצין האָט אים דערלאַנגט, האָט יאַראָסעס פּנים זיך מער אויסגעליי־טערט און ער איז געוואָרן מער באַרעדעוודיקער.

אַדאָם האָט דעם יונג נישט געוואָלט מצער־זיין און אים בכלל נישט דערציילט, אַז מאַלגאָזשאַטאַ איז אין דאָרף אין זייער אַ קלאָגעדיקן מצב. ער האָט באַשלאָסן אויף אַ דעליקאַטן אופן אַרויסצוקריגן עפּעס וועגן זיין קינדהייט.

— יאַראָס, כ'גלויב דיר וואָס דו האָסט מיר דערציילט... כ'זע דער עקאָנאָם האָט אַ האַנט דעריין, דעריבער מוזן מיר זיך פאַר אים אויסהיטן...

— כ'דאַנק אייך, פּאַניע קוצין. כ'זע, איר זענט אַ פאַרנונפטיקער

מענטש. גלויבט מיר, אַז איך בין אומשולדיק, און דער אמת וועט ארויסקומען . . .

— כ׳גלויב אזוי, יאַראָס, כ׳גלויב, אז דער אמת וועט ארויסקומען — האָט ער צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ. אַ יאָ, כ׳האָב דיך אגב געוואָלט פרעגן, צי ביסטו געבוירן דאָ אין פאָלוואַרק?

— ניין, הער קוציק. מ׳האָב מיך דאָ אַהערגעבראַכט פון וואָלין ווען איך בין נאָך געווען אַ קליין קינד.

— און ווו זענען דיינע עלטערן?

— כ׳האָב נישט קיין עלטערן — האָט טרויעריק געענטפערט יאַראָס — כ׳האָב קיינמאָל מיינע עלטערן נישט געקענט... מ׳האָט מיר דערציילט, אַז מיין מאַמע איז געווען אַ גרויסע שיינהייט און געשטאָרבן אין קימפעט מיט מיר . . .

אַדאַמס שטערן האָט זיך פאַרוואָלקנט. ער האָט פאַרמאַכט די אויגן און נאָכגעטראַכט:

— הייסט עס, דו ביסט אַ יתום... האָסט געמוזט האָבן אַ שווערע קינדהייט. זייער טשיקאַווע, ווו האָסטו געלערנט לייענען און שרייבן?

— אַ, דאָס איז מיר אָנגעקומען גרינג... מ׳האָט מיך זייער שטרענג דערצויגן.

— וואָס מיינסטו שטרענג דערצויגן, ווער האָט דיך שטרענג דערצויגן?

— ווען כ׳בין געווען אַ קליין יינגל פון אַ יאָר 7־6, האָט דער כראַביע מיך אָוועקגעשיקט צו אַן אַלטער דאַמע אין סאַנניקי... זי האָט געזאָגט, אַז זי איז זיינע אַ ווייטע, פאַראַרעמטע קרובה... און זי איז געווען זייער אַ שטרענגע זקנה, אַן אַריסטאָקראַטין... און מיך דערצויגן אויף אַ פאַניטש... כ׳האָב דאָרט גוט אונטערגעהונגערט, אָבער נישט געהאַט פאַר וועמען זיך צו באַקלאָגן... און ווען איך בין אַלט געוואָרן אַן ערך 15 יאָר, האָט דער פריץ מיך דאָ אַראָפּגעבראַכט. אין אָנהויב בין איך איינגע־שטאַנען אין הויז פון עקאָנאָם מיט זיין פאַמיליע. אָבער צוליב אַ מחלוקה מיט זיינעם אַ יינגל, כ׳געדענק שוין נישט גענוי וואָס ס׳איז געווען, האָט דער כראַביע אויף דער אָנקלאַגע פון עקאָנאָם מיך פון דאָרט אַרויסגענומען און באַפוילן צו אַרבעטן אין די שטעלער.. און אַ צייט ארום, ווען ער איז געפאָרן קיין אויסלאַנד, האָט ער מיך מיטגענומען אַלס זיין קאַמערדינער, כ׳זאָל אַכטונג געבן אויף זיין באַגאַזש און טואלעט. ער האָט זיך געגרויסט וואָס איך קאָן פראַנצויזיש און דייטש.

— הייסט עס, אויף די רייזעס אין אויסלאַנד, האָט ער דיך גוט באַהאַנדלט.

—יאָ, ער האָט מיך זייער גוט באַהאַנדלט, געגעבן טאַשן־געלט און מיך געלאָזט פריי ארומגיין אין אַלע שטעט. אזוי ארום האָב איך פאַרפול־קאָמט ביידע פרעמדע שפראַכן, וואָס איך האָב געלערנט ביי דער אַלטער

דאָמע אין סאַנניקי. דער כראַביע האָט מיר אָפּט געמאַכט קאָמפּלימענטן, אַז כ'בין זייער אַ פֿעיקער בחור... אָבער יעדעס מאָל ווען איך בין צוריק־געקומען, האָט זיך אַלץ געענדערט און כ'בין צוריק אַוועק אין די שטאַלן אַרבעטן מיט די אַנדערע...

— זאָג מיר יאַראָס, איז עס אמת, אַז דו האָסט אָנגערעדט די לייב־אייגענע, זיי זאָלן נישט אויספֿאָלגן דעם כראַביעס באַפֿעלן צו אַרבעטן זעקס טעג אין דער וואָך אויף זייערע פֿעלדער?

— נאַ ראַני באַסקי'ע, דאָס איז נישט אמת... ווי מיינט איר, וואָלט איך אַזוי אָפּן גערעדט צו די לייבאייגענע?.... איר זעט דאָך אַליין, אַז זיי לעבן אין פֿינצטערניש און פֿאַרקנעכטונג... און פֿיל פֿון זיי גייען אויס פֿון הונגער... צו אַזעלכע מענטשן דאַרף מען רעדן אויף זייער לשון... מ'דאַרף זיי ארויסווייזן פֿאַרשטענדעניש... אַ וואַרעמע באַציאונג... אמת, ס'האַרץ האָט מיר גוט פֿאַרקלעמט, זעענדיק די עוולות וואָס ס'ווערן די אָרעמע געטאָן... נו, טיילמאָל, נאָכן צוריקקומען פֿון רייזעס אין אויסלאַנד האָב איך זיי דערציילט וואָס כ'האָב געזען אין פֿראַנקרייך, ווו די פּויערן זענען באַפֿרייט פֿון פּאַנשטשיזנע! און כ'האָב זיי געזאָגט, אַז דאָס זעלבע קאָן געשען ביי אונדז... געוועזן אָבער אַזעלכע פּויערן, וואָס לעקן זיך אונטער דעם עקאָנאָם, האָבן זיי מיך פֿאַרמסרט פֿאַר אים און פֿאַרדרייט מיינע רייד... און ס'איז אַרויסגעקומען, אַז איך בונטעווע זיי...

אַדאַם קוצין איז נאָך יאַראָסעס אַראָפּרעדן זיך פֿון האַרצן, געקומען צו דער מסקנא, אַז דער יונג איז נישט קיין נאַר און האָט אַ גוט האַרץ. פֿילט מיט דעם שווערן גורל פֿון די פּויערן. פֿאַר דעם קאָן ער אים זיכער נישט פֿאַראורטיילן. פֿאַרקערט, פֿאַר אַזאַ באַציאונג צו די ליידנדע מוז ער פֿאַר אים האָבן רעספּעקט. ער אַליין, אַדאַם, טראַכט אויך דאָס זעלבע, נאָכן אָפּזיין דאָ איבער צוויי יאָר און צוזעענדיק זיך צו דער פֿאַרשקלאָפֿונג פֿון די פּויערן. ער ווייסט, אַז אין פּרייסן, ווו די קולטור איז אַ העכערע ווי אין פּוילן, זענען די לייבאייגענע אַזוי פֿאַרקנעכטעט ווי דאָ. און פּרייסן איז ווי אַ באַריערע צווישן פֿראַנקרייך און עסטרייך, ווו פּאַנשטשיזנע איז שוין לאַנג אָפּגעשאַפֿט געוואָרן דורכן רוימיש־דייטשן קיניג יוזעף דעם צווייטן. טיף אין זיין באַוווסטזיין איז ער איבערצייגט, אַז דער פֿעאָדאַליזם וועט אין פּוילן לאַנג נישט אָנהאַלטן. מעגן די פּריצים און לאַנדווירטן זיך אַקעגנשטעלן דער דריטער מאַי קאָנסטיטוציע, סוף־כל־סוף וועט מוזן קומען צו א לייזונג פֿון דעם פּויערן־פּראָבלעם. — און ווער ווייסט — האָט ער ווייטער געצויגן דעם פֿאָדים פֿון דעם געדאַנק, אויב די קלאַנגען וואָס ער האָט געהערט אין גליוויץ זאָלן זיך באַשטעטיקן, איז נישט אויסגעשלאָסן, אַז פֿרידריך ווילהעלם זאָל אין אַ געוויסן טאָג אריינמאַרשירן אין פּוילן. אַזאַ אַנעקסיע וועט זיכער מיט זיך ברענגען גרויסע פּאָליטישע ענדע־רונגען... און אפֿשר וועט עס זיין לטובת די פּויערן. דאָס וואָס קומט פֿאַר

דאָ אין פּאַלוואַרק, שיינט אים צו זיין אַן אויסטערלישע פּאַסירונג, אַזוי ווי דער פּריץ וואָלט קאַפּיטולירט פאַרן קלער, דעם וויקאַר. אַזאַ צעפּאַרנקייט מוז הערשן אויך אין אַנדערע רייכע ווירטשאַפטן, אַזוי ווי די לאַנדווירטן וואָלטן צוהילף גענומען די קירך אַנצוואַרפן אַ שרעק אויף די פּויערן. ער האָט מיט רחמנות געקוקט אויף יאַראָסן און זיך געישובט, צי ער דאַרף אים עפּעס זאָגן וואָס זאָל אים דערמוטיקן ווייל אין אַ געוויסן טאָג, קאָן זיך אַנט־פּלעקן דער סוד, אַז ער איז איינער פון די יורשים פון פּאַלוואַרק. ער גלויבט, דער יונג וועט זיין מער יורשדיק צו זיינע אונטערטעניקע.

ער האָט אָבער אָפּגעוואָרפן די מחשבה פון עפּעס זאָגן יאַראָסן, און בלויז דורך־אַגבדיק מרמז־געווען:

— יאַראָס, כ׳וויס, אַז דו האָסט צו מיר צוטרוי, כ׳וויס, אַז דו ביסט אומשולדיק, נאָר דיינע אייגענע מענטשן האָבן דיך פאַרראַטן... מיר זענען איצט אַלע אין די הענט פון דעם כראַביע! דעריבער ראָט איך דיר, דו זאָלסט זיך נישט בונטעווען, ווייל מיטן בייזן וועסטו גאָרנישט אויפטאָן... פאַרקערט, מ׳וועט דיך נאָך מער פאַרפּאַלגן. איך וועל דיר העלפן ווי לאַנג איך בין דאָ, פאַרשטאַנען? דו מוזט מיר אָבער צוזאָגן, אַז דו וועסט נישט מאַכן קיין פּרוּוו צו אַנטלויפן, ווייל דעמלט שטעלסטו אין אַ קאָן דעם גוטן נאָמען פון מיר און פון מיינע וועכטער... פון צייט צו צייט וועסטו דאָ אַרויפקומען אין דער נאַכט ביז דו וועסט זיך דערהאַלטן! האָב איך דיין וואָרט דערויף?

— כ׳שווער אייך, פּאַניע קוצין, אַז כ׳וועל טוען אַזוי ווי איר הייסט מיר, אַזוי העלף מיר גאָט! — און ער האָט זיך איבערגעצלמט. — אַ גוטע נאַכט, אייך, מיין רעטער! — און ער איז אַראָפּ צוריק אין דער צעלע.

נאָכדעם ווי יאַראָס איז עטוואָס אַ הינקענדיקער פון ווייטיק לאַנגזאַם אַראָפּ מיט די פינצטערע טרעפּ צו זיך אין צעלע, אין קוצין געבליבן שטיין נעבן די שווינדלטרעפּ און אַרויפגעקוקט אין פינצטערן חלל און זיך איינ־געהערט צי מען הערט נישט קיין באַוועגונג אין דער קאַמער וווּ דער ייד איז פאַרשפּאַרט.

זיין אויער האָט מיטאַמאָל אויפגעכאַפּט אַ באַוועגונג, אַ פאַרטויבטן אָפּהילך פון טריט איבערן דיל. קוצין האָט געשמייכלט צו זיך:

— הייסט ער, אַז דער ייד לעבט... ער איז אויך אַ קרבן פון זעלבן היפּאָקריט, דעם וויקאַר. — און אַ האַס־געפיל האָט אויפגעברויזט אין זיין ברוסט:

— מיט זיינע פּרומאַקישע אינטריגעס וויל ער אומברענגען אומשול־דיקע מענטשן און דער כראַביע לאָזט זיך פון דאָזיקן פאַרדאַרבענעם מענטשן פירן פאַר דער נאָז. ער איז נישט דער זעלבער שטאָלצער מענטש וואָס געווען, נישט אַנדערש, אַז דער טויט פון דער טאָכטער האָט אים אַזוי דערשלאָגן...

קוצין האָט זיך ווידעראַמאָל איינגעהערט צו דעם לייכטן אָפּהילך פון די טריט אין דער אויבערשטער קאַמער פון טורעם און געטראַכט וועגן פאַרשפאַרטן יידן. אמת, ער אליין, האָט וויניק געהאַט צו טאָן מיט יידן. זיין פאָרשטעלונג וועגן זיי, איז געווען אַזאַ ווי מ'האָט זיי געשילדערט אין זיין סביבה. ער געדענקט אָבער גוט, אַז אין גליוויץ האָבן געוווינט אַ סך יידן, געהאַט זייערע קראָמען, ביי וועמען מ'האָט געקריגן קויפן אַלע מינים סחורות פאַר פיל ביליקער ווי אין די קריסטלעכע געשעפטן. און צוליב אייפערזוכט, האָבן די קריסטלעכע סוחרים אויף זיי אויסגעטראַכט בילבולים. מ'האָט וועגן דעם אָפן גערעדט אין זיין היים.

קוקנדיק ארויף צום פינצטערן חלל נעבן די שווינדלטרעפּ, זעט ער פאַר זיך די שיינע און ווירדיקע געשטאַלט פון יידן, וואָס זיצט דאָרט איינגעשפאַרט. און ס'איז פאַר איצט קלאָר, אַז ער איז אַ קרבן פון דער קאַטוילישער קירך. קוצין האָט באַשלאָסן, אַז ער מוז אים העלפן און ער האָט מעדיטירט מיט זיך:

— אויב מ'וועט דעם יידן ביז מאָרגן נישט באַפרייען, וועט ער אויף אייגענער אחריות דעם יידן ארויפטראָגן וואַסער און שפייז. ער ווייסט, אַז דער ייד האָט אויפגעבראָכן ס'קליינע פענצטער און גיסט דורך דאָרט ארויס די אומריינקייטן. ער האָט עס אליין אויפגעדעקט. דאָס אליין זאָגט אויך, אַז דער ייד מוז זיי אַ ווירדיקער מענטש. ער האָט וועגן דעם קיינעם נישט דערציילט, אפילו נישט זיין פאַרטרויאונגס־מאַן. און טראַכטנדיק וועגן דעם, האָט ער דערפילט אַן אַנטשפאַנונג פון געמיט און אונטערפייפנדיק זיך אַ פריילעכן ניגון איז ער אַוועק מיטן פינצטערן קאָרידאָר אין זיין קוואַרטיר.

קאַפּיטל 22

# אין די נעגל פון אינטריגע

צוויי טעג נאָכדעם ווי דער וויקאַר האָט געהייסן פאַרשפאַרן דעם האַלצ־שניצער אין טורעם, האָט ער אויף אַ צווידייטיקן אופן געשילדערט פאַרן כראַביע זיין שמועס מיטן ייד.

דער כראַביע האָט אין טאָן פון זיינע רייד און לויט דעם אַנגעברוגזטן פנים געדרונגען, אַז דער ייד האָט אים געגעבן דעם ריכטיקן פסק.

— נו, וואָס ווייטער מיין ליבער וויקאַר? וואָס האָסטו אויפגעטאָן

מיטן האָלצשניצער, האָט איר זיך פאַרשטאַנען? — האָט ער מיט אַ באַהאַל־טענער שאָדן־פריידׂ העפלעך געפרעגט.

דער קלעריקער האָט אָפּגעהוסט און פאַרמרוזשנדיק זיין לינק אויג אויס געוווינהייט ווען ער געפינט זיך אין אַ פאַרלעגנהייט געענטפערט:

— דערווייל גאָרנישט... אָבער קלעמענט יאַשינסקי, געהערט נישט צו די, וואָס נעמען אָן אַ „נייך" פאַר אַן ענטפער... דער ייד איז אַן עקשן און ווידערשפּעטיק... ער האָט געלעסטערט די קירך... כ'קאָן פאַרזי־כערן אייער ווילגעבוירנקייט, אַז פאַר דער גלאָריע פון דער קירך, וועל איך ברעכן דעם יידס עקשנות.

דער כראַביע האָט אַ דערשטוינטער געקוקט אויפן גלח און געפרעגט:

— אָ, מיין גאָט, קלעמענט, וויקאַר פון זדוני... כ'האָב דיך קיינמאָל נישט געהערט אזוי רעדן... וואָס איז געשען מיט דיין קירכלעכער געזעצט־קייט? האָט זיך ביי די באמת אָפּגעטאָן יעדעס געפיל פון טאָלעראַנץ לגבי אַנדער־גלויביקע... קיינמאָל דיך נישט געזען אין אַזאַ רעגונג... און וואָס מיינסטו מיטן ברעכן דעם יידס עקשנות? ווייל פון ברעכן עמיצנס עקשנות ביז שניצן אַ יעזוס פיגור איז א ווייטער מהלך...

— נישט דאָס האָב איך געמיינט — האָט שטאַמלענדיק דער גלח זיך געפּרוווט פאַרענטפערן. — דער ייד איז פעיק צו שניצן די סטאַטוע, נאָר מ'דאַרף אים דערצו צווינגען.

— צווינגען? און ווי אַזוי ווילסטו דאָס מאַכן?

דער גייסטלעכער האָט פאַרשנדיק אָנגעקוקט זיין גאַסטגעבער און שוין מער ראַציאָנעל ארויסגעבראַכט זיין פּלאַן:

— גאַנץ פשוט. מיר וועלן אים האַלטן אין טורעם צוויי מעת־לעת אָן שפּייז און וואַסער... ריכטיק? און אויב דאָס וועט נישט העלפן, וועט מען אים דאָרט האַלטן אַ דריטן מעת־לעת... הונגער און דאָרשט וועלן טאָן דאָס איבעריקע... און איר וועט זען, ווי דער ייד וועט ווערן נאָכגיביקער.

—און אויב דאָס וועט נישט העלפן?! — האָט מיט צודרינגלעכקייט געפרעגט סאָבאָצקי.

— אויב דאָס וועט נישט העלפן... — האָט געצויגן דער וויקאַר די ווערטער — וועט מען אים מיט אייער דערלויבעניש געבן עטלעכע שמיץ אויפן נאַקעטן לייב... דאָס וועט זיין די בעסטע רפואה פאַרן גאָטלעסטערער!....

— מיט וואָס איז דער ייד אַ גאָטלעסטערער?!

דער וויקאַר האָט אַ דערשטוינטער געקוקט אין פּנים פון כראַביע און מיט קענטיקער רוגזה אין זיין שטים געענטפערט?

— מיט די רייד ווי אזוי ער האָט גערעדט וועגן דער קירך... אין

די אַלטע צײַטן האָט די קירך אַזעלכע אַנטי־קריסטן גאָר האַרב באַשטראָפט...

— אָ, אָ, מײַן גוטער היטער פֿון דער קירך... כ׳האָב קײנמאָל פֿריער פֿון דיר נישט געהערט אַזעלכע רײד... געמײנט, אַז דו געהערסט צו די מער אױפֿגעקלערטע פֿון קלער... פֿאַרוואָס מײנסטו איז דער ייד אַן אַנטי־קריסט... צווישן אונדז געשמועסט, וואָס אַזעלכעס האָט ער געטאָן קעגן דער קירך? דערוויַיל ווײס איך גאָרנישט... מילא, דאָס וואָס ער זאָגט זיך אָפּ צו שניצן אַ יעזוס־פֿיגור, ווײַזט בלויז אויף זײַן הויכער מאָראַל... אַז ער איז אַ גלויביקער ייד, פּונקט ווי דו ביסט אַ געטרײַער דינער פֿון קלויסטער... נײן, מײַן וויקאַר פֿון זדוני, מ׳דאַרף קאָנען ציען אַ ליניע צווישן טאַטזאַך און דעם צווייטנס איבערצײַגונג... באַזונדערס, לעבן מיר נישט אין מיטלעלטער, און מ׳דאַרף פֿאַר אַזעלכע זאַכן האָבן אַ ביסל מער פֿאַרשטענדעניש...

דער גײַסטלעכער האָט מיט אַן אָפּן מויל געקוקט אויפֿן כראַביע און יענעמס יעדעס וואָרט האָט אים ממש געבײַטשט אין פּנים. ער האָט נישט דערוואַרט צו הערן פֿון זײַן גאַסטגעבער אַזעלכע פֿאַרוווּרפֿן. לעולם האָט ער געמײנט, אַז מיט דעם, וואָס ער האָט אויפֿגעבויט די קאַפּליצע, האָט ער אים שוין צוריקבאַקערט צו דער קירך. און דאָ רעדט פֿון אים אַרויס דער אַלטער אַריסטאָקראַט, דער אַטעיסט און נעמט זיך גאָר אָן דעם יידס עוולה...

דאָס האָט אים נאָכמער צערײצט אין זײַן טראַציקײט צו באַשטראָפֿן דעם יידן מיט דעם גרעסטן עונש. ער האָט אָבער באַשלאָסן אָראָפּשלינגען די האַרבע רײד און שפּילן די ראָל פֿון אַ געזעצטן און מישובדיקן גײַסט־לעכן און הכנעהדיק געענטפֿערט:

— אַנטשולדיקט, אײַער הויכגעבוירנקײט, מײַנע פֿריערדיקע האַרבע רײד... כ׳האָב געמײנט, אַז ס׳איז אײַער אויסדריקלעכער ווונטש, דעם יידן איבערצוצײַגן מיט אַלע מיטלען וואָס זענען אין אונדזער באַזיץ.

סאָבאָצקי האָט מיט אַ באַהאַלטענעם שמײכל באַטראַכט דאָס רויט־אָנגעבלאָזענע פּנים פֿון גײַסטלעכן און געענטפֿערט:

— יאָ, איך בין מסכים געווען מיט איבעררײדן דעם ייד, אָבער נישט מיט שמיץ... מײַנע אָבות האָבן קײנמאָל נישט באַשטראָפֿט אַ ייד מיט דער רוט, נישט מיר, די סאָבאָצקיס... און איך וועל דאָס אויך נישט טאָן... זײ זענען נישט מײַנע לײַבאײגענע און זײ האָבן זײערע פּריווי־לעגיעס.

— אָבער זײ זענען אײַערע אונטערטאַנען... — האָט אומגעדולדיק דער גלח איבערגעריסן... — מיר האָבן דעם ייד פֿרײַנדלעך אויפֿגענומען, אים אָנגעבאָטן אַ באַלוינונג פֿאַרן שניצן די סטאַטוע און ער ווײַזט אַרויס פֿאַרשײַטקײט... ווילט איר, אַז די פֿיגור זאָל קײנמאָל נישט געשניצט

ווערן ?.... און וואָס וועט דערצו זאָגן די כראַבינע ? — האָט ער צום סוף אַריינגעוואָרפן ווי אַ וואָרנונג, דערמאָנענדיק דעם כראַביע אין איר געזונט־צושטאַנד.

די דאָזיקע באַמערקונג האָט דעם כראַביע אַ שטאָך געטאָן אין האַרצן ווי אַ גיפטיקע נאָדל. ער האָט זיך ערשט יעצט אַרומגעזען אויף ווי ווייט דער וויקאַר האָט אים אַריינגעפּלאָנטערט אין אַ מיאוסע אינטריגע און דער־צו צוהילף גענומען זיין קראַנקע פרוי. ער האָט זיך געמחט ווי אַזוי אַרויס־צופּלאָנטערן זיך פון דעם קלעם. אָבער פריער מוז ער דערגיין ביים וויקאַר וואָס יענער האָט אין זינען און דעריבער דירעקט אַ פרעג געטאָן :

— און וואָס האָסטו בדעה צו טאָן, קלעמענט, אויב דער ייד וועט נאָך דריי מעת־לעת זיין פאַרשפּאַרט, דאָך נישט ווערן נאָכגיביקער ?

— גאַנץ פשוט. אַזוי ווי היינט איז דער צווייטער מעת־לעת, און ער האָט ביז איצט זיך נישט אָפּגערופן, הייסט עס, אַז דער הונגער איז נאָכנישט געגאַנגען אין זיינע ביינער... דעריבער דאַרף מען אים האַלטן אַ דריטן מעת־לעת.

— געדענק וויקאַר, דאָס איז קעגן מיין ווילן... אָבער איך גיב דיר נאָך, זאָל זיין אַ דריטער מעת־לעת... און וואָס ווייטער ? וואָס האָסטו בדעה צו טאָן, ווען דער דריטער מעת־לעת וועט אַריבער און דער ייד וועט נישט נאָכגעבן ? !

— דאַרף מען דעם יידן געבן עטלעכע שמיץ.

סאַבאַצקיס פּנים האָט זיך אויסגעקרימט אין אַ גרימאַסע. ס׳איז קענ־טיק געוועזן, אַז ער פירט מיט זיך אַן אינערלעכן שטרייט :

— קלעמענט, דאָס איז זייער אַן ערנסטע זאַך... מיר האָבן שוין פריער וועגן דעם דעבאַטירט... דאָס איז אַן אומגעווייגלעכער פּרעצע־דענס... די זאַך קאָן אַרויסקומען... צווייטנס, האָב איך שוין געזאָגט, אַז איך וויל נישט קיין טויטע יידן, נאָר לעבעדיקע יידן... לעבעדיקע יידן האָבן פאַר מיר אַ נוצן, פאַרשטאַנען ? !

דער גלח האָט אויף דער צונג געהאַט אַן ענטפער : — וויל לעבע־דיקע יידן פילן אַן דיין קאַסע מיט גאָלד... — ער האָט אָבער דעם געדאַנק נישט אַרויסגעזאָגט, ווייל דאָס וואָלט געגעבן אַ טויטקלאַפּ זיין אַמביציעזן פּראָיעקט. ער האָט דערפאַר מיט חניפה זיך אָפּגערופן :

— וואָס מאַכט דאָס אויס א צען לייכטע שמיץ, כ׳לעבן, בלויז אויף אָפּצושרעקן...

דער כראַביע האָט געשוויגן, געקוקט אויפן וויקאַר און געוואָלט אין יענעמס פּנים אַרויסלייענען וואָס באַהאַלט זיך אין דאָזיקן פאַרלייג און מיט אַ טאָן פון ספק איבערגעפרעגט :

— בלויז צען שמיץ אויף אָפּצושרעקן ?

— יאָ, בלויז צען לייכטע שמיץ, אויף אָפּצושרעקן.

— גוט, קלעמענט, כ׳וועל מסכים זיין דערויף, טראַץ וואָס דאָס איז קעגן מיין איבערצייגונג, אָבער מיט איין באַדינג, אַז אויב דער ייד וועט טראַץ די צען שמיץ זיך אָפּזאָגן פון שניצן די פיגור, וועט מען אים לאָזן אַהיימפאָרן.

— אַהיימפאָרן? — האָט מיט שטוינונג איבערגעפרעגט דער גלח. — און ווער וועט שניצן די יעזוס־פיגור?

— וועגן דעם, מיין ליבער קלעמענט, דאַרפסטו נישט זאָרגן... מילא, וועט דאָס הייליקן פון דער קאַפּליצע אָפּגעלייגט ווערן אויף שפּעטער... מ׳וועט אַזאַ שניצער אַראָפּברענגען פון רוים... נישקשה, די יידן האָבן געלט און זיי וועלן דערפאַר באַצאָלן... פאַרשטאַנען, קלעמענט? מיר׳ן אַראָפּברענגען אַ קינסטלער וואָס האָט דערפאַרונג אין שניצן יעזוס־פיגורן.

דער גלח האָט געהיימנישפול געשמייכלט אין זיך און שטיל צו זיך געזאָגט די ווערטער פון הייליקן מאַרק: „די וואָס גלויבן נישט אין קריס־טוסן מוזן פאַרדאַמט ווערן...״ און מיט הכנעהדיקייט געזאָגט צום כראַביע:

— אייער ווילגעבוירנקייט. זאָל זיין ווי איר באַגערט... אויב ביז היינט ביינאַכט, דער ייד וועט מיך נישט רופן, וועט מען אים מאָרגן איב־דערפרי אויסמעסטן די צען שמיץ, מסכים?

— אָבער געדענק, קלעמענט, כ׳זאָג דיר אָן, נאָר צען לייכטע שמיץ. כ׳וועל וועגן דעם אָנזאָגן דעם עקאָנאָם. איך אַליין וועל ביי דער עקזעקוציע נישט זיין.

דער גלח האָט מיט אַ ציניש שמייכל צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ.

קאַפּיטל 23

# אין טורעם

ר׳ יהודה האָט זיך געוואָרפן אַ גאַנצע נאַכט אויפן האַרטן געלעגער און נישט געקאָנט איינשלאָפן. אין די אויערן האָט נאָך אַלץ אָפּגעהילכט דאָס סקריפּן פונעם ריגל פון דער צווייטער זייט טיר ווען די וועכטער האָבן אים פאַרשפּאַרט. פאַר די אויגן איז אים געשטאַנען די געשטאַלט אין דער שוואַרצער סוטאַנע מיט זיין פאַרשייטן שמייכל.

די קילקייט פון דער נאַכט האָט ארומגענומען זיין אויסגעמאַטערטן גוף. ער האָט שטאַרק געהוסט. אינעווייניק אין זיין איינגעווייד האָט זיך

ווי עפּעס אָפּגעריסן, אַ סימן, אַז זיין אַלטע קראַנקהייט נאָך אַ שווערער לונגען־אָנצינדונג מיט יאָרן צוריק, האָט זיך אָפּגערופן.

עטלעכע מאָל אין דער נאַכט איז ער אַראָפּ פון געלעגער, שפּאַצירט הין־און־צוריק און לענגער זיך אָפּגעשטעלט ביים פענצטער און מיט שטאַרע אויגן ארויסגעקוקט אין דער בלוילעכקייט פון דער נאַכט. פון איבער די שטילע פעלדער האָבן זיך אַהערגעטראָגן אָפּגעריסענע נאַכט־קלאַנגען.

יהודה האָט זיך אַוועקגעזעצט אויפן ברעג פון געלענדער, דעם קאָפּ גענומען אין די הענט און נאָכגעטראַכט איבער די פּלוצימדיקע געשעענישן פאַר די לעצטע דריי טעג אין זיין לעבן. מיט נאָגנדיקער בענקשאַפט האָט ער געטראַכט וועגן זיינע נאָענטע וואָס ווייסן נישט וועגן זיין ביטערן גורל.

אַ קלעמענדיקע רחמנות האָט אים ארומגענומען. אין קאָפּ האָבן זיך געפּלאָנטערט ספקות־געדאַנקן, וואָס ער האָט מיט אַלע כחות געפּרוּווט גובר זיין מיט אַ געפיל פון האָפנונג. ער האָט געגלויבט, אַז סוף־כל־סוף וועט דער כראַביע אים מוזן באַפרייען.

באַלד האָבן אים ווידער באַהערשט ספקות וואָס ער האָט נישט געקאָנט דערגרונטעווען מיטן פּשוטן שכל־הישר. אַלץ איז אים אויסגעקומען פרעמד און אומבאַגרייפלעך.

די דערמאָנונג פון דער באַגעגעניש מיטן גלח האָט אים אויפגע־שוידערט. פון דער אַנדערער זייט, האָט דער באַוווסטזיין, אַז ער האָט אים ווירדיק געענטפערט אויף דעם עזותדיקן פאַרלייג צו שניצן אַ געטשקע, ווי א באַלזאַם געלייטערט זיין געמיט.

ער האָט לאַנגזאַם געקוקט אין דער טונקלניש פון חדר און אין דער גלי־ווערנדיקער נאַכט־טונקלניש ווי געזען אַן אויפגעהאָנגענעם שפּיגל וואָס האָט אָפּגעטיילט דעם נעכטן צווישן היינט.

אַ מידער איז ער דערנאָך אַוועקגעפאַלן אויפן געלענדער און איינ־געשלאָפן מיט אַן אומרוּיִקן שלאָף, פון וועלכן ס׳האָט אים אויפגעוועקט דאָס קרייען פון אַ האָן.

ער האָט זיך ראַפּטום אויפגעכאַפּט און מיט האַלב־פאַרשלאָפענע אויגן אַרומגעקוקט ווו ער געפינט זיך. ער האָט זיך דערמאָנט, אַז ער איז פאַר־שפּאַרט אין טורעם.

ער איז צוגעגאַנגען צום פענצטער און פון ווייטנס, איבער די פעלדער, געזען ווי דער האָריזאָנט איז איינגעוויקלט אין אַן בלוילעך־אַשיקן וואָלקן, אַזוי ווי דער פאַרטאָג וואָלט צערוקט די וויעס פון דער נאַכט. באַלד האָט דער האָריזאָנט זיך געבראָכן און דינע, פאַליעס שטראַלן האָבן ווי פינגער גענומען טאַפּן די פינצטערניש פון דער אָפּשטאַרבנדיקער נאַכט.

אים האָט זיך מיטאָמאָל אויסגעדוכטן, אַז אויפן פּאַן פון שאַריענדיקן הימל און איבער די ווייטע, אומדערגרייכבאַרע היגלען, זעט ער ווי עס וויק־לען זיך צאַללאָזע געשטאַלטן, אָנגעטוענע אין טליתים. אַ בלוילעכער נעפּל

הויבט זיך אויף און זיי ווערן ארומגענומען אין פלאַמען... דאָס זענען געשטאַלטן פון פאַרגאַנגענע דורות... און זיי גייען אויף שייטערהויפנס מיט אַ תפילה צום אַלמעכטיקן, וועמענס גלויבן זיי ווילן נישט פאַרלייקענען.

באַלד טרעט אָפּ די נאַכט און די זון הויבט זיך אַרויס ווי אַ ריזיקער, פייערדיקע ראָד פון נאַכט־פּאַס און איבערן האָריזאָנט וואַקסן אויס פייער־דיקע טורעמס, וואָס שפּיזלען זיך אין הימל אריין. אַזוי האָבן פאַר זיינע אויגן זיך געמישט חלום און וואָר. לסוף איז ער אַ דערשעפּטער צוריק־געפאַלן אויף דעם געלענדער און געבליבן ליגן מיט אָפענע אויגן צום מיט שפּינוועבס־באַדעקטן באַלקן.

שפּעט פאַרטאָגס, ווען פון דער קוזשניע נעבן די שטאַלן, האָט גענומען אָפּהילכן דאָס ריטמישע קלאַפּן פון האַמערס, האָט ער מיט אַ דלותע פון זיינע מכשירים, גענומען מייסטערווען ביי דער שויב פון קליינעם פענצטערל.

נאָך אַ לענגערער ווייל אַרבעטען, איז די שויב לסוף אַראָפּגעפאַלן אויף דער צווייטער זייט פון פעלד מיט אַ טעמפּן געבראַזג און איז פון קיינעם נישט געהערט אָדער באַמערקט געוואָרן. דורך דער עפענונג פון פענצטער האָט ער אַרויסגעגאָסן די אומריינקייט פון עמער און אַ שטראָם פון פרישער לופט האָט זיך אריינגעריסן אין דער טוכלער פאַרעיפּושטער קאַמער.

ר׳ יהודה האָט מיט אַ פולער ברוסט זשעדנע געשלונגען די דרויסנ־דיקע פאַרטאָגיקע פרישקייט.

✶

אויפן דריטן טאָג אין די מאָרגן־שעהן, בעתן נעמען נעגל־וואַסער האָט ער צו זיין שרעק געזען, אַז דאָס וואַסער אין קרוג איז שוין אויפן דנאָ. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז ער מוז אָפּשפּאָרן יעדן טראָפּן פונעם וואַסער.

נאָכן אָפּדאַווענען שחרית האָט ער דערפילט אַ געוויסע דערלייכטע־רונג אויפן געמיט. ער האָט בכלל נישט געפילט קיין הונגער און געווינט געווען פון זיין פריע קינדהייט צו תעניתים.

אָבער נאָכן אַרומשפּאַנען איבערן קאַמער האָט ער פּלוצלינג דערפילט אַ נאַגעניש אונטערן האַרצן און ער האָט געזוכט אין טלומיקל כאָטשבי אַ כזית פון די שריים פון דער צדה לדרך, וואָס זיין ווייב האָט אים מיט־געגעבן, געפונענדיק אַ קרישקע פון די געטרוקנטע ווייצן־פלעצלעך האָט ער עס לאַנג געהאַלטן אויפן גומען און דערנאָך לאַנגזאַם צעקייעט. ער איז צוגעגאַנגען צום פענצטער פון וואַנען ער האָט געהאַט אַן אָדלער־אויסבליק אויף דער גאַנצער געגנט.

דער טאָג האָט זיך געשטעלט אַ זוניקער און אַ וואַרעמער, אָבער דאָ, אין טורעם איז געווען קיל און ווילגאָטנע.

זיין בליק האָט ארומגענומען די רייפע זומער־פעלדער וואָס האָבן זיך געשפרייט אין אַ גאָלדענעם לבוש. די גרינקייט פון די לאָנקעס האָט זיך געמיניעט אין פאַרשידענע שאַטירונגען. אונטן, די ביימער אין סאָד האָבן געהאַט געלבלעכע פלעקן. און דאָרט ווייטער איבערן סאָד, האָט ער געזען די ווייסע געביידע פון כראַביעס פּאַלאַץ. דינע, בלוילעכע רויכלעך האָבן זיך געצויגן פון די קוימענס צום הימל און זיך אויסגעמישט מיט דער הימל־בלויקייט.

זיין בליק האָט געבלאָנדזשעט אין דער רעכטער זייט פון פאָלוואַרק. דאָ, ביי די שטעלער, האָט ער געזען אַ באַוועגונג פון מענטשן און וועגע־נער, פון וואָגען עס האָט זיך געטראָגן דאָס אומאויפהערלעכע קלאַפּן פון האַמערס אין דער קוזשניע ביי די פערד־שטאַלן.

און דאָרט, איבערן ליידיקן פּלאַץ, האָט פון צווישן די גרינקייט פון די ביימער זיך ארויסגעהויבן אַ נייע געביידע. פונעם דאַך האָט אין זונען־שיין געבלינצלט א צלם. אַרום דער געביידע האָבן זיך געפּאַרעט מויערערס ביים פאַנאַנדערנעמען די רושטאָוואַניע.

קוקנדיק אויף דער געביידע האָבן אים ווידער באַהערשט גריזשנ־דיקע ספקות.

ער איז אַוועק פון פענצטער און אריינגעקוקט אין „בעל התורים" און באַלד דערפילט אַ זעעלישע דערלייכטערונג. דער כח־הדמיון האָט אים אוועקגעפירט אין די אומות העולם...

דאָס פאַרטיפן זיך אין ספרל איז געווען אַן אַנטרינונג פון דער בייזער ווירקלעכקייט און די פאַרסמנדיקע ספקות און אים אָנגעפילט מיט אַ יוירנדיקער טרייסט און האָפענונג.

די איינזאַמקייט פון לעצטן מעת־לעת זענען פאַר אים געווען פיינפול און אַן אומנאַטירלעכע דערפאַרונג.

ער האָט נאָכגעטראַכט וועגן זיין משפחה און יעדן באַזונדער גע־צערטלט אין זיין דמיון. טיף אין האַרצן האָט ער באַשלאָסן אויף אַ ווירדיקן אופן אָפּצאָלן דעם פאַרשייטן גלח וואָס וואַרט אויף אַ צייכן, אַז ער איז מסכים אויף זיין פאַרלייג. ס'איז פאַר אים קלאָר געווען, אַז דער כראַביע האָט געמוזט ארויסשטעלן דעם וויקאַר, ער זאָל אָנפירן מיט דער גאַנצער זאַך.

יהודה איז צוגעגאַנגען צו דער פאַרריגלטער טיר און זיך איינגע־הערט צו דער שטילקייט פון דרויסן. דער פּלאַץ האָט אויסגעזען ווי אַ פאַר־לאָזענער אינדזל. פון דרויסן האָט זיך נישט געהערט קיין מינדסטער שאָרך. ער האָט פאַרשטאַנען, אז מיט דער פאַרשפּאַרונג דאָ אין טורעם, איז דער פריץ אויסן אים צו שטעלן פאַר א נסיון.

ער האָט זיך בכלל נישט געשראָקן פאַר דער איזאָלירטקייט ווי זיינע פייניקער האָבן זיך דאָס פאַרגעשטעלט.

פון לאַנגע יאָרן איז ער געווינט געווען צו זיין ביחדות, פאַרטאָן אין זיינע טראַכטענישן, ווען ער האָט געקאָנט אומגעשטערט פלאַנירן זיינע גראַווירונגען פאַר עבודה־קודש.

אינדעם האָט אן אומרו אים באַהערשט. ער האָט אָנגעהויבן צו שפּאַנען איבער דער קאַמער. די באַוועגונג האָט זיין גוף ווי אָנגעפילט מיט אימפּעט און נייע כוחות און אויפגעטרייסלט זיינע פאַרשטייפטע אברים.

ער האָט זיך ווידער אָפּגעשטעלט ביים פענצטער און מיט אַ פאַר־ווירטן בליק געקוקט אין דער ריכטונג פון פּריצישן פּאַלאַץ. זיין פנים האָט זיך אויסגעלייטערט. ער האָט מעדיטירט מיט זיך און געמורמלט:

— נייך יהודה, דו מוזט זיך שטאַרקן. נאָר דיין פּולער באַוווסטזיין קאָן דיך אָפּראַטעווען פון דער סכנה... מ'טאָר נישט זיין קיין דוחק את הקץ... און ער האָט מיט ציטערדיקע ליפּן געבעטן צו גאָט:

— אב הרחמים, גיב מיר כח בייצושטיין די סיטרא אחרא... קודשא ברוך הוא ישראל ואורייתא חד הוא...

ער האָט אַרויסגענומען פון טלומיקל ס'תהילימל, זיך צוגעשפּאַרט צום טישל און הויך אויפן קול מיט גרויס כוונה אָנגעהויבן זאָגן קאַפּיטל כג:

...מזמור לדוד יהוה רעי לא אחסר: בנאות דשא ירביצני על־מי מנחות ינהלני...

קאַפּיטל 24

# איך מאַך נישט קיין אָפּגעטער

נאָכדעם, ווי דער האַלצשניצער האָט אויפן דריטן מעת־לעת נישט געגעבן קיין ציינכן פון זיך, האָט זיין שטילשוויגן געוואַלדיק אויפגעצאַרנט דעם תמיד גלייכגילטיקן קלעריקער.

אין שוויגן פון יידן האָט ער געזען אַ דורכפאַל אין זיין פּסיכאָלאָגישן דועל מיטן האַלצשניצער וואָס האָט זיך נישט איינגעבראָכן, טראָצדעם, וואָס ער זיצט שוין דעם דריטן מעת־לעת פאַרשפּאַרט אין טורעם אָן שפּייז און וואַסער.

ווען ער האָט דורכן עקאָנאָם אָנגעפרעגט די וועכטער, צי דער ייד האָט זיי גערופן, איז דער ענטפער געווען, אַז אין טורעם איז בכלל שטיל אַזוי ווי דער פאַרשפּאַרטער וואָלט האָבן אויסגעגאַנגען.

די דאָזיקע נייעס האָט דעם קלעריקער אָנגעפּילט מיט פּאַניק און ער האָט מעדיטירט:

— און אפשר איז דער ייד טאַקע אויסגעגאַנגען פון הונגער און דאָרשט... — און ס'האָט אים געעקבערט אַ בייזע מחשבה:

— אויב דער ייד איז ווירקלעך געשטאָרבן, האָט ער פאַרשפּילט זיין פאַרמעסט מיטן כראַביע, אַז ער איז פעיק צו ברעכן די עקשנות פון האַלצ־שניצער. אָפּגעזען דערפון האָט אים געאַרט דאָס געפיל, וואָס ער וועט נישט קאָנען זיך איזדעקוועטן איבערן יידן און אים ווייזן די אויבערהאַנט פון דער קירך.

★

דער וויקאַר איז די נאַכט נישט געשלאָפן. ער האָט נאָכגעטראַכט יעדן פּרט פון די פאַרשטייענדיקע שטראָף־צערעמאָניע. און ער האָט צו זיך עטלעכע מאָל איבערגעחזרט:

— אויב דער ייד לעבט נאָך, אויב אפילו, ער זשיפּיעט נאָך... וועט ער שוין פון טשיפּולאַ'ס ראַפּניק נישט ארויס קיין לעבעדיקער... איך וועל שוין זען דערצו, אַז דער פּסק־דין זאָל זיין אַ קריסטלעך גערעכטער...

ער איז אויפגעשטאַנען שפּעט אין דער פרי, א נישט־אויסגעשלאָפענער און געפילט אַ מידקייט אין אַלע ביינער. אין שפּיגל אויף דער וואַנט האָט ער געזען זיין פאַרכמורעט, רונדיק פּנים און זיך אליין באַדויערט. ער האָט שווער געסאָפּעט ביים אָנטאָן זיך. די הענט האָבן שלאַבעריק פאַרבונדן דעם רימען ארום זיין בגד.

אין זיין מח האָבן ווי זלידנע פליגן זיך געפּלאָנטערט אָנרעגנדיקע געדאַנקען. אַ דריקנדיקע אומהיימלעכקייט האָט אים ארומגענומען ווער ער האָט אָנגעהאָנגען דעם קרוציפיקס אויף דער סוטאַנע.

ס'האָט אים געערגערט וואָס מאַלגאָזשאַטאַ איז צו אים מער נישט געקומען אויף ביינאַכט אין זיין קאָמנאַטע זינט יענער נאַכט, ווען ער האָט געהייסן זי נאָכשפּיאָנירן בעת זי איז אוועק צו יאַראָסן. נישט אַנדערש, אַז זי איז בכלל פאַרשוווּנדן פון פאַלוואַרק. ער וואָגט אָבער קיינעם נישט פרעגן וואָס איז געשען מיט מיידל. ער האָט באַשלאָסן וועגן דעם אויס־פאַרשן שפּעטער. צו ערשט מוז ער זיך אָפּפאַרטיקן מיטן יידן און מיט אים אויסגלייכן דעם חשבון.

ער האָט ארויסגעקוקט דורכן פענצטער פון דער געררוימער קאָמנאַטע און געזען, אַז דער הימל איז ערטערווייז פאַרוואָלקנט.

די זון האָט קאָקעטיש ארויסגעקוקט פון גרוי־פּיאַלעטע וואָלקנס און ווי געשפּילט זיך אין באַהאַלטעלעך. די לופט איז געווען שטיקנד און פאַרנע ווי אַן אָנזאָג אויף אַ שטורעם.

דער וויקאַר האָט געשיקט רופן איינעם פון די וועכטער און געהייסן דעם עקאָנאָם, ער זאָל אין א שעה ארום ברענגען דעם יידן פון טורעם און אים אָוועקפירן צום לידיקן פּלאַץ נעבן דער קאַפּליצע. טשיפּולא׳ן דאַרף ער געבן אַ גוטן טרונק בראָנפן און אים הייסן צוגרייטן די הילצערנע באַנק אויף וועלכער דער ייד וועט געשמיסן ווערן לויט דער פאַראָרדענונג פון כראַביע.

✶

ווען ר׳ יהודה האָט יענעם אינדערפרי פלוצלינג דערהערט די סקריפּנ־דיקע, שווערע טריט איבער די שווינדלטרעפּ און אַ רוק פון ריגל אויף יענער זייט טיר, האָט אים באַהערשט אַ געפיל פון האָפענונג: גאָט האָט אויסגעהערט זיין תפילה...

טראָץ זיין חולשת־הגוף, האָט ער זיך געשטאַרקט און פאַרזיכטיק, אָנהאַלטנדיק זיך אין דער געדרייטער באַלוסטראַדע, מיט שוואַכע טריט אַראָפּ די שווינדלטרעפּ צום אַרויסגאַנג אויפן הויף.

די פאַרנע לופט אין דרויסן, האָט אים מאָמענטאַל אַ שלאָג געטאָן אין פּנים און ארויסגעזעצט טראָפּנס שווייס אויף זיין בלייכן, הויכן שטערן. ער האָט מיט זשעדניקייט איינגעאָטעמט די לופט, וועלנדיק זיך אויף אַזאַ אופן צוריק באַהעפטן מיט דער דרויסנדיקער וועלט.

אין אָנהויב איז ער בכלל נישט מסוגל געווען צו טראַכטן. ער האָט געפילט ווי ס׳רוישט אים אין שאַרבן. אָבער נאָכן אָפּגיין עטלעכע שפּאַן, איז ער געקומען עטוואָס צו זיך. ער האָט מיט נייגעריקייט זיך אַרומגע־קוקט און פאַרשנדיק געקוקט אויף דעם שווייגנדיקן וועכטער, דער זעלבער, וואָס האָט אים יענע נאַכט אריינגעפירט אין טורעם און אויך די באַגעגנטע אויפן וועג לייבאייגענע. יענע האָבן צוריקגעקוקט אויף אים מיט אַראָפּ־געלאָזטע אויגן, פון וועלכע עס האָט ארויסגעקוקט אַ טרויעריקייט.

נאָכן אָפּגיין א שטיקל וועג, האָט ער געזען, אַז מ׳פירט אים נישט אין דער ריכטונג פון פּאַלאַץ, ווו ער האָט דערוואַרט צו זען דעם פּריץ, נאָר אין אַ פאַרקערטער ריכטונג, ווו פון צווישן די ביימער האָט זיך געזען די קאַפּליצע.

קומענדיק נענטער, האָט ער געזען שטיין דעם עקאָנאָם, דעם וויקאַר, אַ הויכן פאַרשווין אין אַ קאַפּטאַן אָן אַרבל פון וועלכן עס האָבן זיך אַרויס־געזען צוויי האָריקע, מוסקולירטע הענט און ארום זיי אַ געזעמל פּויערן, לייבאייגענע. אין דער מיט, איז געשטאַנען אַ הוילע, הילצערנע באַנק.

דערזעענדיק דאָס בילד האָבן בלייענע פּלאָסטן פון אָנמאַכט און פּיין זיך געלייגט אויף זיין האַרץ:

ווען ער איז צוגעקומען צום אָרט, ווו די באַנק שטייט, האָבן זיינע אויגן זיך צעגויפגעטראָפן מיט די בייסיקע אויגן פון וויקאַר. זיי האָבן זיך אַרויסרופעריש דועלירט. און מיטאַמאָל האָט ר׳ יהודה דערפילט, אַז נייע כוחות גייען אין אים אויף און ער האָט האַרטנעקיק פאַרביסן די ליפּן.

ער האָט פאַרשטאַנען וואָס אים דערוואַרט און דער באַוווסטזיין האָט אים אונטערגעזאָגט, אַז באַלד דאַרף פאַרקומען אַ פאַרמעסט צווישן זיין ׳אני מאמין׳ און די עבודה זרה.

ער איז גרייט געווען אויפצונעמען דעם פיזישן עונש, אָבער גלייכ־צייטיק וואַרפן אין פּנים זיינע פּייניקער דעם אמת קעגן זייער שקר׳עווען. האָבן דען נישט דאָס זעלבע געטאָן פריערדיקע דורות מיט דער האָפנונג, אַז ס׳וועט קומען אַ טאָג פון פאַרגעלטיקן... אַ טאָג, ווען ס׳יידישע פאָלק וועט אויסגעלייזט ווערן פון פאַרשעמונג, פּורעניות און חרפות, פון ללעג ולקלס... און שטייענדיק שוין נאָענט פון דער אימפּראָוויזירטער עקדה, האָט אין אים רעוואָלטירט אַ מחשבה און ער האָט געהאַט אַ טענה צו גאָט:

— רבונו של עולם, פאַרוואָס מוזן מיר הכנעהדיק פאָלגן אונדזערע שונאים?... פאַרוואָס טאָן מיר נישט אויפהויבן די שווערד קעגן אונדזערע פאַרטיליקער?... פאַרוואָס מוזן מיר פּאַסיוו גיין אויף די שייטערהויפנס און זיי נישט ענטפערן מיטן זעלבן כלי־זיין?!...

זיינע געדאַנקען האָט איבערגעריסן די שפּאָטישע שטימע פון קלערי־קער, וואָס האָט אים געדוצט:

אָ נו, ייד, כ׳האָב דיר געגעבן גענוג צייט פאַר אַ ישוב הדעת... כ׳מיין, אַז דער תענית האָט דיך עפּעס אָפּגעלערנט?! וואָס? זאָג, ביסטו גרייט צו שניצן די יעזוס פיגור?

ר׳ יהודה האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ. זיין אויסגעבלייכט פּנים האָט זיך אויסגעלייטערט און ער האָט מיט אומבויגזאַמער קאַלטקייט געקוקט אויף דער פיגור אין דער שוואַרצער סוטאַנע און מיט פאַראַכטונג אין דער שטימע געענטפערט:

— איך מאַך נישט קיין אָפּגעטער! — — — —

דער וויקאַר האָט אַ צוק געטאָן מיט די אַקסלען און בייזלעך אויס־געדופן: — כ׳זע ביסט אַן עקשן... אַ נאַרישער ייד... וואָס מאַכט דאָס אויס ביי אַ קינסטלער ווי דו צו מאַכן אַ געטלעכע געשטאַלט פון אונדזער אויסלייזער?!

ר׳ יהודה האָט זיך אַרומגעקוקט אויף דעם געזעמל אַרום דעם שטראָף־ברעט. ער האָט אין די אויגן פון די אַרומשטייענדיקע געזען פאַר־צוקטקייט און שרעק. זייערע בליקן האָבן אויסגעדריקט מיטגעפיל און רחמנות.

ער האָט מיט ביטול געקוקט אויף דעם גלח און אים געענטפערט:

— דו וויקאַר, באַרימסט זיך, אַז דו האָסט געלערנט אונדזער תורה... ווייסטו דען נישט, אַז די גרעסטע זינד פאַר אַ יידן איז צו מאַכן אַן אָפּגאָט?! דו רעדסט וועגן פשרות... געדענקסטו דען נישט, אַז אונדזערע חכמים האָבן אונדז געלערנט אסור לבצוע... וכל הבוצע הרי זא חוטא... ווער עס מאַכט א פשרה לעסטערט גאָט!...

דער וויקאַר האָט מיט רוגזא אַ זאָג געטאָן:

— הייסט עס, אַז דו בלייבסט אַן עקשן... אונדזער הייליקער דזשאָן לערנט אונדז, אַז ווער ס'איז עובר אויף דער לערע פון קריסט, איז אָן גאָט... אין נאָמען פון פאָטער און זון און דעם הייליקן גייסט וועסטו איצט געשמיסן ווערן פאַר גאָטלעסטערונג.

ר' יהודה האָט שטאַר געקוקט אין פּנים פון וויקאַר:

— וויקאַר פון זדוני, מעג איך דיר דערמאָנען, אַז מיר אַלע זענען שטויב פון שטויב, און קיינער פון אונדז קען נישט אַנטלויפן פון גורל... ווער פריער און ווער שפּעטער?!...

— ייד, דו רעדסט ווי אַ הערעטיקער!

— וויקאַר פון זדוני, דיין מויל איז כלומרשט פול מיט גאָטס רייד... צי האָסטו נישט מורא, אַז גאָטס האַנט וועט זיך אויפהויבן קעגן דיר פאַר מבזה־זיין זיין נאָמען? ...מיינסטו באמת, אַז די וועלט איז הפקר און זי וועט אייביק אַזאַ בלייבן לית דין ולית דיין?!

הערנדיק דעם האַלצשניצערס שטראָפנדיקע רייד, האָט דער גלח אויפּגעצאָרנט. ער האָט געפּילט אַז דער גומען ווערט אים טרוקן און עפּעס פיינפולעס שטיקט אים אין האַלדז. ער האָט שווער איינגעאָטעמט די לופט. אין זיינע אויגן האָט געבליצט אַ פייערל, ער האָט מיט אַ הייזעריקלעך כעס'דיקער שטימע אויסגערופן צו טשיפּולאַ:

— טשיפּולאַ, צי אַראָפּ די בגדים פון דעם ייד!... לייג אים אויף דער באַנק און פאַרבינד אים מיט די רימענס.

די גראָבע ליפּן פון טשיפּולאַ'ס רויען פּנים האָבן זיך אויסגעקרימט. זיינע וואַסערדיקע אויגן, וואָס זענען פאַרגלאָזט געווען פון בראַנפן, האָבן זיך שעלמיש צעצונדן. ער האָט אויסגעפירט דעם באַפעל.

דער האָלצשניצער האָט זיך נישט געווערט און געלאָזט מיט זיך טאָן, וואָס דער וויקאַר האָט געהייסן.

ליגנדיק אויף דער שטראָף־באַנק פאַרבונדן מיט רימענס, האָט ר' יהודה אויפגעהויבן די אויגן צום הימל און תפילה געטאָן:

— יהי רצון... כ'דאַנק דיר רבונו של עולם פאַרן כח וואָס דו האָסט מיר געגעבן בייצושטיין דעם נסיון...

דער עקאָנאָם האָט שטיל איינגערוימט טשיפּולאַ'ן ער זאָל דעם ייד געבן צען לייכטע שמיץ, אַזוי האָט באַפוילן דער כראַביע.

דער שמייסער האָט אויסגעגלאָצט זיינע פאַרגלאָזטע אויגן, זיין גרויס

אומרעגלמעסיק פּנים האָט זיך אויסגעקרימט אין אַ ביטערער גרימאַסע און ער האָט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ. זיין מוסקולירטע האַנט האָט אויפגעהויבן דעם ראַפּניק מיט די לאַנגע לעדערנע כוואַסטן און געוואָרט אויף אַ באַפעל. זיין געשטופּלט פּנים האָט זיך פאַרצויגן מיט אַ זויערער מינע, קוקנדיק אויפן אָפּגעדעקטן, מאָגערן גוף פון ליגנדיקן ייד, ממש הויט און ביינער.

ער האָט געטראַכט, אַז די ערשטע שמיץ קאָנען צעברעכן דעם דעליקאַטן קערפּער און ביזלעך אויסגעשפּיגן. ער האָט איבערגעלייגט דעם ראַפּניק אין דער אַנדערער האַנט און זיך איבערגעצלמט.

דער עקאָנאָם האָט טשיפּולאַ׳ן געגעבן אַ צייכן און אָנגעהויבן ציילן:

— איינס, צוויי, דריי...

די אַרומשטייענדיקע האָבן פאַרשעמט אַראָפּגעלאָזט די קעפּ, ווי זיי וואָלטן די שמיץ געפילט אויף די אייגענע לייבער. נישט איינער פון זיי האָט שוין דורכגעלעבט ענלעכע עינוים.

דער געשמיסענער האָט מיט אַלע כוחות דערשטיקט אין זיך יעדן זיפץ פון די יסורים, וואָס די שמיץ פון ראַפּניק האָבן אים פאַרשאַפט און געלאָזן בלויע פּאַסן אויפן לייב. ער האָט ביז בלוט פאַרביסן די ליפּן און איינגעשלונגען יעדן קרעכץ אין זיך.

נישט ווייט פון עקזעקוציע־פּלאַץ, פאַרטייעט הינטער אַ בוים, איז געשטאַנען דער יונגער לייבקנעכט, יאַנעק, וואָס האָט יהודה׳ן באַדינט די ערשטע נאַכט, ווען ער איז אָנגעקומען אין פאָלוואַרק.

דאָס יינגל איז געשטאַנען צעווייפלט־געקאַרטשעט, די אויגן אָנגעפילט מיט טרערן. ער האָט שטיל געפּרעפּלט אַ תפילה:

— גוטער יעזוס קריסט... דערבאַרעם זיך, לאָז נישט שלאָגן דעם גוטן מענטשן... באַשיץ אים, כ׳בעט דיך גאָט, באַשיץ אים!...

און מיט יעדן שמיץ, וואָס איז געפאַלן אויפן יידס לייב, האָט דאָס יינגל אויפגעשוידערט. בריענדיקע טרערן האָבן געריזלט איבער זיין אומשולדיק פּנים און זיינע קליינע הענט האָבן זיך אומבאַהאָלפן געביילט אין פויסטן ווי ער וואָלט גרייט געווען זיך צו וואַרפן אויף דעם שמייסער.

— אַזוי האָבן זיי פאַרשמיסן מיין טאַטן... פאַרשמיסן מיין טאַטן!...

— האָט ער געכליפּיעט.

די געדיכטע פאַרנעקייט האָט אָנגעפילט די לופט און געוועזן אָנגעזאַפּט מיט די ריחות פון די קאָרן־פעלדער און אויבס־גאָרטן. קיינער האָט נישט געפילט די דושנעקייט וואָס איז געהאַנגען גאַר נידעריק און פאַרטאָן געוועזן אין דער עקזעקוציע.

דער וויקאַר האָט זיך צוגעקוקט צום שמייסן און געשמייכלט אין זיך. יעדער שמיץ, וואָס איז געפאַלן אויפן יידס לייב, האָט אים אָנגעפילט מיט תענוג, וואָס איז זיך צעגאַנגען איבער אַלע זיינע אברים. ער האָט פאַרמרושעט דאָס לינקע אויג און געקוקט אויף דעם געשמיסענעם. צו זיין

שטוינונג, האָט ער באַמערקט, אַז טראָץ דעם צעשניטענעם לייב, באַוועגט זיך נאָך דער ייד, הויבט אויף דעם קאָפּ צום הימל ווי ער וואָלט פון דאָרט געררופן הילף פון יהוה. זעענדיק דאָס, האָט אים אַ צאָרן באַהערשט. ער האָט געמיינט, אַז דער ייד ליגט שוין אַן אומבאַוועגלעכער און וועט אַזוי אויסגיין אין יסורים.

ער האָט באַפעלעריש זיך אָפּגערופן צו טשיפּולאָ:

— גיב דעם ייד נאָך צען שמיץ... אויף מיין אחריות!... פאַרשטאַנען?! און גיב אים קרעפטיקע שמיץ, וואָס ביזטו היינט אַזוי אומגעלומפּערט?!

טשיפּולאָ האָט תּמעוואַטע געקוקט מיט פרעגנדיקע אויגן צום עקאָנאָם. יענער האָט געצויגן מיט די אַקסלען, ווי איינער זאָגט: „ס'איז נישט מיין עסק... טו, ווי מ'הייסט דיך!"

דער הימל האָט זיך מיטאַמאָל פאַרצויגן מיט נידעריק־שווימענדיקע גרוי־פיאָלעטע וואָלקנס. די פאַרנעקייט איז געוואָרן שטיקנדיקער. גרויסע טראָפּנס שוויס האָבן באַדעקט דאָס געשטופּלטע פּנים פון צעיושעטן שמייסער.

דער וויקאָר אַליין האָט געציילט די שמיץ און ער האָט דאָס געטאָן לאַנגזאַם. דער ראַפּניק האָט געלאָזט בלוטיקע צייכנס אויף דעם געשמיסענעם פּלייצע און זשעברעס.

ר' יהודה האָט אַ שווערן קרעכץ געטאָן. ער האָט געפילט, אַז עס דערנענטערט זיך יציאת נשמה. שנירלעך בלוט האָבן געשטראָמט פון זיינע מויל־ווינקעלעך און ער האָט מיט די לעצטע כּוחות אויסגערופן: — שמע ישראל... ה' אליקינו ה' אחד... און זיין גוף איז געבליבן ליגן פאַרשטייפט, די הענט פאַרבונדן אין די רימענס האָבן שטאַר אַראָפּגעהאָנגען פון דער שטראָף־באַנק.

הערנדיק די ווידוי פון יידן, האָט דער וויקאָר זיך געוואָלט אויף אים וואַרפן מיט די פויסטן. אָבער אין זעלבן אויגנבליק האָט אַ בלויע בלענדעניש צעשפּאָלטן דעם הימל. פון דער ווייטנס האָבן זיך געהערט טרוקענע דונערן. ס'האָט זיך אויפגעהויבן אַ ווירבל־ווינט און גענומען פּאַטשן מיט געדיכטע, הייסע רעגן־טראָפּנס.

באַלד האָט דער ווינט גענומען טרייסלען מיט די דערנעבנדיקע ביימער, פון וועלכע ס'האָט זיך געטראָגן אַ סכּנותדיק רוישן ווי אַ געוויין, באַגלייט מיט אַ שלאַקס־רעגן און קנאַלן פון דונערן.

אין דעם האָט דער הימל זיך העל צעשפּאָלטן, גאָר נידעריק איבער די קעפּ פון די אַרומשטייענדיקע ביי דער שטראָף־באַנק און די ערד האָט זיך אַ הויב געטאָן ווי אין קדחת. דער אימפּעט פון דונער און דער טרוקענער קראַך האָט אַלעמען פאַרטויבט. צונגען פלאַמען האָבן פּלוצלינג זיך געריסן פון דאַך פון דער קאַפּליצע, וואָס איז געטראָפן געוואָרן פון דונער.

די פלאַמען האָבן זיך געקנוילט און געריסן צום פאַרטונקלטן הימל, פריילעך געקנאַקט און פונקען האָבן זיך געלאָשן אין די רעגן־טראָפּנס.

ס׳האָט אויסגעבראָכן אַ בהלה און אַ לויפעניש אין אַלע זייטן. דער עקאָנאָם, אַ דערשראָקענער מיט צעפּלאָשעטע נאָסע האָר איבערן שטערן און אַ רויט פּנים פונעם אָפּשיין פון די פלאַמען, האָט פאַרצווייפלט קאָמאַנ־דירט מיט די לייבקנעכט איינצולעשן דאָס פייער פון דער ברענענדיקער קאַפּליצע.

פלאַמען האָבן אומדערוואַרט זיך אַריבערגעכאַפּט אויף אַ דערנעבנדיקן פּרוכנע בוים, וועמענס צווייגן האָבן געגליט און געסמאַליעט. באַלד האָבן די פלאַמען אָנגעכאַפּט דעם דאַך פון אַ סטאַדאָלע.

ס׳טרוקענע האָלץ האָט געקנאַקט און פונקען האָבן זיך געשאָטן אין אַלע זייטן. ס׳גראָז און דאָס געהילץ איז געווען טרוקן פון די לאַנגע, הייסע זומער־טעג און באַדראָט די דערנעבנדיקע בנינים.

פון די פערד־שטאַלן האָט זיך געהערט דאָס הירזשן פון די דערשראָ־קענע פערד. קיען אין פעלד האָבן ווילד געברעוועט און זיך אויסגעמישט מיטן בילן פון הינט.

דער פאַרוואָלקנטער הימל איבערן פאָלוואַרק האָט זיך מיטאַמאָל אָנ־געטאָן אין אַ פּורפּורנעם געוועב. ווידערקלאַנגען פון ווירבירנדיקע דונערן האָבן זיך פאַרטויבט אַהערגעטראָגן פון איבער די ווייטע פעלדער, ווּהין דער שטורעם איז געגאַנגען און אויפגעטרייסלט די ערד און אויף אַלעמען אָנגעוואָרפן אַ פּחד.

טשיפּולאַ איז געבליבן שטיין פאַרשטיינערט אויפן אָרט מיטן ראַפּניק אין דער האַנט, ווי אַן אומבאַוועגלעכער קלאָץ, די אויגן ברייט צעעפנט פון אימה, ווי דער הימל וואָלט אים באַשטראָפט פאַרן שמייסן דעם יידן.

דעם וויקאַר יאַשינסקיס פּנים האָט זיך אויסגעקרומט אין אַ קראַמפּ־האַפטער גרימאַסע און זיינע אויפגעריסענע אויגן האָבן שטאַר געקוקט אויף דער ברענענדיקער קאַפּליצע פון וואַנען ס׳האָבן זיך געהויבן דיקע קלעמבעס רויך און פייערצונגען. די לופט אַרום איז געוואָרן שטיקנד און געריסן אין האַלדז. ער האָט אויסגעדרייט ס׳פּנים צום פאַרשמיסענעם אויף דער באַנק וואָס איז געלעגן אומבאַוועגלעך און דערפילט, אַז עפּעס רייסט זיך אָפּ ביי אים אונטערן האַרצן. ער האָט אויפגעהויבן די הענט צום הימל און געוואָלט אויסרופן קריסטוסעס נאָמען, אָבער די ווערטער זענען אים געבליבן שטעקן אין דער קעל. ער האָט אַ כאָרכל געטאָן און געפאַלן כורעים מיטן קאָפּ צופוסנס דעם פאַרשמיסענעם מת, ווי ער וואָלט געבעטן ביי אים מחילה.

פאַלנדיק מיט אַ טעמפּן אָפּקלאַנג צום צעווייקטן באָדן, האָט דער גאָל־דענער קרוציפיקס זיך פאַרטשעפּעט אין הויכן גראָז און ווי צוגענאָגלט דעם שווערן גוף.

אַזוי איז דער וויקאַר געבליבן ליגן אומבאַוועגלעך אין אַ קאַלוזשע וואַסער, די פּאָלעס פון דער שוואַרצער סוטאַנע צעשפּרייט ווי צוויי פליגל. רעגן־טראָפּנס האָבן אומאויפהערלעך געפּויקט איבער דער פאַרגליווערטער קערפּערלעכער מאַסע.

אַ בלאַסער אָפּשיין פון די פלאַמען אין דער קאַפּליצע איז געפאַלן אויפן צעקאַליעטשעטן לייב פון פאַרשמיסענעם האָלצשניצער, ווי וועלנדיק פאַרהיילן זײַנע ווונדן.

נישט ווײַט פון דער שטראָף־באַנק, דורכגעווייקטע פון רעגן, האָבן הכנעהדיק געקניט עטלעכע עלטערע פויערן און פויערטעס. זיי האָבן מיט פּחד געקוקט אויף דעם פאַרשמיסענעם יידן, זיך פרום איבערגעצלמט און געפּרעפּלט:

— אָ יעזוס מאַריאַ... דערבאַרעם זיך איבער אונדזערע זינדיקע נשמות... גרויסער גאָט... שטראָף אונדז נישט פאַר זייערע זינד... זיי האָבן פאַרשמיסן אַ הייליקן מאַן... אַ הייליקן... אַ הייליקן...

מעלבורן, 31־טן אויגוסט, 1975

In appreciation of assistance from DAVID KEYS Distributors
522 Church Street, Richmond, Victoria, 3121.

# אינהאַלט:


| | | | |
|---|---|---|---|
| קאַפּיטל | 1 | דער כראַביע ריטשאַרד סאָבאָצקי | 9 |
| " | 2 | דאָס שטעטל סאָבאָטע | 15 |
| " | 3 | אירענאַ און מרים | 26 |
| " | 4 | מאַדאַם מישעל דעבואַר | 36 |
| " | 5 | דער פּאָליטישער מצב אין לאַנד | 49 |
| " | 6 | דער באַל ביי די ראַדזשיווילס | 53 |
| " | 7 | דער וויקאַר און דער יעזואיט | 72 |
| " | 8 | די באַגעגעניש אין לובלין | 82 |
| " | 9 | דער כראַביע און דער גלח | 97 |
| " | 10 | דער אַרענדאַר און זיין טאָכטער | 112 |
| " | 11 | ר' יהודה גאָמבינער | 123 |
| " | 12 | די טראַגישע פּאַסירונג ביים סטאַוו | 133 |
| " | 13 | די פאַרשווערונג | 145 |
| " | 14 | אין גאָמבין | 161 |
| " | 15 | אויפן וועג קיין סאָבאָטע | 167 |
| " | 16 | דער אָנקום אין פּאָלוואַרק | 173 |
| " | 17 | קאָנפראָנטאַציע | 179 |
| " | 18 | דער פאַרמעסט | 185 |
| " | 19 | די ארויספאָדערונג | 190 |
| " | 20 | די וועכטער | 197 |
| " | 21 | יאַראָס | 205 |
| " | 22 | אין די נעגל פון אינטריגע | 213 |
| " | 23 | אין טורעם | 217 |
| " | 24 | כ'מאַך נישט קיין אָפּגעטער | 221 |


זייט

## ביכער פון זעלבן מחבר:

י. סלאָוואַצקי — „דער פאָטער פון די פאַרדושעמטע" (איבערזעצונג), וואַרשע, 1926;

„איבער תהומות" — לידער, פאַרלאַג גאָלדפאַרב, וואַרשע, 1928;

„אין זילבערנע נעכט" (פּאָעמע), פאַרלאַג „יידישע פאָלקסקולטור", לאָדזש, 1937;

„באַזיל וויל נישט שטאַרבן" (פּאָעמע), פאַרלאַג „יידישע פאָלקסקולטור", לאָדזש, 1938;

„צעשטערטע וועלטן"—דערציילונגען—געדרוקט אין צייטונגס־אָפּשניטן: „די פּאָסט" (לאָנדאָן), „בעלגישער טאָג" (בעלגיע), „די צייט" פוילן;

נעוועזן אין דרוק און פאַרלוירן געגאַנגען ביים אויסברוך פון דער מלחמה:

„מיטן פּנים צו דער וועלט" — באַלאַדן און לידער — 1939;

„אין שאָטן פון האַקנקרייץ" — דערציילונגען, פאַרלאַג ייד. ליטעראַטן און שרייבער פאַריין, תל־אביב, 1944;

„דר. פרידא רינג" (גאַזקאַמער נר. 4) — דראַמע, געדרוקט אין פראַגמענטן אין „אַמעריקאַנער" ניו־יאָרק, 1945־46;

„בענווענידא" (היסטאָרישע דראַמע), איין אַקט געדרוקט אין „מעלבורנער בלעטער", 1953;

„לאָוויטש — אַ שטאָט אין מאַזאָוויע" — ענציקלאָפּעדישער פאָרמאַט — מאָנאָגראַפיע, אַרויסגעגעבן פון די לאָוויטשער לאַנדסלייט אין מעלבורן, (יידיש, עברית און ענגליש) מעלבורן—תל־אביב, 1966.

## גרייט צום דרוק:

„אין קיינעמס לאַנד" — דערציילונגען;

„אין שפּיגל פון נעכטן" — פּאָעמעס און לידער.

„שוואַרץ אויף ווייס אין אויסטראַליע" — (איינדרוקן פון אַ רייזע איבערן קאָנטינענט. (געדרוקט אין המשפּחה אין די ייד. פּאָסט, מעלבורן (1959);

„איבער שטעט און לענדער" — רייזע־איינדרוקן (געדרוקט אין המשפּחה אין די „אויסטראַלישע יידישע נייעס", 1967־71).